STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06460

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

געקליבענע שריפטן

פינפטער באַנד

קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די געקליבענע שריפטן פון
אַ. גאָלאָמב

מעקסיקע תש״ז
1947

A. GOLOMB

OBRAS ESCOGIDAS

TOMO 5o.

COMITE PARA EDITAR OBRAS
ESCOGIDAS DE A. GOLOMB
MEXICO

עס קלאַפּט דאָס האַרץ כסדר און עס רעאַגירט דער מוח אַן אויפהער אויף אַלע דערשיינונגען אין לעבן, און אַז מען איז געוווינט צו שרייבן גיסן זיך אויס די רעאַקציעס אין פאָרמע פון אַרטיקלען אויף געלעגנהייטלעכע טעמעס. פאַראַן אַרבעטן וואָס דער דרויסנדיקע סטימול צו זיי פאַרלירט זיך און ער אי זנישט קענטיק לגמרי, און פאַראַנען אַרבעטן וואָס זיינען נאָר אַ רעאַקציע אויף דעם דרויסנדיקן סטימול.

אין דעם לעצטן באַנד פון מיינע שריפטן האָב איך אויסגעקליבן ניט קיין גרויסן טייל פון אַט די געלעגנהייטלעכע אַרטיקלען. דאָס זיינען די, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז זיי קענען האָבן פאַרן אַריינגעטראַכטן לייענער אַ ווערט אַן דעם רייץ וואָס האָט זיי אַרויסגערופן. סוף כל סוף זיינען דאָך דאָס געדאַנקען פון איין און דעם זעלביק מענטשן, פון איין געמיט און איין איינשטעלונג צו זאַכן און צו געשעענישן. במילא באַקומט זיך אַ גאַנצע זאַך.

אין ערשטן טייל קומען אַרטיקלען וואָס באַהאַנדלען די ראָל פון אונדזער ליטעראַטור אין אונדזער לעבן. איך ווייס אַז אַ סך פריינד און שרייבער זיינען ניט צופרידן מיט מיין קוק אויף דער זאַך, מיר דאַכט זיך אָבער אַז מיין געדאַנקען גאַנג שטימט מיט דער יידישער טראַדיציע, און דאָס איז פאַר מיר וויכטיקער ווי די מיינונג פון יחידים, אַפילו ד יגרעסטע. אַן אמתע ליטעראַטור פון אַ פאָלק דאַרף אַרויסברענגען די שטומע אידעען פון פאָלק. אַניט, איז עס ניט קיין ליטעראַטור פון פאָלק.

אין צווייטן טייל קומען אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע מאָמענטן אין יידישן לעבן.

אַלע געבראַכטע אַרטיקלען זיינען געשריבן אין אַמעריקע, די לעצטע ניין יאָר אַ חוץ צוויי־דריי פריערדיקע. אָבער דער כאַראַקטער

און די אידעאָלאָגיע פון אַלע אַרטיקלען איז איינער און דער זעלביקער.

איך האָב אין די פינף בענד ניט אַריינגענומען אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען און אויך גרעסערע אַרבעטן וואָס שטאַמען פון פריער. אַלץ וואָס איך גלייב אין דעם בלייבנדיקן ווערט פון דעם האָב איך געלאָזן אויסן. סוף כל סוף דאַרף איך זיך דאָך צו זיך אַליין ניט באַציען בעסער איידער צו די שריפטן פון אַנדערע שרייבער.

איך האָב אויך אויסגעלאָזט די אַרבעטן וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן די לעצטע פּאָר יאָר.

און עס וועט זיין אויב די געקליבענע שריפטן וועלן זוכה זיין צו פאַרנעמען אַן אָרט אין יידישן לעבן, וועט אויך קומען די צייט פאַר די נייערע אַרבעטן געזאַמלט צו ווערן. ניט — דאַרף מען ניט.

מעקסיקע, עשרה בטבת תש״ז — 2 יאַנואַר 1947.

תורה און וויסנשאַפט

דאָס וואָרט וויסנשאפט האָבן מיר איבערגענומען צוזאמען מיט דער השכלה פון דייטש. פאָר דעם זעלביקן באגריף האָט רוסיש א וואָרט „נאַוקאַ" — לערנונג. ענגליש און לאטין האָבן אויסדרוקן, וואָס זיינען פארבונדן מיט וויסן, נישט מיט לערנען, ווי אין רוסיש, דער אונטערשייד אין שפראך מוז זיין פארבונדן מיט אן אונטערשייד אין דעם פסיכאָלאָגישן צוגאנג צום באגריף. וויסנשאפט איז אָביעקטיוו און האָט נישט צו טאָן מיט דעם מאָראלישן מהות פון וויסער. לערנונג, לערע איז שוין א פראָצעס, אן אקטיווקייט פון דעם מענטשן. דאָס לערנען דארף שוין ווירקן אויף דעם גייסט פון דעם לערנער גופא אויך. אפשר איז דער אונטערשייד אין ווערטער פארבונדן מיטן פאקט, וואָס צווישן די רוסישע געלערנטע איז תמיד געוועזן א גרעסערער פראָצענט אידעיש פראָגרעסיווע און מאָראליש הויכע פערזענלעכקייטן, איידער צווישן די דייטשע וויסנשאפטלער. אויך די סטודענטשאפט אין רוסלאנד איז על פי רוב באשטאנען נישט אזוי פון „ווייסער", ווי פון „לערנער". קלאָר — נישט דאָס וואָרט האָט געשאפן דעם אונטערשייד אין דער פסיכיק פון פעלקער.

מיר יידן האָבן ביז גאָר נישט לאנג לגמרי נישט געהאט קיין וואָרט פאר וויסנשאפטן. דער „עם הספר" האָט עס נישט פארמאָגט. ביי אונדז זיינען געווען תורות—לערנונגען, פירונגען, וועגווייזונגען אין לעבן. תורה איז איבערהויפט לעבנס־פאָרמעס: נישט ווי עס א י ז, נאָר ווי עס ד א ר ף זיין, ווי מען דארף זיין. יידן האָבן

זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאפטן, נישט ווייל עס גלוסט זיך צו וויסן, נאָר מיט תורה ווי צו לעבן. שפּעטער, אונטער דער ווירקונג פון די גריכן, איז צוגעקומען ביי יידן דאָס וואָרט „חכמה" אין זינען פון דעם גריכישן „לאָגאָס" פאר וויסנשאפטן. אָבער שוין די תלמודיסטן האָבן געוווסט צו זאָגן: „זאָגט מען חכמה ביי פעלקער — טאָ גלייב; זאָגט מען אָבער תורה ביי פעלקער — גלייב נישט". זיי האָבן שוין דעמאָלט קלאָר אונטערשיידט צווישן יידישן לערנען און דעם נישט־יידישן וויסן און קענטעניש. און עס איז לגמרי נישט קיין פראַגע פון רעליגיע און וועלטלעכקייט; עס זיינען פאראן וויסנשאפטן שטרענג רעליגיעזע, און פונקט אזוי קאָן זיין און איז דאָ וועלטלעכע תורה. עס ליגט דער אונטערשייד אין עצם צוגאנג צו פּראָבלעמען. עס איז א קולטור־פּסיכאָלאָגישע אייגנשאפט פון א פאָלק צו באנעמען די וועלט אזוי און נישט אנדערש.

און אזוי דורך דער גאנצער געשיכטע. דערציילט מען פון ר' מענדל קאָצקער: א יונגערמאן איז געקומען צו אים און זיך בארימט, אז ער האָט אויסגעלערנט גאנץ ש"ס. „דאָס איז זייער פיין", ענטפערט אים דער רבי. „אָבער, מיין קינד, וואָס האָט דער ש"ס דיך אויסגעלערנט?" דאָ, אין דעם „וואָס דיר אויסגעלערנט" ליגט דער גאנצער זינען פון תורהדיקן צוגאנג צו פּראָבלעמען. מען דערציילט ווידער אויף ר' עקיבא איגער, ער זאָל האָבן געזאָגט: וואָסער שמעקטאבאק רש"י האָט גענוצט — דאָס ווייסט צונץ; א פרשה חומש מיט רש"י — דאָס לערן איך... צונץ דער וויסנשאפטלער זוכט צו שאפן א קלאָר בילד פון רש"ים לעבן, דער תורה־ייד זוכט אין רש"י א הילף אין דעם היינטיקן לעבן. נישט מיר פארן נעכטן, נאָר דער נעכטן אין אקטיוון דינסט פארן היינט, כדי צו בויען דעם אידעאל פון מאָרגן. די יידישע טראדיציע האָט זיך באצווינגן קאלט צו וויסנשאפטן, זיך געקריגט, צי מען דארף זיך גאָר דערמיט פארנעמען — נישט מחמת איבערגעטריבענער פרומקייט, נאָר מחמת מען האָט פּשוט נישט געגלויבט אין כוח צו העלפן בויען און טראָגן

ווייטער דאָס יידישע לעבן. וואָרים וויסנשאפטן ווירקן עקסאָגען, דרויסן פון דעם מענטשן, אויף זאכן, אויף אָביעקטן פ א ר דעם מענטשן; תורה אָבער מוז ווירקן א י ן דעם מענטשן, ענדאָגען, אויף דעם סוביעקט אליין. און דאָ ליגט דער כוח צום לעבן. דער תורהדיקער צוגאנג צו דער וועלט האָט באשאפן א „ברכי נפשי", א „כתר מלכות", א שלל מיט נאָרמעס, ווי טייער צו האלטן דאָס לעבן. דער וויסנשאפטלעכער צוגאנג האָט געשאפן קאלטע פילאָסאָפיעס, מאשינען, באָמבעס און הארמאטן.

כדי נאָך קלאָרער צו מאכן דעם אונטערשייד, וועל איך ברענגען נאָך א ביישפיל: איטלעכער אינטעליגענט ווייסט פון קאנטס באריםטע „זאכן פאר זיך גופא" (דינגע אן אונד פיר זיך). דער אויספיר פון דעם — מיר קאָנען זיך נישט שאפן קיין אמתדיק בילד פון לעבן. מיט א הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער זעלביקער באוווסטזיין געבראכט א צווייטן דייטשן געלערנטן צו א פעסימיסטישן אויספיר, וואָס האָט יאָרנלאנג באאומרואיקט די וויסנשאפטלעכע וועלט (דע בוא ריימאָנט מיט זיין „נאָ איגנאָראמוס סעד איגנאָראבימוס" — נישט מיר ווייסן נישט, נאָר מיר וועלן נישט וויסן). דאָס פּראָבלעם איז וויסן און וויסן איז נייטיק צום באהערשן. דאָס זעלביקע פּראָבלעם פון דעם מענטשנס באגרענעצטן וויסן האָט אויך א תורהדיקן נוסח. איך וועל אים ברענגען, ווי איך האָב אים געהערט פון א תורה־זאָגער אין חב"דישער חסידישער שול: „מיר, די בריאים, זיינען משיג די בריאה נישט מצד הבריאה עצמה, נאָר מצד ההכרה. אָבער דער בורא כביכול — ער איז דאָך משיג די בריאה נישט מצד ההכרה, נאָר מצד הבריאה עצמה" (מיך, אליין באשאפענע, קאָנען אויפנעמען די וועלט נאָר מיט אונזער באוווסטזיין, נישט ווי זי איז פאר זיך גופא, אָבער דער באשאפער קען די וועלט נישט דורך א באוווסטזיין, נאָר ווי זי איז פאר זיך גופא). דאָס זעלביקע וואָס קאנט, אָבער דאָך גאָר אנדערש. דאָ איז עס א פּראָבלעם

א מאַראַלישע: מיר מוזן ז י ך באהערשן, ווייל גאָטס דרכים צו פארשטיין קאָנען מיר זיך דאָך נישט פארמעסטן...

וואָלט אונדז געלונגען איבערצוגעבן דער וועלט אונדזער תורה־דיקן צוגאנג צו זאכן און צום קאָסמאָס, וואָלטן אויף דער וועלט געווען ווייניקער שכלדיקע דערפינדונגען, אָבער אויך ווייניקער מאָרד־מכשירים...

איז אָבער ארויס פונקט פארקערט: מיר מאטערן זיך אלץ איבער־צונעמען וויסנשאפטן. לכתחילה איז געבוירן געוואָרן די „וויסנשאַפט דעם יודענטומס". איר מאמע — די השכלה, דער טאטע — אסי־מילאציע און מאסן־שמד. האָט מען יידישקייט ארויסגעוואָרפן אויפן ארכעאָלאָגישן מיסקאסטן און דעמאָלט עס גענומען פאָרשן ווי אַר בעאָלאָגישע, טויטע אויסגראָבונגען. אָט ווי מען טוט מיט קעניגלעך אין לעבאָראַטאָריעס: מען דערשטיקט זיי און שפעטער פאַלמעסט מען זיי וויסנשאפטלעך.

שפעטער איז געקומען די וויסנשאפט אויף יידיש. די האָט לכת־חילה געהאט די מיסיע צו באפרייען יידן פון יידישקייט, מאכן זיי פאר מענטשן, „לייטן גלייך". זי האָט געדארפט ברענגען ליכט פון בילדונג אין די פינצטערע געצעלטן, כל זמן די אָרעמע מאסן, נע־בעך, זיינען אָנגעוויזן אויף יידיש. קיין פארלאנג צו ווערן א פער־מאנענטער טייל פון יידישקייט איז פון אָנהויב־אָן נישט געווען. עס איז געווען בלויז אן איבערגאנג צו א „העכערער" קולטור און שפראך.

נאָך שפעטער איז אויפגעקומען די יידישע וויסנשאפט. זי פרע־טענדירט שוין צו ווערן א טייל פון יידישקייט, א מאָדערנע, א שע־נערע. אָבער אויך די וועט אונדז קיין גליקן נישט ברענגען. די וויסי־שאפטן אין יידיש האָבן געוואָלט אָפפירן צו לייטן. יידישע וויסנ־שאפטן ווילן אונדז מאכן ג ל י י ך צו לייטן, ענלעך צו לייט.

אָט דער דראנג צו ווערן „לייטיש" איז א באזונדער גאָר נישט לייטיש קאפיטל פאר זיך. דאָ איז נייטיק אָנצווייזן אויף א קליינעם

פּרט: גרויסע פעלקער האָבן גרויסע ווימנשאפטן; מיר, א קליין פאָלקל, האָבן א קליינע וויסנשאפט. העלפט עס אזוי ארום אונדזער מינדערווערטיקייט געפיל, כדי צו זיין לייטן גלייך דורך וויסנשאפטן, דאַרף מען אויפשטעלן אזא סאָציאַל־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אַז הונדערט פּראָצענט יידישע קינדער זאָלן זיך לערנען אין הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שולן, און אַז ווערן אינטעליגענט זאָלן יידן קאָנען ווערן נ אָ ר דורך יידישער וויסנשאפט. דעמאָלט וואָלט געקאָנט לעבן יידישע וויסנשאפט. ווען אָבער א פּאָלק דאַרף באזירן זיין לעבן אויף גייסטיקע יסודות, קאָן עס זיין בלויז מיט תורה און נישט מיט וויסנשאפט. וויסנשאפטן זיינען פאַר אונדז ווי א שטיק גאָלד ביי איינעם וואָס וואַנדערט אין מדבר און גייט־אויס פון דאָרשט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן: יידן וועלן קאָנען לעבן אין דער וועלט פון מאָרגן נישט ווי יחידים־בירגער. מיט דער אוטאָפּיע איז עס שוין איינגאַנצן פאַרענדיקט. די צוקונפט פון יידישע יחידים הענגט איינגאַנצן אָפּ פון דעם קאָלעקטיוון יידישן גורל. דער גורל פון יידישן פאָלק הענגט־אָפּ פון דעם באַוווסטזיין און שעפערישן ווילן, שטרעבונגען און גלויבן פון יידן. די סוביעקטיווע אייגנשאפטן אין די יידן קאָן איינפלאַנצן בלויז א תורה און נישט קיין וויסנשאפט: ווילן, גלויבן און דיסציפּלין אין לעבן — דאָס גיט דעם פאָלק זיין תורה; דאָס מאַכט זי איטלעכן פעיק צו טראָגן נאַציאָנאַלע יאָכן, וואָס אָן דעם קאָן נישט געמאָלט זיין קיין פאָלק.

קומען אָבער אסימילאַציע־גיריקע יידן, אָפּענע און נאָך מער פאַרשטעלטע, און זיי זאָגן, צוזאַמען מיט די פּאַרציייטיקע צדוקים, אַז תורה איז אַן אָפּגעשלאָסענע זאַך אין אָט די באַשטימטע און שוין לאַנג פאַרענדיקטע ספרים — און מער נישט. תורה איז רעליגיע, זאָגן זיי, און רעליגיע איז איין מאָל געגעבן געוואָרן... און עס איז לגמרי נישט ריכטיק. „ווער עס זאָגט, אַז די תורה איז אָפּגעשניטן און פאַרשלאָסן, דער ציט־ארויס דעם באָדן פון אונטער די יידישע

פּיס", זאָגט ערגעץ די גמרא זייער ריכטיק. תורה איז א פּערמאַ־נענטער פּראָצעס אָן איבעררייסונגען, וואָס האָט אין זיך אָט די עלעמענטן:

1) גלויבן אין קיום פון פאָלק און זאָרג פאַר אָט דעם קיום;

2) דער אמת ליגט נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אין באַ־װוסטזיין פון דער צוקונפט, אין גלויבן, און צו זיינע באַדאַרפן מוז זיך צופּאַסן דאָס וויסן פון דעם געוועזענעם;

3) אין גייסטיקן שאַפן פון פאָלק איז נישטאָ קיין פאַרענדיקײ־קייט: איטלעכער דור מוז שאַפן זיינס פאַר דעם אויפבוי פון דער צוקונפט, און דאָס געשאַפענע מוז כסדר אָנוואַקסן אויף דעם אַלטן. אָט ווי יונגע צווייגן וואַקסן־אָן אויף די עלטערע, און תורה קאָן זיין אָן רעליגיע, אָבער נישט אָן טראַדיציע;

4) תורה קאָן זיין בלויז, ווען עס איז פאַראַן א לעבעדיק פאָלק, וואָס פאַרטיפט זיך אין איר און שאַפט זי ווייטער.

וויסנשאַפט אָבער מוז זיין פאַרענדיקט און ענדגילטיק פאָרמו־לירט; איר אמת איז שוין געגעבן געוואָרן — ער איז אין פאַרגאַנ־גענהייט, אומאָפּהענגיק פון היינט און אינדיפירענט צום מאָרגן. וויסנשאַפט קאָן בלייבן ווען אפילו דאָס פאָלק איז שוין לאַנג ניש־טאָ. תורה איז א פונקציע פון לעבן. דאָס איז א בוים אין זיין לעבן. וויסנשאַפטן זיינען א שיינע געביידע, געמאַכט פון ביימער, וואָס לעבן שוין נישט מער. וויסנשאַפטן קאָנען עקזיסטירן ביי א פאָלק, וואָס לעבט סאָציאַל פאַר זיך. תורה קאָן מאַכן א פאָלקס־לעבן פאַר זיך אפילו נישט אין סאָציאַלער זעלבסטשטענדיקייט. אין אונדזע־רע באַדינגונגען האָבן מיר נישט קיין גאַראַנטיעס, אז מיט די שאַ־פונגען פון דער יידישער וויסנשאַפט זאָל נישט געשען דאָס זעל־בע, וואָס מיט פאַבריקאַנטן פון דער וויסנשאַפט דעם יודענטומס. וואָס פאַרזיכערט אונדז, אז די יידישע וויסנשאַפט פּראָדוצירט ניט קיין שמות פאַר געציילטע אַרכעאָלאָגישע גריבלער אין אַלטוואַרג? און ווער ווייסט צי עס ווערט נישט קיין שמות גלייך פון דרוק אַרויס?

וואָס ווערט געטאָן כדי צו שאַפן אויך געברויכער פון דער וויסנ־שאַפט? און צי קאָנען מיר, צי טאָרן מיר גאָר זאַמלען אָט די קאַלטע און קאָנסערווירטע גייסטיקע רייכטימער און מאַטעריעלע גיטער? ווו האָבן מיר די מעגלעכקייטן זיי צו היטן, זיי צו טראָגן מיט זיך „איבער אַלע וועגן פון אונדזער וואָגלען"? ווו האָבן מיר מאַטע־ריעלע אייגענע ווינקעלעך צו בויען אונדזערע אַרכיוון, פּאַלאַצן וכדומה? אין אָרט אַזאַ איז פאַראַן — דאָס איז אין די נשמות פון לעבעדיקע ייִדן, ווי אַקטיווע פערמענטן פון לעבן. אָבער דעמאָלט ווערט עס שוין דאָך תורה.

„מיר האָבן געשאַפן אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער זייטן וויסנ־שאַפטלעכע ליטעראַטור"... איז דאָס זייער גוט, אָבער בלויז ווען עס זיינען צוגעגרייט די קאַדרן לעבעדיקע לערנער. און דווקא לער־נער, נישט לייענער; נישט די וואָס גיבן ייִדיש אַ נדבה און לייענען איבער אַן אַרטיקל, ווען ער אַמוזירט נאָך; נישט די וואָס זיינען „נעבעך" נאָך אָנגעוויזן אויף ייִדיש, ווייל זיי קאָנען נאָך נישט קיין אַנדער שפּראַך, קיין „רייכערע".

ווילן מיר וויסנשאַפטן, מוזן מיר פריער אויפבויען אַ פּאָסיקן סאָציאַלן לעבן; מוזן מיר זיין ציוניסטן, טעריטאָריאַליסטן וכדומה. כדי צו קענען דערגרייכן אַזאַ אידעאַל מוז מען פאַרמאָגן אַ קאָנ־צענטרירטן נאַציאָנאַלן ווילן. אַזאַ קאָן איינגעפּלאַנצט ווערן בלויז דורך תורה און נאַציאָנאַלער דיסציפּלין פון געבאָטן און פאַרבאָטן.

עס שטעלט זיך מיר אַמאָל פאָר אַ שמועס צווישן אַן אַלטער, אָפּגעריבענער שמע ערגעץ פון די גרויסע קאַסטנס אויפן ווילנער שול־הויף מיט אַ געפּוצטער ביבליאָטעק פיין־געבונדענע ביכער. מיט דער גאַנצער גאווה און חוצפּה פון די געפּוצטע בכלל... און עס דאַכט זיך מיר ווי איך הער דעם לעצטן ענטפער פון דער שמע: „איך בין געשטאָרבן, אָבער אין מיין לאַנגן לעבן האָב איך אויף דורות געווירקט; מיין פּאַפּירענער גוף איז געשטאָרבן, מיינע גע־דאַנקען אָבער זיינען געבליבן לעבן אוןווירקן אין לעבעדיקע נשמות.

איר אָבער זייט דאָך טויטע פגרים, אויסגעפוצט אין קבר. איר האָט דאָך גאָר נישט געלעבט״...

און ווען א שטייגער, למשל, עס וואָלט זיך געפונען א יידישער גביר, וואָס וויל פאראייביקן זיין נאָמען מיט א גרויסן קולטורעלן אויפטו, און ער וואָלט געפרעגט אן עצה... (אין פאנטאזיע קאָן מען דאָך אלץ זיך פאָרשטעלן), וואָלט איך אים געצהט נישט צו בויען קיין קאלעדזשעס, קיין סעמינאר, קיין אינסטיטוטן, קיין ביבליאָטעקן און מוזעאומס, און נאָר איינס: א ניי וואָלאָזשין; א צונויפזאמלונג פון מענטשן, וואָס זיינען קאָנצענטרירט, וואָס לערנען, וואָס בויען א לעבן־שטייגער פאר היינט, ער זאָל זיין גענוג שטארק צו טראָגן דעם מאָרגן. און אָט דער ניי וואָלאָזשין דארף זיין נישט רעליגיעז, נאָר וועלטלעך — נישט פאר גאָט, נישט פארן גן־עדן, נאָר פאר די קומענדיקע לעבעדיקע דורות; פאר דעם „עולם הבא״ פון דעם לעבעדיקן פאָלק אויף דער וועלט...

דאָס יידישע פאָלק, וואָס וועט אריבערלעבן אלע אָנפאלן פון א וועלט מיט שואים, פון געפאנצערטער רשעות און בייזוויליקייט, פון עשום בלוטיקע אינסטינקטן — וועט זיין נישט קיין אבסטראקטער „שארית ישראל״, „נצח ישראל״ וכדומה פראזעס, נייערט די זוירקלעכע טרעגער פון דער יידישקייט, וואָס האָט זיך געשמידט אין יבנה, נהרדעא, קאָרדאָווע, טרויע, פראָג און וואָלאָזשין, רעליגיעזע צי וועלטלעכע — אומעטום, וווּ עס שאפט זיך אידעאָלאָגיע און גלויבן אין יידישקייט; תורה און נאציאָנאלע לעבנס־דיסציפלין געבאָטן און פארבאָטן. די צוקונפט פון יידן ליגט אין יידישקייט. יידישקייט שמידט זיך נישט דורך וויסנשאפטן, נאָר דורך תורה אין אלטע און אין נייע וואָלאָזשינס.

ליטעראטור און ספרים

פאראן א קליינער טייל פון יידישן פאלק וואס איז פארטאן אין ליטעראטור: „אונדזער ליטעראטור איז רייך (אדער ארעם), און דזער ליטעראטור ווערט געלייענט, ווערט נישט געלייענט. מער ווי ביי אנדערע פעלקער, ווייניקער... מען איז קאנצענטרירט אויף ליטעראטור.

אבער... א פאלק האט אפגעלעבט יארטויזנטער, זוכה געווען — דאס איינציקע פאלק פון אלע פעלקער — צום טיטול „עם הספר". נישטא נאך א פאלק וואס זיין לעבן, זיין קיום זאל זיין אזוי פארבונדן מיט ביכער, אזוי קאנצענטרירט אין ביכער און — מיר האבן קיין ליטעראטור נישט געהאט. מיר האבן געהאט ספרים אבער נישט קיין ליטעראטור, ספרים — אבער נישט קיין ביכער. דאס עצם ווארט „ליטעראטור" („ספרות" אין העברעיש) איז ביי אונדז ניי, קוים א הונדערט פערציק יאר אלט, און זיכער דאס אויך נישטא וואס דארפן מיר פון דעם אויספירן: איז אונדזער לעבן דורך יארטויזנטער געווען פאלש און מיר האבן זיך קוים צוגעכאפט צום אמת? נאך אזא לאנגן בלאנדזשען אין טריקעניש זיך צוגעכאפט מיט דורשט צו די קוואלן צו טרינקען פון דעם גוטס און פון דעם שיינם „קאלאקאנאטיע", פון די פארצייטיקע גריכן. מיר האבן זיך גענומען עקבערן אייגענע קוואלן צו זיין מיט לייטן גלייך? אדער אפשר איז פאראן אין אונדזער מאדערנער „ליטעראטורישער" באציונג צום בוך, צום ספר עפעס אזוינס וואס עס פאסט נישט פאר אונדז,

וואָס עס קליידט אונדז נישט און וואָס עס קען אונדז קיין נוצן נישט ברענגען?

:: :: ::

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן ספר און ליטעראַטור?
— ספרים לערנט מען.
און ליטעראַטור?
ליטעראַטור לייענט מען.

לייענען איז אַ פאַרגעניגן, אַ געניגס, ס'איז גוט צום פאַרברענגען. קלאָר — וואָס מער דער מענטש איז אַנטוויקלט, קולטורעל, — אַלץ העכער איז דער אינהאַלט פון זיין פאַרווייליגנג. ווער עס פאַרווילט זיך מיט דזשאַז און מיט שונד און ווער עס פאַרווילט זיך מיט קלאַסישער מוזיק און ליטעראַטור. דער עצם מהות איז פאַרווילונג, פאַרגעניגן, עס איז עולם הזה. „קונסט איז וואָס מיר שפּילן זיך דערמיט" (שילער).

לערנען איז לחלוטין עפּעס אַנדערש. מען לערנט נישט צוליב דעם פאַרגעניגן, נאָר צוליב די אויספירן וואָס מען מאַכט פון דעם.

דער ציל פון לערנען איז נישט קאָנצענטרירט אויף דעם מאָמענט פון לייענען, עס איז נישט קיין זאַך פון עולם הזה. עס איז געווענדט צו די אויספירן, וואָס מען וויל מאַכן, צו דעם „מאי קא משמע לן", וואָס לאָזט עס מיר צו הערן, וואָס לערנט עס מיך.

אויך לערנען איז פאַראַן פון צוויי מינים: אַן אָביעקטיווער לערנען, וואָס איז מער די טראַדיציע פון דער גריכישער קולטור ביי די אייראָפּעיש־אַמעריקאַנער פעלקער און עס איז פאַראַן אַ סוביעקטיוו לערנען, וואָס איז איינגעפלאַנצט אין דער יידישער טראַדיציע.

אָביעקטיוו לערנען אַ ווערק מיינט געפינען זיין צייט, זיין אָרט, די באַדינגונגען; מען דאַרף פעסטשטעלן קלאָר און „אמתדיק" וואָס דער מחבר האָט געמיינט און פאַרוואָס ער האָט אַזוי געמיינט. דער

צענטער ליגט אָביעקטיוו אין דעם שרייבער, אין זיין צייט, זיין סביבה, זיין אידעען וועלט און אין זיין געדאנקען־גאנג.

עס איז די היסטאָריזאציע פון ליטעראטור. אָט אזוי לערנט מ׳ען ליטעראטור. אזוי שטודירט מען די ביבל און דאָס איז דער וועג פון דער קריטיק.

יידן לערנען אנדערש.

דער צענטער איז דאָ אין דעם לערנער, זיין צייט, זיינע תנאים און זיינע פּראָבלעמען. און ער זוכט אין די געלערנטע ווערק צו געפינען די נייטיקע נאָרמעס, די וועגן פון לעבן פאר זיך, פאר זיין דור. דער שרייבער, זיין וועלט און יענע אידעען גייען דעם יידישן לערנער נישט אָן. ער זוכט אין געלערנטן ספר אן ענטפער פאר זיינע פּראָבלמען. דאָס איז דער וועג פון אקטואליזאציע אין לערנען.

דער גריכיש־אייראָפּעישער לערנער טראָגט זיך איבער לערנענדיק אין דער וועלט פון שרייבער און אין זיין צייט. דער יידישער לערנער טראָגט לערנענדיק אריבער דאָס ווערק צו זיך.

און וואָס זיינען געווען די פּראָבלעמען פון יידישן לערנען?

איטלעכער לערנער האָט געהאט פאר זיך די פּראָבלעם פון קיום היהדות. נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער. זיי האָבן געוווסט, אַז אויפהאלטן דאָס לעבן פון פאָלק קען מען נישט מיט פּאָליטיק, נישט מיט צדקה און סאָציאלער טעטיקייט אליין. קודם כל איז עס א זאך פון שטייגער־טראדיציע (תורה שבעל פּה) און פון לערנען. און איטלעכער פּרט, יעדער קליינער עלעמענט איז דאָ וויכטיק, ווייל מיט דעם האָט יעדער ייד גענומען אויף זיך דעם יאָך פון יידישקייט. מיט דעם, מיט די צוויי עלעמענטן (וואָס זיינען שטארק געווען פארבונדן!) האָט איטלעכער ייד געטראָגן אין זיך די גאנצע יידישקייט. דאָס גאנצע יידיש פאָלק האָט זיך קאָנצענטרירט אין איטלעכן יידן אָט ווי די גאנצע זון אין א פּאָקוס פון א גלאָז.

לייענען ליטעראטור איז א געהויבענע, א שיינע א טיפּע און עסטעטישע צייט פארווענדונג פאר דעם עגאָאיסטישן גענוס פון דעם אינטעליגענטן לייענער.

לערנען ספרים ווי א ייד מיינט איינשפּאַנען זיך אין דעם שווערן וואָגן פון אידעען לעבן.

געוויס. א גוטער לערנער האָט פאַרגעניגן פון זיין לערנען. אָבער דאָ איז דאָס פאַרגעניגן נישט קיין ציל. עס איז א רעזולטאַט, א תולדה. האָט דאָך ר׳ עקיבא געהאַט הנאה אפילו פון מסירת נפש! און ער איז נישט דער איינציקער אין דעם זינען.

דער גאַנצער ענין פון ליטעראַטור און פון לייענען ליטעראַטור איז ביי אונדז ניי, איבערגענומען אין דראַנג צו וועלן זיין גלייך מיט אנדערע פעלקער.

:: :: ::

פונקט דאָס זעלביקע איז געשען ביי אונדז מיט דער „געשיכטע" כל זמן יידן האָבן איינגעשפּאַנט אין יאָך פון יידישקייט פון זייער דור נישט בלויז זיך נאָר אלע דורות ביז זיי פון אברהם אבינו אָן, כל זמן אלע געוועזענע דורות און העלדן האָבן געדאַרפט העלפן (און זיי האָבן געהאָלפן) טראָגן יידישקייט, האָבן יידן נישט געוואָלט מאכן פון זייער פאַרגאַנגענהייט קיין „געשיכטע". אלע דורות האָבן דאָך מיטגעלעבט מיט איטלעכן דור. און פון לעבעדיקע מאכט מען נישט קיין געשיכטע. עס איז אָבער געקומען א דור וואָס האָט נישט געוואָלט איבעררייסן מיט דער שטייגער־טראַדיציע פון פאָלק. די פאַרגאַנגענע דורות זיינען פאַר דעם דור מער נישט געווען קיין „מיטלעבער". דער דור האָט זיך אָפּגעשניטן פון דער טראַדיציע פון פאָלק, כרת, — עס איז געבוירן געוואָרן די השכלה און פון דער דערהרגעטער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק האָט מען געשאַפן א געשיכטע, דערציילונגען וועגן דעם וואָס עס איז אמאָל געווען און שוין מער נישטאָ. ווען יידישקייט איז געשטאָרבן איז געשאַפן געוואָרן די געשיכטע פון יידישקייט. כל זמן די טויב לעבט, לעבט זי. קומט דער

אַנאַטאָם, דערשטיקט זי און שטודירט איר אַנאַטאָמיע. די טויב איז שוין אָבער געפּאַלמעסט, צעשניטן.

עס איז די זעלביקע פּראָבלעם: וואָס איז ריכטיקער — די אַקטו־אַליזאַציע אָדער היסטאָריזאַציע פון די פריערדיקע דורות.

וויל איך דאָ נישט פּסקענען קיינע שאלות. איך וויל נאָר שטעלן די פראַגע: וואָסער וועג איז ריכטיקער, פּאַסיקער פאַר אונדז: דער ליטעראַרישער צוגאַנג אָדער דער ספרים־צוגאַנג. צי דאַרפן מיר אָנ־האַלטן אונדזער טראַדיציע אָדער מיר דאַרפן זי פאַרוואַרפן און אָנ־נעמען די גריכיש־אייראָפּעישע טראַדיציע.

איך וויל אויף דער פראַגע נישט ענטפערן. נישט ווייל איך האָב פאַר איר נישט קיין ענטפער. ניין, — פאַר מיר איז דער ענטפער קלאָר, און איך פּרוביר פאַר זיך מאַכן די פּראַקטישע אויספירן. דאָ אָבער וויל איך בלויז שטעלן די פראַגע פאַר די טיפערע לייענער. זאָלן זיי: א) אויפנעמען די פראַגע; ב) זוכן אַן ענטפער; ג) ציען די קאָנסעקווענצן.

תורה און לעבן ביי יידן

היינט, אין יאָרן ווען אלץ מיט אן אנדער שטייט אין סכנה חרוב צו ווערן, אראָפּגעשווענקט צו ווערן דורך מאכט פון רשעות, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט; היינט, ווי אלע מאָל אין אזוינע פאלן דארפן אידן נעמען זיך פארטראכטן וועגן תכלית. און זאָל קיינער נישט זאָגן: מען דארף זאָרגן פארן גוף, מען דארף מציל זיין לעבעדיקע נפשות, נישט קיין צייט איצט צו טראכטן וועגן רוחניות, ווען דער גוף שטייט אין סכנה. — פון אייביק אָן פלעגן יידן אין א סכנה קודם־כל זען צו ראטעווען זייערע תורות. און אָנגעהויבן דעם וועג האָט רבי יוחנן בן זכאי אויך אין א מאָמענט ווען דער חורבן האָט שוין געהאלטן ביים פארענדיקן חרוב צו מאכן דאָס מיט וואָס יידן האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן. זאָלן די עטלעכע הערטער זיין א פארענטפערונג פאר די וואָס האָבן זיך געלאָזט איינרעדן און זיי גלויבן באמת, אז מען קאָן כלומרשט ראטעווען דאָס פאָלק נישט ראטעווענדיק זיין גייסט, זיין קולטור, זיין תורה; אז מען קאָן כלומרשט ראטעווען דעם גוף, נישט ראטעווענדיק די נשמה.

ביי קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ליטעראטור נישט אזא באַדייטונג און אזא לעבנס־אויפגאבע ווי ביי אונדז יידן. ביי אַלעמען איז ליטעראטור — קונסט, ביי יידן זיינען ניט געווען קיין ביכער נאָר „ספרים”, הייליקייטן. און צוזאַמען ווערן די ספרים — אַ תורה. און מיט אַ תורה פאַרווילט מען זיך נישט. מיט אַ תורה לעבט מען. יידן האָבן טאקע פון אייביק אָן זיך געהאלטן, געלעבט מיט "תורות". איז גע־

וואקסן דאָס לעבן, איז געוואקסן אויך דעם פאָלקס־תורה און זיך אנטוויקלט. ווייל תורה איז תמיד געווען ביי יידן א סך־הכל פון לעבן און א לערנונג ווי ווייטער צו לעבן. האָט אויפגעהערט צו וואקסן ערגעץ ביי א שבט די יידישע תורה, איז אויך דער שבט אָפּגעשטאָרבן. איז טאקע ביי יידן די יידישע ליטעראטור, די תורה — „במקום לאנד", במקום מלוכה, במקום דינאסטיעס און במקום אלע אטריבוטן פון מדינה. אָט דער געדאנק איז נישט איין מאָל קלאָר פאָרמולירט נאָך אין תלמוד. „די רייד פון דער תורה זיינען געגליכן צו געוויקסן. אזוי ווי די לעצטע שפראָצן און מערן זיך. אזוי אויך די רייד פון דער תורה — זיי וואקסן און מערן זיך". „די רייד פון דער תורה זיינען געגעבן געוואָרן ווי ווייץ אויף צו מאָלן און צו באקן פון דעם, ווי פלאקס אויף צו שפינען און צו וועבן פון דעם נייע געוועבן". דאָס גייסטיקע לעבן פון פאָלק באשטייט אין אָט דעם לערנען די תורה און „טראכטן אין איר טאָג און נאכט" די תורה איז דער פּראָדוקט פון פאָלקס־טראַכטן און לערנען, פון זיינע זיטן און פירונגען. תורה און לעבן, און לעבן און תורה זיינען ביי יידן צוויי זייטן פון איין מטבע. ביי קיין איין פאָלק אויף דער וועלט איז דאכט זיך נישטאָ אזא וויטאלע מאניסטישקייט צווישן פאָלקס־לעבן און ליטעראטור ווי ביי יידן. אזוי איז דאָס געווען ביז אהער און אזוי וועט עס מן הסתם אויך מוזן שפּעטער זיין. אָן א ליטעראטור וועט נישט זיין קיין פאָלקס־לעבן און אז דאָס פאָלק וועט נישט לעבן קיין ספּעציפישן לעבן — פון וואָס וועט ווייטער וואקסן די תורה? אם אין תורה — אין לעבן, אם אין לעבן, אין תורה. און ווייטער — א תורה, א ליטעראטור, וואָס מען לערנט איר נישט, — וואָס „ליגט אין א ווינקעלע" פארוואָרפן, — איז נישט קיין תורה, ווייל זי איז נישט פארבונדן מיטן לעבן, זי ווירקט נישט אויפן לעבן, זי שאפט נישט אין לעבן, איז זי טויט, א בר־מינן פון א תורה. א הייליקער, באלזאמירטער גוף איז א געץ אפילו אויב עס איז א גוף פון א געשטאָרבענער תורה. געווען א סך פרווון אין דער יידישער געשיכטע צו באלזאמירן דעם גוף פון דער תורה און אים קאַנאָניזירן פאר

א. גאָלאָמב

א הייליקייט. אַלע די פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען די יידישע תורה אין הייליקע נעצן האָבן זיך געענדיקט מיט אומקום. אַלע אָן אויסנאַם.

בכן — תורה — ליטעראַטור — איז דעמאָלט א תורה, ווען מען לערנט זי, ווען תינוקות של בית רבן", קינדער האָדעווען זיך אויף איר. דער „תלמוד־תורה" — דאָס לערנען די תורה איז וויכטי־קער פון דער תורה אַליין. די אגדה זאָגט: ירושלים איז נישט חרוב געוואָרן, נאָר מחמת קינדער האָבן אויפגעהערט צו לערנען תורה. אין דאָ ליגט דער בעסטער היסטאָריאָזאָפישער אמת: קיין איין יידישער קיבוץ איז נישט אומגעקומען פון קלעפּ און רדיפות. דער חורבן פון יידישע קיבוצים איז שטענדיק געקומען ווען עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער ענגער צוזאַמענבונד צווישן תורה און לעבן, צווישן דעם פאָלקס־תורה און דעם לערנען פון פאָלקס־קינדער. תורה אָן תלמוד־תורה איז ווי א זאַק גאָלד ביי א וואַנדערער אין מדבר, וואָס שטאַרבט נאָך א טרונק וואַסער.

דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור

פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישער סימן פון יונג און אַלט. עס גייט נישט לגמרי אין כראָנאָלאָגישע יאָרן. יונג איז דער וואָס קוקט פאָרויס, אַלט — קוקט אַהינטער. ווער עס איז יונג, דער טרוימט, טראַכט, פּראָיעקטירט און פּרובירט פאַרווירקלעכן זיינע טרוימען־פּראָיעקטן פאַר דעם מאָרגן. אַלטע קוויקן זיך מיט זכרונות פון דעם נעכטן.

פאַראַן באַגריפן פון יונג און אַלט נישט נאָר ביי לעבעדיקע אָר־גאַניזמען. געוואָגן שיידן אונטער יונגע שטראָמען און אַלטע שטראָ־מען. די יונגע זיינען שעפעריש־צעשטעריש. זיי פליסן האַסטיק, רייסן די ברעגן, טראָגן איבער זאַמדן און שטיינער. אַלטע שטראָמען דרעמלען רויק אין זייערע גלאַט פאַרוואַקסענע געלעגערס, קוים זיי טראָגן שטיל און „סאָליד" זייערע וואַסערן אין ים אַריין. און פאַראַן אַז איין און דער זעלבער טייך האָט יונגע און אַלטע טיילן. עס ווענדט זיך אָן דער אַקטיווקייט, וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף דעם פורעמען דעם מאָרגן, די צוקונפט. די אַקטיווע אחריות פאַר דער צוקונפט איז דער סימן פון יונגקייט.

פאַראַן קענטיק ביי פעלקער אויך יונגקייט און אַלטקייט. איז דער קליינער קיבוץ יידן אין ארץ ישראל יונג און נישט דערפאַר ווייל ער עקזיסטירט בסך הכל עטלעכע צענדליק יאָר. ניין, נישט אין דעם ליגט זיין יונגקייט. זיין יונגקייט ליגט אין דעם, וואָס אפילו „אַ קעל־בל אַז עס ווערט געבאָרן, טראָגט עס אויף זיך נאַציאָנאַלע אידעאַלן". יאָ, אין אָט דעם „חוזק־וויצעלע" וואָס קלוגע יידן פלעגן לאַכן, ליגט

די אמתע יונגקייט פון יענעם קליינעם קיבוץ. דאָרטן איז דאָ א גלויבן אין א מאָרגן. דאָרטן זוכט מען צו בויען א מאָרגן, דאָרטן וויל מען בויען א מאָרגן.

איז דער גרויסער פיל מיליאָניקער קיבוץ פון יידן אין אמעריקע אלט, אלט ביז גאָר, און אויך נישט מיט יאָרן. איך לייען אויפמערקזאם די יידישע פרעסע, די יידישע ליטעראטור, און נישטאָ, נישטאָ אין ערגעץ דאָ צו געפינען א ברעקעלע פלאַן, א אידעע, געפיל, חוש, ווילן פאר א מאָרגן. איר האָט אין אמעריקע אָן א שיר בענקעניש נאָך דעם אמאָל — נאָך דער „אָלד קאָנטרי", נאָך דעם פארצייטיקן אמאָל, מען קען געפינען א סך אחריות און מיטגעפיל פאר דעם נעכטן, גאָר נישט אָבער פאר דעם מאָרגן. אָן אלטקייט, א גייסטיקע, א מאָראלישע אלטקייט ליגט אין אלע גלידער פון דעם יידישן „פאָלק" אויף דעם אמעריקאנער קאָנטינענט. קלוגע, שכלדיקע, געלערנטע, טאלאנטירטע שרייבער פילן אָן טאָג־איין, טאָג־אוים די יידישע פרעסע מיט קלוגע, פיינע ארטיקלען און — „עס גייט ווי עס גייט, איר וועט שוין די וועלט נישט איבערמאכן"... אָך, ווי אלט־באָביש עס קלינגען אָט די אלע קלוגע, „ניכטערע", „דערפארענע" רייד.

וואָס איז „קלוג" און וואָס — „נאריש"? — קלוג איז לגמרי נישט דאָס וואָס גיט א בליץ פאר דעם חשובן לעזער און עס גיט אים א געשמאקן קיצל ערגעץ אין פיאטע אָדער אין מוח — אלץ איינס. דאָס איז אמאָל אין די פעאָדאלע צייטן געווען די בכבודיקע אויפגאבע פון די „הויף־נארן". זיי פלעגן עס דארפן פריילעך מאכן זיין מאיעסטעט דעם פעאָדאל. און צווישן אָט די נארן זיינען געווען זייער אָפט גאָר קלוגע מענטשן. דאָך זיינען זיי געווען און געבליבן — נאראָנים. ווייל קלוגשאפט און קלוגקייט, וואָס גיט גאָרנישט צושטייער פאר דעם מאָרגן, וואָס האָט נישט קיין אחריות פאר דעם מאָרגן איז — קלוגע נארישקייטן. אלטע אָפגעלעבטע פריצים פלעגן זיך נייטיקן אין אזוינע קלוגע נאראָנים. וויפל קלוגע און פעיקע יידישע שרייבער האָבן זיך שוין אזוי איינגעלעבט מיט דער בכבודיקער ראָלע צו זיין די „הויף־נארן" פון זיין מאיעסטעט דעם דרייסענטיקן קאָסטאָמער?

אלט, פאר דער צייט פארעלטערט איז דער יידישער ישוב, דער גרויסער יידישער קיבוץ אין אמעריקע. אלט איז די יידישע שרייבע־ריי אין אמעריקע, די פּרעסע און ליטעראטור. און ווידער דערמאָנט זיך מיר א טייך: עס טרעפט — עס שטראָמט א טייך פון א רעגנרייכן געביט אריין אין א מדבר. און די וואסערן פון דעם טייך ווערן בּיס־לעכוויז וויניקער, זיי גייען פארלאָרן אין די זאמדן פון מדבר, זיי טריקענען אויס, זיי זינקען איין אין טיפע זאמדן. דאָס איז דער מיום־טער טוי טפון א טייך...

אָט אזוי קומט אום א פאָלק: ביסלעכוויז זינקט עס איין אין די זאמדן, טריקנט עס אויס און א סוף. יתגדל ויתקדש. רעדט נישט פון אסימילאציע. עס איז גאָר א ליגן: אז וואסער ווערט איינגעזויגן אין טיפע אומענדלעכע זאמדן פון א מדבר. ווערט עס דען אסימי־לירט? ווערט עס דען צו אן אָרגאנישן טייל פון די זאמדן? עס טריקנט אויס, עס גייט פארלאָרן. עס צעטראָגן זיי ווינטן, עס פאר־שיטן די זאמדן. עס איז אָבער גאָרנישט קיין אסימילאציע. ווו? וואָס? ווער אסימילירט יידן אין זיך? אלט איז א פאָלק און ווערט פאַרדארט פאר דער צייט ווייל עס פעלן כוחות צו לעבן. און עס גייען ארויס צייטונגען מיט קלוגע ארטיקלען וועגן דער גאָרער וועלט. איין זאך בלויז באמערקט מען נישט — דעם מאָרגן פון אייגענעם פאָלק. עס שרייבן שרייבער. עס דרוקן זיך ביכער (ווי אזוי — דארף מען נישט פרעגן). זוכט אין זיי נישט קיין בליק פאָרויס. — איר וועט נישט געפינען. מען האָט געשאפן, אויסגעטראכט א טעאָריע אז ליטעראַ־טור קען זען בלויז דאָס וואָס עס איז געווען, בלויז דאָס פארגאנגענע, דאָס וואָס עס האָט זיך שוין „אָפּגעזעצט". און עס איז פאלש: א לי־טעראטור וואָס זעט נישט דעם מאָרגן, וואָס לערנט נישט זען דעם מאָרגן, איז א — בלינדע. א בלינדע ליטעראטור, פון אלטקייט בלינד געוואָרן. אין יעדער צאפּל פון א יונגן אָרגאניזם, אין יעדער באווע־גונג ליגט די אחריות, די „מיסיע" פון מאָרגן. אין דער גאנצער נאַ־טור איז „לעבן" — דער גאנג צום מאָרגן, איז „טויט" — דער מאָמענט וואָס האָט קיין מאָרגן נישט. ווו איז דער מאָרגן פון דער־

יידישער ליטעראַטור? ליטעראַטורן האָבן נישט איינמאָל געשמידט דאָס לעבן. געוועקט, געבראָכן און געבויט, צעשטערט און געשאַפן, געפירט. — צי דאַרף מען דאָס דערציילן דעם עם־הספר? — צו וואָס שטרעבט אונדזער ליטעראַטור? וווהין פירט זי? וועגן וואָס טרוימט די יידישע ליטעראַטור? וווּ זיינען די, וואָס שמידן ווייטער די וואָגיקע רינגען פון דעם „גלויב — גלויב" פון דער גאָלדענער קייט? וווּ זיינען זיי? וווּ?

דיכטן ביי אונדז דיכטער. פּאָעזיע איז די שפּראַך פון נשמה. פון הארץ. אפשר וועט זי אנטפּלעקן די אינטימע שטרעבונגען, די טרוימען פון א פאָלק צו לעבן, אפשר וועט די דיכטונג ארויסזאָגן, ארויסווייזן בענקשאַפט צום מאָרגן, וואָס מוז דאָך זיין אין א לעבעדיקן אָרגאַניזם פון א פאָלק?... דיכטער, גרויסע דיכטער, גוטע דיכטער, שיינע דיכטונגען. נאָר —

דעם פּולס פון פאָלקס מאָרגן פארשפּאָרט איר צו זוכן אין דער פּאָעזיע. בענקשאַפט — יאָ, טרוימען — נישט. בענקשאַפט — יאָ, פארלאַנגען — נישט. און אָפט דערזעט איר גאָר נישט דאָס פאָלק! אין די דיכטונגען פון צווישן די פּערזענלעכע, קליינע, „פאַר זיך פאַר זיך" — געפילעלכלעך, פאַר זיך — פארלאַנגעלעך זעט מען גאָר נישט ארויס קיין פאָלק לגמרי. צוויי וועלטן: דאָס פאָלק באַזונדער און די דיכטונג איז זיך פאַר זיך, באַזונדער. טאָ וואָס גייען זיי אונדז אָן די שרייבער, דיכטער מיט זייערע פּערזענלעכע „וועלטן", אז אונדזער אַלגעמיינע וועלט זעען מיר ביי זיי נישט? איז דאָס א נאַציאָנאַלע ליטעראַטור? עס איז דער גאָרטן פון יידישער דיכטונג פארוואַקסן מיט ווילד־גראָזן פון פּריוואַטע אינטערעסלעך. ווי שטייט דאָרטן; „און ער האָט געהאָפט, אז עס זאָלן זיין ווײַנטרויבן, — און עס זיינען געקומען ווילדטרויבן". זאָלן מיר מוחל זיין יידישע שרייבער און דיכטער: מיין גאַנצער דרך־ארץ פאַר די מינדסטע פון זיי. אָבער —

עס איז פאַראַן א יידישע לעגענדע: איינער א צדיק האָט זיך מיט דעם שם המפורש אונטער דער צונג אויפגעהויבן צו די וואָלקנס.

האָט ער דאָרטן א ציטער געטאָן פון קעלט, איז דער שם המפורש
אים ארויסגעפאלן און... ווער ווייסט אים ראטעווען און אים אויפ־
הויבן זיין פארלאָרענעם שם המפורש!... נאָך מיט אריבער דרייסיק
יאָר צוריק האָט א יידישער געשיכטלער אין רוסלאנד (פ. מארעק)
געשריבן וועגן די משכילים, אז זיי האָבן געשריבן איין געשיכטע
און דאָס פאָלק האָט די זעלביקע געשיכטע געשריבן גאָר אנדערש,
אין גאָר אנדערע קאָלירן, אין הפוכדיקע אָפשאצונגען. דאָס זעל־
ביקע איז איצט געשען מיט דער גאנצער יידישער ליטעראטור: צווי־
שן איר און צווישן דעם גייסט פון פאָלק איז אויסגעוואקסן א „שער”.
דאָס פאָלק (ל”ו קענען זיין די טרעגער פון דעם פארבאָרגענעם גייסט
פון פאָלק) גייט זיין וועג און די יידישע ליטעראטור בלאָנדזשעט
אויף אנדערע וועגן. מיליאָנען ציגל נישט באהעפט פלאנמעסיק צווי־
שן אנאנד זיינען נישט קיין בנין. מיליאָנען ביכער אָן א געמיינזא־
מער אידעע זיינען נישט קיין ליטעראטור. הונדערטער שרייבער אָן
א געמיינזאמען „לשם יחוד” קענען נישט און ווען נישט שאפן קיין
ליטעראטור פון א פאָלק. מיליאָנען יידן אָן א געמיינזאמען אחריות
געפיל צווישן זיך זיינען גאָרנישט קיין יידיש פאָלק. ביי אזא „פאָלק
נישט־פאָלק” קען נישט זיין א יוגנט מיט א גלויבן, מיט א ווילן צו
א געמיינזאמען מאָרגן. איז — ווי צו א פאָלק, וואָס זיין יוגנט איז
— נישט אלט, דען זי בענקט נישט נאָך גאָרנישט; אָבער אויך נישט
יונג — דען זי שטרעבט נישט צו גאָרנישט. עס פרעגט מיך א פריינט
א יידישער שרייבער, פארוואָס איך פאָדער פון דער יידישער ליטערא־
טור מער ווי מען פארלאנגט פון אלע אנדערע ליטעראטורן אין דער
וועלט. ווי קען מען ווען, אז יידישע שרייבער זאָלן געבן מער וויפל
עס גיבן די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראטור? ליטעראטור
איז סוף כל סוף ליטעראטור, קונסט, און וואָס זאָל ליטעראטור טאָן
אויסער ווי צו דינען דעם גאָט פון קונסט?

דאָס אלץ איז פיין געזאָגט, אָבער לגמרי נישט ריכטיק. יידן זייי־
נען דאָס אייביקע בוך־פאָלק, עם הספר, און מיר האָבן נישט גע־
האט קיין „ליטעראטור” אין געוויינלעכן זינען פון וואָרט. ביי אונדז

זיינען געווען ספרים און א תורה. און א תורה האָט געמוזט זיין א תורת־חיים — אזא וואָס פורעמט דאָס לעבן, וואָס גיט אים א ריכטונג, וואָס העלפט מענטשן צו גיין אין דער ריכטונג. „ליטעראטור״ איז א מיטל צו פארשאפן דעם מענטשן פארגעניגן, — א גייסטיקן פאר־געניגן, אָבער אלץ פארגעניגן. דער תכלית פון ליטעראטור איז דאָס גוט פארברענגען פון מענטשן. תורה אָבער באמיט זיך צו דערהויבן דעם מענטשן איבער זיינע אָנגענעמע פארגעניגנס צו א העכערן ציל. ליטעראטור זוכט צו באפרידיקן די גוטע באדערפענישן פון דעם מענטשנס היינט. תורה שטרעבט צו באפרידיקן די באדארפן פון מאָרגן פון דער קאָליקטיווער מענטשהייט, פון גאנצן פאָלק וכדומה. ליטעראטור וויל געבן שיינקייט פאר דעם מענטשן, תורה וויל מאכן שענער דעם מענטשן גופא. פעלקער, וואָס זייער לעבן ווערט באַ־זאָרגט דורך לענדער, ארמייען, מלוכות, געזעצן, שול־סיסטעמען און לאנד־נאָרמעס, — אזוינע פעלקער קענען זיך פארגינען צו בויען פאלאצן און — ליטעראטורן, מוזעאומס און קונסטן. א פאָלק אָבער וואָס דארף לעבן מיט זיין ליטעראטור, מוז זיין ליטעראטור זיין אַן אנדערע. זי מוז שאפן די נאָרמעס פון לעבן ווי געזעצן, זי מוז אויס־בילדן גרענעצן, גייסטיקע גרענעצן ווי, להבדיל, געאָגראפישע גרע־נעצן פון לענדער, זי מוז קאָנצענטרירן די מוחות פון אירע לייענער און לערנער, ווי א לאנד קאָנצענטרירט זיינע בירגער. אזא ליטערא־טור דארף זיין נישט פארן געניטס פון געברויכער, זי מוז זיין א נאָר־מאטיווע, א פאָרמאטיווע, און דאָס איז א תורה. יעדער שרייבער מוז ביים שרייבן האָבן זיין לשם יחוד, זיין אלגעמיינעם אידעאל. אלע ביכער וואָס ווילן זיי זאָלן צירקולירן אין פאָלק, מוזן העלפן דעם פאָלק אין זיין לעבן און זיין שטרעבן.

קלאָר און דייטלעך: נישטאָ ביי אונדז קיין אָרט, קיין צייט, קיין מעגלעכקייט צו האָדעווען איצט „ריינע״, „אָביעקטיווע״ קונסטן און ווימנשאפטן. ווו האָבן מיר פלאץ פאר קונסט־מוזעאומס, ביבליאָטעקן, ענציקלאָפעדיעס, און ארכיוון בעת מען שטייט אויפן וועג און מען דארף צוריק אָנפאקן די פארצייטיקע קופערטס אויף רעדלעך פון

די אמאָליקע יידן. מער נישט זיי האָבן געהאַט א סך מער מעגלעכ־קייטן וווהין צו שלעפּן זייערע קופערטס איידער מיר.

אָט בין איך א לערער און איך לייג זייער פיל אַכט אויף יידי־שער ליטעראַטור. נישט דערפאַר, ווייל א יידיש קינד דאַרף קענען די יידישע ליטעראַטור. ניין, נישט ליטעראַטור, נישט געשיכטע זיינען פאַר זיך גאָרנישט ווערט, איך וויל דורך דער יידישער ליטע־ראַטור אין די קינדערשע נשמות שמידן א ווילן צו אַן אַקטיוון יידישן לעבן, גייסטיק אומאָפּהענגיק פון „אומשטענדן" און אנדערע תרוצים. און גאָר נישט קיין גרויסער טייל פון דער יידישער ליטע־ראַטור טראָגט אין זיך סטימולן צו אַזא מין לעבן. און אָט דאָס דאַרף געפאָדערט ווערן פון דער יידישער ליטעראַטור. „גליקלעך איז דער און געבענטשט זאָל דער ווערן, וואָס וועט פאַראייביקן...״ נישט אייערע צוויי טויזנט יאָריקע טרערן — ווי ביאַליק שרייבט, נאָר דאָס אייביק שטרעבן, דאָס אייביק וועלן אן אייגן יידיש לע־בן.

אַל דאָס איבעריקע אין דער ליטעראַטור, אין דער וויסנשאַפט, אַל דאָס וואָס פּרעטענדירט נישט צו שמידן באַגערנדיקע אַקטיווע די פּליישיגע גולמס־שמייסער און היט אייער יאַרמלקע... אָט דאָס דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור. דאָס פאָדערט זיך פון איר. אַזאַ שעפערישע ליטעראַטור קען אויסוואַקסן ווען עס וועט אויפהערן די „שער״ צווישן פאָלק און זיין אינטעליגענץ.

אָט די „שער״ די צעשפּאַלטונג צווישן דעם גייסט פון פאָלק, זיין שכינה און דער אינטעליגענץ פון פאָלק, אָט די דיסהאַרמאָניע איז די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער לעבן. און אָט א ביישפּיל. די העכלעכסטע, די מיאוסטע תקופה אין אונדזער געשיכטע איז מס־תמא געווען די צייט פון דער „גרויסער״ עמאַנסיפּאַציע: מיט איין מאָל האָבן דאָס די יידישע „פירער״ פון יענער צייט דערשמעקט יידישע נשמות, אַל דאָס, וואָס איז „ריינע קונסט״, „ריינע וויסנ־שאַפט״ אויף יידיש — אַל דאָס דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אויף בע־סערע, רואיקערע צייטן. איצט מוז אַלץ, און איבערהויפּט קונסט,

קאָנצענטרירט זיין אויף איין געביט: — לעבט, ווילט לעבן, שטרעבט, „ציטערט נישט, פלאַטערט נישט", צאַפּלט נישט, שרעקט זיך נישט פאַר שלעגער, וואָס שלאָגן פאַר רויבער, וואָס רויבן, פאַר הינט, וואָס בייסן, פאַר אעראָפּלאַנען־הינט, וואָס מאָרדן... לעבט! גייט ווי פּרצעס ייד פון די „דריי מתנות" „קאַסטרוי", באַמערקט נישט די שמיץ פון מיטן חוש פון געבילדעטע בעטלער, אז דער פּריץ איז געגייגט צו חסד און די יידישע אריסטאָקראַטיע האָט אויסגעשטעלט א בעטל־האַנט מיט אַלערליי פילאָסאָפיעס אונטערגעשפּאַרט: „זעט, גוטינ־קע, טייערע, מענטשנליבנדיקע קריסטן, לאָזט אונדז זיין מיט אייך"... „מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, כדי אייך צו געפעלן, נאָר לאָזט אונדז זיצן אין אייער געזעלשאַפט"... אָט אזוי האָבן געשריבן, גע־רעדט, און זיך געבעטן די „גרויסע גייסטער" פון יידישן פאָלק. מיט דעם זעלביקן לשון האָט גערעדט מענדעלסאָן דער „גרויסער" און אַלע זיינע נאָכפאָלגער. „מיר זיינען מער נישט קיין יידן, מיר שפּייען אויף אַלע אנדערע יידן אויסער אונדזערע מיטבירגער פון „אונ־דזער" לאַנד. לאָזט אונדז, לאָזט אונדז נאָר זיין פראַנצויזן, דייטשן, רוסן, פּאָליאַקן, עסטרייכער" — אָט אזוי האָט עס געקלונגען אין א כאָר פון די יידן אין אַלע לענדער אויפגעקלערטע. „מיר שטאַרבן אָן אייך אין איזאָלאַציע", מיר גייען אויס צו טאַנצן אויף אייערע שמחות, מיר דערשרעקן זיך אָן דעם אָטעם פון אייער וואָדקע, פון אייער ביר, פון אייער וויסקי... מיר חלשן צו אייך... גיט א נדבה־שמייכל, א מתנה־קוש, א רחמנות־האַנט אָן אויפגעקלערטן בעט־לער־פאָלק"... אָט איז דער נאַקעטער פּרצוף פון א דור. מיט א הכנעה געפיל פון איינער א שטוביקער באַשעפעניש האָבן די „פּאַ־טערס" פון דער יידישער אויפקלערונג געזונגען ליבע־לידער די מל־כי חסד" פון רוסלאַנד, און עסטרייך און וועמען נישט.

ווען נאָך און ווו נאָך קען מען אין דער יידישער געשיכטע גע־פינען אזוינע קנעכטישע קאַפּיטלעך, אזוינע, זייט מיר מוחל, בעט־לערישע, באַנטשע שווייגעריש „אויפגעקלערטע גייסטער"?

און אונדזערע געשיכטע שרייבער זיינען נאָך ביז היינט פאַר־

א. גאָלאָמב

ליבט אין דער גלאָררייכער „עמאַנסיפּאַציע־תקופה". נאָך היינט ווערן גלאָריפיצירט די העגריעטע הערצס און די איבעריקע אויפגע־קלערטע יידישע סאַלאָן־ווייבלעך, וואָס האָבן אַלץ אַוועקגעגעבן פאַרן כבוד צו זיצן אין אַ גוייִשן שוים. און אַ גליק איז זיי געשען: זייערע אוראייניקלעך זיינען כשרע אַריער אפילו כדת היטלער... און נאַציאָנאַלע יידישע געשיכטע שרייבער גרויסן זיך נאָך היינט אָט מיט דעם — שמוץ...

אונדזערע שרייבער און וויסנשאַפטלער מוזן זיך מער צוהערן צום גייסט פון פאָלק, צו זיינע מיינונגען, צו יוחנן וואַסער־טרעגער מיט זיין חוש.

.1941

קולטור אין זיך אָדער פאַר זיך

. . . רבי עקיבא זאָגט — אויך זיינען פסול לעדות מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ספרים היצוניים, מיט „דרויסנדיקע" ווערק וזייסט עס. אזוי איז פאַראַן ערגעץ א משנה און די קאָמענטאַרן דערקלערן „צום ביישפיל — די ווערק פון אַריסטאָטעל..."

אָט אזוי שטרענג, צוזאַמען און באַגלייך מיט קאָרטן שפּילער קוביות — קען זיין אַז אין אָריגינאַל מיינט עס נישט קאָרטן נאָר אן אנדער אזאַרט שפּיל, טאָ זאָלן מיר די היינטיקע קאָרטן שפּילער מוחל זיין: ווען דער זאָגער וואָלט געלעבט צווישן היינטיקע יידן וואָלט ער זיכער און דייטלעך געזאָגט „קאָרטן שפּילער") און מיט אנדערע זינדיקע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן טאָר מען זיך אויך נישט פאַרלאָזן אויף די וואָס טוען זיך אריין אין „דרויסנדיקע" ספרים. און ווער איז עס דער שטרענגער פּוסק? ווער איז דאָס דער האַרטער קעגנער פון פילאָסאָפיע און דער גריכישער וועלט קולטור? — דאָס איז דווקא רבי עקיבא! דאָס איז דער מוטיקער און דרייס־טער גיגאַנט פון יידישן געדאַנק און טאַט, דער קעמפער און מאַר־טירער, וואָס האָט דאָך אזא חוש צו שיינקייט — ער ראַטעוועט אָפּ שיר השירים. אָט די ליבע־געזאַנגען זיינען פאַר אים קודש־קדשים. ער באַגייסטערט זיך און מאַכט א ברכה ווען ער דערזעט א שיינע פרוי; ער ווערט באַגייסטערט פון דער שיינקייט און גרויסקייט פון גאָטס וועלט, — און דער זעלביקער רבי עקיבא איז דאָס אזוי שטרענג און האַמעטנע בייז קעגן פילאָסאָפיע! נישט איין אויפגעקלערטער ייד האָט אין דעם געזען א פאַרעקשנטן אָבסקוראַנטיזם

פון „פאַרשימלטער" יידישער אָפּגעזונדערטקייט; נישט איינער פון די יידישע געבילדעטע משכילים האָט שוין זיין גאַנצן פולווער אויס־געשאָסן אויף אָט די „אַזוינע און אַזוינע יידישע „פינסטערלינגע" (אַ געשמאַק ווערטל).

אין „גייער" פון מנחם איז פאַראַן אַ שטעלע: דער טאַטע שמו־עסט מיט נחן דעם גייער:

— דו לאָזט זיך גאָר אין „חיצוניות" אַריין?
— נישטאָ אין חכמה חיצוניות,
אַלץ קומט פון זעלבן מקור.

(ב' 1, ז' 29)

דער גייער — נוח־מנחם — איז, הייסט עס, נישט מסכים מיט ר' עקיבאן, נישטאָ קיין אינעווייניקסטע און דרויסנדיקסטע וויסנ־שאַפט, אַלץ שטאַמט פון איין מקור און בכן איז נישטאָ קיין אונ־טערשייד, אַלץ איז הייליק, אַלץ שטאַמט פון אויבן, פון געטלעכן מקור.

איז ווער איז גערעכט? ר' עקיבא דער שטרענגער, דער מחמיר, אָדער מנחם דער מקיל?

... און איך לויף צוזאַמען מיטן גייער און „דעריאָג דעם ערשט: זקן: — איך האָב אַ שאלה, רבי (ז' 23) און דער זקן, ר' ישראל סבא, ענטפערט מיר: גערעכט איז ר' עקיבא, איר פאַרשטייט פשוט נישט ריכטיק דאָס וואָרט „חיצוניות"...

נישט צווייערליי געביטן פון וויסן — אינעווייניקסטע און דרוי־סנדיקסטע זיינען דאָס, נאָר צווייערליי וועגן, צווייערליי באַציונגען צו דער זעלביקער זאַך, צו דער זעלביקער וועלט. אַלץ שטאַמט פון איין מקור, אָבער די ליניע וואָס פירט פון אָט דעם איינהייטלעכן מקור איז שוין גאָר נישט קיין איינהייטלעכע, צוויי זיינען זיי די הויפּט־ריכטונגען וואָס צעגייען זיך פון דעם אייגענעם מקור: איין וועג פירט צו דעם מענטשן, צו זיין נשמה, צו זיין אינעווייניקסטן מהות, צו זיין „איך" און דער צווייטער וועג פירט צו דער דרויסנ־דיקער וועלט פאַרביי דעם מענטשנס נשמה.

„ווען איך דערזע דיינע הימלען, דעם אויפטו פון דיינע הענט, די שטערן מיט דער לבנה וואָס דו האָסט איינגעאָרדנט, — איז וואָס איז דער מענטש וואָס דו דערמאָנסט אים?״ ...און „ווי מעכ־טיק איז דיין נאָמען איבער גאָר דער וועלט!״ און „דער וואָס זעט א בוים אין פרילינג (ווען ער הייבט אָן אויפצולעבן) דאַרף אויף אים א ברכה מאכן״. און אויף א גרעזעלע וואָס שפּראָצט, און אויף א שטיקל ברויט וואָס וואקסט ארויס פון דער טויטער ערד — אומעטום איז אזא טיפע הארמאָניע, — איז דעריבער „ברכי נפשי״ — דאַרף איך, מענטש, זיין א טייל פון אָט דער געטלעכער הארמאָניע פון גאנצקייט און גערעכטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט און איינגעהאַלטנקייט״. „וואָס גאָט איז — דאָס באמי זיך דו צו זיין״ שאַף נישט קיין דיסהארמאָניע אין דער וועלט, וואָס גאָט האָט אזוי ריכ־טיק באשאפן! און דעריבער מאָנט דער ערשטער ייד גערעכטיקייט ביי גאָט. „ניין, דו טאָרסט נישט גאָט! די גערעכטיקייט דערלויבט דיר נישט, גאָט!״ — אזוי טענהט אברהם דער ערשטער און אזוי טענהט זיך אוים ר׳ יהושוע דער קוילנברענער מיטן רבונו של עולם בבא מציעא, נט׳) אזוי פירט זיין קאַמף בערל שניידער און אזוי דין תור־רהט זיך מיט גאָט דער אָפּטער רב (אנסקי). דאָס איז דער ענדאָגענער צוגאנג, דורך דער וועלט צו דעם מענטשן; דער ענד־ציל פון דעם אַריינטראכטן זיך אין גאַנס וועלט, אין דער מאָראַלישער אויסבע־סערונג פון דעם מין מענטש, אַלץ איז קאָנצענטרירט אינעווייניק אויף דעם מענטשנס נשמה. דאָס איז „חכמה פנימית״ און דאָס דער יידישער צוגאנג צו וועלט, מענטש, גאָט. דאָ איז דער צענטער פון דער גאנצער אָנשטרענגונג. זאָגט שמואל ירחנא, דער גרויסער אסטראָנאָם: „נהירין לי שבילי דרקיע בשבילי דנהרדעא״ — ער קען די וועגעלעך פון הימל פונקט ווי די שטעגן פון זיין שטאָט, אָבער דאָס איז נישט קיין ציל פון דעם לערנען, דאָס איז בלויז איי־נער פון די וועגן צו דערקענען גאַנס וועלט און צו מאכן דעם מענ־טשן מיט זיינע אינסטינקטן אונטערטעניק צו דער העכערער מאכט

פון וועלט הארמאָניע. אין צענטער פון דער גאַרער גייסטיקער אָנ־שטרענגונג וואָס לערנען איז, שטייט דער מענטש, זיין פנימיות, זיין נשמהדיקער תוך. פון אלע פילאָסאָפישע ווערק פון שפאניע האָט דאָס יידישע פאָלק אויסגעקליבן פאר זיין „טיש־בוך" דעם „חובת הלבבות" — די פליכט פון הארצן און שפּעטער איז געקומען דער „שולחן ערוך" — די גאַרמען פון יידישן לעבן.

און א צווייטער צוגאנג: דער צענטער און דער ציל איז דער סטאנדארט פון לעבן. קורץ איז דאָס לעבן, טאָ כאפּ אריין, מאך זיך באקוועמער, האָב הנאה. דערקען די וועלט ארום דיר, פאַרש די איינגעווייד פון דער ערד... כדי דו זאָלסט קענען עס אויסנוצן פאר דיין סטאנדארט, כדי דו זאָלסט זיך קענען פארווייל̈ן. ווער עס פארווייל̈ט זיך מיט וויין און ווער — מיט וויסנשאפטן. מען דארף דערקענען גאָטס וועלט כדי זי צו באהערשן, צו באצווינגען, איינצו־שפּאנען זי אין דעם רייטוואָגן פון אונזערע אינסטינקטן, מען דארף אויף דער וועלט ארויפטאָן אונזער יאָך. נישט די וועלט דארף ווירקן אונדז אויסצובעסערן, נאָר מיר ווילן די וועלט אויסבעסערן, אונ־דזער גייסט אריינגיסן אין דער וועלט... האָט די אייראָפּעישע וועלט געבויט און געפורעמט וויסנשאפטן און קונסטן אין שטיין און אין אייזן, פּאלאצן און מויערן, בריקן און טונעלן, מאשינעס און קונ־ציקע מעכאניזמען, כדי צו באהערשן נישט ז י ך, נאָר די וועלט אויסער זיך. דאָס איז „היצוניות" — די דרויסנדיקע חכמות, מחוץ דעם מענטשן און זיין נאטור, זיין חובת הלבבות. דאָס איז דער עק־סאָגענער וועלט באנעם.

צוויי שטראָמען אין דער מענטשלעכער קולטור. אריסטאָטעל, פּליניוס, בעקאָן, לאוואזיע, העלמהאָלץ און נאָך און נאָך; — תהילים, ירמיהו, איוב, פרושים, שולחן ערוך, חיי־אדם, חפץ־חיים און נאָך און נאָך. — יעקב און עשו. און אָט:

האָט עשו איבערגענומען פון יעקבן נישט ווילנדיק א משיח־געדאנק, — איז ער שוין געקומען אָט דער משיח. מען דארף שוין נישט שטרעבן אים צו ברענגען דורך דער אינעווייניקסטער אָנ־

שטרענגונג איבער זיך אליין, ער איז שוין דאָ, מען דארף גלייבן אין אים און אים ערלעך האלטן, און טאָמער ווילט איר נישט, דארף מען זיין ממשלה איינפעסטיקן נישט מיט אויסבעסערן זיך, נאָר מיט ברענען יענעם, נישט ענדאָגען אין זיך נאָר עקסאָגען, אויף יע־נע. וויל ארכימעד קריגן דעם הייבער ער זאָל מיט אים די ערד א רוק טאָן, וויל דער יידישער נביא „ומול את לבבך" — די הערצער מאכט אָפענער!

... צוויי נוסחאות, צוויי רעדאַקציעס פון איין געדאַנק:

—מיר קענען נישט דערגיין מיט אונדזערע חושים „די זאכן פאר זיך גופא" און דעריבער דארפן מיר זיך באמיען צו זוכן וועגן ארור־מיקע (קאנט) און א צווייטער ווערסיע:

—— מיר די ברואים, קענען משיג זיין די בריאה נישט מצד הב־ריאה עצמה נאָר מער נישט מצד ההכרה, אָבער דער בורא, כביכול, ער קען דאָך משיג זיין די בריאה נישט מצד ההכרה, נאָר מצד הבריאה עצמה... פונקט דער זעלביקער געדאנק, נאָר ווי ווייט די אויספירן גייען זיך פאנאנדער!

... און עשום היצוניות האָט באהערשט די וועלט, און איינגע־שפאנט זיינען אלע כוחות פון דער נאטור אין דעם מענטשנס רייט־וואָגן, — און וווהין האָט עס געפירט? — צו ימים בלוט. פרעגט מיך די טעג א קינד פון 13 יאָר: ווי איז עס געמאָלט, וואָס גראד די דייטשן מיט אזא הויכער ציוויליזאציע זיינען אזוי ברוטאל? און אך האָב געענטפערט מיט א ציטאטע פון אַ קאטוילישן אלטן פע־דאגאָג פערסטער („שול און כאראקטער"): וויסנשאפטן אָן מאָראַ־לישער איינצאמונג איז — א האק א שארפע אין די הענט פון א גזלן.

. . . צוויי גייען זיי אין פאבריק — יוחנן דער מלמד און זיין תלמיד (פרץ „וואָס אַ מאָל וויניקער").ביידע קוקן זיך צו צו די מאַשינען. דער תלמיד איז שטאַלץ: מענטשן שפאַנען איין די נאטור מיט אירע כוחות צו פּראָדוצירן זאכן, צו מאכן געלט און גאָלד. מען וועט באלד באפעלן די זון־שטראלן צו פוצן די שטיוול...

און יוחנן מלמד—פּרץ דערשרעקט זיך: די מאַשינעס דערשטי־קן דאָך די נשמות. און ווען ישעיה, ווען משה וואָלט געקומען, וואָלט מען זיי דען געקענט הערן? איז דאָך נישט די נשמה, דער חלק ד׳ ממעל, נאָר דער אייזערנער גולם דער הערשער געוואָרן. איינער שטרעבט די זון זאָל אים שטיוול פּוצן. דער צווייטער גלייבט און וויל זיין נשמה זאָל לייכטן זוניק...

און ר׳ עקיבא איז גערעכט! ספרים היצוניים, חכמות היצוניות ווען זיי, די דרויסנדיקע וויסנשאַפטן באַהערשן די וועלט, ווען זיי באַהערשן דעם מענטשן — איז אָך און וויי צו דער וועלט און א צען מאָל אָך און וויי איז צו אונדז, צו יעקבן, וואָס קען נישט ענטפערן מיט בלוט אויף בלוט. און רבי עקיבא, דוקא ער וואָס רייסט אוים בערג און צעמאַלט זיי מיט זיין געדאַנק, דער וואָס האָט געקענט דרשענען אויף איטלעכן צוג, אויף אַן אות אין דער תורה, בערג פון הלכות־נאָרמען ווי צו לעבן, ווי צו צאַמען זיך, איינצו־האַלטן זיך, רייניקן זיך גייסטיק, ווי צו באַהערשן זיך און אַלע בייזע אינסטינקטן אין זיך. ר׳ עקיבא דער טרוימער און קעמפּער פאַר יידישער פּאַרזיכיקייט, — האָט געהאַסט פון גאַנצן האַרצן די דרויסנדיקע קולטור פון רוים. „זיי בויען בריקן — כדי צו נעמען שטייערן; וועגן -- כדי צו פירן מלחמות, מערק — זיי אָנצופילן מיט זנות, בעדער — טעמפּלען פאַר אַפראָדיטע, טעאַטרען — כדי צו זעטיקן די בלוטיקע אינסטינקטן מיט בלוט פון גלאַדיאַטאָרן, פון געפאַנגענע, צירקן — צו פאַרשיכורן דאָס פאָלק מיט בלוט; זנות, און פרעסן, און בלוט, און... געזעצן, — געזעצן צו באַרעכטיקן די מאַכט־האָבער, צו שטאַרקן די מאַכט פון אומגערעכטער מאַכט, כדי צו באַרעכטיקן דאָס צושמידן מענטשן צו די ווענט פון שיפן זיי זאָלן אין צייט פון סכנה זיך נישט קענען ראַטעווען.

ניין, ר׳ עקיבא האָט פיינט געהאַט די רוימער נישט נאָר וויל זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין היים, עס איז נישט געווען בלויז א נאַציאָנאַלע שינאה, — עס האָט אים ריין מענטשלעך געעקלט פון אָט דעם געמיט פון בלוטיקייט מיט וויסנשאַפט, מיט פילאָסאָפיע,

וואָס באַרעכטיקט די בלוטיקע הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש (אויך אַריסטאָטעל און פּלאַטאָן!); דער גאון פון יעקבס גייסט האָט נישט געקענט נישט פאַראַכטן דעם נאַקעטן, האַמעטנעם עשו־גייסט. צוויי ווייטע פּאָלוסן: „ווייל איז אייך, יידן, ווער רייניקט אייך און פאַר וועמען רייניקט איר זיך? — פאַר אייער פאָטער אין הימל!" (א משנה אין סוף יומא) דאָ איז הימלשע הייליקע ריינקייט, דאָ איז די גבורה צו קענען, ווען די רוימער רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען, זיין גליקלעך וואָס ער קאָן מקיים זיין דעם פּסוק „ובכל נפשך". טאָ ווי האָט עס נישט געקענט אים עקלען ביז האַס פון די „חכמות היצוניות" פון דער גריכיש־רוימישער קולטור?

און גערעכט, רבי עקיבא! אין דעם חורבן פון דער וועלט און פון דער געטלעכער נשמה אין מענטשן האָט א גרויסן חלק די וויסנשאַפט, — די חכמה היצונית.

..זאָל דאָ דערלויבט ווערן צו דערמאָנען: עס איז אין 1919 אין קיעוו. דער ערשטער יידישער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל („שול און לעבן, רעדאַקטאָר ש. דאָבין), אין ערשטן נומער א מעטאָדישע אַרבעט וועגן נאַטור־לימוד (אַמעריקאַנער יידן, הערט א חוצפה: אין יידישע שולן זאָלן יידישע לערערס לערנען אויף יידיש נאַטור, סיינעם! קענט איר דאָס גלויבן?) שרייבט דאָרטן דער יידישער לערער, אַז מיט דעם לימוד פון נאַטור דאַרף מען אין די קינדער אַנטוויקלען א רעליגיעז־פּיעטעטישע באַציונג צו גאַנצן וועלט. פּונקט ווי פאַרצייטיקע יידן האָבן געלערנט א ברכה מאַכן אויף א שטיקל ברויט וואָס ווערט אַרויסגעצויגן פון דער ערד, אַזוי דאַרפן קינדער קענען באַוואונדערן א שטיקל צוועק וואָס זיי שפּילן זיך מיט דעם. פריינט מיך איצט וואָס יענער שרייבער בין געוועזן איך...*)

*) זע אויך „די נייע שול" אָרגאַן פון ציש"אָ, וואַרשע פון יאָר 1922.

1. די אויפגאַבן פון נאַטורלימוד און
2. נאָך אַמאָל וועגן רעליגיעזער דערציונג.
„געקליבענע שריפטן" באַנד 2

דאָס איז א צוגאנג פון א יידן.

הכמות היצוניות זיינען זייער וויכטיק. עס איז א פּראָמעטעאָר־סעס קאמף מיט די בייזע געטער. אָבער ווען? — ווען איבער דער הכמה היצונית שטייט די פּנימית; ווען איבער אריסטאָטעלס וויסנשאפט זאָל שטיין דער יידישער ברכי נפשי, ווען איבער פּלי־ניוסעס נאטור־געשיכטע זאָל שטיין רבי עקיבאס „פאר וועמען רייניקט איר זיך? פאר אייער פאָטער אין הימל!" און איבער ארים־טאָטלען זאָל מען ארויפשטעלן דעם ערשטן קאפּיטל פון ישעיה. ווען נישט — זיינען די חכמות היצוניות א האק א שארפע אין די הענט פון א גזלן. יעקבס פּנימיות מוז ראטעווען די וועלט פון עשום היצוניות.

וועט ער עס קענען? וועט ער וועלן? וועט ער עס גלייבן אין זיך, אין זיין שליחות? פון דעם קען זיין אָפּהענגיק דער גורל פון דער וועלט.

די אידעע און אידעאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור

איינגנטלעך בין איך דאָ אויסן נישט בלויז שרייבער און שריפטן, נאָר די צירקולאַציע פון ליטעראַטור אין לעבן. דעריבער וואָלט איך אפשר מיט מער רעכט דאָ געדאַרפט באַנוצן דאָס וואָרט „קולטור" אַנשטאָט „ליטעראַטור", אָבער ביז היינטיקן טאָג איז דאָס לעצטע וואָרט קאָנקרעטער, ממשותדיקער און אויך אָנגענומען מער ביים עולם, איינגעבירגערט. האָף איך, אַז אַזוי־אַרום וועט אפשר דער גאַנ־צער געדאַנק אַרויסקומען קלערער, באַגרייפלעכער און איך וועל פאַר־שפּאָרן פאַלשע פּירושים און אויסטייטשונגען, וואָס מאַכן אָפּט אַ תּל פון די עצם געדאַנקען.

בכן, די אידעע דער יידישער ליטעראַטור און אירע אידעאָלאָגיעס צווישן אָט די צוויי באַגריפן מוז מען שטאַרק אונטערשיידן.

אידעאָלאָגיעס זיינען סוביעקטיווע שאַפונגען, געדאַנקען, פאָרמו־לעס, וואָס מיר טראַכטן אויס. דאָס זיינען די לאָזונגען, די טראַנספּאָ־ראַנטן, וואָס מען טראָגט פאָרויס פאַר דער באַוועגונג, שילדן זיינען עס. די אידעעס אָבער — דאָס זיינען דער אָביעקטיווער מהות פון דער באַ־וועגונג, אירע אָביעקטיווע סאָציאַל־געשיכטלעכע מקורים, איר זינען היינט און דער פונקט אין דער צוקונפט, וואָס די באַוועגונג פירט צו אים; — אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון אונזער ווילן און שטרעבן.

דער זינען פון אונדזערע מעשים לויט אונדזערע פאָרשטעלונגען

און פארלאנגען, — דאָס איז אידעאָלאָגיע. דער זינען פון די זעלביקע מעשים אין סאָציאַל־געשיכטלעכע פארהעלטענישן פון סיבות און תולדות, מקורים און ווירקונגען — דאָס זיינען אידעען. כדי צו באקומען אידעען פון זאכן, פון דערשיינונגען, דארפן מיר די לעצטע אבסטראהירן, אויסטאָן זיי פון זייער מאטעריעלן לבוש, פון זייער געשטאלט און אויסזען, וואָס צייט, אָרט, סביבה גיבן צו.

מיר קומען אזוי צו די נשמות פון די דערשיינונגען, געשעענישן. טואונגען און באוועגונגען.

פונקט ווי אין דער פיזיק האָבן מיר אונטערצושיידן צווישן אָביעקטיווע וויברירונגען און סוביעקטיווע ליכט און קאָלירן דערשיינונגען. מאָלעקולארע באוועגונגען זיינען מיר תופס ווי מדרגות פון ווארעמקייט. די ערשטע, די באוועגונג פון די מאָלעקולן איז אָביעקטיוו, איז א רעזולטאט פון נאטור־כוחות און א סיבה פאר דער צווייטער.

די לעצטע — „ווארעמקייט", איז א סוביעקטיווער אויפנעם אדאנק דעם ספּעציפישן כאראקטער פון אונדזערע אויפנעם־אָרגאנען.

„בלויע הימלען" — דאָס זיינען אונדזערע סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען. אָביעקטיוו איז דאָרטן עפּעס גאָר אנדערש: אָפּשפּיגלונג, דורכזייאונג פון וויברירונגען פון באשטימטער לענג און אז"וו.

אויך די ביאָלאָגיע וויסט פון די צוויי זייטן. אָט שפּילט זיך א קינד. לויפט, שמייעט ביז שוויס. „ער שפּילט זיך אין פערדלעך" — זיכער! אָבער דאָס איז בלויז די סוביעקטיווע בארעכטיקונג פון קינד פאר זיינע מעשים. דאָס איז די „אידעאָלאָגיע" פון שפּיל. די „אידעע" פון דעם שפּיל איז עפּעס אנדערש, וואָס בלויז די וויסנשאפט קען קלאָר מאכן.

עס איז פאראן איין גרויסע אלגעמיינע אידעע פון אונדזער לעבן, פון אונדזער באמיען זיך אויסצומיידן דעם טויט און — וויפל אידעאָלאָגיעס זיינען געשאפן געוואָרן ארום דעם? דאָ קומען מיר צו פּלאַטאָנס „וועלט פון אידעען, אָדער צו קאַנטס „זאכן פאר זיך גופא" אָדער צו דער חסידישער פאָרמולירונג: „דער בורא איז תופס די

בריאה מצד הבריאה עצמה, אָבער די ברואים — זיי זיינען תופס נישט מצד דער בריאה, נאָר מצד דער הכרה״.

:: :: ::

און איצט צו דער טעמע. די אידעאָלאָגיעס פון דער יידישער ליטעראַטור איז נישט שווער צו געפינען. זיי זיי זיינען דאָס רוב אויבנאויפיק. א גרויסע טייל פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגט נישט בלויז אידעאָלאָגיע, נאָר אזש טענדענץ, ד״ה, אז די ליטעראַרישע ווערק זיינען בלויז אַן אילוסטראַציע צו דער אידעאָלאָגיע, דאָס איז כמעט די גאַנצע משכילישע ליטעראַטור, ווי אויך דער אַנטיפּאָד אירער — די רעליגיעזע ליטעראַטור. אויך היינט איז, מיר דאַכט זיך, די יידישע ליטעראַטור איבערהויפּט פון איינציקע באַשטימטע פּונקטן, נישט פריי פון טענדענצן, פון געזעלשאַפטלעכער אָדער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער טענדענציעזדיקסטער טיפּ פון ליטעראַטור, דער משל, איז נישט אומזיסט אזוי שטאַרק באַליבט ביי יידן פון אַלע דורות.

אַפילו דאָס ווערק, וואָס האָט אונטערגעפירט א סך־הכל אונטער דער השכלה־ליטעראַטור מיט אירע טענדענצן, איז אַליין אויך געווען טענדענציעז, א משל (די קליאַטשע). אָבער דאָך איז די יידישע ליטעראַטור נאָכדעם אוועק אויף אַן אַנדער וועג. זי איז געוואָרן קינסטלעריש, זי האָט געשטרעבט צו שילדערן, מאָלן, פאַרוואַנדלען לעבן אין קונסט. באַפרייט זיך פון פאַריאָכטקייט ביי אידעאָלאָגיעס, האָט אָפט די ליטעראַטור בכלל פאַרלאָרן יעטוועדער אידעאָלאָגיע, יעטוועדער סוביעקטיווע ווירקונג, סימפּאַטיע אאז״וו. קונסט איז נייטראַל, כלומרשט, אָבער דאָס איז א אילוזיע בלויז. קונסט איז שילדערן וואָס עס איז אויפגענומען געוואָרן. און יעטווידער שילדערן, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן, און יעטוועדער אויפנעם, יעטוועדער זין איז סוביעקטיוו. יעטוועדער מענטש זעט אנדערש מיט זיינע אויגן, און מיט זיין גייסטיקן „איך״. און, בכן, איז נישטאָ קיין נייטראַלע קונסט, נישטאָ קיין ליטעראַטור אָן א אידעאָלאָגיע. קינסטלער, שרייבער דערקלערן זיך פאַר נייטראַל, ווען מען וויל נישט טראָגן קיין גע־

זעלבשטענדיקע אחריות, ווען מען וויל פּטור ווערן פון עלעמענטארער אויסגעהאלטנקייט, אָדער די „נייטראַלקייט" באהאלט א „אידעאָלאָגיע" פון „ס'אויך מיין דאגה", פון קליסקעלעך מיט באָב און יוצא.

און איצט מכוח דער אידעע, אָדער אידעען פון דער ליטעראַטור. זיי צו געפינען, זיי אויסצוטיילן איז א סך שווערער. ווי שוין געזאָגט, זיינען אידעאָלאָגיעס די סוביעקטיווע טענדענצן, די אידעען אָבער זיינען די אָביעקטיווע סאָציאַל־געשיכטלעכע טענדענצן, די געשיכטלעכע סאָציאַלע ווירקונגען אין לעבן.

כדי בולטער צו מאכן דעם ענין, וועל איך נעמען א משל, די אידעען פון דער רוסיש־יידישער ליטעראטור. אזא ליטעראטור האָט עקזיסטירט אריבער הונדערט יאָר (פון 1802 ביז דער רעוואָלוציע). געווים עס זיינען דאָ אויך איצט יידן רוסישע שרייבער, — אָבער אידעאָלאָגיש איז עס איצט רוסישע ליטעראטור, געשריבן פון רוסישע שרייבער פון יידישן אָפּשטאם. בעת איך האָב דאָ אין זינען די ליטעראטור, וואָס איז אידעאָלאָגיש געווען א יידישע ליטעראטור אין רוסיש געשריבן פון יידן רוסיש־רעדנדיקע. אזא ליטעראטור איז איצט שוין א „שוכן עפר" און דעריבער איז גרינגער ארויסצוטיילן איר אידעע, איר אָביעקטיווע געשיכטלעכע טענדענצן.

דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן איז אָט דער פאקט: די בשעתן גאנץ רייכע, רירעוודיקע און גאנץ אָפט טאַלאַנטירטע ליטעראטור איז איצט ווי פארגעסן. סיידן פאָרשער פאַראינטערעסירן זיך מיט איר. אין דער קולטורעלער טאָג־טעגלעכקייט קומט אונדז לגמרי נישט אויס זיך צו דערמאָנען אָן איר. זי האָט אונדז גאָרנישט געלאָזט קיין ירושה. אין א משפחה איז אויסגעוואַקסן א קינד, אוועק אין דער פרעמד און זיך אָפּגעריסן פון איר. אויף א בוים איז אויסגעוואַקסן א צווייג, געצווייגן זאפטן פון איר שטאם, איז אָפּגעשטאָרבן, און דער בוים ציט דאָך זיין שטאם ווייטער. אָט דאָס זיינען די רעזולטאטן פון דער ליטעראטור, און אָט די רעזולטאטן זיינען נישט געקומען צופעליק. זיי זיינען שוין אין פאַמענץ געווען אין אָט דער ליטעראטור, אין די געשיכטלעכע טענדענצן

פון אָנהייב אָן. בכן, קומט אויס, אז די אידעע פון דער רוסיש־יידי־שער ליטעראַטור איז געווען — אומקום, זעלבסטמאָרד. די סוביעק־טיווע שטרעבונג אירע, די אידעאָלאָגיע איז געווען אויפקום, באנייאונג; און די אָביעקטיווע שטרעבונג, פונקט פאַרקערט, — אומקום, דעגע־נעראַציע, סוף.

אָביעקטיוו, אידעאָלאָגיש האָט די יידיש־רוסישע ליטעראַטור גע־אָטעמט די גאַנצע צייט מיט מונטערן באַוווסטזיין פון פּראָגרעס, פון נאַציאָנאַלער באנייונג (אפילו די רוסיפיקאַטאָרישע!) און אָביעקטיוו האָט די גאַנצע ליטעראַטור געדינט אין אידעע פון אומקום. זי האָט געהאָלפן צעשימן דעם יידישן כלל אויף זיינע באַזונדערע טיילן, כדי זיי זאָלן קענען גרינגער דיפונדירן אין אַנדערע קיבוצים. דאָס איז געווען ווי יענע ענערגיע, וואָס העלפט צו צעשטויבן א פעסטן שטאָף און אים פאַרוואַנדלען אין באַזונדערע מאָלעקולן, וואָס צעפליען זיך, צעטראָגן זיך פון א נאַנד. א דיאַמעטראַלער ווידעראַנאַנד צווישן אי־דעאָלאָגיע און אידעע.

פאַראַן א יידישער וויץ, וואָס איז כידוע א תורה, להבדיל:

— א ייד שמדט זיך קיינמאָל נישט.

— ווער דען שמדט זיך, א גוי?

— געווים. ווייל יעטוועדער משומד איז שוין פון לכתחילה א גוי:

מער נישט וואָס פריער פלעגט ער לייקענען זיין גוישקייט און שפּעטער לייקנט ער זיין יידישקייט.

די גאַנצע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון דער רוסיש־יידישער לי־טעראַטור איז מערנישט געווען ווי א פאַרלייקענען די לכתחילהדיקע גוישקייט אירע, די אידעע, פאַרשטייט זיך, — נישט די רוסיש־יידי־שע ליטעראַטור האָט די אומקום־באַוועגונג געשאַפן.

ווען די ליטעראַטור איז געווען א פּראָדוקט פון דער באַוועגונג, — איר אידעע, וואָס האָט מאַסקירט מיט דער אידעאָלאָגיע.

אָט דעם ווידעראַנאַנד צווישן אידעאָלאָגיע און אידעע, צווישן

דעם סובּיעקטיוון שטרעבן און דעם אָביעקטיוון ווערן, געפינען מיר נישט נאָר אין דעם געבראכטן פאקט.

אָט איז נאָך א מער אויסטערלישער פאקט. נעמען מיר די „גאָלדענע תקופה״ פון דער העברעישער ליטעראטור אין שפאניע, ווען עס האָט געבליט פּאָעזיע און פילאָסאָפיע און וויסנשאפטן. אידעאָלאָגיע — גאנצע טראקטאטן, פילאָסאָפיע פון יידישקייט. די מאָדערנע נאציאָנאלע אידעאָלאָגיעס גרייסן זיך מיט אָט דער תקופה, די „גאָלדענע״ תקופה פון דער יידישער ליטעראטור. נעמען מיר אָבער אנאליזירן די אידעען פון אָט דער ליטעראטור, וועלן מיר מוזן זאָגן, אז אין א גרויסער מאָס זיינען זיי געווען פונצענטרישע, נישט קריי־שעפערישע. וואָרום אָט איז די ליטעראטור פארגעסן געוואָרן, ווידער אמאָל, נישט לאָזנדיק קיין אקטיווע שפורן אין יידישן לעבן, אין קולטור־לעבן (אין די מוזייען און ביבליאָטעקן יאָ, אָבער נישט אין לעבן). לויט ביאַליקן (דברים שבעל״פ ב׳) איז עס דערפאר, ווייל די ליטעראטור איז —כאָטש אין העברעיש— געווען נאָכמאכעריש, נישט אָריגינעל. לויט דער שפראך, לויט דער אידעאָלאָגיע, לויט די פארלאנגען און שטרעבונגען — אפשר די נאציאָנאלסטע ליטעראטור־תקופה. אָבער די אידעע איז געווען אריינפירן אין דער קולטור עלע־מענטן, פאָרמען פרעמדע, נישט קיין אָרגאנישע. און דאָס איז געווען גענוג, מיינט ביאַליק זייער ריכטיק, אז די ליטעראטור זאָל קיין תקומה אין לעבן נישט האָבן.

מיר וואָלטן אזוי געקענט ברענגען אָן א סוף מוסטערן אָבער גענוג.

און דער אויספיר. יעטווידער ליטעראטור, וואָס איר אידעע איז נאָכמאכונג, פרעמדער ווייַן און אייגענע לאָגלען, „יפיפיתו של יפת באהלי שם״, זייער קולטור־אינהאלט אין אונדזערע שפראך־כלים — יעטווידער ליטעראטור אזא, מיט אזא אידעע דינט דעם גאָט פון אומקום, מעגן אירע אידעאָלאָגיעס זיין די בעסטע.

און די יידישע ליטעראטור?

עטלעכע פאקטן: אליקום צונזער דער בדחן און מארק ווארשאווי־

סקי דער פאָלקס־זינגער האָבן מערער אריינגעטראָגן וועלטלעכקייט אין די יידישע פאָלקס־מאסן איידער אזוינע קעמפער ווי מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד. דאָס, דאכט זיך, וואָלטן מיר געקענט דערווייזן פשוט מיט צאָלן: וויפל מענטשן פון פאָלק האָבן בשעתו נאָכגעזונגען אויסנווייניק פון די ערשטע, און וויפל — פון די אנדערע צוויי פאָעטן. און פארוואָס? — אידעאָלאָגיש זיינען דאָך געווים די צוויי מאָריסן געווען נאַיווע זינגער? דאָס איז בלי ספק בלויז דערפאר, ווייל די אידעען־וועלט פון די ערשטע איז פאר דער מאסע פיל היימישער, זיי זיינען אָריגינעלער, יידישער. און דעריבער אויך זייער שטארקערע השפעה.

וועגן דער השכלה־ליטעראטור איז נישט נייטיק א סך צו רעדן. זייערע אידעען זיינען געווען די זעלביקע, וואָס פון דער רוסיש־יידישער ליטעראטור. ערשט די קלאַסיקער, אריבערגייענדיק פון טענדענץ־ליטעראטור צו קינסטלעריש־שילדערישער, האָבן אויך געביטן די אידעע פון דער ליטעראטור. פון די קלאַסיקער נעמען מיר דאָ שלום־עליכמען. קיין אידעאָלאָגיע האָב איך בכל אופן ביי שלום־עלכמען נישט געפונען. סיידן אין זיין צוואה. אָבער דערפאר איז ער, מיר דוכט זיך, דער רייכסטער מיט אידעען. זיינע ווערק זיינען פול מיט אידעען פון יידן, אידעען פון יידישקייט.

לאָמיר, א שטייגער, נעמען טביהן און אבסטראהירן פון דער פאָבולע, פון דעם סיפור־המעשה, בלייבט אונדז א געשטאלט פון א יידן, „וואָס קאַטאָרי־וועלכער" האָט אין זיך פארקערפּערט א שלל שטריכן פון לעבעדיקע יידן, עס בלייבט אונדז א אידעע פון א יידן, פון א כלל־יידן, פון יידישקייט. ווילט איר די אידעע פון א יידישן צדיק תמים, — האָט איר ר' יוזפעלן, דעם קאסרילעוקער רב, און די פורים־שפילער, און די קלעזמער, און די בלאָנדזשענדיקע שטערן אאז"וו אָן א סוף.

און נישט בלויז טיפּן, פערזאָנען־אידעען. דערמאָנט זיך ווי די אַלטע, אויסגעווייטאָקטע און אויסגעמאטערטע יידישע אלמנה (מאָטלס מאמע) פירט אירע קינדער איבער דער גרענעץ אין שרעק פון

די שיסערייען: „לויפט קינדער, דער שומר ישראל איז מיט אייך". דערמאָנט זיך עס, און איר האָט פאר זיך די אידעע פון יידישן לעבנס־כוח. דאָס איז די זעלביקע אידעע, וואָס אַש האָט זי געשילדערט מיט גאָר אנדערע מיטלען: דאָס הייליקע שניידערל אין לובלין אויפן יאַריד. („קידוש השם") און אין בוך „מנחם מענדל" נישט בלויז די אידעע פון „מנחם מענדעליזם", נייערט — נאָך אבסטראַקטער גענומען — די אידעע פון שטענדיקן יידישן קלעטערן, אפילו אויף גלייכע ווענט באַדיי, פאלן און ווייטער קלעטערן צו די „גרויסע געווינסן", וואָס זיינען, אוי ווײ „נול, נול, נול... נול און ווידער נול"...

גאַנץ שלום עליכם, אַלע זיינע ווערק זיינען דער אַלגעמיינער סכום אידעען פון לעבעדיקן יידישן פאָלק. און וואָלט זיך געפונען בלויז דער פאַסיקער קענער, וואָלט ער געקענט לויט די אידעען צוזאמענשטעלן א פאָרמולע, אן אַלגעמיינע טראַנסצענדענטאַלע פאָרמולע פון יידישן לעבן, פון יידישער נשמה.

אָבער גוט וואָס אַזאַ פאָרמולע איז נישטאָ: בעסער יידישע אידעען אין קונסט איידער פאָרמולעס פון יידישקייט.

ביי קיין שום אנדער יידישער שרייבער געפין איך, צום באַדויערן, נישט אַזוי פיל אידעען און, וואָס זאָלן זיין דערצו אַזוי איינהייטלעך אין זייער פילצאָליקייט, וויפל ביי שלום עליכמען. אפילו ביי פּרצן, וואָס האָט דאָך מיט אידעען געדענקט. אינטערעסאַנט: פּרץ און ביאַליק האָבן כסדר געדענקט מיט אידעען און דורך זיי סטימולירט געוואָרן (יעטווידער אויף זיין שטייגער). און דאָך האָבן זיי געשילדערט אידעען, אָבער זיי האָבן נישט באַשאַפן אַזאַ רייכע און מאַנאַליטיש־גאַנצע אידעען־וועלט, ווי שלום־עליכם. כאָטש ער האָט געהאַט פאר די אויגן תמיד נישט קיין אידעען, נאָר לעבעדיקע יידן פון פאר זיינע גייסטיקע אויגן, זיי האָבן אים תמיד סטימולירט צו שאַפן.

איז דאָס געווען אויך א פאַקט, וואָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן.

וואָס מען מוז זיך איבער דעם פאַרטראַכטן, און מאַכן אויספירן, אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

גייען מיר מיט דער יידישער ליטעראַטור ווייטער, נענטער צו אונדזער צייט, ווערט מיט דעם ענין אידעען נישט פריילעך. אונדזער ליטעראַטור האָט פּראָגרעסירט, שטאַרק פּראָגרעסירט. שפּראַך, סטיל, ראָמאַן, (א ניים ביי יידן), טיפּ, — אַלץ נייעסן, מדרגות. עס זיינען בלי ספק אין דער יידישער ליטעראַטור פאַראַן אידעען. אָבער, עפּעס איז מיט די אידעען נישט אין אָרדנונג. אָדער זיי פעלן אינגאַנצן.

פאַראַן ביי אונז א באַרימטער שרייבער, א ווירטואָז, מאָלט טיפּן, ווי לעבעדיקע, מיט פיל טעמפּעראַמענט און — ווי אַן אויס־געריכטער שפּיגל־בילד, האָבן אָט די געמאָלטע טיפּן קיין אידעע נאָרנישט.

א צווייטער שרייבער. א גרויסער, וואָלט געקאָנט געבן אידעען, אָבער זיינע אידעאָלאָגיעס שטערן אים. בלאָנדזשעט ער צווישן אַלע פאַראַנענע אידעאָלאָגיעס, זוכט אַן אָרט און א „הכשר" פאַר זיינע אידעען, וואָס זיינען בינו לבינו דערשטיקט געוואָרן.

און א דריטער גרויסער שרייבער האָט זיך דערטרונקען אין די טיפענישן פון זיין אייגענער נשמה... פון דאָרטן קומט אָפּט אַרויס א אידעע, איז זי אָבער אַזוי אינדיווידואַליסטיש, עגאָיסטיש, אויב מען מעג אַזוי זאָגן, אַז זי קען נישט אויפגענומען ווערן, בלויז יחי־דים באַגרייפן זי. און פון באַגרייפן ביז אויפנעמען איז דאָך נאָך אויך ווייט.

און א גאַנצע ריי שרייבער, — זאָלן זיי מיר מוחל זיין, — האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון האַר און באַפעלער, און יעטווי־דער פּרימאָרגן, ווי א סוחר אין דער בירזשע־רשימה, קוקן זיי אין די ידיעות פון אידעען־בירזשעס: וועמען, וואָסערע אידעען דאַרף מען היינט בענטשן, און וואָסערע שעלטן. לאָמיר זיך נישט פאַר־שפּרייטן צופיל איבער אזא ווייטאָקדיקער דערשיינונג.

און נאָך שרייבער זיינען פאַראַן, וואָס זיינען מער אָדער ווייני־קער פּרוכטבאַר, אָבער, זייער שרייבן איז אָרעם. אָן אידעען. דאָס

רוב זיינען זיי נאָכמאַכעריש. דאָס שרייבן זייערס קוועלט נישט אַרויס פון די טיפענישן פון זייער יידישער נשמה, נאָר נאָכצוטאָן, נאָכצומאַכן, „וואָס ביי זיי דאַרף זיין ביי אונדז אויך". די סטימולן צו שאַפן, צו שרייבן, פירצובערענגען געדאַנקען, בילדער יקען מען אָפט, שוין צו אָפט זוכן און געפינען אין דער פרעמד. נאָך מער. אָפט זיינען די געדאַנקען גופא, נישט די סטימולן זייערע, געבוירן געוואָרן אין דער פרעמד, און שוין דערוואָקסענערהייט האָט מען זיי אַריינגעפירט צו אונדז און אָנגעטאָן אַ יידישן לבוש. צו אָפט, ווען איר זוכט מקורים פון דער אָדער יענער דערשיינונג אין אונ־דזער ליטעראַטור, אָדער קולטור בכלל, דאַרפט איר זיי, די מקורים, זוכן, צום באַדויערן ,נישט אין יידישן לעבן, נאָר ערגעץ אין שכנות. דאָרט וועט איר געפינען דעם מוסטער...

אַזאַ ליטעראַטור קען העכסטנס פאַרשפּרייטן אידעען, ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר פאַרשפּרייט סחורות געשאַפענע דורך אַנדערע, אָבער זי קען נישט געבוירן קיין אידעען, זי פאַרמאָגט זיי נישט. אַזאַ ליטעראַטור איז אין בעסטן, העכסטן פאַל אַ קולטור־פאַרשפּרייטע־רין, ווי אַ האַנדלס־פאַרשטייערשאַפט צו פאַרשפּרייטן די אָדער יע־נע סאָרטן סחורה צווישן יידן. אַ סך יידישע שרייבער, קולטור־טו־ער, קולטור־געזעלשאַפטן און אפילו פּאָליטישע פּאַרטייען זעען אויפריכטיק זייער אויפגאַבע, זייער סאָציאַל־געשיכטלעכן זינען טאַ־קע אין דעם: „מיר זיינען די אַזוינע און אַזוינע אויף דער יידישער גאַס".

און נאָך מער. אַ סך יידישע שרייבער און קולטור־טוער זיינען אין נאַיוון גלויבן, אַז אַ קולטור־דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין מוסטער ערגעץ „ביי לייטן", איז בכלל קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט. עפּעס אַזוינס איז מען ביי אונדז מבטל פשוט און גרינג: „וואָס זאָגט איר צו אָט דער באַרדיטשעווער פילאָסאָפיע", אָדער „באַרדיטשעווער געדאַנקען", „באַרדיטשעווער אידעען"... און פאַרטיק. מער מבטל זיין ווי מיט דעם עפּיטעט „באַרדיטשעווער" איז שוין נישט שייך. רעדט איר אין נאָמען פון שניפּישאָק, — זייט

איר מער ווי א שמייכל נישט ווערט... און ווילט איר אָט אייער שני־פּישאָקער, באַרדיטשעווער גנאָנק ראַטעווען פון דעם ביטול, דע־מאָלט בלייבט אייך נאָר איין סגולה: לויפט און זוכט אויס א מוס־טער ביי לייטן.*)

אָבער אזא ליטעראַטור קאָן בשום אופן נישט אויספירן איר אויפגאַבע — זי קאָן נישט זיין — „די נשמה פון פאָלקס לעבן".

כדי צו זיין אַ שרייבער, דאַרף מען פאַרמאָגן טאַלאַנט. כדי אָבער צו פאַרמאָגן אידעען, מוז מען האָבן נאָך עפּעס. ביי לייטן רופט מען עס אינטואיציע, ביי אונדז — „גלוי השכינה". כדי א שריי־בער זאָל זוכה זיין צו „גלוי השכינה", מוז ער פאַרמאָגן א נשמה פון דעם... אוצר הנשמות", ווי די לעגענדע רופט עס אָן, זי דאַרף זיין ארויסגעשעפּט פון דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם „אוצר", ווי די גענעראַטיווע געוועבן פון קערפּער, וואָס ווערן קיינמאָל נישט אַלט. נשמות, וואָס זיינען גילגולים פון ערגעץ אַנדערש, קענען זיין זייער פּרוכטבאַר, פלינק, ווירטואָזן ממש. אָבער קיין אידעען פון פאָלקס־לעבן, דאָס זאָלט איר ביי זיי נישט זוכן.

---

*) נישט אומזיסט האָט אמאָל אַן „אייראָפּעישער" קריטיקער ביי אונדז (איצט א העברעישער) ווילנדיק א שטאָך טאָן ביאַליקן נאָכן טויט — א זאָג געטאָן: „ביאַליק איז א מגיד, שלום עליכם — א בדחן"... ווי איר זעט: א פּאַטעפּאַלנאָסט פון א יידישן גזלן: אָוועקגעהרגעט אזש צוויי יידישע שרייבער מיט איין וואָרט. און דער עולם ביאַליק פאַרערער האָט געבלוטיקט פון כעס: אַזאַ אומ־כבוד ביאַליקן!... און נישט דער אָרעמער קריטיקער, נעבעך, נישט זיינע קעגנער האָבן נישט באַגריפן אז אין די עפּיטעטן ליגט דער גרעסטער לויב: די צוויי „געזידלטע" שרייבער האָבן דעם יידישן ליטעראַרישן פּרימיטיוו דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון קונסט. יאָ, הלוואי זאָלן מיר אין גיכן האָבן די מעגלעכקייט צו זאָגן אויף א יידישן שרייבער, למשל, אז ער איז דער יורש פון דעם דובנער מגיד, למשל.

מעגלעך, איך גלייב אין דעם זיכער, אז דאָ ליגט אויך די סיבה, פארוואָס די יידישע ליטעראטור דארף זיך באקלאָגן אויף מערכה ביי יידן... גאנץ מעגלעך, אז ווען די ליטעראטור אונדזערע וואָלט געווען רייכער מיט אידעען פון יידישן לעבן, וואָלט עס אפשר דעם יידן מער געצויגן צו איר, וואָלט אים געווען גרינגער צו לעבן מיט דער ליטעראטור.

די ליטעראטור מוז קומען צו איר אידעע. אָן דעם האָט זי בפירוש נישט קיין זכות הקיום. סתם אָפּהיטן רייכע ליטעראטור־אוצרות, אוצרות פון סתם־ליטעראטור, פון ליטעראטור, וואָס איז נישט אזוי ענג, נשמהדיק פארבונדן מיט די אידעען פון אונדזער לעבן, — אָפּהיטן אזוינע ליטעראטורן קאָנען מיר נישט. מיר האָבן עס קיינמאָל נישט געטאָן און אפשר דארפן מיר עס גאָרנישט אויך ווייטער. מיר האָבן קיינמאָל נישט געזאמלט קיין „נאציאָנאלע גיטער" נישט פון גאָלד און שטיין, נישט פון פּאַפּיר און טינט, און הלוואי זאָל אויך ווייטער אונדזער קיום נישט זיין פארבונדן מיט גשמייתדיקע נאציאָנאלע גיטער. הלוואי אויך ווייטער — „לא תעשה לך כל פסל". אויב יאָ ליטעראטור, איז דאָס בלויז די, וואָס באַהאַלט אונדזערע אידעען. און אזא מוזן מיר איצט האָבן.

די אבות פון דער יידישער ליטעראטור (קלאסיקער בלע"ז) האָבן אונדז געגעבן די אידעע פון יידישקייט.

— און וואָס איז עס וויכטיק?

— זייער וויכטיק, ווייל זיין א ייד הייסט זיך באהעפטן גייסטיק צום כלל ייד, צום „אלגעמיינעם טיילער" פון יידן־פאָלק אין זיין נעכטן און היינט.

—און ווי אזוי איז עס מעגלעך? ווי אזוי באהעפט מען זיך צו א פאָלק אָן מעטאפיזיק און אָן שאָוויניסטישער קוויטש־פראזע? ניין. דאָס איז בכלל נישט מעגלעך. מען קאָן בלויז ארייַנלעבן אין זיך, אסימילירן אין זיך די אידעע פון פאָלק. און דורך איר איז מען באהעפט צום גאנצן כלל פאָלק מיט לייב און נשמה און נישט מיט שאָוויניסטישער דעקלאמאציע. און די אידעע פון פאָלקס־לעבן קאָן

מען נעמען אָדער פון לעבן אליין, ווען עס איז גאַנץ, אָדער — פון דער ליטעראַטור. אָט דאָ ליגט די וויכטיקייט פון דער אידעען־דריינער ליטעראַטור.

יעטווידער ריכטונג, ווי נאַציאָנאַל זי זאָל נישט זיין, לייקנט זי אָבער אין דער מצווה פון ודבקת בה בנוגע צו דער יידישער ליטעראַטור, יעטווידער ריכטונג אזא פירט נישט צו יידישקייט. דאָס איז דער „אלף" און „תיו" פון דעם נאַציאָנאַלן קולטור־אמת.

און ווען איז עס געערדט געוואָרן, — ווען די ליטעראַטור פאַרמאָגט אָט די אידעע פון פאָלקס־קיום.

אין די אידעע פון אונדזער נעכטן האָבן מיר אין דער ליטעראַטור אונדזערער. וואָס איז אָבער מיט דער אידעע פון אונדזער מאָרגן? דאָ שטייט דערוויל די יידישע ליטעראַטור ביי א גרויסן פרעג־צייכן. נאָך מער, די ליטעראַטור אנטלויפט פון דער גאַנצער פראַגע בכלל. און די אידעע קאָן אונדז געבן בלויז די קונסט פאָליטישע אידעאָלאָגיעס, אידעאַלן קאָן מען צוטראַכטן פאַרשידענע, אַלערליי, אָבער א אידעע קאָן זיין בלויז איינע. ביים שכל, ביים ראַציאָ קאָן מען באַשטעלן געדאַנקען, אידעאַלן. אָבער די אידעע, וואָס איז דער דורכשניט פון אַלע אידעען און ריכטונגען, דעם אמת פון מאָרגן, — דאָס קאָנען מיר וואַרטן בלויז פון דער ליטעראַטור, פון קונסט, ווייל דאָ און נאָר דאָ איז „רוח הקודש".

און אָט אויף דעם וואַרטן מיר פון דער יידישער ליטעראַטור. אָן דעם וועט די יידישע ליטעראַטור זיין אָרעם אפילו ווען עס וועלן זיין ביכער אָן א שיעור.

און אָט די פראַגע פון א אידעע אויף ווייטער איז לגמרי נישט קיין ענין פאַר די „קולטור־מענטשן" בלויז. עס איז א פראַגע פון קיום, פון זיין אָדער נישט זיין. און אָט פאַרוואָס:

עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אז עס איז די יידישע לאַגע אין א סך לענדער געוואָרן ערגער, ווייל מען האָט אַנטדעקט, אז מיר יידן, ווי א פאָלק האָבן נישט קיין כוח. מיט יאָרן צוריק האָט מען נאָך געגלויבט אין כוח פון דעם „אַנאָנימען" וועלט־יידנטום און

מען האָט מער אָדער ווייניקער דרך־ארץ געהאַט, פריינט און שונאים. „עס לוינט זיך מיט זיי נישט אָנצוהייבן". אָדער פארקערט: „עס לוינט זיך זיי האָבן אויף אונדזער צד". ביז — געוואַגטע לייט האָבן דערקענט, אַז אייגנטלעך האָבן מיר גאָר קיין כוח נישט. און פאַר־וואָס? נישט ווייל עס האָבן אונדז אויסגעפעלט הארמאטן און הארמאטן־פלייש. דאָס האָבן מיר דאָך קיינמאָל נישט געהאַט. און דאָך זיינען מיר שוואכער געוואָרן. אונדזער שטאַרקייט אָדער שוואכקייט איז געווען און איז געבליבן פון אַ מאָראַלישן כאראקטער. דורך דעם האָבן מיר געקאָנט האָבן אַ השפעה.

און אונדזער מאָראַלישער ענטפער דעם נאַציזם, איז אויסגע־רונען נישט צוליב דרויסנדיקע סיבות. ניין און ניין! עס איז בכלל אַ טעות צו מיינען, אַז אַ פאָלק, אַ געזעלשאַפט איז עפּעס סתם אַ „נייטראַלע" סביבה פאַר דרויסנדיקע פאַקטאָרן. די סיבה פון אונ־דזער שוואכקייט ווי אַ קאָלעקטיוו, איז געלעגן און ליגט אין דער מאָראַלישער שוואכקייט פון אָט דעם קאָלעקטיוו. עס האָט אויסגע־פילט אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון כלל, אַ מין „יהרג ולא יעבר", איז געקומען די דיאַלעקטיק און געדרייט אהער, אהין... עס האָבן אונדז אין נייטיקן מאָמענט פאַרפעלט די אידעען פון יידישן כלל אויף היינט און אויף מאָרגן. אידעאַלן, פּראָגראַמען, ריכטונגען, אידעאָלאָגיעס — וויפל איר ווילט און נאָך מער. אָבער די איין און איינציקע אידעע, וואָס פאַרבינדט זיי אַלע צו איין מאָראַלישן יסוד, צו דעם „אחד" פון פאָלק, אָט דאָס פעלט אונדז ביז היינטיקן טאָג. און אָט די אידעע קאָן געזכוירן בלויז אין דער ליטעראַטור. דורך דעם ווערט די ליטעראַטור — אַ תורה. און די אידעע קאָן איינגעפלאַנצט ווערן ווידער אמאָל דורך דער ליטעראַטור. און אָט אַזאַ ליטעראַ־טור ווערט די „תורת חיים" פון פאָלק זי צעמענטירט די יחידים, זי פאַרבינדט זיי אין איין קראַנץ מיט דעם אידעישן פאַדעם. זי באַ־העפט דעם יחיד צום כלל, צו דער נשמה פון פאָלק, צו זיין עבר און צו זיין קיום און עתיד.

אָט אויף דער אידעע וואַרטן מיר, נאָך מער — זי איז ערגעץ

דאָ, אַט די אידעע אין אונדזער לעבן, זי איז פאַרבאָרגן אין די ווינקעלעך, פאַרשאָטן מיט אש, אָבער זי איז פאַראַן. דער ייִדישער משיח ליגט אייביקע צייטן געבונדן און געפּענטעט אין די מדבריות פון אונדזער לעבן די אידעע פון אונדזער קיום ליגט מיט אים צו־זאַמען און מיר בלאָנדזשען פאַרביי, ווייל מיר זוכן פאַרביי, דערנע־בן.

מיר האָבן זיך נישט אויסגעלערנט זוכן אין זיך, אין אונדז.

די געבענטשטע „בעלי קבלה" פון אונדזער ליטעראַטור וועלן אונדז דאָך די אידעע ברענגען, און דעמאָלט וועט די ליטעראַטור זיין אונדזער תורה. און זי וועט דעמאָלט שטאַרק זיין, און אונדזער לעבן וועט שטאַרק זיין מיט אונדזער תורה.

אַלע טאָג אָדער בלויז יום־טוב

קודם כל, — יובלס און יאָרצייטן פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע שרייבער זיינען נישט מיינע יום־טובים. די פּערזאָן פון שרייבער און זיין פּערזענלעך לעבן, זיין כראָנאָלאָגיע, זיין רייכקייט און אָרימקייט, זיינע פריינד און קרובים גייען מיר נישט אָן מער ווי די ביאָגראַפיע פון יעטווידער אנדער מענטשן. די פּערזאָן פון שלום נחום ראַבינאָוויטש, וואָס רופט זיך „שלום עליכם", וואָס איז געבאָרן געוואָרן דאָרטן און דאָרטן און איז געשטאָרבן דעמאָלט און דאָרטן און געלאָזן, זיי צו לענגערע יאָר, א פרוי מיט קינדער, — דאָס אַלץ זיינען פריוואטע אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן צו מיר קיין שייכות נישט און איך האָב צו זיי קיין שום אינטערעס נישט. מיין באַציונג איז צו דעם קאָמפּלעקס יידישע ליטעראַטור, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שלום עליכם". פאַר מיר איז שלום עליכם בלויז א מסיכתא אין דעם גאַנצן ש"ס פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור. מער נישט. און נאָך מער: נישט די אכט און צוואַנציק בענדער „שריפטן" וואָס מען קויפט, כדי זיי זאָלן שטיין אין שאַפע מיט די שיינע רוקנס צום שטוב. ניין. דאָס איז דער גוף פון דער מסיכתא שלום עליכם. פאַר מיר איז וויכטיק די נשמה. דאָס הייסט: איך בין אויסן די קולטור־השפּעות וואָס די שריפטן שלום עליכם האָבן ביי אונדז אין לעבן, ווי אזוי די תורה זיינע ווירקט אין לעבן, אויף וויפל יידן, יונגע און אַלטע, לייענען אים, לערנען זיך פון זיינע ווערק, דערמאָנען זיך אין זיין שרייבן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אויף וויפל יידן לערנען אים, לערנען זיך פון אים, טייטשן אים אויס. מסיכתא שלום עליכם — ווי א פּירוש צום לעבן, דאָס לעבן ווי א אילוסטראַציע צו שלום עליכמען. אָט איז מיין באַציונג צו א יידישן שרייבער.

זיינען די דאטעס אין שרייבערס לעבן פאַר מיר קיין יום־טוב נישט. וואָלט פאר מיר געווען א יום־טוב, ווען למשל (לאָמיר ריידן מיט אלטע ווערטער) א חברה שלום עליכם, וואָס לערנט אלע אָוונט א בלאט שלום־עליכם, וואָלט געמאכט א „סיום המסיכתא"; ווען א עדה יידן האלט אוים א טרופע שפילער, וואָס שפילן א גאנצן סע־זאָן שלום עליכמס פיעסן; ווען א פערטל, לכל הפחות, פון דער יידישער יוגנט אין שטאָט דערציט זיך אויף דער יידישער חכמה און צער, פרייד און טרויער, וואָס איז אזוי אָנגעזאמלט אין די ספ־רים שלום עליכם. אָט דאָס וואָלט געווען אן אמתער יום־טוב שלום עליכמס.

נעמען און דערמאָנען זיך א דאטע פון שרייבערס לעבן און יום־טובן אים הייסט, לויט מיין מיינונג, האלטן טייער די פאס, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן דעם ווייַן, וואָס אין פאס. דאָס איז, לויט מיין טיפן גלויבן, צו פארוואנדלען די פערזאָן פון שרייבער אין א געץ, דאָס הייסט, פארלאָזן די נשמה, דעם אינהאלט, די תורה, און פאר־מאַרענירן אין זכרון פון פאָלק דאָס געשטאַרבענע לייב פון שריי־בער. היטן דעם געבורטס־טאָג און דעם יאָרצייט — דאָס איז אן עסק פאר דער משפחה, די יורשים פון לייב. מיר, דאָס פאָלק, האָבן נישט קיין חלק אין שרייבערס לייב. אונדז געהערט זיין נשמה, זיין גייסט, זיינע שאפונגען און בלויז דאָס דארף אונדז אינטערעסירן.

מען וועט זאָגן: עס איז נייטיק צו וויסן דעם שרייבערס ביאָגרא־פיע, זיין לעבן, כדי צו פארשטיין זיין שאפן. דאָס איז ריכטיק פאר די ביאָגראפן, פאר די ביבליאָגראפן, פאר די פאָרשער פון דעם שריי־בער, פאר די געשיכטע־פאָרשער, אָבער עס איז 'לגמרי איבעריק פאר אונדז לייענער. דען אונדז איז לגמרי נישט וויכטיק צו וויסן, וואָס פאר א כוונות דער שרייבער האט אריינגעלייגט אין זיין שריפט. פאר אונדז איז וויכטיק, ווי מיר טייטשן אריין די שריפט אין אונדזער לעבן, וואָס פאר א כוונות מיר לייגן אריין אין די ווערק. עס איז נאָך מער נישט ריכטיק צו נעמען א שרייבער און פון אים מאכן א פארוויילונג פאר מענטשן, וואָס זיינען ווייט פון אים און פון זיין נשמה.

און עס ווילט זיך איבערפראַזירן ווערטער פון א יידישן נביא:
„זעטיקט איר זיך אָן מיט אל דאָס פרעמדס און קומט אהער, צום יידישן וואָרט, זיך אויסלאכן פון דעם בייסיקן הומאָר פון פאָלקס־גאון... ווערט זיין גאַליקע הארציקייט ביי אייך צו א פלאכן וויץ, וואָס קיצלט אייער פלאכן לאך־אפּאראַט... דען דעם שרייבערס וויטיקדיקן שמייכל באַנעמט איר נישט, וויל איר האָט שוין אייער יידישע נשמה פארקויפט אויף ברוך פאר א ספקדיקן טאָפּ לינדזן, וואָס וועט מאָרגן אייך לאָזן הונגעריק און איר וועט שוין נישט האָבן וואָס צו פארקויפן"...

אָט אזוי וואָלט היינטיקע ציימן געדאַרפט א נביא ריידן צו די יידן, וואָס פראַוועו נאָך א יובל צו א יאָרצייט פון א יידישן שרייבער. צו אנדערע וואָס טוען שוין דאָס אויך נישט, וואָלט שוין א נביא פארשפּאָרט צו ריידן, צו זיי קען ריידן בלויז — א המן. בכל אופן נישט קיין ייד...

איך ווייס אפילו פון וואַנען און פון וועמען מיר האָבן גענומען די יובלס־ און יאָרצייט־יידישקייט: עס זיינען צוויי דרכים געגעבן געוואָרן — אָדער: א) אין מיינע וועגן זאָלט איר גיין און מיינע געדאַנקען זאָלט איר היטן. מיך אליין מעגט איר פארגעסן.

ב) אָדער דער צווייטער וועג: איר זאָלט עסן דעם סימבאָל פון זיין פלייש און טרינקען דעם סימבאָל פון זיין בלוט, און הייליק האַלטן דעם אנדענק פון זיין לייבס געבאָרן ווערן און שטאַרבן...

צוויי וועגן זיינען דאָס פון צוויי באַזונדערע גייסטיקע וועלטן, וואָס וועלן זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט צונויפקומען, צוויי שטראָמען וואָס וועלן קיינמאָל זיך נישט צונויפגיסן. דאָס זיינען צוויי בערג — סיני און אָלימפּ און קיינמאָל וועלן אָט די צוויי בערג נישט צונויפגיסן זיך. און א פאָלק וואַקלט זיך צווישן די צוויי בערג. פון איינעם ווערט עס תמיד צוריקגעשליידערט, צוריקגעוואָרפן: ציט אים צום באַרג, רייסט זיך דאָס פאָלק צום באַרג. אָט־אָט־אָט, שוין אויבן און שוין וואַרפט עס אים צוריק. און פון צווייטן באַרג האַלט דאָס פאָלק אין איין אנטלויפן, לויפט, לויפט און קען נישט אנטלויפן.

איז דער יובל־יום־טוב צו אונדז פון א פרעמדן בארג געבראכט געוואָרן.

איז דאָס איינס. און איצט צו דער „מסיכתא" שלום עליכם. „נישטאָ קיין זאך וואָס איז נישט אָנגעדייט אין דער תורה". אזוי זאָגט די גמרא אויף דער אלטער תורה. — נישטאָ קיין ייד, קיין יידישער שטריך, קיין יידישע איבערלעבונג, וואָס איז נישט אָנגע־דייט אין שלום עליכמס ווערק.

יידן, יידן, יידן, אָן א שיעור יידן ציען זיך פון די שורות, פון די בלעטער, יידן כלערליי, יידן פון יידנלאנד, יידן פון א גאנץ יאָר, יידן פון יעטווידער טאָג און פון יעטווידער יום־טוב — א גאנץ פאָלק מיט יידן ליגט פלאסטיש אויסגעפורעמט אין דער „מסיכתא" שלום עליכם. און אלעמען באגלייט דער ליבער גוטער שמייכל פון דעם שעפער. זיין הארציקער געלעכטער און שארפער נאָדלשטאָך.

ווילסטו קענען א מענטשן — גיי אין זיין שטאָט, ווילסטו קע־נען יידן — לערן שלום עליכמען. נישטאָ קיין ייד, וואָס שלום עליכם זאָל אים אויסלאָזן. נעמט א מענטשן און זעצט אים אוועק איינזאם אויף אן אינדזל מיט שלום עליכמען — און ער וועט אויסלערנען, קענען לערנען יידן, דאָס יידישע פאָלק. ווילט איר צובינדן א קינד צו יידן, צום יידישן פאָלק, בינדט אים צו הארציק צו שלום עליכמס ווערק. מען זאָגט אָפט, אז כדי די יוגנט אין ארץ ישראל, אין אמע־ריקע זאָל זיין נענטער צו יידן דארף מען זיי שיקן אין די יידישע צענטערן פון איירָאָפּע. — פאלש. מען קען לעבן צווישן מיליאָנען יידן און זיי נישט זען — ווען די אויגן פון דער נשמה זיינען גע־ווענדט ערגעץ אנדערשוווּ. מען קען פארקערט לעבן ערגעץ ביים צפון פאָל, מען קען זיצן אין קאסרילעווקע און זיין אין דער היים ביי די פלישתים, — מיר זעען די וועלט ארום מיט אונדזערע אויגן, דורך אונדזערע גייסטיקע ברילן. ווען איר, ווען אייערע קינדער וואָלטן זיך ארייננגעלעבט אין שלום עליכמס ווערק, — וואָלט די גאנצע וועלט אין אייך און במילא אויך ארום אייך געוואָרן יידיש. יידן זיינען תמיד געווען יידן דורך דער תורה. א גרויסער טייל פון אונדזער היינטיקער יידישער תורה איז די „מסיכתא" שלום עלי־

כם. אריינגעלעבט זיך אין שלום עליכמס ווערק, — ווערט מען אויך אריינגעלעבט אין יידישן פאָלק, אָרגאניש אריינגעלעבט, נישט פאַר־אַניטירט צו זיין א ייד. מיט די פיזישע אויגן, מיט דעם פיזישן הארץ קען א מענטש ארומנעמען א קליינע צאָל מענטשן, א קליי־נעם שטח, א קליינעם טייל יידן. דורך שלום עליכמס ווערק ווערט איר אריינגעפלאָכטן אינגאנצן אין דעם גאנצן יידישן פאָלק, דורך שלום עליכמען קענט איר באנעמען דעם גאנצן פאָלק מיט אמאָל.

נאָך ווייטער. די תורה האָט תמיד פארבונדן אלע געאָגראפיש־צו־שפּרייטע יידישע קיבוצים. אין קאָרדאָווע, אין אווינאָן, אין ווענע־ציע, אין לובלין, אין ווייטן קיעוו, אין וואָרמייזע, מאגענציע און פּראג. איין יידיש פאָלק, ווייל איינע און די זעלביקע תורה. און „תורה" איז ביי יידן תמיד געווען נישט דאָס, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן גאָר אמאָל, פארצייטן. ניין. האָבן די תלמודיסטן געהיטן לערנען די שאפונגען פון זייער צייט, די תורה פון זייערע דורות. האָבן אויך די גאונים פון בבל געוואָרנט נישט צו לערנען צופיל די גאָר פארצייטיקע תורה. האָט די גאנצע יידישע טראַדיציע תמיד דעם גרעסטן כבוד געהאט פאר תנ"ך, אָבער געלערנט האָט מען דעם תלמוד און די „אחרונים". דען, קלאָר — די תורה פון אמאָ־ליקע דורות קען נישט צענויפצעמענטירן די הײַנטיקע יידן. און וואָס קען נאָך אזוי צעמענטירן יידן פון גאָר דער וועלט, פארבינדן זיי אין איין פאָלק, ווי די „תורה", די יידישקייט וואָס איז איינגע־וועבט אין די שריפטן פון שלום עליכם? יידן אין רוסלאנד, אין פּוילן, אין אמעריקע, אין ארץ ישראל און אומעטום קענען דאָ אין שלום עליכמס ווערק געפינען זייערע אלעמענס אלגעמיינע געפילן, אי־בערלעבונגען, סימפּאטיעס, זייער „איך", זייער גייסטיקע היים און אָפּשטאם.

איז שלום עליכם א יסוד פון אונדזער יידישקייט, און קלאָר פאר מיר: יעטווידער יחיד אָדער גרופּע, וואָס וויל זיך אָפּזאָגן פון שלום עליכמען, ווייל זיך אָפּן אָדער פארשטעלט, אָפּגרעניצן פון יידישן פאָלק. מיט דעם אָפּזאָגן זיך פון שלום עליכמען זאָגן זיי דייטלאָך: „מיר ווילן נישט האָבן קיין חלק און קיין נחלה אין פאָלק ישראל".

די וואָס קומען און לייקענען אין דער „תורה שבפאָלק״ פון היינט, די וואָס זאָגן, אַז זיי האַלטן הייליק די תורה פון פּאַרציטן, אָבער נישט די תורה שבעל פּה״ פון היינטיקן פאָלק — אָט די אַלע זיינען נישט מערער יידן ווי די וואָס פלעגן פּאַרצייטן האַלטן פון דער אַמאָליקער „תורה שבכתב און לייקענען די תורה „שבעל פּה״ פון זייערע צייטן, פון זייער דור... יעטווידער דור און זיין תורה... און דער סימן? עס איז פול, עס אָטעמט מיט יידן, מיט יידישעם. יעטווידער דור האָט זיינע לייקענער, זיינע „כופרים״, זיינע „צדוקים״, וואָס ווילן אַ מאַרינירטע יידישקייט, אַ יידישקייט, וואָס ליגט אַ טרוקענע, איינ־געוויקלט אין די בלעטער פון ביכער. האָט אונדזער דור אויך אַזוינע צדוקים, קאַראַאימער, מינים, וואָס שפּרינגען קדוש אַרום אַ פּאַר־שלאָסענער שאַפע מיט גאָלדענע ירושה־צירונג, כדי זיי זאָלן זיך מאַכן רעכט צו לייקענען אין דער „תורה, וואָס אין די מיילער״, וואָס איז געבאָרן און אויסגעוואָקסן אין די מיילער פון פאָלק.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן: איך בין חושד אַז אַ סך פון די, וואָס קומען יום־טובן דעם געבורטס־יובל פון שלום עליכם, — אַ סך פון זיי ווילן אויך אָט די מסיכתא פון דער יידישער קולטור־תורה פאַר־שלעפּן אין אַ יום טוב שאַפע און אַרויסנעמען זי פון די „וואָכעדיקע״ צימערן, ווו מען לעבט און מען אַרבעט אַ גאַנץ לעבן.

וואָלט אַזאַ שלום עליכם געווען ביי אַנדערע פעלקער, וואָלטן אויף שיינע פּלעצער אין גרויסע שטעט געשטאַנען פון שטיין אויסגעהאַק־טע דענקמעלער מיט אויסגעגאָסענע בראָנזענע פיגורן פון זיינע העלדן צופּוסנס פון שרייבערס פיגור. און איך דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאָס נישט. אַ דענקמאָל דאַרף מען שטעלן פאַר דעם, וואָס איז שוין נישטאָ, וואָס איז אַוועק מער נישט צו קומען, וואָס איז גע־שטאָרבן. פאַר מיר אָבער, איז תוך אַריין, זיינען אָט די „העלדן״ שלום עליכמס נישט געשטאָרבן, ווייל זיי זיינען דאָך אייגנטלעך — מיר אַליין.

כל זמן מיר לעבן, לעבן אין אונדז, אין אונדזערע מעשים, אין אונדזערע פּירונגען אָט די אַלע „קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות״, אַלע אונדזערע קאַסרילעווקער גוטע פריינד. עס לעבט נאָך

ערגעץ־וואו דער אַלטער קאַסרילעווקער הייליקער רב רב יוזפל, וואָס כאַפּט פּעטש און בויט „מושב זקנימס" און בענקט נאָך אַלץ „אהיים". עס לעבן די „בלאָנדזשענדע שטערן". עס לעבט אין אונדז, מיט אונדז, אונדזער אַלטער באַקאַנטער מנחם־מענדל. ווער ווייסט מיט וואָס ער „האַנדלט" איצט. אפשר בויט ער זיך „היימען", הייזער, ברייזער אין אַמעריקע, אפשר האָט ער זיך פאַרנומען נישט מיט זיך, נאָר מיטן גאַנצן פאָלק און האַנדלט מציאות,, בויט פּאַלאַצן פאַרן פאָלק ישראל, קלאַפּט דעפּעשן און שרייבט בריוועלאַך, קויפט אַק־ציעס, האַנדלט דעקלאַראַציעס, בויט פּלענער און ראַטעוועט דאָס פאָלק ישראל... לעבט דאָך צווישן אונדז אונדזער בעסטער גוטער פריינד, דער אַלט־געוואָרענער אייביק צרהדיקער און אייביק מונטע־רער טוביה מיט זיין אייביקן „לך לך", מיט זיינע אייביקע קינדער וואָס האַלטן תמיד אין ראַטעווען די וועלט, וואָס טרינקען זיך פאַר צרות און אַנטוישונג, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר געלט, וואָס אַנטלויפן פון טאַטע ־ מאַמע צום גוי און וואָס קערן זיך אום צום טאַטן בשעת מען הייבט אים אָן צו טרייבן...

און ערגעץ איבער די טומלדיקע גאַסן פון אַ ניו־יאָרק שפּאַצירט אַרום די הענט אין די קעשענעס דער פלאַך געוואָרענער מאָטל פּייסים, מאַכט אַ לעבן, קנאַקט קערלאַך און גייט אין די מוווים.

אָט איז דאָס גאַנצע געזינדל, אָט זיינען זיי אַלע — און נישט זיי, נאָר מיר אַלע, מיר, מיר. צו וואָס דאַרפן מיר דענקמעלער פון שטיין, אַז מיר אַליין, מיר אַלע זיינען לעבעדיקע דענקמעלער. ניין! נאָך מער — אַז אָט די אַלע העלדן זיינען לגמרי נישט געשטאָרבן, זיי זיינען בלויז מגולגל געוואָרן אין אונדז און לעבן מיט אונדז, אין אונדז. אָט דאָס איז אַ יידישע תורה.

און שטעלן מיר איינעם אַנטקעגן די אַנדערע — דעם שלום ראַבינאָוויטש פון פּערעיאַסלאַוו מיט זיינע עטלעכע העלדן, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן, און וואָס איך וועל דאָ אָנרופן מיט איין כוללדיקן נאָמען „שלום עליכם", — איז ווער איז וויכטיקער, ווער איז אייביקער, ווער איז יידישער?

פאַר מיר איז עס קיין פראַגע נישט: דער שלום ראַבינאָוויטש גע־

הערט זיין משפחה, — שלום עליכם אָבער געהערט דעם גאנצן פאָלק.

— אין וועמעס זכות?

— אין זכות פון די העלדן, וואָס ער האָט זוכה געווען אונדז צו געבן זייער בילד. — זיי זיינען די אייביקע אין יידישקייט, ער איז אן עפּיזאָד, פון דאנען ביז דאנען. זיי זיינען די פארקערפּערטע יידישקייט וואָס וואנדערט איבער וועלטן, און וואנדלט זיך איבער דורך דורות, פּושט צורה ולובש צורה, איטלעך מאָל אין אן אנדער געשטאלט אין אן אנדער גילגול. דור דור — און זיין געשטאלט פון אייביקער יידישקייט. און שלום נחום ווערוויקס פון פּערעיאסלאוו האָט דאָס זוכה געווען אונדז צו געבן אָט די געשטאלט און אין דער געשטאלט געפינען מיר מער יידישקייט, מער אהבת ישראל איידער אין איוב־ספר פון אמאָל. זאָגן מיר טאקע, אז אָט דער נייער איוב איז יידישער איז ער בכן הייליקער פון דעם אמאָליקן, הייליקער — ווייל יידישער, ווייל מער אהבת ישראל, ווייל מער שכינת ישראל איז דאָ פאראן.

ווי נישטיק, אָרעם זיינען די יידן וואָס האָבן זיך נישט אריינגעוועבט מיט זייער גייסט צווישן די יידן!

ווי פארברעכעריש, רוצחיש עס זיינען די עלטערן און די „דערציער" פון יידן וואָס מיידן אויס אָט די קוואלן יידישקייט פון זייערע תלמידים!

אומגליקלעך פאָלק, וואָס אזוינס איז מיגלעך ביי אים!

וואָלט מען געדארפט גוזר זיין:

— א פארשאָלטענער צדוקי און מין איז דער וואָס לייקנט אין דער הייליקייט פון די נייע כתבים פון פאָלק, און וויל זיי נישט אריינעמען אין די „כתבי הקודש פון דער אומה". דער לייקענער היינט איז נישט ווייניקער גוי ווי דער כופר פון אמאָל. ביידע זיינען זיי „פּושעי ברוח ישראל" און ווי דער פארצייטיקער צדוקי, אזוי איז אויך דער היינטיקער לייקענער — זייער דין — כרת: אָפּגעשניטן פון פאָלק ישראל און אָנים מיט זייער יידישקייט.

איז דאָך אָט די גאנצע קדושת העם נישט אין דעם מענטשן שלום ראבינאָוויטש, נאָר אין די ספרים. זיי זיינען אונדזער יום טוב, נישט דער שרייבער, נישט זיינע געבוירן־טעג, נישט זיינע יאָרצייטן.

וואָס מיר געבורטס־טעג און יאָרצייטן פון געשטאָרבענע שרייבער, אז דאָ איז לגמרי נישט שייך צו זאָגן „געשטאָרבן״? וואָס גייען מיר אָן דאַטעס און יובלס פון פּערזאָנען, אז זייערע ווערק לעבן מיט אונדז? און תמיד האָב איך מורא, טאָמער קומט דער „פּאַראַד״ עפּעס צו פאַרבייטן אין מיר: א שטיינערנע מצבה אָנשטאָט דעם לעבעדיקן שרייבער. דער „פּייערדיקער״ יום־טוב — צי מיינט ער נישט קיין געזעגענען זיך מיט דעם שרייבער; דאָס ארויפטראָגן דעם נאָמען אויפן „יאָרצייט־צעטל״ —צי מיינט דאָס נישט איינצייטיק זיך דערווייטערן פון די טיפן, אוועקגיין — להבדיל בין החיים והמתים. — פאַר א לעבעדיקן ברודער, וואָס מען האָט זיך מיט אים קיינמאָל נישט געזעגנט, — פאַר אזאַ מאַכט מען דאָך נישט קיין יום־טובים...

וויל איך נישט קיין יום טובדיקן שלום עליכמען — א וואָכעדיקן וויל איך, א שלום־עליכם אויף אַלע טעג, אויף א גאַנץ יאָר.

און נאָך איין זאַך: מאַכט נישט פון שלום עליכמען קיין ליטעראַטור. שלום עליכם און נאָך עטלעכע יידישע שרייבער זיינען נישט קיין ליטעראַטור און דאַרפן נישט זיין קיין ליטעראַטור. ליטעראַטור איז צום פאַרוויילן דעם לייענער. עס מאַכט נישט אויס צי דער שרייבער איז איינער פון די באַדינער אין פּירשטלעכן הויף און זיינע ערשטע לייענער אָדער צוהערער זיינען דער „גרויסער״ פּירשט און זיינע מקורבים. אָדער עס קען דער שרייבער זיין דער אָפּגאָט פון די מאַסן וואָס צעצוקערן די ציימונג מיט זיינע שריפטן, — צי אזוי, צי אנדערש, איז דער שרייבער א ליטעראַט. ער פּראָדוצירט „ליטעראַטור״ פאַרן געברויך פון די קאָנסומענטן, די קויפער. עס איז סחורה אין מאַרק אריין. א סחורה נוצט מען אויס און מער דאַרף מען זי נישט. א בגד — ארויס פון מאָדע און ארויסגעוואָרפן, גומי — צעקייט, צעקייט און אויסגעשפּיגן, א ציגאַרעט אויסגערויכערט און אוועקגעוואָרפן, א סינעמאַ־בילד געזען און אוועק שלאָפן. אזוי אויך מיט ליטעראַטור: איבערגעלייענט און — אין פּאַק־פּאַפּיר. אָט איז דער וועג פון ליטעראַטור־פּראָדוקציע און קאָנסעקווענטע אויסגעהאַלטענע פּראָדוצירער, ראַציאָנאַלע מענטשן אָן סענטימענטן און ראָמאַנטישע נאָכשלעפּעניש — זיי גייען קלאָר און באַוווסטזיניק אויפן וועג. אָט

זיינען פאַר אונדז מאַכן „געברוּיבער". זיי דאַרפן זיך „אַביסל אַרויס־שלאָגן", אָפּרוען, פאַרווײַלן זיך, פאַרברענגען אַ ביסל מיט אַ בוך, זיי וועלן אַ קאַפּעטשקע טרוימען, פאַרגעסן זיך, לאַכן אַ ביסעלע. — אָט וועלן מיר עס פּראָדוצירן. וועלן מיר מאַכן אַ גרויסן „טראַסט", אַ „קאָמפּאַני" און מיר וועלן שאַפן. אַ מאָדע־געטראַנק, וואָס זאָל קיצלען די צונג און גומען און עולם זאָל שמאַקעווען. און פּונקט אַזוי וועלן מיר פּראָדוצירן אַ גייסטיקן ליטעראַטור־געטראַנק, וואָס זאָל קיצלען אַ ביסעלע דעם יצר־הרע, אַ ביסעלע יענעם יצר־הרע — קנאַפּ יצר־הרעס זיינען פאַראַן אין מענטשן? אָט איז דער וועג פון ליטע־ראַטור ביי היינטיקע טעג אויף דער גאַרער וועלט. און איך וויל נישט קיין יידישע ליטעראַטור. פאַר מיר איז נייטיק — אַ תורה; ספרים דאַרפן מיר צום לערנען, צום אייביקן זוכן דעם אמת פאַר אונדז, צו זוכן דעם אמת אין אונדז. „תורה" דאַרפן מיר — לערנונג — וואָס זאָל אונדז לערנען ווי צו לעבן, וועט שוין דאָס לעבן אַליין אונדז געבן אויך פאַרווײַלונג. תורה דאַרפן מיר, וואָס זאָל כסדר אונדז וועקן, מונטערן דאָס שטיקעלע געוויסן, וואָס אין אונדז, וואָס זאָל נישט לאָזן אונדז רוען, זיך פאַרווײַלן מיט אַ גוטן ציגאַר און מיט אַ געשמאַקער דערציילונג. תורה דאַרפן מיר, וואָס זאָל כסדר גיין מיט אונדז, באַגלייטן אונדז טריט נאָך טריט און וואָס זאָל אונדז אין יעטווידער מינוט, ביי יעטווידער געלעגנהייט געבן אַ „פּסוק", אַן אָנווייזונג, אַ רמז — אָט אַזוי, טביה, זאָלסטו טאָן, וואָרום עס איז דאָך ביי אונדז פאַראַנען אַ בפירושער פּסוק... מיר דאַרפן האָבן נישט קיין ליטעראַטור צום פאַרווײַלן דעם לייענער, מיר דאַרפן שריפטן, וואָס זאָלן אונדז העלפן לעבן אין יידישקייט. פאַרוואַנדלען שלום־עליכמען אין „ליטעראַטור" איז אַן עבֿרה. נישט דאָס דאַרפן מיר. נישט קיין יום־טוב פון שלום עליכם, נאָר אַ וואָכעדיקן גאַנג פון שלום עליכמס ווערק. וואָס מער וואָכעדיקע יידישקייט — און דער יום־טוב וועט שוין במילא זיין.

גענוג מיט יאָרצייט־יידישקייט

מזל־טוב אייך, יידן. מיר האָבן שוין ווידער א געלעגנהייט צו מאכן קולטור־אונטערנעמונגען איבער דער וועלט.

— וואָס אי׳?

— פּרץ איז געשטאָרבן און מיר האָבן דעם דרייסיקסטן יאָרצייט. שרייבן די שרייבערס, און רעדנערס וועלן רעדן, און יידן וועלן קויפן בילעטן און קומען אין איינעם אן אָוונט אויסהערן און זאָגן מבינות —ווייל געדרשנט אָדער גערעדט. און גרויסע, צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס מאכן באַראַטונגען, גרייטן אונטערנעמונגען, וועלן שיקן משולחים און קלייבן געלט: פּרץ איז טויט, טאָ קויפט ביי אונדז קולטור צום יאָרצייט; קויפט פאַר זיך, קויפט פאַר די לעצטע יידן אין אייראָפּע, קויפט, יידן, — און עס ווערט לעבעדיקער ביי אונדז אויף דעם... קולטור מאַרק.

א מאָדנע זאַך: אונדזערע עלטערן האָבן געלעבט א גאַנץ יידיש לעבן, און זיי האָבן גאָר דאָס וואָרט „קולטור” נישט געוווסט, נישט געטראַכט, אז קולטור איז נישט דאָס וואָס מ׳קויפט, נאָר די פאָרמען ווי מען לעבט אין שטוב, אין די היימען, ווי מען פּראַוועט די שבתים און יום־טובים, ווי מען האָדעוועט די קינדער אין די היימען.

און מיר? — מיר האַלטן גאַנצענע טעג אין איין שרייען „קולטור, קולטור, יידישע קולטור!” און מיר ווילן נישט וויסן אז דאָס אַלץ איז גאָרנישט קיין קולטור. עס זיינען קראָמען און קרעמלעך צו האַנדלען מיט פאַרלעגענע פּרוכט, וואָס זיינען געוואַקסן נישט ביי אונדז,

קולטור־שרייערס, נאָר גאָר אנדערשווו, ווו מען האָט געלעבט יידיש און נישט... געהאנדלט מיט קולטור...

דער וואָס גרייט נישט אָן ערב שבת, דער האָט נישט וואָס צו עסן שבת. וואָס פאר א שייכות צו פּרצס יאָרצייט האָבן די, וואָס האָבן אין די דרייסיק יאָר אויסגעהאָדעוועט קינדער וואָס האָבן נישט פאר־זוכט און זיי קענען נישט פארזוכן פּרצס כאָטש איין געדאנק? וואָס טומלען זיך דאָ מענטשן וואָס פאר זייערע קינדער האָבן זיי געענדיקט מיט אלץ וואָס עס האָט פּרץ געשריבן און מיט אלץ וואָס פון דעם האָט פּרץ געשאפן? קען מען דען לעבן ווי גויים, האָדעווען קינדער ווי גויים, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון אלץ וואָס יידיש איז, און נאָכדעם קומען און האלטן און הערן יידישע דרשות וועגן יידישע שרייבערס?

ממה נפשך, אהער אָדער אהין! רעדט איר און איר שרייבט וועגן פּרצס יאָרצייט, מיינט איר דאָך נישט זיין פּעלערינע מיט דעם שטעקן, אפילו נישט זיינע וואָנצעס און אויך נישט דעם „אוהל פּרץ", וואָס איז געווען אויף דעם גענשער בית־עולם אין ווארשע. איר מיינט דאָך דאָס פון זיינע שריפטן, וואָס יידישע אייביקייט איז דאָרטן אין קונסט פארוועבט. איר מיינט דאָך דאָס פון זיינע שריפטן, וואָס איז אייביק מיט דער אייביקייט פון יידנטום. איז דאָך דאָס נישט דער יצחק לייבוש פּרץ פון ציגל גאס נומער איינס אין ווארשע, נישט ער איז וויכטיק. וויכטיק איז נאָר דער גרויסער סימבאָל פון יידישן גייסט ר' שלמהלע, דער סימבאָל פון יידישן וועלט־באנעם יוחנן דער מלמד, דער סימבאָל פון יידישער שטומער נשמה, יוחנן וואסערטרעגער, און נאָך און נאָך. און זיי זיינען דאָך נישט קיין אָביעקט פון יובילייען און פון יאָרצייטן, זיי זיינען דאָך נישט געשטאָרבן, זיי זיינען דאָך גע־באָרן געוואָרן א צייט פאר פּרצן, צוזאמען מיטן יידישן פאָלק און זיי וועלן שטארבן מיט יידישקייט צוזאמען. און אויב אזוי, טאָ וואָס איז דאָ שייך א יאָרצייט־קולטור? וואָס טויגן דאָ אונטערנעמונגען מיט רעדעס? וואָס פראוועט מען דאָ פאראדן? אויב די שאפונגען, וואָס טראָגן דעם נאָמען פּרץ זיינען אייך טייער, טאָ וואָס האָט איר אייערע קינדער בארויבט פון דעם? וואָס גיט איר זיי פרעמדע לשו־

נות אין פרעמדע ליטעראַטורן, און פרעמדע קולטורן, און איר אליין — דער לעצטער ייד אין אייער שטוב — קומט זיך געזעגענען מיט יידישקייט אויף א קולטור אונטערנעמונג לכבוד דעם געשטאָרבענעם פרצן? וואָס איז דאָס פאר א צעשפּאָלטן לעבן: פרעמדע געטער דינט מען, און יידישע יאָרציטן פראַוועט מען? ווער קען עס פארשטיין?

האלט איר אָבער, אז אייער לעבן איז ריכטיק, אז איר פירט אייערע קינדער ווי געהעריק, טאָ קומט בעסער אהיים, ווארפט ארויס פון די שאפעס דעם פרצן און דעם שלום עליכמען און אלעמען וועמען איר האָט דאָרטן, פארקויפט זיי צו פארפאקן הערינג אין דעם, און איר אליין קומט אויף דעם יאָרצייט, גיט א שפּיי אויף אלץ און אלעמען און זאָגט:

איך דאנק דיר, גאָט, וואָס איך בין שוין דער לעצטער ייד צו פארנעמען זיך מיט די נארישקייטן, וואָס מיינע קינדער זיינען שוין פול מיט אנדערע זאכן!...

צו וואָס נאָך די צביעות? די פאראדן אויף פארזאמלונגען, בעת די היימען זיינען שוין, דאנקען גאָט, ריין פון דעם „אלטווארג”?

און פון ערגעץ פון וויט, אָבער דאָך גאָר נאָענט, הילכט מיר אין די אויערן און נאָך טיפער ווי אין די אויערן: „איך האָב פיינט, און עס זיינען מיר מיאוס און מאָוס אייערע ראש חודשן און יום־טובים, און אייערע יובילייען און יאָרצייטן. איך קען עס נישט פארטראָגן, זיי זיינען מיר א לאסט געוואָרן”. ערגעץ ווו איז עס אָנגעשריבן, נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעלערנט האלטן פון דעם וואָס עס איז געשריבן און לעבן גאָר עפּעס אנדערש.

וואָלט איך גאָר פארקערט, איך וואָלט פארבאָטן צו פראַווען דעם פרץ יאָרצייט אלעמען, וואָס האָבן זייערע קינדער באפרייט פון דעם ביז דעם יאָרצייט. עפּעס האָט אמאָל אן אסימילירטער גבאי פון דער טלאָמאצקער סינאגאָגע אין ווארשע פריער געפירט זיין טאָכטער צו דער חופּה אין א נאָענטן קלויסטער, און איז דערנאָך געקומען אין זיין שול צו נעמען זיין שישי... דעם זעלביקן פּנים האָבן ביי מיר א סך יידישע שרייבערס און לערערס און קולטור טוערס—

מאָדערנע גבאים ביי ייִדן. די טעכטער און די זין פירט מען אין אַלערליי וועלטלעכע קלויסטערס און אַליין קומט מען פּראווען אַ יאָרצייט נאָך אַ ייִדישן שרייבער. איך וואָלט אַזוינע ייִדן נישט אַ ריינגעלאָזט אפילו. אהער אָדער אהין: אָדער איר זאָלט גיין מיט אייערע זין און מיט אייערע טעכטער, אָדער איר מוזט אייערע קינדער נעמען מיט זיך — צו אייער לשון, צו אייער ליטעראַטור און צו אייערע שרייבערס! גענוג מיט דער פאַלשקייט און מיט דער צביעות און מיט דעם „טאַנצן אויף צוויי צווייגן" ווי עס האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק איינער פון די ערשטע קעמפערס פאַר גאַנצער ייִדישקייט געשריען.

איר פרעגט: ווער וועט בלייבן, ווער איז דער אויסגעהאַלטענער ייִד, וואָס פירט זיינע קינדער אין דער ייִדישקייט וואָס ער גלויבט אין איר, וויפל זיינען זיי? — דאָך אַ קליינע מינדערהייט שבמינדערהייט. איז מאכט נישט אויס: ייִדן זיינען תמיד געווען אַ מינדערהייט און אויסגעהאַלטענע ייִדן זיינען צווישן ייִדן אַ מינדערהייט. דאַרף מען זיך נישט דערשרעקן פאַר דעם. קען מען זיי לאָזן די „יאָרצייט־ייִדן", וואָס דערמאָנען זיך אָן אַ שרייבער אין זיין יאָרצייט, וואָס נוצן אויס דעם יאָרצייט כדי כאָטש עטוואָס צו האַנדלען ביי דער געלעגנהייט, ביי דעם „סעזאָן"....

איך האָב געקראָגן אַן איינלאַדונג פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע צו רעדן ביי זיי וועגן פּרצן פאַר אַ טויזנט קעפּיקן עולם. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו רעדן וועגן וועגן פּרצן פאַר אַן עולם וואָס קומט הערן וועגן פּרצן נאָר דערפאַר ווייל זייער אָרגאַניזאַציע רופט זיי.

„דערווייל וועט איר דאָך האָבן די מעגלעכקייט פאַר אַ גרויסן עולם צו אַנטוויקלען אייער געדאַנק" — האָט מען מיט מיר געטענהט. ביי מיר איז אָבער פּרץ און ייִדישקייט בכלל נישט קיין ענין פון אַ געלעגנהייט. איך וועל בעסער אַלע וואָך לערנען פּרצן מיט אַ מנין יונגנטלעכע וואָס קומען ספּעציעל, לשמה לערנען עם איידער קיבוצן איין מאָל אין אַ יובל רעדן פאַר אַן עם רב וואָס קומט פאַר־

טייעווען אפילו מיט פּרצן. פאראַן ווען די תורה איז א סם חיים, אָבער פאר אנדערע איז זי א סם מות — אזוי איז ערגעץ פאראַן אין גמרא און ריכטיק! אַט די פּאראדנע קולטור יאָרצייטן און געבורטסטעג — זיי זיינען טאקע א יאָרצייט נאָך דער לעבעדיקער יידישקייט.

עס איז מיר אמאָל אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך דער אראבישער שטאָט רמלה אין סאמע דעם טאָג ווען זיי פּראוועז א גאנצן יום טוב, דעם יאָרצייט פון „נאבו מוסא" (דעם נביא משה). איך האָב זיך צוגעקוקט צו די צעהיצטע פּנימער, צו דעם שפּיל מיט די שווערדן — נאָך אטריבוטן פון דעם גרויסן פאָלקס יום טוב, און אין הארצן האָב איך געדאנקט גאָט, וואָס מיר אין אונדזער טראדיציע האָבן מיר נישט קיין שום יום טוב וואָס זאָל זיין פארבונדן מיט א פּערזאָן, וואָס מיר ווייסן נישט משהס קבר און מיר פּראוועז דאָרטן נישט קיינע פּאראדן, כאָטש אונדזער גאנץ לעבן איז פארבונדן מיט משהן, כאָטש איטלעכער געדאנק אין יידישקייט איז „למשה מסיני", כאָטש מיר האָבן חתונה „כדת משה וישראל", כאָטש אונדזער גאנצע טראדיציע איז „הלכה למשה מסיני", — און נישט געקוקט אויף דעם אלעם איז די פּערזאָן פון משהן ביי אונדז קיין געץ נישט געוואָרן. מיר האָבן גענומען און געמאכט פון משהן א סימבאָל פון אונדזער נאציאָנאלן „איך". די געצנדינער פון דער וועלט האָבן פון משהן געמאכט א געץ און געצנדינער זיינען געבליבן געצנדינער ביז היינט. נישט פאר אונדז געדאכט. און אז מיר זוכן היינט אין אונדזער נאָכמאכערישקייט אויך געצן מיט זיי זיך צו שפּילן (צו א נאָט דינט מען — מיט א געץ שפּילט מען זיך), דארף מען אויך פּרצן פארוואנדלען אין א געץ? פארוואָרפן אלץ, וואָס ער האָט געלערנט, און קומען אין זיין יאָרצייט און דערציילן: געווען אמאָל אזא און אזא גרויסער מאן, טאָ שטעלט זיך פאָר זיין אנדענק. מוחל מיט אזא יידישקייט. דער סימבאָל פון דעם ערשטן יידן האָט צעבראָכן אלע געצן פון זיין טאטן, קומען מיר איצט,

טויזנטער יאָרן שפּעטער און טראָגן צוריק אריין געצן אין אונדזערע אָרעמע געצעלטן! גענוג מיט דעם!

איך האָב דאָ די טעג איבערגעלייענט א גאנצן זשורנאל געווידמעט דעם יאָרצייט. א פיין צוזאמענגעשטעלטן זשורנאל. און — קיין איין ארטיקל האָט נישט באהאנדלט די פּראָבלעם — די עוואָלוציע פון יידיש־וועלטלעכן געדאנק, וואָס פּרץ האָט דורכגעמאכט פון „מאָניש" ביז „חסידיש" און צו וואָס דאָס איז מחייב אונדז, זיינע תלמידים. אָט די „קלייניקייט" האָט מען פארגעסן. דעם העלפאנט האָט מען נישט באמערקט.

:: :: ::

און איצט צום תוך אריין, צו פּרצן גופא.

איך האָב יאָרן לאנג געהאָדעוועט יידישע קינדער אין יידישע אידעען און געדאנקען דורך פּרצם שאפונגען און איך האָב קיין מאָל זיי נישט געלערנט ווען דער מענטש פּרץ איז געבאָרן געוואָרן און ווען ער איז געשטאָרבן. ווייל נישט דאָס, לגמרי נישט דאָס, איז פאר אונדז וויכטיק. דער הער פּרץ פון ציגל גאַס איז טאקע געשטאָרבן, אָבער דער סכום יידישקייט, וואָס דער דאָזיקער הער פּרץ האָט זוכה געווען צו פאָרמולירן אין קונסט, איז נישט געבאָרן געוואָרן און נישט געשטאָרבן מיט דעם הער פּרץ צוזאמען. דער „פּרץ" האָט נישט קיין געבורטסטעג און נישט קיין יאָרצייטן. ער לעבט פון דאן, ווען יידן האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער פּסיכיק און לעבן פון אנדערע פעלקער און ער וועט לעבן — ביז וואנען יידישע יידן וועלן „זיך יידלען אויף דער וועלט". איז דאָ א יאָרצייט אין די פּערזענלעכע דאטעס נאָר א שאָדן, זיי זיינען „ממעט דמות", זיי פארקלענערן דעם ווערט פון פּרצן, אנשטאט א נאציאָנאלע זאך, פון דעם גאנצן פאָלק, מאכט מען פון דעם א זאך א פּריוואטע, וואָס כלומרשט איז ער געווען גרויס מיט זיינע אייגענע כוחות. אין דער אמת איז עס דאָך פונקט פארקערט. כל זמן פּרץ האָט אונדז געוואָלט פאָרמולירן זיינע אייגענע געדאנקען און אידעען, איז ער גאָר נישט געווען אזוי

גרויס. ערשט ווען ער האָט זיך גענומען איבערגעבן, וואָס עס רעדן די „שטומע נשמות״ פון פאָלק, ווען פרץ האָט גענומען אויף זיך צו ווערן דער פירזאָגער פון זיינע יוחננס, ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאָרמולירן אין קונסט די חכמה פון פאָלק דורך דורות, ערשט דעמאָלט איז ער געוואָרן צו דעם גרויסן נאַציאָנאַלן שרייבער. נישט מיט זיין אייגענעם כוח, נישט מיט זיין טאַלאַנט, נישט מיט זיין פּריוואַטער אינטואיציע פון איין מענטשן אין איין דור, נאָר מיט דער חכמה און מיט דער פּיקחות פון א גאַנץ פאָלק, דורך אומצאָליקע דורות, וואָס פרץ האָט זוכה געווען דאָס אריינצוזאַפּן אין זיין קינדהייט און עס איבערצודיכטן אין זיין עלטער, מיט דעם איז דער הער פרץ געוואָרן „פרץ״, אונדזער פרץ. איז ווער איז וויכטיקער: דער כלומרשט אויסגעטראַכטער יוחנן דער מלמד, וואָס אין תוך אריין די אייביקע אידעען־וועלט פון יידנטום אָדער דער פרץ, וואָס האָט געלעבט עטלעכע און זעכציק יאָר און האָט זוכה געווען צו פאָרמולירן יוחננס ווערטער? ווער איז דאָ די חיי־שעה און ווער — די חיי־עולם? וואָס איז אייביק און וואָס צייטווייליק? ווי ליגט דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדז — אין ספר צי אין מעטריקע פון דעם מענטשן? וואָסערע יידן זיינען געווען מער גערעכט, צי די וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט געדענקען אז רש״י איז געווען א ייד און האָט געלעבט פון א וויין־שענק, דאַכט זיך, מיט אכט הונדערט צוריק אין א פראַנצויזיש שטעטל, אָבער דערפאַר האָבן זיי אַלע טאָג זיך געקוויקט און זיך געלערנט פון די קליינינקע אותיות־לעך. וואָס נאָר דאָס איז פאַר זיי געווען רש״י, און ער, רש״י איז קיין מאָל נישט געשטאָרבן ווייל אָט „מאַכט דאָך רש׳י״, „זאָגט דאָך רש׳י״ ווייל ז י י לעבן און ווייל עס לעבן יידן, און ווייל יידן לערנען חומש מיט רש״י און גמרא מיט רש״י? אָדער עס זיינען גערעכט די, וואָס לייענען נישט פרצן און לערנען נישט פרצן מיט זייערע קינדער און זיי קומען און פראַווען נאָר און גאָר א יאָרצייט כדי אים ווייטער צו פאַרגעסן? — ווער איז גערעכט פון די צוויי שיטות? —פאַר מיר איז די פראַגע קיין פראַגע נישט. לאָזט די יאָרצייטן מיט

די געבורטס־טעג פאַר די, וואָס איטלעכער טאָג האָט פאַר זיי אַן אַנ־דער הייליקן, וואָס אפילו גאָט האָט ביי זיי א טאַטן און א מאַמען ווייל זיי קענען דענקען נאָר מאַטעריאַליסטיש, ווייל זיי קענען נישט באַנעמען קיין אבסטראַקטע גייסטיקייט, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט פלייש און בלוט פון מאַטעריעלע און לעבעדיקע געצן. זיי קע־נען אַנדערש נישט. פאַר זיי איז פאָלק — לאַנד, און נאַציע — איז גרעניצן, און גאָט איז פלייש און בלוט און הייליק קען זיין נאָר א זאַך, וואָס מען קען אָנטאַפּן. זיי האַלטן פון יאָרציימן און פון הייליקע טעג. מיר דאַרפן עס נישט. פאַר אונדז, וואָס הייליקייט טאָר נישט זיין פאַרבונדן מיט קיין מאַטעריע און גאָט איז נאָר גייסט — מיר דאַרפן נישט קיינע אַזוינע יום־טובים. פאַר אונדז איז פּרץ א סכום קולטור פאַר אַלע טעג, פאַרן לערנען אין דער וואָכן, פאַרן האָדעווען דערמיט קינדער, דורות אין יידישן גייסט און אין יידי־שע געדאַנקען. א יום טוב פאַר אונדז קען זיין נאָר אַן אָפּגעטועגע אַרבעט. אַז מען לערנט א יאָר צייט די געדאַנקען און אידעען פון א רבי עקיבא און א רבי מאיר און נאָך און נאָך, דעמאָלט מעג מען זיך פאַרגינען שפּעטער צו קומען און צו מאַכן א יום־טוב, א סיום פון דעם אָפּגעטאָענעם, פון געלערנטן וואָס איז געוואָרן א טייל פון מיר אַליין. דער יום טוב איז נאָר דאַן מעגלעך ווען פאַר אים איז געווען א וואָך. א גויישע וואָכעדיקייט מיט א יידישן יום־טוב — דאָס איז נישט קיין פּאָר קליידער.

בכן — נישט קיין יאָרצייט און נישט קיין געבורטסטעג, נאָר א סיום הספר, נאָר א התחלת הספר קליידט אונדז; ביי אונדז אין יידישן באַוווסטזיין איז נישטאָ קיין העכער פּרץ מיט זיינע אַזוי פיל און אַזוי פיל בענד־שריפטן, נאָר עס זיינען פאַראַן ספרים, פאָלקס טימלעכע געשיכטן, חסידיש, גאָלדענע קייט און „וואָס אמאָל ווײ־ניקער" מיט דעם, וואָס האָט זוכה געווען זיי צו נעמען פון פאָלק און זיי איבערדיכטן פאַרן פאָלק.

אָט ווילן מיר זען: פּרץ און יוחנן מלמד — ווער פון זיי איז יידישקייט און ווער נאָר טרעגער פון יידישקייט? ווער איז חיי עולם

און ווער — חיי שעה? — קיין ספק נישט: יוחנן מלמד איז די פאַר־קערפּערונג פון יידישן דענקען, פון יידישן קוק אויף דער וועלט, פון דער יידישער פילאָסאָפיע, אויב איר ווילט דווקא א שיינעם נאָמען, יוחנן מלמד איז די אייביקע יידישקייט וואָס בייט אין איטלעכן דור איר אויסדרוק און געשטאַלט, פּושט צורה ולובש צורה, און פּרץ האָט זוכה געווען אונדז צו געבן איין קליינעם פראַגמענט פון אָט דעם גרויסן אייביקן יידישן געדאַנק אין געשטאַלט פון יוחנן מלמד, פון אָט דעם „גילגול פון דעם אייביקן ניגון" פון יידישן געדאַנק און יידי־שער באַציונג צו וועלט און מענטשן. איז זיכער — יוחנן איז גרויס ווי עס איז גרויס דאָס פאָלק אין זיין אייביקייט. פּרץ איז גרויס נאָר מיט דער גדולה פון יוחנן. און וויפל פון יוחננס גדולה האָט פּרץ געירשנט? נאָר אַזוי פיל ווי גרויס עס איז דער פראַגמענט „יוחנן" וואָס ער האָט זוכה געווען צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז. און דער פראַג־מענט איז ווייט נישט קיין גרויסער. וואָלטן מיר געהאַט דעם גאַנצן יוחנן, וואָלטן מיר געזען ווי קליין און נישטיק עס איז אַנטקעגן אים א קאַנט, וואָס האָט זיך א גאַנץ לעבן זיינס געפּאָרקעט אין זיינע „דינגען", ווי נישטיק עס איז אַנטקעגן אים א ניטשע, ווי פאַרבלאָנ־דזשעט פרעמד עס איז אַנטקעגן אים א אונדזעריקער ספּינאָזע, וואָס ווו ליגט דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדז — אין ספר צי אין מעטריקע האָט זיך נישט געקאָנט אויפקלערן, נישט געקאָנט אויסשלייפן אין גוישע טערמינען דעם אַלטן יידישן „ברוך המקום". פּרץ האָט נישט זוכה געווען אונדז צו אַנטפּלעקן דעם גאַנצן יוחנן מלמד אונדז צו געבן דעם גאַנצן „ניגון". ער האָט זוכה געווען צו קענען געבן נאָר א „פּיצעלע פון דעם ניגון פון דעם ניגון, פון דעם ניגון היידישקייט", נאָר אויפן שפּיץ נאָגל, און נאָר אויף אַזוי פיל איז זיין, פּרצס גדו־לה, זיין אייביקייט, נישט מער. און גאָט ווייסט צי מיר וועלן שוין זוכה זיין צו א צווייטן פּרצן, וואָס זאָל אונדז קענען געבן דעם גאַנצן ניגון, דעם גאַנצן יוחנן.

:: :: ::

יעדער דור פון א לעבעדיקן פאָלק מוז האָבן זיינע שרייבערס,

וואָס זיינען די אויסדריקער פון זיין גייסט. א דור וואָס האָט נישט זיינע אויסדריקער, איז א סימן, אז ער האָט נישט קיין גייסטיק לעבן, אז ער איז גייסטיק פאַראַליזירט און דאָס איז דער אָנהייב פון אומקום, פון טויט. אלץ איז אין פאָלקס לעבן, דאָרטן — דער מקור פון אלץ — אויך פון טאַלאַנטן. א דור פון א פאָלק, וואָס גיט נישט ארויס קיין שרייבערס, איז א סימן, אז ער גייט אונטער. די ספרדישע יידן, די יידן אין מערב אייראָפּע, די יידן אין אמעריקע. טאַלאַנטן קענען זיין א סך, נאָר דער דור איז נישט ווערט, שטאַרבט אָפּ דער טאַלאַנט אָן נוצן. ווען דער דור לעבט אַלע טאָג, אין דער וואָכן מיט דעם אינהאַלט פון די פריערדיקע דורות, — האָט ער אן אייגענעם אינהאַלט, קען ער אויסהאָדעווען שרייבערס פאַר זיין דור, וואָס זאָלן העלפן האָדעווען דורות קומענדיקע.

איך וויל נישט קיין יאָרצייט־יידישקייט, קיין יאָרצייטן פון יידישקייט. גענוג פאַר אונדז אזוי פיל יאָרצייטן נאָך יידן, לאָמיר נים פראַוועָן קיין יאָרצייטן נאָך יידישקייט.

דריי זיינען זיי די אבות פון דער יידישער שאפונג פון אונדזער דור:

א. — ביאַליק — ער האָט פאַראייביקט דעם יידישן צער און צאָרן קעגן דער וועלט, קעגן גאָט און, דער עיקר, קעגן אונדז אליין. דאָס איז דאָס האַרץ פון דעם פאָלקס שכינה.

ב. — פּרץ האָט פאַראייביקט דעם פאָלקס מחשבה, זיין וועלט באַנעם, דעם תפארת שבהוד פון יידישקייט — ער האָט דורות יידישן דענקען דערנענטערט צו אונדז, ער האָט אונדז דערנענטערט צו דעם אייביקן אין יידישקייט. ער איז דער מוח פון דער פאָלקס שכינה.

ג. — שלום עליכם — דאָס איז א קוואַל פון א יידישן פאָלק מיט לעבעדיקע, צאַפּלדיקע יידן אין קונסט. — ער האָט פאַראייביקט דאָס גאַנץ לעבעדיק פאָלק מיט זיינע געפילן און מיט זיין געדאַנק.

דריי זיינען זיי די אבות פון יידישקייט פון אייביקער יידישקייט אין דער קונסט פאַר אונדזער דור (געדענקט — מענדעלע נישט:

א. גאָלאָמב

ער האָט אין דעם נישט געגלויבט נאָך, ער האָט נישט ליב געהאט), און אָט די דריי זיינען און דארפן זיין דער אינהאלט, וואָס אויף אים דארפן זיך ווייטערדיקע דורות האָדעווען כדי צו זיין אָנגעקניפּט אָן דער אייביקייט.

נישט זייערע יאָרצייטן איין מאָל אין יאָר, נאָר זייערע ספרים אַלע טעג פון א גאנץ יאָר.

ניין, קיין תנך מאַכט מען ניט

מיט אמתן פאַרדרוס און מיט האַרצווייטאָק האָב איך געלייענט אין דעם אָקטאָבער נומער „אויפן שוועל" דאָס אַרטיקל פון מלך ראַוויטש: „פאַרוואָס זאָל נישט צונויפגעשטעלט ווערן אַ צווייטער תנך?" באמת, גאָר נישט קיין שלעכטע זאַך וואָלט עס געווען: אויב מיר האָבן געקענט אין משך פון טויזנטער יאָרן אויסהאַלטן — אַ שעפּעלע צווישן וועלף — מיט דעם כוח פון אַ קליינעם טייל פון תנך, פון דעם תהילימל, — טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר איצט אין צייטן ביטערע, אין צייטן גורלדיקע נישט נעמען און צונויפשטעלן אַ צווייטן תנך? פאַר וואָס טאַקע נישט?

— ויאמר ראַוויטש — און מיין ליבער פריינד מלך ראַוויטש האָט זיך מתיחד געווען מיט זיין שרייב־מאַשין און ער האָט געזאָגט:

יקוו — עס זאָלן זיך צונויפזאַמלען: סופרי ישראל — די יידישע שרייבערס; ויהי — און עס ווערן; תנך בישראל — אַ צווייטער תנך...

אָבער ווו אַ ויהי ,דאָרט איז דאָך אַ צרה, ווי באַקאַנט. איז אויך דאָ, מיין טייערער פריינד, אַ צרה און אַ גרויסע.

ליהווי ידוע, זייט וויסן איר און זאָלן עס וויסן אַלע שרייבערס בישראל, אַז קיין תנך מאַכט מען נישט, מען שטעלט אים נישט צונויף. אַ תנך איז די נשמה פון אַ פאָלק. קען עמיצער פון אונדזערע דורות, און ווען אפילו דער גרעסטער, נעמען די נשמה פון פאָלק און זי אַריינגעבן אין ווערטער? און מאַכן אַז טויזנטער דור־

רות זאָלן אויך זייערע נשמות אריינלייגן אין די אַלטע ווערטער?

לויט דער יידישער טראַדיציע איז גאָט, די שכינה און די נשמה פון פאָלק אַלץ איינס. איז יאָ! דער אַלטער תנך איז געגעבן פון דעם יידישן גאָט, נישט וואָס ערגעץ אויף די הימלען, נאָר אויב נישט נאָך העכער, — אין די הערצער און אין די נשמות פון מיליאָנען יידן דורך אומצאָליקע דורות. און פון א באַרג איז ער געגעבן גע־וואָרן, דער תנך, נישט אויף א באַרג פון טרוקענע פעלדזן ערגעץ דאָרטן אין א מדבר סיני, אויב עס איז גאָר דאָ אַזאַ (זאָלן דאָס גע־אַגראַפן און געצנדינערישע ביבל־קריטיקער און קלויסטער־בויערס זוכן). דער תנך איז אונדז געגעבן געוואָרן פון א באַרג פון יידישע הערצער, פון א באַרג וואָס ברענט און רויכערט שוין אָנצאָליקע דו־רות אויף אַלע פייערן וואָס א חיהשע וועלט צינדט אָן און עס דו־נערט אַלץ פון אָט דעם באַרג „לא תרצח!״.

קענט איר, קען עמיצער זיך פאַרמעסטן און „הבה, נבנה לנו עיר ומגדל״ — לאָמיר זיך מאַכן א צווייטן תנך?!

תלושים זיינען מיר, אָפּגעריסענע מענטשן, אויסגעוואָרצלטע זיינען מיר, יידישע שרייבערס. און דער דופק פון פאָלק קלאַפּט נים ביי אונדז אין נשמה. מיינען מיר, אז אַלץ ענדיקט זיך ביי דער שרייב־מאַשינדל; אָט מען זיצט און מען שרייבט, און דער דרוקער דרוקט, און שוין. זיצט א ייד אין סאַמע הארץ פון יידישן צענטער אין ניו יאָרק צי אין מאָנטרעאַל, צי ווייס איך ווו. אַרום אים שווי־בלט מיט יידן (אך, ווי גוט עס איז צו זיין דערטרונקען אין א ים מים יידן — בתוך עמי אני יושב!). יידן האַוון און זשוואַוון, האַנד־לען און וואַנדלען, מען דינט צו אַלע עבודה זרות אין דער וועלט, מען איז מקריב די קינדער צו אַלע אָפּגעטער; און וויין, און קאָרטן און בעלער צו אַלע פרעמדע מנהגים איז זייער שטייגער, און מיט פּרעכע, גאַווהדיקע פּים ווערט עס געטאַנצט אויף אַלע פרעמדע שמ־חות און דעם שבר בת עמי פילט מען נישט און מען וויל נישט פילן; — און ערגעץ, במסתרים, אין פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון די זעלביקע נשמות ליגט אין טרויער די שכינה פון פאָלק און קלאָגט

און וויינט אויף דעם חורבן פון יידישע גופים, — און נאָך מער אויף דעם חורבן הנפש. און אָט אין דעם סאַמע הארץ פון יידישע קיבוצים זיצן יידישע שרייבערס און זיי זעען — נאָר זיך זעען זיי, און טראָגן זיך ארום איטלעכער מיט זיין אייגענעם און גאַנץ פריוואטן אינהאַלט, און זייער הארץ שלאָגט נישט אין איינקלאַנג מיט דער פארחלשטער נשמה פון פאָלק. נישט זיי וועקן אין די הערצער פון פארשיכורטן פאָלק די פארחלשטע שכינה, נישט זיי הערן איר שטילן קרעכץ: צוויי וועלטן זיינען עס: איטלעכער יידישער שרייבער באַזונדער מיט זיין חשובן, און זייער אָפּט גרויסן, אינדיווידועלן „איך"; און פון דער צווייטער זייט די וועלט פון פאָלק.

און אויף סאַמע עספּלאַנאַדע אין מאָנטרעאַל, ווו עס יידלט מיט יידן, קיין עין הרע, זיצט מלך ראַוויטש און טראַכט וועגן באַשטעלן א צווייטן תנך.

אָט לאָמיר זען: פאַראַן אין דעם ערשטן תנך א שטיקעלע נאַטור־פּאָעזיע, עס רופט זיך „ברכי נפשי". און פאַראַן א גרויסע פּאָעמע פון א גרויסן מאָדערנעם דיכטער ערגעץ וועגן די בערג אין דער שווייץ (איך רוף דעם שרייבער נישט אָן בביזיון). און שיין איז די פּאָעמע, און פּרעמירט איז זי דאַכט זיך געוואָרן פון דער שווייצאַרישער רעגירונג, כאָטש זי איז געשריבן אין דער שפּראַך פון „ברכי נפשי". און דאָך איז די פּרימיטיווע ברכי נפשי היילק און די נייע פּאָעמע — נישט, און זי וועט נישט קענען ווערן קיין מאָל צו א הייליקייט פון פאָלק! און פאַרוואָס? — ווייל אין ברכי נפשי האָט א פאָלק געפונען... א גלויבן. נישט קיין עסטעטישע שיינקייט, נישט קיין פּראַכטיקע קאָלירן און קונסטן, נייערט א פּשוטן און אויפריכטיקן גלויבן פון א גאָט וואָס אין הארץ, צו א גאָט וואָס אין וועלט. און א פאָלק האָט דורך אַלע בלוטיקע אייביקייטן געקענט אריינגיסן זיין גלויבן, זיין ברענענדיקע הארץ אין יענע פּשוטע אָבער גלויביקע ווערטער פון דעם ברכי נפשי־פּרימיטיוו.

שיר השירים איז געוואָרן שיר השירים נישט ווייל דאָס איז די שענסטע קונסט, דאָס בעסטע געזאַנג פון ליבע. ניין און ניין! עס

איז גאנץ פרימיטיוו ווידער און עס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פיל שענערע און שטארקערע ליבע־געזאנגען. און אויך נישט דערפאַר איז שיר השירים געוואָרן קודש קדשים ווייל דער מעכטיקער ריז, אונדזער יידישער „אַטלאס" פון אלע דורות — רבי עקיבא, מיין איך — האָט גענומען דעם פרימיטיוון שיר השירים און האָט אים מיט זיין כוח ארויפגעצוואונגען אויפן יידישן פאָלק. אָ, ניין! שיר השירים איז געוואָרן קודש קדשים דערפאר ווייל דורות מיט יידן, דורות נאָך דורות יוחנן וואסער־טרעגערס האָבן אין אים געפונען ווערטער אויסצוגיסן זייער ברענענדיקע און שטומע ליבע, די ליבע פון כנסת ישראל צו זייער גאָט, צו זייער „טאטע אין הימל", „אוי וויי, טאטע הארציקער"! דורות אויסגעהאָרעוועטע יידישע בעלי־מלאכות, וואָס פלעגן קומען אויסגעבאָדענע און געטובלטע פון א וואָך ארבעט און פיין אין די קליינשטעטלדיקע ערב שבתדיקע בתי מדרשים, קלייזלעך און שולכעלעך און באגעגענען די שבתדיקע נשמה יתרה מיט די נישט פארשטאנענע, גרייזיקע און דאָך פולע מיט ליבע ווערטער פון שיר השירים. — אָט ווער עס האָט פון שיר השירים געמאכט קודש קדשים! קען זיך עמיצער פארמעסטן אויף דעם? — און רבי עקיבא? — לאָזט מיר זיך באנוצן מיט אן אַלטער פאָרמע: ר' עקיבא האָט געזען ברוח הקודש אז זיין מארטירער־פאָלק וועט דארפן הארציקע ווערטער אויסצוגיסן אין זיי זיין „שטומע נשמה" און ער האָט זיי געגעבן דעם שיר השירים. האָבן מיר עפּעס אזוינס צו געבן דעם פאָלק? ווייסן מיר די וועגן ווי אזוי מען גיט אריין אין פאָלק א ניי וואָרט? א וואָרט וואָס עס בענקט נאָך דעם נישט ווויסנדיק?

נישט משה האָט געמאכט פון זיין חומש א תורה פון פאָלק. נאָר גאָר עזרא הסופר, וואָס האָט איינגעשטעלט אז מען זאָל דריי מאָל אין וואָך לערנען דעם חומש. און נאָך מער האָט עס געמאכט דער לעגענדארער יהושע בן גמלא וואָס האָט גענומען קנעלן דעם חומש מיט קינדער און אוועקגעזעצט קנעלער אין אלע יידישע שטעט. און גייט אזוי ווייטער, וועט איר פארשטיין וואָס אזוינס הייסט א

[illegible]ה פון א פאָלק און ווי מען „שטעלט זי צונויף". א תורה איז דאָס וואָס א פאָלק האלט עס אין איין לערנען און אין איין אָטעמען מיט די ווערטער פון דעם. אָן דעם מעגן זיין די הייליקסטע און די שענסטע שריפטן, — זיינען דאָס ביכער, ווערק, ליטעראטורן, וואָס איר ווילט נאָר אליין, — קיין תורה קען עס נישט זיין. תקפ"ח דורות פריער איז געווען די תורה גרייט, פארטיק, — אזוי דערציילט א קלוגע לעגענדע סימבאָליש — נאָר זי איז קיין תורה נישט געווען, ווייל קיין פאָלק האָט זי נישט אריינגענומען אין זיין לעבן און אין זיין נשמה.

און אז אונדזער פאָלק היינט טרינקט זיך אין קאָרטן און אין עפּעס אנדערש און פארוואנדלט זיין העכסטן אידעאל אין קיצלדיקע מאַכערייקעס צו קלייבן געלט וואָס האָט דעם טעם פון מחיר כלב און דעם ריח פון אתנן זונה, אויב א פאָלק דערשטיקט אין זיך דעם קול דממה דקה פון זיין שכינה, און עס דארף נישט קיין ווערטער און עס וויל נישט קיין אויסדרוק פאר זיין נשמה, וואָס ווער ווייסט צי זי זשיפּעט נאָך אין פארבאָרגעניש, — טאָ וואָס דארף אזא פאָלק א תורה, א תנך? אז עס איז נישטאָ ווער עס זאָל נעמען דעם תנך, טאָ צו וואָס אים צוזאמענשטעלן? ווייסט איר פון א מימרא וואָס באמבלט זיך מיר אין קאָפּ און איך ווייס נישט אפילו פון וואנען זי קומט? אָבער זי איז ריכטיק, ריכטיק פאר אונדז יידן: „עשות ספרים הרבה לא טוב" — פּראָדוצירן ביכער פאר די פּאָליצעס, פאר די ביבליאָטעקן, פאר די מייז צו גריזשען, פאר די פארגוויישטע קינדער צו שליידערן אין די קעלערס אריין... ווער דארף עס? קיין ארכיוון און מוזעאומס דארפן מיר נישט. ווו קענען מיר, א וואנדער פאָלק, זיך ארומשלעפן מיט דעם?

:: :: ::

און אַז איר ווילט, האָבן מיר דען נישט קיין נייעם תנך? דארף מען דען אים איצט נעמען צוזאמענשטעלן? זיינען דאָך צווישן אונדזערע שרייבערס געווען אויך אַזוינע וואָס האָבן יאָ זוכה געווען צו

א „גילוי שכינה" און פון זייער פּען האָט ארויסגערעדט דאָס גאַנץ פאָלק אונטער דעם פּסעוודאָנים טביה דער מילכיקער, צי יוחנן וואַסערטרעגער, צי יוחנן דער מלמד. זיכער איז טביה מער ייד איידער דער אַלטער איוב, און אויב ער האָט נישט זוכה געווען צו ווערן פארן יידישן פאָלק דאָס וואָס איוב איז געוואָרן, איז אין דעם שולדיק נישט טביה נאָר דאָס פאָלק וואָס גייט איבער אַלע הינטערהויפן פון אַלע פעלקער זוכן ברעקלעך פון קולטורן און וויל זיין אייגנס נישט אנקוקן...

דארף מען נישט צונויפשטעלן אויף א באשטעלונג אַ נייעם תנך, ס'איז דאָ! אויב פון די אַלטע צייטן האָט מען אָפּגעקליבן נישט מער ווי 24 ספרים און אויך פון די זיינען ווייט נישט אַלע באמת געוואָרן תנכיש, דארפן מיר זיך איצט נישט שעמען צו נעמען פון אַלץ וואָס יידישע שרייבערס האָבן אָנגעשריבן און פון דעם אָפּקלייבן דאָס וואָס איז ראוי צו ווערן א תנך. איז די פראגע נישט ווענן שאַפן, נאָר ווי מאַכט מען אז דאָס פאָלק זאָל פון די אָפּגעקליבענע ספרים מאַכן זיין תנך?

און דאָס איז ווידער די אויפגאבע פון די יידישע שרייבערס, די סופרי ישראל וחכמיו. — וואָס האָט מען זיך צונויפגעקלומיקט אויף דעם ניו יאָרקער „פארנאַס" און מען טרעט זיך איינער דעם צווייטן אויף די הינער אויגן? זאָלן געגומען ווערן די קלומיקעס און מען זאָל גיין „אין פאָלק" אריין, צו די קיבוצים און ישובים ווו עס איז נאָך דאָ אַן אויער וואָס הערט זיך צו צו אַן אויפריכטיקן יידישן וואָרט. זאָלן יידישע שרייבער פארפאַקן אין זיך דאָס תנכישע, דאָס אויפריכטיק פאָלקישע און נשמהדיקע און גיין דערמיט אין אַלע צעשפּרייטונגען און צעזייאונגען פון אונדזער פאָלק, און קומען און לערנען, און פארשפּרייטן דאָס וואָס איז ווערט צו ווערן א תנך.

האָבן יידישע שרייבערס זייער פיל אויפגעטאָן כדי צו ראַטעווען דעם ארגענטינער ישוב פון זיין טומאה. פארוואָס זאָל עס נישט געטאָן ווערן אנדערשוווּ?

אָט איז א יונגער און א פרישער יידישער ישוב אין מעקסיקע.

האָט ער פיל גוטע שפּראַצונגען וואָס קענען ווערן א ברכה פאַרן פאָלק. האָט ער אָבער אויך זייער פיל מיקראָבן פון דעמאָראַליזאַציע וואָס קענען הלילה אויפעסן ווי דעם ווילשטאַנד פון ישוב, אַזוי אויך זיין אָנזען און זיינע האָפענונגען אויף גרעסער צו ווערן. וואָס טוען די פּאַרנאַס־לייט אונדזערע כדי צו ראַטעווען דעם ישוב און מען קען אים ראַטעווען מיט גאָטס וואָרט א סך גרינגער ווי נינווה. ווילט איר א תנך א נייעם, דאַרף מען אים נישט באַשטעלן צו שרייבן, — מען דאַרף טראָגן דעם גאָט פון פאָלק אין האַרצן און מען דאַרף נעמען דאָס פון די ספרים ווו אָט דער גאָט פון פאָלק איז דאָ און דאָס טראָגן אין פאָלק אַריין.

איך ווייס א שטאָט אין אַמעריקע ווו א טייל פון דעם יידישן ישוב האָט אין משך פון עטלעכע יאָר זיך אַריינגעלעבט אין שטיקער פון שלום עליכם, פּרץ און ביאַליק, ביז עס איז ביי אייניקע אַריין אין בלוט. האָבן אָבער עס נישט שרייבערס געטאָן! די קומען צופאָרן כדי צו מאַכן א קאַמפּיין. דערמאָן איך זיך ווי אין ווילנע פלעגן יידישע יינגלעך זיך וואַרפן מיט פּסוקים פון קולבאַק צי פון וועמען, — איז דאָס געווען דער אויפטו נישט פון יידישע שרייבערס. לערערס, קנע־לערס, מלמדים דאַרף מען האָבן!

— אין פאָלק אַריין, יידישע שרייבערס! טראָגט צו אים גאָטס וואָרט וואָס איז נישט געמאַכט געוואָרן אויף א באַשטעלונג. זייט אַזוי גוט, מאַכט נישט קיין תנכן...

איבער אַלע וועגן פון דזיי וואַנלען

...פון ווייטן שאנכאַי איז צו מיר דערגאנגען א פעקל בראָשורן „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע". מער ווי א יאָר איז דאָס פעקל אין וועג. ווער ווייסט ווי עס איז צו מיר איצט דערגאנגען. און געשריבן די בראָשור וועגן דיכטונג האָט א ייד א ווארשעווער י. ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז מיט די בייזע ווינטן פון דער מלחמה פארטראָגן געוואָרן אזש אין ווייטן שאנכאַי. און א יידישע דרוקעריי אין שאנכאַי, דאָס ערשטע יידיש ביכל; א דאנק די פריינט טאפּאַז, לעווי, קליינמאַן וואָס פינאנסירן דאָס ערשטע ביכעלע" אין א יידישן שאנכאַי... אָט אזוי ווי עס פירט זיך אומעטום ביי יידן. און אין נאָכוואָרט דערציילט דער שרייבער: מען לויפט פון ווארשע אין קאָוועל, הונגער, באָמבעס, צעווייטיקטע פיס פון שלעפּן זיך וואָכן צו־פוס. און אז מען רוט זיך אָפּ, — בענקט זיך נאָך א בוך... מאָדנע מענטשן!

האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס איך האָב געזען אין א הקדמה צו א נאָר אַן אנדער ספר. דאכט זיך עס איז די הקדמה צום „חיי אדם" זיין מחבר, ר' אברהם דאנציקער, דער שטרענגער ליטווישער צדיק. וואָס זיין ספר איז געווען דאָס געזעצן־בוך פון מיליאָנען יידן איבער דער וועלט, וואָס זיין „תפילה זכה" זאָגן מיליאָנען יידן אלע יאָר פאר כל נדרי, אָט דער ייד דערציילט: 1812, נאפּאָלעאָנס ארמייען האָבן

פארנומען ווילנע, האָט מען צעראבירט זיין הויז, האָט מען אויך זיי־נעם א כתב יאָ צוגענומען. לאָזט ער זיך זוכן גערעכטיקייט ביי מל־המה־פירנדיקע פעלקער און גייט ראטעווען זיין כתב יד. גאָרנישט פון זיין באלעבאטישקייט, אלץ איז ער מפקיר. אָבער זיין ספר מוז ער ראטעווען! אָט אזוי איז א ייד.

130 יאָר שפּעטער. פּראָגרעס, פעלקער פירן מלחמות שוין נישט אזוי פּרימיטיוו ווי דער אלטער נאפּאָלעאָן. און ווידער טראָגט זיך א ייד פון זיין היים אין לאָדזש, אין ווארשע; בלאָנדזשעט בייניאכט אין וואלד, דער טויט לויערט אויף אים פון אלע זייטן און ער גייט מיט א זעקל אויף דער פּלייצע. און אין זעקל... א כתב יד, א ליד, א בוך וועגן שלום עליכמען טראָגט דער ייד י. י. טרונק אין זיין זעקל, וואָס איז אים געבליבן פון זיין רייכער היים, אָט דעם פּריציש אויפגעהאָ־דעוועטן, געבילדעטן יידישן פאבריקאנטן זון. וואנדערט ער אזוי און קאָנטראָלירט צי עס פעלט אים חלילה נישט קיין בלעטעלע פון זיינע כתבים...

געווען אמאָל אין פּוילן א יידישער רייכער פאבריקאנט, וועלכן האָט ער געקערט, איבער צענדליקער טויזנטער ארבעטער רעגירט, א האלבע וועלט מיט זיינע שטאָפן באקליידט.

און אין טומל פון דעם גרויסן געלטמאכערישן יאריד האָט דער אמאָליקער חסידישער בחור און שארפער קאָפּ, וואָס איז אין דעם פאבריקאנט פארבליבן פארבאָרגן פון אלע זיינע סעקרעטארן און געהילף־דירעקטאָרן, מחדש געווען פּשטלעך און חידושים אויף א פּסוק אין תנך, אויף א מאמר חז״ל וכדומה. פלעגט ער עס אין די נעכט אויף פּאַפּירלעך פארשרייבן, מיט א בלייפעדער אויף שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט אויף זיין נאכטטישל אין זיין פּאלאץ.

איז דער חסידיש־משכילישער כתב יד געלעגן און געוואקסן אין איינעם פון די שטאָלענע פייער־קאסעס. אין אנדערע זיינען מיליאָנען געוואקסן, פאבריקן, אונטערנעמונגען, געלט־מאכינאציעס, — און צווישן זיי — א העברעיטער כתב יד. צוויי נעמען האָט דער ייד גע־

האָט: פאַר דער וועלט — אַ אייראָפּעיִשן, גאַנצע טעג אַ אייראָפּעער אין אַ צילינדער. פאַר זיך, אין שלאָף־צימער — די יאַרמלקע, און דער אַלטער ייִדיש־חסידישער נאָמען פון רבים שטיבל נאָך.

איז אַזוי געגאַנגען ביז דער דײַטש איז געקומען. דער אייראָפּעיִשער נאָמען האָט נישט געהאָלפן. דער ייִד איז געפּלויגן פון אַלע זײַנע באַנקן, פאַבריקן, פּאַלאַצן, קאַפּיטאַלן — אַלץ. זיי האָבן אויך געפונען דעם כּתב יד, און אים צוגענומען, קיין בערלין געשיקט. האָט זיך דער ייִד געבעטן: אַלץ נעמט צו, נאָר נישט דעם כּתב יד. צענדליקער מיליאָנען אַרן מיר נישט, נאָר דעם כּתב יאָ רירט נישט.

עס האָט נישט געהאָלפן. און שוין יאָרן: נאָך קיין זאַך בענקט נישט דער ייִד, — דעם כּתב יד קען ער נישט פאַרגעסן. אי, דער ספר, דער ספר!

צענדליקער יאָרן האָט ער אין אים אַרײַנגעלייגט!

און אין די רײַכטימער זײַנע דאָך אויך געווען צענדליקער יאָרן אַרבעט?

— איי, גייט שוין, גייט, — וואָס פאַרגלײַכט איר? אָט זעט: געפינט מיר מײַן כּתב יד, — און איך גיב אָפּ אויך דאָס לעצטע וואָס איז מיר פאַרבליבן, וואָס איך לעב פון דעם מײַנע לעצטע יאָרן...

און עס פרעגט מיך דער ייִד: אפשר קענט איר דערקלערן, פאַר וואָס ציט עס אַזוי דעם ייִדן צו זײַן בוך?

און פון דאַנען טראָגן מיך אַריבער מײַנע געדאַנקען ווײַטער: ווײַטעבסק, ערגעץ אויפן עק שטאָט צווישן „לוטשאַסע” און מאָהילעווער גאַסן — אַ שערער אַ ייִדישער. און ביים שערער אַ ייִנגל, וואָס פאַרשמירט אַלע ווענט און מאָלט מענטשלעך. און אַ ייִדישער קינסטלער, יודל פּען, נעמט דאָס ייִנגל לערנען און דאָס ייִנגל ווערט מגולגל קיין פּאַריז און עס ווערט פון אים — מאַרק שאַגאַל. און שאַגאַל נעמט און גיט אַ מאָל אויס: אַ ווינטער־נאַכט, שניי, אַ קאַלטער פּלויט, אַ שלאָפנדיקע צערקווע און — איבער דעכער אויפן הימל שוועבט אַ ייִד מיט אַ זעקל, און סודות, מיסטיק און אַן אייביקייט איז פאַרבאָרגן אין אָט דעם שוועבנדיקן ייִדן, וואָס איבער אַלע קאַלטע דעכער פון

זער גאָרער וועלט. און ענג איז זי, די קאלטע שלאָפנדיקע וועלט: א פּליט, א צלם און דאָס איז אלץ. גיי וואנדער איבער וועלט, אז זי איז קאלט און מיט פּלויטן פארצאמט!... אָבער, זייער חשובער שאנאל, אפשר קענט איר אונדז אויפעפענען דאָס זעקל ביי דעם יידן אויפן פּלייצע, וואָס ליגט דאָרטן, וואָס טראָגט ער דאָרטן מיט זיך אָט דער ייד אין דער לופטן?

איך גלויב — דאָרטן ליגט דער כתב יד, פון חיי אדם, פון טרונקס שלום עליכם בוך, פון ראפּאפּאָרטס ביכל און אפשר אויך...

ס'איז 1920, קיעוו, די פּאָגראָמען זיינען געענדיקט, — און אָט רייסט זיך א גרופּע מענטשן פון דעם לאנד. נישט פון פּאָגראָמען וויל מען אנטלויפן. בעת די פּאָגראָמען איז געווען צו פיל ארבעט: שולן, קורסן, פארלאגן — מען האָט געבויט א קולטור־ליגע. איצט איז די קולטור־ליגע געשלאָסן: מען מוז גלויבן אין גאָט און אין זיין נביא. מען מוז שפּרינגען קדוש און זאָגן אמן... און עס האָט זיך אויסגעדוכט: איבער דער גרעניץ א נייע דעמאָקראטישע און א „אייראָפּעישע” (אָ, ווי הויך מיר האָבן געהאלטן אָט דאָס וואָרט) מדינה, דאָרטן וועט מען קענען בויען, שאפן יידישע קולטור, א יידיש לעבן, א היים נישט נאָר פאר יידישע מענטשן, נאָר — פאר דער יידישער נשמה, א היים פאר דער פארוואָגלטער שכינה פון פאָלק... אזוי האָט מען געגלויבט און מען האָט גרעניצן געגנבעט, קיין פּוילן זיך געלאָזט... חלומות, ברידער, חלומות! פיר פון דער גרופּע האָבן זיך שוין באַרויקט אויף אייביק. צוויי אויף דעם וואַרשעווער בית עולם (זילבערפארב און יוסף לעשצינסקי כמורנער), צוויי אין ניו־יאָרק (ליטוואק, מלמד). צוויי לעבן אין ניו־יאָרק, צעקריגט, צעריסן. איינער האָט זיך פארדונגען פאר א שמש אין א שול, וואָס ער איז מיט 20 יאָר צוריק פון איר געלאָפן... און איינער איז ערגעץ פארוואָרפן נאָך ווייטער. איז אָט דערמאָנט זיך מיר, דער לעצטער איז געקומען צו דער לעצטער גרעניץ־שטאָט מיט גרויסע פּעק נאָך — א שאָד געווען דאָס אלץ צו וואַרפן, און פון אָט דער שטאָט צו דער גרעניץ איז ער אריים מיט א זעקל אויף די פּלייצעס. כלומרשט לאָזט ער זיך אין

דערפער צו קויפן עסן. און אין דעם זעקל איז געלעגן א.כתב יד פון א ביכל — שטילע, קאָנצענטרירטע ארבעטס־נעכט, פלייסיקע אר־בעטס־טעג זיינען אין דעם קליינעם מאנוסקריפּטל געלעגן. וועגן לעבן פון געוויקסן האָט זיך דאָרטן געשריבן... מיר וועלן בויען שולן, האָט זיך געחלומט, מיר וועלן פאר זיך אויסבויען א גאנצע, אן אייגענע וועלט, אלץ אין אונדזער אייגענער שפּראך, גלייכע מיט גלייכע וועלן מיר זיין, אלץ וואָס רייכע פארמאָגן ביי זיך, האָבן מיר אויך אייגנס, מיר ווילן נישט קיין ברעקלעך פון פרעמדע טישן, אפילו פון גוטע בעלי־בתים... וועט אזא בוך, דאָס ערשטע יידיש אָריגינעל בוך וועגן געוויקסן, זיכער צו נוץ קומען. שפּעטער וועלן קומען גרעסערע, בע־סערע, — איז גוט, הלוואי זאָל אזוי זיין! אזוי האָט מען געחלומט, און אין זעקל אויף דער פּלייצע איז דאָס כתב ידל געלעגן. פון אלץ מיט אן אנדער איז דאָס נאָר געבליבן. און ס'איז גענוג.

ניינצן יאָר שוין ווי אָט דאָס ביכל איז געדרוקט און קיין — בעסערער איז נאָך אלץ נישטאָ... אויך דאָס ביכל איז איבעריק... — וואָס דארפן מיר אייערע קליינע ביכלעך, אז פאר אונדז זיינען אָפן די גרעסטע, די רייכסטע, די בעסטע ביכער אין דער וועלט?

— דאָס איז דאָך בטלנות, זאָגט אליין!

— צו וואָס די מנחם מענדלשע שטיק?

אָ, ווי איז אונדז, וואָס מיר זיינען אזוי קלוג און אזוי שכלדיק געוואָרן! ווי צו א מענטשן, וואָס פארלירט זיינע געוווינהייטן און ווי, צען מאָל ווינד און ווי צו א פאָלק וואָס פארלירט זיין איך, דעם ווילן צו זיין א „איך".

און אָט אזוי לעבט א פאָלק... ס'לעבט? — טראָגט זיך איבער פרעמדע קאלטע דעכער, אונטער טונקעלע הימלען און חלומט אויך, עס חלומט זיך אים היים אויף יעדער דאך, איבער איטלעכן פרעמדן דאך. דאָס זיינען די קלוגע. און צווישן זיי טרעפט זיך א נאר: בלאָנ־דזשעט א ייד איבער וועגן און אומוועגן, און אין זעקל איבער די פּלייצעס ליגט א ביכל... שוין וויפל יאָרהונדערטער אזוי?

1941

דער לעצטער טור

עס זיינען שוין אריבער וואָכן נאָך זשיטלאָווסקיס טויט. די פּאַראדן זיינען שוין אריבער, די ארטיקלען שוין איבערגעלייענט, די כיבודים שוין צעטיילט, די רכילותן האָבן זיך שוין אָפּגעקילט. און דאָס רעדל דרייט זיך ווייטער....

„ . . . און ביים ארייננגאנג אין קבר
זאָל א יונג לעבן שפּילן
און די וועלט די גלייכגילטיקע
זאָל מיט אייביקער שיינקייט
ווייטער גלאנצן”
(פון פּושקין, פריי איבערגעזעצט)

געוועזן א מענטש און מער נישטאָ שוין און צוריק איטלעכער צו זיין פּעקל און יוצא.

אָבער נאָר טעמפּע לערנען זיך נישט פון פאקטן, פון געשעענישן. עס איז געוויס א סימן פון פארעקשנטער פלאכקייט צו וועלן פארביינין אליץ און גאָרנישט אָפּלערנען זיך, גאָרנישט וועלן אפילו געפינען דעם מוסר השכל.

און לערנען איז דאָ פון אָט דעם לעצטן טור זייער פיל. א גרויסן מוסר השכל מוז מען זיך אָפּלערנען אויב מען איז נאָך פעיק זיך אָפּצולערנען, צו באַגרייפן, צו באנעמען: אויב מען איז נאָך נישט געוואָרן קיין לעבעדיק שרייפּעלע אין א גרויסן קאָנווייער־באנד, ווו

אַלץ דרייט זיך, אַלץ גייט אויף א ריין מעכאַנישן אופן אין דער גרויסער מאַשין וואָס מען רופט עס לעבן און קיינער, קיינער וואַגט נישט צו זיין א מענטש פאַר זיך מיט אַן אייגענעם קאָפּ און האַרץ, מיט אַן אייגן פּריוואַטן געפיל.

כל־זמן די גרויסע ציוויליזאַציע האָט נאָך אין אונדז געלאָזן כאָטש א טראָפּן גייסטיקע און מאָראַלישע זעלבסטשטענדיקייט, מוזן מיר זי־כן דעם גאַנצן ביטערן אויספּיר פון אַלץ וואָס מיר לעבן דורך און זשיטלאָווסקי האָט א סך געלערנט ביי זיין לעבן. נישט ווייניקער אָבער מיט זיין טויט.

איך ווייס — מען וועט דאָס ניט טרייבן, כאָטש א סך טראַכטן זי־בער וועגן דעם. מען וועט עס נישט זאָגן, ווייל אין דעם דיקטאַטאָ־רישן סאַנקציאָנירטן שטראָם פון לעבן מיט זיינע קאָנווענציאָנעלע אמתן פּאַסט זיך דאָס אפשר נישט אריין. אָבער דער נישט־אָנערקענ־טער אמת איז מער אמת, אין אים ליגט דער אמת וואָס מוז געלערנט ווערן.

לאָמיר פּרובירן. אַן 78־יאָריקער זקן לאָזט זיך אויף א וויטן טור מיט לעקציעס. — פאַרוואָס? צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן?

דער פאַרלאַנג צו אַגיטירן און פאַרשפּרייטן אידעען? — ניין דאָס האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי געקענט טאָן מיט זיין פּען, געלאָזט אין וועג אריין האָט ער זיך צוליב פּרנסה. צוליב פּרנסה. די ביטערע חיונה האָט געטריבן דעם זקן אין וועג אריין ארויסצוטרעטן אויף פאַרזאַמ־לונגען, האַלטן רעדעס, זיצן און הערן „ספּיטשן אויף באַנקעטן ווי יידן האָבן ליב.

וואָלט דר' זשיטלאָווסקי געווען אַזאַ פעיקער מעדיצינער, אַן אַד־וואָקאַט, א סטאָליער, א קרעמער מיט די גרויסע פעיקייטן וואָס ער האָט פאַרמאָגט. וואָלט ער געווים זיך „ארויפגעארבעט". ער וואָלט אויף דער עלטער געווען פאַרזיכערט מיט חיונה און מיט כבוד אוודאי. ווי שרייבט מיר איינער א ניו־יאָרקער ייד, א בן־עיר: אויב דו מיינסט אַז דאָס גיט מען מיר אָפּ כבוד און מען מאַכט מיר יובלם, — ביסטו א גרינהאָרן. אָט ווען דו ביסט נישט קיין מלמד און האָסט אויך א

פעטן באנק־ביכל, וואָלט מען דיר אויך אָפּגעגעבן כבוד און געהאַלטן פאַר א חכם.

האָט דער גורל גאָר געמאַכט דעם געניאַלן דר׳ זשיטלאָווסקי נישט פאַר קיין פּראָספּעריטי מענטשן, נאָר פאַר א געלערנטן יידישן דענ־קער.

וואָלט דר׳ זשיטלאָווסקי געווען א ראַביי אין א קאָנגרעגאַציע פון צוועלעבע הונדערט יאַהודים, וואָלט ער זיכער געווען באַזאָרגט מיט היונה בכבוד און וואָלט זיך נישט געדאַרפט לאָזן צו 78 איבער דער וייטער וועסט צו „לעקטשורן לעקטשורס" און באַנקעטעווען באַנ־קעטן.

האָט אים דאָס מזל געמאַכט גאָר פאַר א רבי פון צענדליקער טויזנטער יידישע יידן מיט יידישע הערצער און מיט גוטע יידישע זיטן.

וואָלט דר׳ זשיטלאָווסקי געוואָרן א היברו־טיטשער, אַנטשולדיקט, א פּראָפעסאָר ערגעץ אין היברו קאַלעדזש ווי צענדליקער אַנדערע מיט ידיעות און פעיקייט להבדיל פון זשיטלאָווסקין, וואָלט ער אויך נישט געדאַרפט צו 78 יאָר זיך לאָזן אויף זיין לעצטן טור.

זשיטלאָווסקיס אָנהענגער דערמאָנען מיר אָפּט חסידים פון א רבין.

דערמאָן איך זיך א אינצידענט נאָך פון ווילנע: אַן אַמעריקאַנע־גאַסט־ערגעץ פון קאַליפאָרניע, דאַכט זיך, דערציילט אונדז: וויפל ער האָט אַלץ געטאָן פאַר זשיטלאָווסקין, וואָס ער האָט אים אַזוי ליב. אַז זשיטלאָווסקי איז געווען ביי זיי אין שטאָט, האָט ער אים א מאַנטל געקויפט, צוויי נייע סוטס געגעבן... איז געזעסן דערביי א חוצפּהניק א ליטוואַק, שרייט ער אויס: — אַזוי! און געווער חסידים האָבן אויסגעבויט א באַן צו זייער רבין...

דר׳ זשיטלאָווסקי איז אין 1939 אוועק פון איקוף און אין 1941 צוריקגעקומען. פאַרוואָס? — צוליב אידעישע ענדערונגען. געוויס זיינען ביי אים פאָרגעקומען ענדערונגען. ער האָט זיכער נישט גע־ליגט קעגן זיין געוויסן. אָבער. אין תוך איז דאָך דר׳ זשיטלאָווסקי געווען א געלערנטער דענקער, א פאָרשער. ווער האָט אים געצוווּנגען

אָפּצורייסן זיך פון זיינע באַליבטע טעאָרעטישע פאָרשונגען און זיך אָפּגעבן מיט פּאָליטישע אַרטיקלען און טאָג־פּראַגן, מיט לעקציעס און זיצונגען וואָס זיינען פאַר אים געווען דאָך אַ צוטשעפּעניש, אַ צוגאָב אַרבעט? פאַרוואָס האָט דר׳ זשיטלאָווסקי נישט געקענט זיצן רויק און אַרבעטן אויף די געביטן וואָס זיינען געווען זיין לעבנס אויפגאַבע? פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט שרייבן טאָג אַרטיקלען גאָר? ער איז דאָך נישט געווען קיין פּאָליטישן, קיין לידער און פּאָליטיק טרייבער?

איז דאָ ווידער געקומען אין מיטן די פאַרשאָלטענע פּרנסה.

איז זשיטלאָווסקין דאָך באַשערט געווען צו זיין אַ יידישער ייד.

האָט ער קיין אַקאַדעמישע רויקע פּרנסה פון אַ יידישן וויסנשאַפטלער נישט געהאַט; — ווו דאַרפן יידישע יידן אַזוינע קאַלעדזשעס, אַקאַדעמיקער? איז זיי דען אָן אָונט שול ווייניק? איז קיין גייסטיקן פירער ווי אַ רב ביי די פרומע, אַ ראַביי ביי די רעפאָרמירטע פאַרגויישטע, דאַרפן מיר אויך נישט.

טאָ וואָס האָט זשיטלאָווסקי געזאָלט טאָן? אויב נישט ווערן אַ טאָג־צייטונג שרייבער, האַקן אַרטיקלען ווי די רעדאַקציע הייסט און ווי דער „באָס" וויל? און אויף צו צושטוקעווען — פאַרט מען איבער דער וועלט, מען האַלט לעקציעס און מען גיט די צוהערער גייסטיקן פאַרגעניגן און זיי באַצאָלן דערפאַר מיט אַ סך טייען, באַנקעטן, סאַפּערס און מיט אַביסעלע געלט אויך: וואָס דען האָט זשיטלאָווסקי געקענט טאָן?

אָבער לעקציעס און טורן מוז מען דאָך אַראַנזשירן. מוז מען דאָך אָנקומען צו די וואָס האָבן בכוח צונויפצוקלייבן צוהערער. מוז שוין אַפילו אַ זשיטלאָווסקי זיין פאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַציעס.

און דאָ קומט וווייטער דער גרויסער צענטראַליזירטער קאָנווייער אַפּאַראַט: וויל זשיטלאָווסקי קענען לייענען אַ לעקציע אין קאַלגאַרי, מוז ער זיך פאַרבינדן מיט אַ צענטראַל אין ניו־יאָרק. דאָס איבעריקע קומט אַליין.

די צענטראַלע קען העלפן בלויז די וואָס גייען אין אירע וועגן.

דארף דער קולטור טוער דער לעקטאָר „נעמען א שטעלונג". ער מוז גיין אין שפּאָן. ער מוז זאָגן אמן און העלפן שרייען „קדוש". אָט אזוי הייסט און צווינגט די גרויסע מאשין, וואָס מען רופט זי ביי אונדז מיט א פאלשן נאָמען „פרייהייט פון וואָרט". „אנו, פּרובירט נאָר זאָגן וואָס אונדז, די באָסעס, געפעלט נישט, — און מיר וועלן זען צי דו וועסט האָבן וואָס צו עסן"...

האָט זשיטלאָווסקי געהאט אין אמעריקע פרייהייט פון וואָרט? — געווים ווייניקער ווי אין רוסלאנד אונטער דער צארישער צענזור. צי קען אין אמעריקע דער געניאלסטער ארטיסט שפּילן ווי ער וויל, ווי ער פארשטייט? קלאָר אז נישט. ער איז אן אָביעקט אין האנט פון דער גרויסער מאשין פון רעקלאמע און אדווערטייזינג. זי הערשט איבער טאלאנט, איבער גייסט, איבער נשמה. זי קרוינט „סטארס" און זי דערשטיקט זיי און דאָס רעדל ליגט אין האנט פון „באָס". און אזוי איז מיט דעם שרייבער, מיטן דענקער, מיטן אינדיווידועלן מענטשן וואָס קען זיך שווער צופּאסן צום מאסן לעבן אונטער דעם דיריגיר שטעקעלע פון זיין מאַיעסטעט מר' גאָלד.

עס איז גאנץ מעגלעך (איך האָב צו ווייניק געקענט זשיטלאָווסקין, איך זאָל עס זאָגן אויף זיכער), אז ביי זשיטלאָווסקין פלעגט זיך אמאָל אויפוועקן א פארלאנג פון רעוואָלט קעגן דער הערשאפט פון מעכאנישער מאסע; פלעגט זיך אים וועלן עפּעס זאָגן צו להכעיס דעם אָנגענומענעם, דעם טראפארעט, דעם הערשנדיקן שאבלאָן... אז מען שרייבט סיי ווי פאר דער טאָג־צייטונג, הייסט געלייענט, באלד ארויסגעוואָרפן — קיין ווערק, קיין שאפונג, קיין טייל פון דעם „איך" איז דאָך דאָס נישט, — איז פארוואָס נישט א רייץ טאָן זיך מיטן באָס, דעם תקיף? אָט ווי אמאָל אויף זיין שטייגער דער סארקאסטי־שער מאָטקע כאבאד פון זיין נגידישן תקיף ר' וועלוול אָפּאטאָוו אין ווילנע?

באשר דער היינטיקער תקיף דאָ איז א גרויסער קאָלעקטיווער מאסן אגאָנים. איז דאָך דער היגער און היינטיקער צו להכעסניק אויך אן אנדערער.

גאַנץ מעגלעך אַז אַט אין דעם צו להכעיס דראַנג קעגן דעם טעמפּן טראַפּאַרעט וואָס הערשט און באַהערשט דעם עולם דאַרף מען זוכן אַ שליסל צו אַ סך אַרטיקלען זשיטלאָווסקיס וואָס האָבן אויפגערייצט דעם עולם. גאַנץ מעגלעך.

:: :: ::

און דער מוסר השכל?

אַ סך מיטלמעסיקייטן און נישט־וויכטיקע אינטעלעקטואַלן מאַכן ביי יידן אין אַמעריקע אַן אַקאַדעמיש לעבן. איין זשיטלאָווסקי האָט עס נישט געקענט. זשיטלאָווסקיס יידן דאַרפן נישט קיין אַקאַדעמישע קולטור.

האָט איר אַמאָל געזען ווי מען צעבייט אַ גרויסן טשעק אויף קליינע סענטן און מען גיט אויס אויף קליינע פאַרגעניגנס. און ווי מען צעברעקלט אַ רבין האָט איר געזען?

אַט שטייען מיר ביי אַ פולשטענדיקן מאַנגל אין לערער פאַר די יידישע שולן... עס איז אַ רחמנות אויף די גייסטיקע אַרבעטער וואָס פאַרבינדן זייער לעבן מיטן געביט פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

:: :: ::

און נאָר צום סוף. געשטאָרבן דר' זשיטלאָווסקי. אָבער פאַר זיינע טויזנטער חסידים, אָנהענגער און פריינד זיינען דאָך זיינע אידעען נישט געשטאָרבן. זיי טראָגן דאָך זיי אין זיך. איז אפשר וואָלטן זיי געמאַכט אַן אָנשטרענגונג און אויפגעבויט אַ דרי זשיטלאָווסקי אַנשטאַלט פאַר פּראָפעסיאָנעלע קולטור טוער אין גייסט פון רבין. ענלעך צו די וואָס עס האָבן די רעפאָרמירטע. די אַנדערע יידן?

אפשר דאָך.

בטלנישע חלומות, האַ?

די טראַגעדיע זשיטלאָווסקי

דער גורל פון א יחיד איז קיינמאָל נישט אומאָפּהענגיק פון דעם גורל פון קאָלעקטיוו צו וועמען ער געהערט. וואָס גרעסער דער מענטש, אלץ מער שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין לעבן דער גורל פון זיין פאָלק. פון דעם גורל פון דעם יחיד איז אָפט גרינגער צו לערנען דעם גורל פון כלל, איידער דאָס לאָזט זיך מאכן שטודירנדיק די די גורלות פון דעם כלל דירעקט.

זשיטלאָווסקי איז אָן שום ספק א יחיד פון אזא קאטעגאָריע, וואָס אויף אים לאָזט זיך א סך שטודירן פון אונדזער גורל בכלל. כל־זמן דער מענטש זשיטלאָווסקי האָט געלעבט, האָט זיך אָפט נישט געלאָזט אָפּשיידן דאָס יחידישע, ריין פּריוואטע פון דעם כללישן, און במילא האָט זיך נישט געוואָלט אָנרירן די טעמע. איצט אָבער, ווען דער ביטערער טויט האָט איבערגעריסן דאָס פּריוואטע, קען מען אָביעקטיווער נעמען דאָס כללישע אין דעם מענטשן, אבסטראַהירן אלץ וואָס האָט א שייכות צו דעם יחיד בלויז, וואָס מיט אים פירט מען מער נישט קיין פּאָלעמיק.

:: :: ::

היים זשיטלאָווסקי איז געשטאָרבן אין דער פרעמד, ווייט פון זיין משפּחה, פון זיינע נאָענטע, טויזנטער מיילן פון זיין היים. און ווי האָט ער געלעבט אין די לעצטע יאָרן? איז זיין אקטיוו געזעלשאפטלעך לעבן געווען נענטער צו זיין היים? האָט זיך דען זשיטלאָווסקי אין די לעצטע יאָרן נישט דערווייטערט פאר טויזנטער מיילן

פון זיינע היימישע תּלמידים און פריינד, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן געשאַפן דעם זשיטלאָווסקי־קרייז אין יידישן פאָלק? טאָלסטאָי איז ערב זיין טקיעה אַוועק פון זיין שטוב און איז אויס־געגאַנגען ערגעץ אויף אַ קליינער באַן־סטאַנציע אַסטאַפּאָווע. זשיט־לאָווסקי איז ערב זיין טויט אַרויסגעפאָרן פון זיין היים, און איז אויסגעגאַנגען אין אַ קליין שטעטעלע קאַלגאַרי אין דער ווייטער פּראָווינץ אַלבערטאַ, אין מערב קאַנאַדע. עס איז אָבער פאַראַנען אַ גרויסער אונטערשייד אין די אין פלוג אַזוי ענלעכע גורלות. טאָלסטאָי איז אַוועק פון זיין נישט אויסגעהאַלטענער היים צו זיין פאַרזיכי־קער אויסגעהאַלטענער. ער האָט געשטרעבט צו געפינען פרייהייט פאַר זיין אינעווייניקסטן „איך". מיט זשיטלאָווסקין איז עס געווען נאָר אַנדערש. ער האָט אַוועקגעטראָגן זיין „איך" פון זיין אייגענער. פון אים געשאַפענער היים ערגעץ אין דער פּרעמד. ער האָט דעם גרויסן סכום פון זיינע תּלמידים פאַרלאָזן כדי צו גיין מיט נייע פריינד...

און פון ברעג צו ברעג האָבן תּלמידים און פריינד געטרויערט. געוויינטאָגט, געליטן דעם רבּיס אַוועקגיין. ווער עס האָט מיט האַרצ־ווייטאָג געוואָרפן שטיינער אין רבּין, ווער עס האָט מיט שאָדנפרייד געשריבן „אהא!". אַלטע חברים האָבן זיך אָפּגערוקט, דער מיט טרערן און דער מיט ציינקריצעניש. און דער רבי איז געגאַנגען דרייסט מיט זיינע נייע פריינד, לערנען זייער תּורה. און זיי האָבן טריומ־פירט: אהא! אייער רבּי איז איצט אונדזער נביא געוואָרן, אייך אויף צעפּיקעניש!!

אָבער דאָס איז נישט די איינציקע און נישט די וויכטיקסטע דערשיינונג אין זשיטלאָווסקיס לעבן. מען קען מיט אַ געוויסער אָנ־שטרענגונג פירן אַ פּאַראַלעל צווישן דעם היסטאָרישן גורל פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּאַטריאַרך פון וועלטלעכקייט מיט דעם פּאָטער פון דער הטכלה: זשיטלאָווסקי און מענדעלסאָן בשעתו. ביידע זיינען פערזענלעך געשטאַנען מיט ביידע פיס אין יידישקייט, ביידע זיינען געווען די אַנערקענטע פאָנען־טרעגער פון אַ נייער באַוועגונג, דער

ערשטער פון דער השכלה און דער צווייטער פון וועלטלעכקייט. בייַדע באַוועגונגען האָבן לויט דער אידעע געדאַרפט שטאַרקן יידישקייט, און בייַדע האָבן פּאַקטיש געפירט אין א צווייטער ריכטונג. דער ערשטער האָט געווירקט אין די קרייזן פון דער יונגער יידישער בורזשואַזיע און בירגערטום, דער צווייטער — אין די קרייזן פון פּראָלעטאַריאַט און אין פּאָלקסטימלעכן בירגערטום. דער ערשטער האָט געמאָלדן קריג דער יידישער נאַציע, און זיך דערקלערט אין ליבע און געטרייקייט צו דער יידישער רעליגיע. דער צווייטער האָט זיך צעקריגט מיט דער יידישער רעליגיע און געפּריידיקט א ריינעם יידישן נאַציאָנאַליזם. דער צד השווה פאַר בייַדע איז געווען איינער און דער זעלביקער:

הייב זיך אויף פון וואָגן
און דערזע דעם בראָך:
דיינע קינדער טראָגן
א צלם דיר נאָך... און

(דער גייער, ז' 187)

פאַרוואָס?

ווייל ער האָט מיטגעבראַכט פון דעסוי קיין בערלין
די תורה בלויז — די יידן האָט ער אין דער היים געלאָזט.
און תורה, אז זי בלייבט אָן יידן, שטאַרבט.
מיט טויטער תורה איז מען נישט קיין ייד.
אָן יידן איז מען נישט קיין ייד.

(דער גייער, ז' 234)

א באַוועגונג שאַצט מען נישט לויט די טעאָרעטישע באַגרינדונגען, נישט לויט אירע דאָגמען און פּרינציפּן, נאָר לויט די רעזולטאַטן אין משך פון דורות. די שענסטע און „ריכטיקסטע" באַוועגונג, וואָס אין דריטן דור איז זי אפּגעהאַקט, איז א פאַלשע און א שעדלעכע. און פאַרקערט — א ריכטונג א נארישע, וואָס האָט המשך, איז ריכטיקער, איז אמתער. האָט מענדעלסאָנס השכלה נישט געהאַט קיין דריטן דור. האָט זשיטלאָווסקיס וועלטלעכקייט א צוויי־

טן, א דריטן דור? האָבן זיינע געטרייע תלמידים אויסגעבויט, אויסגעהאָדעוועט א דור, א צווייטן דור, זייערע קינדער זאָלן קענען אזוי געניסן פון זייער רבין ווי זיי? אפשר איז דאָ געלעגן א גרעסערער גרייז ווי אין די לעצטע פּאָליטישע אָפּנייגונגען. און דאָ ליגט עפּעס טראַגישעס שוין נישט פאר דעם יחיד, נאָר פאר דעם כלל: ווען מענדעלסאָן האָט געלערנט זיין תורה און דאָס „פאָלק" האָט אזוי שטאָלצירט מיט אים (איבערהויפּט ווייל ער איז דאָך אזוי חשוב ביי לייט...), האָט זיך שפּעטער דאָך באוויזן א פּרץ סמאָלענסקי וואָס האָט אים מוטיק און שארף באקעמפט. און ביידע — ווי דער פּאָלשער רבי אזוי אויך זיין היציקער אָפּאָנענט — האָבן געהאט זייער דאָמינירנדיקע אידעע, אָט די וואָס האָט ארויסגערופן היץ און היים בלוט, — די דאָמינאַנטע איז געווען אין יידישן לעבן. ביידנס אידעען־וועלט, ביידנס טעמפּעראמענט האָט זיך קאָנצענטרירט אין יידישן לעבן. מיט זשיטלאָווסקין האָבן זיך זיינע תלמידים צעקריגט צוליב זיינע פּאָליטישע סימפּאטיעס. צו די טעאָריעס אין יידישן לעבן איז מען א סך גלייכגילטיקער, קיין טעמפּעראמענט צינדט דאָס נישט אָן. די „דאָמינאַנטע" וואָס פיקסירט די אויפמערקזאמקייט איז ביי אונדז אליין אריבערגעגאנגען פון אונדז צו אנדערע.

:: :: ::

אין איין דור, אין צוויי, און פון דער פּרוכטבארער ארבעט פון דעם גרויסן גייסטיקן ארבעטער וועט גאָרנישט בלייבן. איז דאָס שוין אויך קיין נייעס נישט. דער ייד־גריך פילאָן פון אלעקסאנדריע אין דער אנטיקער וועלט האָט ווייניקער אריינגעפלאָכטן אין יידישן לעבן איידער דער קלענסטער פון די אמוראים. די „גאָלדענע תקופה" אין שפּאניע איז אפשר גלאנציק ווי גאָלד, נאָר לעבן האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט מיט דער ירושה פון דער „אייזערנער תקופה" פון די חכמי פּראָוואַנס, חכמי לותר, רש"י און תוספות און בעלי־הלכות פּסוקות. מענדעלסאָן, שלמה מיימאָן און צענדליקער אנדערע האָבן ווייניקער ציגל אריינגעטאָן אין די מויערן פון יידישן לעבן

אײדער אײן װינקעלע פון װאָלאָזשין. און די צענדליקער בענד פון דעם איצטיקן נפטר װעלן אפשר אויך בלײבן פאָליצע־קולטור. און פארװאָס?

אויף דער פראַגע האָב איך זיך באמיט צו ענטפערן אין א באַזונדערן קאַפּיטל פון מײן ביכל „אומװעגן און אויסװעג״ (א מעשה מיט צװײ חברים מיט א גרויסן מוסר השכל). דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם ראַציאָנאַליזם. פּרץ האָט בײ אונדז דעטראָנירט דעם ראַציאָ, װען ער איז אװעק פון דער השכלה צו חסידיש, װען ער האָט פארגליכן דעם ראַציאָ צו א „גראָשנדיק ליכטל אין אזא חושך״. אָבער די זאַך איז נאָך ערגער. װען עמיצער דערקלערט זײן פיר מיט ראַציאָנאַליסטישע מאָטיװן, איז ער נישט אויפריכטיק און אפשר פאַלש. דער ראַציאָ איז לגמרי נישט קײן מאָטאָר אין מענטשנס לעבן; נישט ער פירט, נישט ער טרײבט דעם מענטשן. זײן ראָלע איז בלויז א סעקונדערע; ער באַלײכט דעם װעג, װי די לאָמפּן פון אויטאָ, זײ לײכטן פאָרויס און פארבלענדן פון װײטן. דער מאָטער, דער טרײבער פון מאשין איז אָבער גאָר אנדערשװו אינעװײניק, פארבאָרגן. זאָגט עמיצער אז ער לעבט לויט זײן ראַציאָ, טאָ זוכט די אמתע טרײבקראַפט ערגעץ אנדערשװו, אין די פארבאָרגענע אינטימקײטן פון דעם מענטשן. איז דער ראַציאָנאַליזם א מין שפּיל. קען ער זיך ביסלעכװײז אָפּרוקן פון לעבן: דאָס לעבן פאַר זיך און מיט ראַציאָנאַליסטישע טעאָריעס גײט מען זיך פאַר זיך.

נאָך ערגער: אונדזער ראַציאָ איז געגליכן צו א פלינקן פערד. איז עס אײנגעשפּאַנט און אײנגעצאַמט, קאָמבינירט זיך דער כוח פון פערד מיט דער ריכטונג, און די באַװעגונג ברענגט נוצן. איז אָבער דאָס פערד פרײ אָן א צאַם און אָן א שפּאַן, טראָגט עס זיך פרײ און װילד און פארטראָגט אין שאָדן. דער אומגעצאַמטער ראַציאָ איז תמיד עלול צו ברענגען שאָדן װי א מאָטאָר אָן א קאָנטראָל. און װאָס איז דער צאַם פאַר ראַציאָ? אײנגעװאָרצלטער שטײגער און פליכטן צו אים. אין זשיטלאָװסקיס לעבן און אין זײן ארבעט האָט אָט דער קאָנטראָל געפעלט. און עס איז שוין דער כוח פון ראַציאָ

צו קענען מטהר זיין אפילו א שרץ בק״ן טעמים. איז כל־זמן עס איז פאראן דער קאָנטראָל פון איינגעשטעלטע נאָרמעס, בלייבט דער שרץ טמא נאָך אלע ק״ן טעמים אויך. איז קיין קאָנטראָל נישטאָ בלייבט די טעאָריע תמיד בלויז א שפיל פון אומגעצאַמטן שכל. עס איז פאראן עפּעס שיינס אין דער שפּיל צו קאָמבינירן די לאָגישע פּי גורן אויף פארשיידענע וועגן און באקומען אלע מאָל נייע געדאנקען־קאָמבינאציעס...

האָט זשיטלאָווסקי געקענט מיט עטלעכע צענדליגג יאָרן צוריק אוועקלויפן ביז צו נעאָ־קריסטנטום און זיך שפּילן א שטיקל צייט מיט יענער אידעע. דעמאָלט האָט זשיטלאָווסקיס חבר, אנסקי, אין א רעפעראט וואָס ער האָט געהאַלטן אין וויטעבסק, געזאָגט: איך וויים נישט ווי מיין חבר קען אריבערשפּרייזן די ימים בלוט וואָס ליגן צווישן אונדז און זיי? יענע פּדאָזע האָט זיך מיר איינגעגעס; אין זכרון אויף א גאַנץ לעבן. קענטיק אז אנסקי האָט נישט געקענט באגרייפן ווי מען קען ארויסברענגען אידעען וואָס זיינען א פּראָ־דוקט פון שכל־קאָמבינאציעס, און טיפע איינגעוואָרצלטע עמאָציעס. אנסקי האָט עס נישט געקענט. שפּעטער איז צווישן א סך אנדערע טעאָריעס אויך אויפגעקומען די „פּאַראַזיטאָלאָגישע״ אויפפאסונג פון יידנטום און גאָר צום סוף — קאָמונאַפּיליע. איך קום נישט אנאַליזירן די אַלע טעאָריעס. דאָס איז דאָך ווידער א שכל־מלאכה און מער נישט, און פארמעסטן זיך אין שכל, אין לאָגיק מיט זשיט־לאָווסקין — אזא חוצפה פארמאָג איך נישט.

און דער פועל־יוצא — איטלעכער יחיד, אפילו פון זשיטלאָווס־קים גרייס, מוז האָבן אָן אָנלען, אָן אָנשפּאַר. וואָס שטארקער דער מאָטאָר, אַלץ שטארקער דארפן זיין די איינהאַלטער זיינע, אַלץ זי־כערער דארף זיין דער רודער וואָס פירט אים, דער קאָנטראָל.

טענהט אלישע בן אבויה (אין „גייער״):

ס׳האָבן אנדערע געמעגט

עקיבאן וואָרענען און זיין געזאלבטן ווידערשפּעניקן,
און דאָך אין פאָלק בלייבן. זיי זיינען אייגענע געווען.

א. גאָלאָמב

איך נישט, ווייל איך האָב הערשערס וויין געטרונקען...

(ז' 207)

זשיטלאָווסקי האָט געלאָזט פריי שפּילן שׂכל און אים נישט גע־צאַמט מיט פעסטע צאַמען פון אָפּגעהיטענער אויסגעהאַלטנקייט אין יידישן לעבן.

איז ער אַליין געווען שולדיק אין דעם אַלעם? — ניין! דער גאַנצער קרייז און דער גאַנצער אידעאָלאָגישער אַרום האָט דאָ גע־מאַכט דעם פאַטאַלן פעלער.

עס איז געווען אַ דור אימיגראַנטן אין אַמעריקע. דער עולם האָט געגאַרט נאָך פאַרגעניגן. מען מאַכט אַ לעבן און מען וויל זיך אויס־לעבן. צוזאַמען מיטן שמוץ פון וועג האָט מען אַראָפּגעוואַשן פון זיך דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט. מען האָט געגומען האָדעווען קינ־דער גאָר ווייט פון אַלץ וואָס איז געווען יידיש. יידישקייט האָט מען געלאָזן אויף „אויסצולעבן" זיך ווי אַ מין פאַרבייסן צום לעבן. איז די גאַנצע יידישקייט געוואָרן אַ זאַך פון פאַרווײַלונג, באַנקעטן, אָוונטן, קאָנצערטן, צוזאַמענקונפטן, לעקציעס און צייט־פאַרטרייב. מאַכן אַ לעבן האָט אין זינען דעם מאָרגן, די צוקונפט, די קינדער; אויסלעבן זיך האָט אין זינען דעם היינט, זיך אַליין. איז זשיטלאָווס־קי אַריינגעפאַלן אין אַמעריקע אין דער קאַטעגאָריע פון אויסלע־באַכטס. נישט ער האָט געדאַרפט העלפן יידן פורעמען זייער מאָרגן, אָרגאַניזירן דאָס לעבן זייערס און פון זייערע קינדער. ער האָט גע־דאַרפט צושטעלן זיינע פילצאָליקע געטרייע צוהערער אָנגענעמע לעקציעס, גייסטיקן פאַרגעניגן, אָוונטן פון העכערן פאַרגעניגן, אָבער דאָך נישט מער ווי פאַרגעניגן. האָט זשיטלאָווסקי וואָס האָט אייגנט־לעך געדאַרפט זיין אַ פּראָפעסאָר און האָדעווען יונגע אינטעליגענטן וואָס זאָלן בויען דעם מאָרגן אויף יסודות פון יידישקייט, גאָר גע־מוזט שרייבן אַרטיקלען אין טאָג־צייטונגען אויף לויפיקע טעמעס פון טאָג צו באַפרידיקן די אַפּעטיטן פון זיינע לייענער. האָט ער גע־דאַרפט זיין געדאַנק אַריינשמידן אין דעם מאַטעריאַל, געשעפּט פון יידישע קולטור־אוצרות, האָט ער דעם מאַטעריאַל געדאַרפט איבער־

שמידן, — האָט מען אים אָבער גאָר געשטעלט פּסקנען שאלות ארום סימפּאַטיעס, נייגונגען, וואָס שווימען ארויף און פארזינקען ווי א מאָדע. האָט אים איטלעכע ריכטונג געוואָלט האלטן פאר א „סיילס־מען" צו פארשפּרייטן אירע אידעען, — און זשיטלאָווסקי האָט געמוזט גיין.

איז ער געווען באליבט, האָבן זיך תלמידים צו אים באצויגן ווי חסידים צו א רבי, און דאָך האָט ער געדינט נישט די אינטערעסן פון יידישן לעבן, נאָר פון יידישער אויסלעבונג. זיינען געווען אין די טויזנטער אָנהענגער פון זשיטלאָווסקיס טעאָריעס, און דאָך איז דאָס יידישע לעבן געגאנגען פארביי אלע די טעאָריעס. קיינער האָט גאָרנישט געטראכט צו נעמען זיינע אייגענע קינדער און זיי אוועק־זעצן לערנען דעם רבינס תורה און זען דורכצופירן אין לעבן זיינע אידעען. אמאָל האָבן תלמידי־חכמים געשמידט דאָס יידישע לעבן. זשיטלאָווסקין און אנדערע גרויסע יידישע גייסטער איז דאָס נישט באשערט געווען. זיינע געטרייע תלמידים האָבן אים אויפגענעסן; אויף באנקעטן און יובילעאומס.

פאראן א גמרא: נישטאָ מער קיין משיח פאר יידן, ווייל זיי האָבן אים שוין אויפגעגעסן אין די טעג פון חזקיהו"

— יידן האָבן אויפגעגעסן משיחן?! ווי קען עס געמאָלט זיין?

— נישט אנדערש — ער איז געקומען קיין אמעריקע, האָבן יידן אמעריקאנער גענומען מאכן פאר אים באנקעטן מיט טייען, מיט קבלת פנימס, ביז משיח האָט זיך לגמרי פארגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען און איז געוואָרן א באנקעטן־רעדנער. אוים משיח.

און נאָטס שטראָף האָט נישט פארשפּעטיקט צו קומען. זשיט־לאָווסקי האָט די לעצטע יאָרן געליטן פון פארפרעמדקייט. פריינד, חברים און תלמידים האָבן זיך אָפּגערוקט אין זיך געשטעלט פון ווייטן. זשיטלאָווסקי האָט אָבער נישט געקענט בלייבן אָן אן אוידי־טאָריע. האָט ער זיך דערנענטערט צו דער אוידיטאָריע וואָס האָט אים גערן געהאט פאר א סיילסמאן. איז דער ריס צווישן דעם רבי און זיינע תלמידים נאָך מער געוואקסן. דאָס איז געווען די שטראָף

פארן רבי. און מיר? מיר האָבן פארלאָרן א גרויסן שעפערישן כוח.

וואָלטן זשיטלאָווסקיס צאָלרייכע פריינד און תלמידים מיט א יאָר 30 צוריק נאָך גענומען א פינף יונגע בחורים און אוועקגעזעצט זשיטלאָווסקין מיט זיי: נא, אָט לערן מיט זיי, באַלייכט פאר זיי מיט דיין שכל די וועגן פון יידישקייט, און זאָלן זיי נאָך דיר גיין און לערנען דיין תורה צו אנדערע... דעמאָלט וואָלט דאָך די גאנצע זשיטלאָווסקי־טראגעדיע נישט געווען. אז נאָט איז אין כעס אויף זיין פאָלק, איז נישטאָ קיין מזל־ברכה אפילו אין זיינע גרויסע מענטשן.

מיר האָבן פארזינדיקט זשיטלאָווסקין און — ווער ווייסט וויפל זשיטלאָווסקיס זיינען אונדז באשערט געווען צו האָבן, נאָר אונדזער פארקריפלט לעבן האָט זיי פארשניטן נאָך איידער זיי האָבן ארויסגעשפּראָצט.

אונדזער אומברודער פון נצרת

מזל טוב אונדז יידן! געלויבט און געדאנקט זאָל זיין די הענט ניט געוואשן וואָס שיקט צו דעם טרינקער זיין וויין, דעם הונגעריקן — זיין ברויט, דעם שלעגער — זיין יידן־שאָף, און אונדז, זיין ליב־פאָלק ישראל, שיקט ער אונדזער טעגלעכע סענסאַציע צו מאכן אינ־טערעסאַנטער אונדזער גרויע לעבן, צו שאַפן פאַר אונדז גייסטיקע פאַרגעניגנס, צו האָבן טעמעס פאַר די יאַלעווע שמועסן אין די פרייע זונטיקס, צו האָבן וואָס צו ריידן אויף די פאַרטיעס, אויף די טייען און וועגן וואָס צו פאָלעמיזירן ווען די אַלטע טעמעס ווערן שוין דערעסן... יידישע צרות זיינען דאָך נישט בעסער פון קרעפּלעך וואָס דערעסן דאָך אויך, — האָט אונדז גאָט ברוך הוא, וואָס זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק פאַר אונדז, צוגעשיקט אַן ענגלישן ראָמאַן פון שלום אַשן וועגן דעם מאַן פון נצרת. נו, מילא, איך האָב דעם ראָ־מאַן נישט געלייענט און איך אייל זיך נישט אים צו לייענען: ערש־טנס — האָב איך אַ סך זאַכן נישט געלייענט, צווייטנס — איז מיר די גאַנצע טעמע גאָרנישט אַקטועל, איך זאָל זיך כאַפּן דערצו לייענען וואָס גיכער. עס איז ביי מיר אַקטועלער אַ פּראָבלעם פון בילכערע ברידער, לייבלעכערע — פון ווילנע, פון וואַרשע, פון קוט־נע, פון ניו־יאָרק און פון לעבן נצרת. אַ סך בילכער, אַ סך אַקטו־עלער. מיט דעם „ברודער פון נצרת" האָבן מיר איין מאָל און אויף אַלע מאָל פאַרענדיקט, כאָטש די וועלט ענדיקט גאָרנישט מיט אונדז. אונדז אינטערעסירט ער מער נישט.

די נאַרישסטע פאָלקס לעגענדע איז קליגער פאַר דער קליגסטער־אינדיווידועלער שאפונג. זי איז היסטאָרישער און א סך שכלדיקער. איז דער פּסק פון דער יידישער געשיכטע שוין לאַנג ארויסגעגעבן; און יוצא.

און די סענסאציע פון אן ענגלישן ראָמאַן פון אשן איידער ער איז געדרוקט אין יידיש איז פאַר מיר אויך נישט קיין סענסאציע, נישט קיין וואונדער: נאָך מיט א זיבעצן יאָר צוריק אין א סביבה פון ענטוזיאסטישער יידישער יוגנט וואָס האָט אין גוטער נויט און אין ביטערער דחקות זיך געגרייט צו לערעריי און צו קולטור־פאַרשפרייטעריי ביי יידן, האָב איך געהאט א געלעגנהייט צו הערן פון אשן, אז דאָס יידישע פאָלק איז זייער אומדאנקבאר און באַלוינט שלעכט די, וואָס פאַרשאפן אים א סך כבוד. נו, זיינען דאָך פאַראַן מער דאנקבאַרע קליענטן. טאָ וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן? און עס איז אויך מיגלעך: — מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען שלום אשן געפירט אויפן חשבון פון אומדאנקבארן פאָלק צו ווייזן אים די ווייסע קאָמונע דערפלעך וואָס האָבן זיך ווי זשומענדיקע ביני־שטאָקן צעשאָטן איבער דעם טאָל, וואָס אין שכנות מיט די נצרתער בערגלעך. אַש האָט זיך צוגעקוקט צו זיי מיט זייער טעמפּעראַמענטדיקן טומל (ביז דעם ערשטן שאָס פון די אראבישע אומרועו), און פאַרבייגייענדיק האָט ער זיך אויך צוגעקוקט צו דעם פאַרגליווערטן, פאַרשטיינערטן האַס און כעס פון פאַרעלטערטן, אָנגעבלאָזענעם נצרת־שטעטעלע. איז דעמאָלט, מיגלעך, זיינען עס געבאָרן געוואָרן ביי אשן אין געדאנק ביידע זאַכן אייגנצייטיק: „דאָס געזאַנג פון טאָל" — פאַר די „אומדאנקבארע" און — „דער מאַן פון נצרת" — פאַר זיי, פאַר די וואָס זיינען דאנקבאר און זיי קענען אָפּדאנקען... אוי, קענען זיי! און ער איז גערעכט: עס געפעלט אונדז אַלץ וואָס עס שמעקט מיט גויישקייט, האָבן מיר שוין פון תמיד דעם גרעסטן דרך ארץ פאַר דער קלענסטער גויישקייט. האַלטן מיר זייער שטאַרק פון דעם יידן וואָס איז חשוב ביי זיי, אין די הויכע פענצטער, אַהאָ־האָ! איז עס שוין אַלץ קיין נייעס נישט. און מירצעשעם (אַם

ירצה השם), ווען אש וועט ווערן אין כעס און ער וועט נישט דער־לויבן מער צו דרוקן זיינע ווערק אין יידיש (עס וועט אפשר אויך נישט לויענען), וועט עס אויך קיין וווּנדער נישט זיין: ביז ווי לאנג איז מען דאָס א יידישער שרייבער, איך בעט אייך, ווען! מען קען זיין מיט מער כבוד א שרייבער ביי זיי אליין? מען דארף דאָך זיי עטוואָס דאנקבאר צו די דאנקבארע און זיי נישט שלעפּן כסדר צו די יידן, אין זייער קלייזל, אין חדר, שרייבן כסדר פון יידישן לעבן דווקא. זיי, די דאנקבארע גרויסע פעלקער פון דער וועלט האָבן דאָך פארדינט אז שלום אש, דער וואָס זיי אין זייער גוטסקייט האָבן אים אויפגענומען פאר א וועלט־שרייבער, זאָל זיי געבן זייערס, גע־ריכטן ווי זיי האָבן ליב.

גענוג צו האָבן צו טאָן נאָר מיט יידן און מיט זייערע צרות. שוין איין מאָל א דאנקבאר פאָלק! ווי האָט עס באדאנקט זיין משהן? זיינע נביאים? פיינע האָנאָרארן האָט עס זיי געצאָלט! אפילו קיין רעכטן געבורטסטאָג נישט איינגעשטעלט פאר זיי!... און זעט מיט וואָס פאר א שמחה און מיט וואָס פאר א גדולה א וועלט מיט גויים פראוועט עס דעם געבורטסטאָג פון יענעם וואָס איז געבאָרן געוואָ־רן ווי א היימלאָזער ייד אין א שטאל אין בית לחם און איז פון דאָרטן אריבערגעפירט געוואָרן אין רייכן און מעכטיקן רוים כדי צו ווערן אוים רבי פון אָרעמע און שוואכע און כדי צו ווערן א גאָט פון שטארקע און רייכע. און זעט ווי א לאנד מיט יידן אין מיטן פון חורבן צעטאנצט זיך עס לכבוד דעם הייליקן ברית פון יענעם יידן! איז קלאָר וואָס עס איז ריכטיק און גוט.

איז דער גאנצער ענין שוין נישט קיין נייער: שוין מיט א דריי־סיק יאָר צוריק האָט דר׳ ח. זשיטלאָווסקי געשריבן וועגן דעם גרויסן „דרייפוס פראָצעס” לגבי דעם וועמען ער רופט איצט „אונדזער ברודער פון נצרת”, וואָס מיר דארפן איבערקוקן. מיר, הייסט עס, זיינען שולדיק געבליבן זיי, די רוימער עפּעס א חוב, און זיי — די גוטע און די באשיידענע נאָכפאָלגער פון יענעם „ברודער אונדזערן”, זיי זיינען עס די מאָנער וואָס האלטן אין איין מאָנען אונדזער אלטן

ניַשט געצאָלטן הוב. איז געקומען דעמאָלט דער נאַציאָנאַלער דענ־קער זשיטלאָווסקי און געזאָגט: יאָ, מיר זיינען שולדיק און אָט דאַרפֿן מיר דעם חשבון איבערקאָנטראָלירן נאָך אַמאָל. און עס איז דעמאָלט געקומען אַש און אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען אין דעם גייסט (רחל און מרים, דאַכט זיך) און דער נסתר האָט אָנגעשריבן עפּעס און אַש האָט דעמאָלט געשטורעמט קעגן מילה. אַז רעווידירן אַזאַ אַלטן „פּראָצעס", — איז זאָל זיין אַ רעוויזיע אַ גרינטלעכע! — איז עס אַלץ שוין פֿאַר אונדז נישט מער קיין נייעס.

עס איז אָבער פֿאַראַן אַ צווייטע פֿראַגע וואָס איז דווקא אַקטועל און וויכטיק: וואָס ברענגט עס אונדזערע קינסטלער און דענקער איין מאָל און נאָך אַ מאָל צו דעם „מאַן פֿון נצרת", צו דעם „ברו־דער פֿון נצרת"? עס איז זייער וויכטיק קלאָר צו מאַכן וואָס עס ציט אַהין אונדזער זעמלמעל פֿון דער אינטעליגענץ און די שפּער פֿון אונדזער קולטור? וואָס ציט זיי אַהין, אין יענעם ווינקל? אַז אַ פּשוט מיידל גייט אַוועק צום גלח און זי איז זיך מתודה, אַז זי איז געקומען צום שכל און זי וויל זיך באַקערן צו דעם מאַן פֿון נצרת, דאָס איז גרינג צו פֿאַרשטיין; עס ציט זי צום מאַן... ווען איינזאַמע יידן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן פּראָווינץ אַנערקענען דעם מאַן פֿון נצרת פֿאַרשטיי איך אויך — עס איז נישטאָ גענוג כּוח אויסצו־שטיין די שוועריקייטן. ווען היימלאָזע, אַרויסגעטריבענע און באַ־ליידיקטע דייטשישע יידן זיינען געקומען אין אַמעריקאַנער לענדער און גלייך אַוועק צום גלח, האָב איך אויף זיי רחמנות און איך פֿאַר־שטיי זיי: ווי קומען נעבעך זיי, אָרעמע און שוואַכע, דערנידעריק־טע און באַליידיקטע צו קענען טראָגן דעם יאָך פֿון יידישן פֿאָלק. ווילן זיי זיך באַפֿרייען, מיינען זיי אַז דער מאַן פֿון נצרת וועט זיי באַ־פֿרייען. וואָס ציט אָבער אונדזערע קינסטלער און דענקער אַהין? צי איז דאָ נישט פֿאַרבאָרגן עפּעס אַן אומגעזונטער קאָמפּלעקס? און נאָך היינט, ווען אונדז טיילן אָפּ פֿון די נצרת־נאָכפֿאָלגער ימים יידיש בלוט, ווען מיר זיינען איינער אַליין ווי אַ קליין אינדזל אין אַ ברויזנדיקן ים פֿון שינאה און האַס, ווען מיר זיינען אַרומגערינגלט

מיט אקטיוון האס און פאַסיוו'ער, אָפט ליגנערישער, און פרעך־שפּאַ־טנדיקער בלומרשטער ליבע; איצט, ווי קען א יידישער קינסטלע־שטרעקן זיין האנט צו זיי, צו די נאָכפאָלגער פון דעם נצרתער; ווי קען ער זיך ברידערן איבער דעם אָקעאַן יידיש בלוט וואָס איז ברייט ווי די וועלט און אייביק ווי די וועלט? פון וואנען נעמט זיך גאָר אזא פארלאנג?

אמת, — אין די ימים בלוט און אין די קאלך אויוונס איז נישט שולדיק לגמרי דער „אומגליקלעכער ברודער פון נצרת", נאָר די בלוטדורשטיקע אינסטינקטן פון די אייראָפּעישע פעלקער וואָס זיי־נען געבליבן געצנדינער ווי זיי זיינען געווען מיט דעם נצרתער ווי פאר אים, געצנדינער און פיראַטן און רויבער מיט געזעצן, מיט קונצן און מיט וויסנשאפטן און מיט טעכניק. איך ווייס: — דאָס האָבן זיי, די אייביקע געצנדינער, גענומען זיין נשמה און זיין תורה און זיי געקרייציקט כדי צו נעמען זיין גוף, זיין בילד, זיין לייב און מאכן פון דעם א געץ, נעבעך. נישט דער נארישער אָבער אָרנטלע־כער און געטרייער תלמיד יהודה פון קוריות האָט זיין רבין פאר־קויפט, נאָר דער קלוגער און פעיקער שאול פון תרסית, וואָס האָט געפונען דאנקבארע און גוט צאָלנדיקע קליענטן. דאָס האָבן זיי ווי גוטע הענדלער פארהאנדלט זייער רבין פאר א גאָט און כדי צו האָבן פאר זיך א גוטן דזשאב (שוין גאָרנישט פאר קיין דרייסיק זילבער שטיקלעך) צו זיין גאָטס „אונטערפירער". אין אונדזער תהום בלוט איז שולדיק די אייביקע נייגונג צו געצן, אז אפילו א רעוואָלוציע פארשלעפּט די ניינונג צו געצנדינערישן פערזאָנען־קולט. שולדיק איז די בלוטדאָרשטיקייט, און געצן זיינען פארגעטערטע דראנגען און היפערטראָפירטע אינסטינקטן. שולדיק אין אונדזער־בלוט איז דער ציוויליזירטער בלוט־אינסטינקט וואָס האָט אפילו די וויסנשאפטן פארגוואלטיקט און געצווונגען צו דינען דעם בלוטיקן געץ.

א בוים דערקענט מען לויט זיינע פרוכט, א אידעע משפּט מען לויט אירע געשיכטלעכע תולדות: זיינען די יורשים פון די משכי־

לים אוועק פון יידן — איז די השכלה א נעגאַטיווע באַוועגונג, מעגן די בעסטע געשיכטלעך אונדזערע זי פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות. איז אונדזער ראַדיקאַלער קולטור־נאַציאָנאַליזם עפּעס געבליבן שטע־קן אין א מיטן, — דאַרף מען בודק זיין און נאָכפאָרשן די מקורים, די וואָרצלען. האָט די ירושה פון „אונדזער ברודער פון נצרת" באַ־קומען אָט אַזא פנים, — האָבן מיר אַלע חשבונות מיט אָט דער ירושה פאַרענדיקט. איבער ימים בלוט שפּרייזט מען נישט... סיידן, עס ציט אונדז און מיר ווילן זוכן חן ביי די יורשים פון יענעם מאַן.

און ווייטער: זיינען אין יעוואַנגעליע (קיין אַנדער „ברודער פון נצרת" איז דאָך נישטאָ) פאַראַן באמת ברידערלעכע געדאַנקען און אידעען, — זיינען זיי פאַראַן ביי אונדז פון פריער אַלע אָן אויסנאַם, „פון דער ערשטער האַנט", און מיר דאַרפן אין ערגעץ נישט גיין זיי צו ברענגען. זיי זיינען ביי אונדז, אין אונדזערע שריפטן, אין דער פּסיכיק פון פאָלק און אין זיינע שאַפונגען. דאָס וואָס עס איז דאָרטן פאַראַן נישט אונדזערס איז מגושימדיקער פּערזאָנען קולט, פאַרגע־טערונג פון גוף, פון לייב, נישט אידעע־גאָט, נאָר מענטש־גאָט, ניסים וואָס זיינען נישט קיין אידעישע סימבאָליק, נאָר מגושימדיקע קונצן פון א יחיד. איז דאָך דאָס לכתחילה געשריבן געוואָרן געצנ־דינעריי פאַר געצנדינער. פאַרשטיי איך נישט וואָס ווילן דאָ אונ־דזערע וועלטלעכע, ראַדיקאַלע און ראַציאָנאַליסטישע גייסטער: ממה־נפ־שך — בענקען זיי באמת נאָך דעם קערנדיקן און וואָגיקן, טאָ פאַרוואָס רופן זיי נישט צום מקור ראשון, וואָס פון אים האָט אויך „די צוויי־טע האַנט" געשעפּט און איבערגעניצעוועט פאַר דעם מאַרק פון די דעמאָלטיקע געצנדינער? — און יאָרן ווי א גרויסער גייסט א יידי־שער איז פאַרקאַכט געוואָרן אין די קאָפּירטע, איבערגעמאַכטע, צו געצנדינערישע השגות צוגעפּאַסטע, און ער איז בלינד געוואָרן צו זען דעם אָריגינאַל. פון א רבי — א גאָט; אַנשטאַט איינהייט אין אידעע — א טאַטע־מאַמע, א משפחה פון פלייש און לייב, אַנשטאַט אייביקייט פון פּרינציפּן אין איטלעכן מענטשן — יוצא זיין מיט

איינעם א טרעגער פון אל דעם גוטן און גענוג. און דאָס געפעלט ווייל „דער קלויסטער איז העכער פון דער שול" ווייל ער איז מער אויסגעפּוצט, און עס ווילט זיך האנדלען מיט א גרעסערער פירמע". און מען פארגעסט און מען מאכט פארגעסן גאָר דאָס אָריגינעלע, און; מען ווערט פארפרעמדט און אָפּגעפרעמדט פון די אמתע, לייבלעכע ברידער און אבות פון ירושלים, פון תקוע, פון יבנה, פון פומבדיתא, פון קאָרדאָווע, פון מיינץ, פון ווילנע, פון לובלין, פון סלאָבאָדקע און פון קאסרילעווקע, פון אומעטום ווו עס שמידט זיך די נשמה, ווו עס ציט זיך דער אָריגינעלער פאָדעם פון פאָלק. פרעמד ווערן מיר צו זיך אליין און מיר גייען זוכן סחורות אין די „סעקאָנד־הענד" קראָמען. עס ווילט זיך נאָכגיין נאָך די פּסיידאָ־נאָכפאָלגער פון דעם נצרתער. צום הימל ציען זיך וואָלקנס בלוטיקן רויך פון גע־ברענטע און געגאזטע ברידער אין מיידאנעק, אין לובלין, אין או־מעטום פאר די אויגן פון דער גאנצער גרויסער וועלט וואָס איז יוצא מיט דער צדקת פון דעם נצרתער, — און מיר פילפלען זיך איבער דער גרויסקייט פון דעם „ברודער" וואָס האָט זוכה געווען; צו זיין נישט מיט די געברענטע נאָר מיט די ברענער.

בלויז איין דערקלערונג בלייבט: עס ציט נישט דער נצרתער נאָר די וואָס האלטן זיך פאר זיינע תלמידים. עס איז אונדז שווער צו זיין יידן — דער אלטער דראנג צו אנטלויפן פון יידישקייט צו עפּעס וואָס עס איז גרינגער. דער דראנג פון די אנטלויפער און די ריכטונג איז איינע און א גראדע, דער געדאנק אָבער דרייט זיך און פארדרייט זיך כדי צו באהאלטן די אמתע כוונות. מיר זוכן א הכשר פארן נצרתער „ברודער אונדזערן", ווייל ער איז חשוב ביי זיי. דעם סוף פון פּסוק זאָגן מיר אָבער נישט ארויס, דאָס פארהאלטן מיר ביי זיך אליין און פארדרייען זיך, און אָט אזוי גייען מיר כסדר טריט געמאָסטענע: „מינימום־יידישקייט", נאָר נישט צופיל — עס איז טריף, מוקצה, רעליגיע, קלעריקאליזם, אָפּגעשטאנענקייט, זאבאָ־באָנעס, אָבערגלויבן... און אלע טאָג — א נייע דאָזע גוישקייט: זונטיקס, ניי־יאָרס, קריסמעס, — „עס נישקשה, מען קען זיין א גר־

טער ייד מיט דעם אויך..." „אונדזער ברודער פון נצרת" און וואָס ווייטער? — עס וועט שוין אליין גיין ווייטער, גיין אזוי ווייט, אז מיר אליין וועלן זיך דערשרעקן.

און אומזיסט: עס וועט קיין זאך נישט העלפן: קיינמאָל וועט דער תהום צווישן יידן און די וואָס האלטן זיך פאר נצרתער נישט פארשאָטן ווערן. קיינמאָל נישט. קיינע שבלדיקע, קינסטלערישע און קלוגע מיטלען וועלן נישט העלפן. דען, עס ליגט דער תהום נישט אין פאָרמולעס און נישט אין דעקלאראציעס, נאָר אין דעם עצם כמעט — ביאָלאָגישן אונטערשייד; אין דעם — אומבאוווסטזיניקן מהות פון מארך־ענערגיע, אין דעם אלעמען וואָס עס שאפט זיך דורך פארשידנקייט פון טראדיציעס, אינסטינקטן און געוויינהייטן אין משך פון אייביקע דורות.

שני גויים — צוויי פעלקער גייסטער זיינען דאָס, און פארפאלן: פון איין זייט — דער גייסט און טראדיציעס פון ספארטע, רוים, וואנדאלן און הונען, גלאדיאטאָרן און אָקסנקאמפן — בלוט־פארווילונגען; וויקינגען און דורות־פראָפעסיאָנעלע מלחמה־האלטער, סאַדיסטיש־רעליגיעזע אינקוויזיציעס, עקסטאטיש־בלוטדורשטיקע קרייצונגען, פריצים מיט שפיצרוטן, מיט „יום פרימע נאָקטים", מיט דועלן פאר גערעכטיקייט, מיט געיעגן אויף חיות, אויף יידן און נעגערס צולב פארווילן געסט און צארטע דאמען, מיט פאָגראָמען און לינטשערייען אאַז"וו. בלוט דורשטיקייט און אינסטינקטן ביז עראָטיק פון בלוט, ביז רעליגיעזן עקסטאז, ביז נארקאָטישער שיכרות מיט בלוט. דאָס איז פון איין זייט. און פון דער צווייטער זייט — די נביאים, „גאנדיזם" אין יבנה, טריפקייט פון א בלוט־טראָפן און אין צודעקן דאָס בלוט פון א געשאָכטענער הון, יבנה, באַרדיטשעוו און וואָלאָזשין... דער תהום צווישן די צוויי וועלטן קען נישט פארשאָטן ווערן אפילו ווען מיר וועלן מאכן שלום נישט נאָר מיט „אונדזער ברודער פון נצרת", נאָר אויך מיט אלע זיינע יורשים.

עס ווילט זיך אונדז אויך אביסל „דאנקבארקייט" און אביסעלע [illegible]

ווי זיי, פּוצן מיר אויס גלחים, טפו, מיין איך — ראַבאַים ווי זיי...
אַי! והעמען עס איז באַשערט כאָטש אַ ביסעלע כבוד ביי זיי!... און־דזער „ברודערס" גליקן — אָבער אויך זיין גורל...

וואָלטן מיר אָבער געהאַט אַ כוח צו טראָגן דער וועלט אַ אידעע, וואָלטן באמת אונדזערע גרויסע גייסטער געפילט אין זיך דעם דראַנג, דאָס הייליקע אידעישע פייערל נישט צו וועלן געפעלן ווערן נאָר פאַרקערט העלפן דער אומגליקלעכער וועלט מיט אַ גרויסן אידעישן אין קונסט געשמידטן וואָרט, וואָלטן אונדזערע גרויסע געפילט און געגלויבט אין זייער וועלט־באַרוף, — דעמאָלט וואָלטן זיי דורך דער פּריזמע פון זייערע אייגענע נשמות געשעפּט און געשמידט קונסט נישט פון נצרת, נאָר פון יבנה און פון מעדזשיבאָזש. דען —

דער אומגליק פון דער וועלט איז וואָס עס פעלט איר אַביסל אָריגינעלע יידישקייט. די טראַגעדיע איז אין דעם, וואָס זיי האָבן באַהערשט די גאַנצע וועלט און גאָר די נאַטור. מער נישט — איין קליינינקייט — זיך אליין, זייערע בלוטיקע אינסטינקטן האָבן זיי זיך נישט אויסגעלערנט צו באַהערשן, — הערשט ער, דער בלוטי־קער אינסטינקט איבער וועלט, איבער נאַטור, איבער גאָט אליין. וועט די אומגליקלעכע וועלט ווען עס איז געראַטעוועט ווערן, וועט עס זיין, ווען אונדזערע נביאים וועלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלדענע און מאַרמאָרנע צאַצקעס אויסצופּוצן טעמפּלען, ווען אונ־דזערע אויפריכטיקע און גראַדליניקע פּרושים וועלן מער נישט געזען ווערן אין שפּיגל פון צביעותדיקער ליגנערישער ציוויליזאַציע ווי „פאַריסייער", און זייער וואָרט וועט העלפן לייטערן די נשמה פון דער וועלט. דאָס וואָלט געווען דער גרויסער „יסורים־וועג" פון דער אמת־יידישער קונסט, וואָס בלויז ער קען פירן צו אַ גאולה פון גאָר דער וועלט.

וועט עס זיין אַזוי?

צי וועלן יידישע קינסטלער דאָס קענען?
איין נאָט ווייסט!

באַמערקונג: געשריבן אין 1940, גלייך ווי אַשם ראָמאַן איז ארויס, און דר׳ ח. זשיטלאָווסקי האָט אָפּגעדרוקט אַן ארטיקל „אונדזער ברודער פון נצרת״. דאָ — עטוואָס געענדערט.

אַ דור וואָס בלאָנדזשעט

עם תועי לבב הם והם לא ידעו דרכי
אשר נשבעתי באפי אם יבואו אל מנוחתי
(תהלים צ״ה)

ווי איז אונדז ווען מיר נעמען פאקטן פון לעבן פאראיינצלטע, אָפגעזונדערטע, און מיר נעמען זיך זיי משפטן אזוי. דערשיינונגען זיינען דאָך תמיד בלויז רינגען אין א קייט פון סיבות און תולדות, און בלויז אין אָט דער דינאמישער שייכות קענען זיי פארשטאנען ווערן, אויב מען וויל זיך דערגרונטעווען צו די וואָרצלען.

עס איז גאָרנישט שווער צו געפינען עברות אויף וועמען איר ווילט און מוסרן יענעם. אָבער וואָס אונדז איז נייטיק איז דאָך עפּעס גאָר אנדערש: מען דאַרף דאָך קלאָר מאכן וואָסערע געזעלשאפטלעכע כוחות און פאקטאָרן עס דעטערמינירן אָט די דערשיינונגען אין לעבן וואָס מיר באשולדיקן אין זיי די אָדער יענע פערזאָן, ווי זיי, די פערזאָנען, וואָלטן געווען דער מקור פון די זינד און נישט דער קרבן פון טיפערע געזעלשאפטלעכע סיבות.

נישט קריטיקירן, נישט אין חרם ווארפן, נישט נוקם זיין אונדזער־וויטיק און פארביטערטקייט אויף די וואָס זיינען געשטרויכלט גע־וואָרן אין.... אונדזער זומפּ, — מען מוז זיך אָנשטרענגען דעם זומפּ

זוויסצוטריקענען. אַט דאָס דאַרף זיין דער זינען פון דער געזעלשאַפט־לעכער קריטיק, פון פובליציסטיק.

:: :: ::

און שרייבן שרייב איך דאָס אנטקעגן דעם שלום אַש טומל אין אונדזער פרעסע. קענטיק — נישט קיין שלעכטע סענסאַציע, אָבער... פאַרזיכטיק. ליבע פריינד! מען טאָר נישט ברענען קיין מענטשן אין אַלע גאַסן און שמאַקעווען די לינטשעריי. איבערהויפּט, אַז טאָמער זיינען מיר אַלע שולדיק נישט ווייניקער ווי דער באַשולדיקטער אַליין.

קודם כל בין איך מוסר מודעה: איך האָב נישט ליב דאָס קריס־טנטום; איך האָב דעם יעוואַנגעליע קיין מאָל נישט געקענט דערליי־ענען ביזן סוף אפילו אין דער תנכישער איבערזעצונג פון דעליטש און אפילו אין דער נייער גוט־יידישער איבערזעצונג. עס דערעסט מיך דער צו זיסער טאָן פון דעם גאַרנישט זיסן אינהאַלט און דער געצנדינערישער פּערזאָנען־קולט פון דעם מענטשלעכן גאָט, וואָס מיט זיין גוטסקייט און מיט זיין פרומקייט קענען שווין יוצא זיין אַלע זיינע אדעפּטן. נאָך מער האָב איך פיינט די געשמדטע און נישט־געשמדטע משומדים און האַלבע משומדים און די „קריסטוס אמאַ־טאַרן" פון צווישן אונדזער אינטעליגענץ, זאָלן זיי מיר מוחל זיין.

— איך אַליין וואָלט קיין ראַקעס (קרעבסן) נישט געקענט עסן בשום אופן, — זאָגט מיר אַ ייד, — נאָר אַז פריצים עסן דאָס, מסתּ־מא איז דאָך דאָס געשמאַק...

אַט דאָס קריסטלען זיך און די התפּעלות פאַר די מעשיות פון יעוואַנגעליע, וואָס זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן פאַר געצנדינער לויט דעם געצנדינערישן געשמאַק, — דאָס אַלץ איז נישט אַנדערש ווי — אַז פריצים עסן דאָס, מן הסתם איז דאָס גוט. און אויב אפילו יאָ גוט, טאָ איז וואָס? גוטס און פיינס געפינט מען אין איט־לעכער רעליגיע. דעריבער דאַרף איך זיך חנדלען צו די אדעפּטן פון אַלע רעליגיעס? און נאָך מער. — ווען איך פאַרמאַך די אויגן זע איך דען נישט ווי מען טראָגט דאָס הייליקע בילד פאַרויס צו אַלע

פייערן ווו מען ברענט מיך? און נישט אין זיין מיט ליבע שפּריצנדיקן נאָמען האָבן זיך געגאָסן אונדזערע שטראָמען בלוט? און פאַרוויס שוועבט דאָס בילד פון מאַן פון נצרת, וואָס נישט יהודה, נאָר זיינע „געטרייע" גלויבער קרייצן. זיי קרייצן אים אַלע טאָג; קרייצן אַל דאָס, וואָס ער האָט אפשר געוואָלט צו זיי טראָגן פון אונדזערע אוצ־רות. אָך און ווי נעבעך צו יענעם נצרתער סטאָלער, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די בלוט־דאָרשטיקע רוימער פאַר א גאָט.

און זיי ליגן, אָט די קריסטלדיקע יידן. איך בין זיכער, אז ווען עס צעקלינגען זיך די קאַטוילישע ווייַנאַכט־גלאָקן, גייט ביי אַשן אַריבער א שוידער איבערן לייב אַזוי ווי ביי מיר און ביי דורות אַנ־דערע יידן. און ווען אַש דערמאָנט זיך די פּראָצעסיעס פון „גאָטס קערפּער", פילט ער זיך פּונקט אַזוי נישט היימלעך, ווי מיר אַלע אין דורות איינגעוואָרצלטע יידן.

:: :: ::

און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם זאָג איך: די גאַנצע באַמ־באַרדירונג קעגן אַשן איז נישט באַרעכטיקט, שעדלעך, און נישט אַלע מאָל אָן פניות.

ערשטנס — וואָס זיינען מיר געוואָרן אַזוי נייגעריק וועגן שלום אַשס פּריוואַטע מיינונגען וועגן געטער און גלויבנס? איז ער אויך א רעליגיעזער פירער? שלום אַשס פּריוואַטע געטער־סימפּאַטיעס גייען אונדז אָן נישט מערער איידער זיינע שלום בית סימפּאַטיעס, אָדער אפשר נאָר די ווייבער פון מר. טשאַרלי טשאַפּלין. וואָס אונדז גייט יאָ אָן, איז אויף וויפל אין דעם אָדער יענעם ווערק פון שלום אַש איז פאַראַן דער רוח הקודש פון פאָלק, אָדער נישט. מיר דאַרפן אָט די ווערק מיט דעם רוח הקודש, און די פּערזאָן מיט זיין פּריוואַ־טן לעבן מעגן מיר לאָזן פאַר אים מיט זיין משפּחה.

און ווייטער — א טאַלאַנט פון א מענטשן איז געגליכן צו א שטראָם פון א טייך. האָט א טייך פעסטע, האַרטע ברעגן, גייט דער־טייך אין זיין ריכטיקן געלעגער, קען דער כוח פון דעם שטראָם

אויסגענוצט ווערן שעפעריש און נוציק. ווען אָבער די ברעגן פון טייך זיינען ווייכע נישט קיין פעסטע, — דעמאָלט רייסט דער טייך זיין געלעגער, דער וועג זיינער איז נישט קיין שטענדיקער; דער טייך בלאָנדזשעט, ער פארפלייצט לענדער און מאכט אָן צרות. אזא טייך מוז רעגולירט ווערן, זיין וועג מוז ווערן איינגעצאמט און פאר־פעסטיקט... אזוי אויך מיט א מענטשלעכן טאלאנט, ער מוז זיין רע־גולירט אין פעסטע און פיקסירטע וועגן מיט ברעגן וואָס זאָלן דעם שטראָם נישט לאָזן זיך צעגיסן. אָט די נאָרמירנדיקע און רעגולירנ־דיקע צאמען זיינען נישט קיין אינדיווידועלע. זיי מוזן זיין אין דער סביבה פון דעם טאלאנטירטן קינסטלער, פון שרייבער, פון איטלעכן קולטור־טוער וואָס לעבט דערמיט. און אָט דאָ הויבט זיך אָן אונ־דזער אלעמענס שולד.

איטלעכן מענטשן קען זיך אויסדוכטן, אז ער איז קליגער פון דער פשוטער טראדיציע, אז ער מיט זיין שכל וועט אָפּשאצן זאכן בעסער ווי די „אלטפרענקישע זאבאבאָנעס" און „פארשימלטע" אויך מיר נאָרמעס. ווער פון אונדז שפּיים נישט קלעק אויף די נאָר־מעס פון פאָלק און ווער רייסט זיך נישט פון די האלאבלעס, וואָס האָבן אמאָל געצאפּט דאָס ראציאָנאליסטישע „גראָשן־ליכטל" וואָס קען בלומרשט באלייכטן „אזא חשכת" (פּרוץ)? דאָס איז אונדזער ערשטע זינד וואָס איז קענטיק אויף אַשן, אָבער נישט אויף אונדז, ווייל „וואָס דער מענטש איז גרעסער, אלץ גרעסער איז זיין יצר־הרע" (פון גמרא). אָבער זינדיק זיינען מיר אלע.

און ווייטער. מיר אלע, יידישע אינטעליגענטן וואָס לעבן פּראָ־פעסיאָנעל פון אונדזער קולטור־ארבעט, גייען ארום מיט טיפע ווייד־טיקדיקע קאָמפּלעקסן אין אונדזער געוויסן: אויסגעוואָרצלטקייט און אָפּגעריסנקייט, אומצופרידן און נישט באפרידיקט, אָן א וואַ־רעמען געפיל פון אייגנם צו דעם אלעם וואָס איז אָנגעזאמלט אין שטייגער פון פאָלק און וואָס אָן דעם איז נישטאָ קיין פאָלק. ביי אונדז אלעמען איז אטראָפירט די אהבת ישראל ווייל מיר פארמאָגן נישט קיין מנהג ישראל. גייען מיר ארום אין יידישן פאָלק ווי פרעמ־

דע, אָן א גרויסן גלויבן אין פאָלק, פאַרן פאָלק, דורכן פאָלק, לייקע־נען מיר דעם פאָלקס נעכטן — גלויבן מיר דאָך נישט אין זיין מאָרגן, — בלאָנדזשען מיר פאַרביטערטע יעדער אויף אַלעמען און אַלע אויף יעדערן.

מאטערן די קאָמפּלעקסן, זוכט מען אַן אויסוועג. איז דער געוואָ־רן ציניש, און יענער הפקרדיק, און נאָך איינער בייז, און ווער — ווולגאַר, און ווער טאנדעט. און אַלע האָבן אויף דער נשמה הינער־אויגן און אַלע טרעטן אויף אַלעמענס הינער־אויגן און... פרעגט נישט בעסער.

און ארום, אין דער גרויסער סביבה — א גרויסער טייל פון די וואָס ריידן אין גאָטס נאָמען מיינען נישט צו דינען צו גאָט נאָר צו פאַרדינען פון אים; און די עבודה וואָס מען טוט אַם ליבסטן איז: קאָרטן שפּיל און דער גרעסטער כבוד איז זיך צוצוטולען זיך צו די ענגליש רעדנדיקע, און די בעסטע געסט־רעדנער זיינען גויים אָדער פאַרגויישטע יידן, — און וויפל הכנעה און איבערגעטריבענער צו־טרוי צום גוי אַזוי פיל „רייב א מאָרדע" צום יידישן יידן, וואָס וואגט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג.

און איטלעכער קולטור־ארבעטער מוז זיך אונטערטעניק מאכן צו עמיצן א שטאַרקן: זאָל זיין א גרופּע, א פּאַרטיי, אן אָרגאַניזאַציע צי אפילו „שטאַרקע" יחידים. נישטאָ קענטיק אין יידישן לעבן אין אמעריקע קיין פאַרפליכטונגען וואָס ווערן דיקטירט פון פאָלקס איינ־שטעלונגען, — די גרופּעס דערפאַר הערשן דיקטאַטאָריש, מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט פון דעם הונגער־בייטש. און אז א שרייבער וויל אמאָל א בוך דרוקן מוז ער ווידער אָנקומען צו די שטאַרקע נישט ווייל זיי ווען אים מעצענאַטעווען, נאָר מען וועט מאכן א קאָמיטעט וואָס וועט סאַנקציאָנירן דעם שרייבערס שנאָרעריי, זייט מיר אַלע מוחל פאַר א ביטערן אמת!

אָט איז א ביסל אראָפּגענומען דעם צודעק פון א ווינקעלע אין אונדזער אַזוי־גערופענעם קולטור־לעבן. איז א וואונדער אז עס פאַר־פעלט אָטעם?

אַש האָט געזינדיקט! — זיכער, קיין ספק נישט. אָבער זאָל וואַרפן אין אים אַ שטיין דער, וואָס האָט קיינמאָל ביי אונדז נישט געדינט קיין פאַרשיידענע עבודה זרות, וואָס האָט זיך קיינמאָל נים פאַרקוקט מיט קנאה און קנעכטישער באַגייסטערונג אין פרעמדע גערטנער אַריין.

אָט זיצט אַ ייד, שיט שוועבל אויף אַשן, און דער זעלביקער ייד, איינער פון די „פּראָפעסיאָנעלע" קולטור־פּאַרזיצערס, איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף מיר — מען האָט אַזוינע יידן ווי איך אין אמע־ריקע נישט געדאַרפט אַריינלאָזן: וואָס הייסט — איך וויל נישט מיר זאָלן זיך לערנען פון די אַמעריקאַנער! זיי האָבן געהאַט אַזאַ וואַשינגטאָן און אַזאַ דזשעפערסאָן און נאָך און נאָך... עס איז שוין דאָך הונדערט פופציק יאָר ווי יידן טענהן אומעטום אַזוי! און מען כאַפּט זיך נישט, אַז קוקנדיק אין דער הייך צו די געציילטע הויכע שפּיצן, קריכט מען אַלץ טיפער מיט די פיס אונטן אין זומפּיקע־מאַסע אַריין. נישט מען לערנט זיך פון די געציילטע הויכע שפּיצן פון די פעלקער אַז: — נאָר דאָס קען אויסוואַקסן הויך און מע־טיק וואָס עס וואָרצלט טיף און עס דערנערט זיך פון די אייגענע וואָרצלען. מען לערנט זיך גאַרנישט, נאָר מען מאַכט נאָך און מיט די גרימירטע נשמות לעבט מען אַ נעשפּילטן לעבן פון פאַרשטעל. און מען ווייסט נישט אַז נאָך מיט אַ זעכציק יאָר צוריק האָט אַ. גאָלד־פאַדן אין לילינבלומס „יידישן וועקער" דערציילט ווי דער אמתער איוואַן שליידערט אַ שטיין צום פאַרשטעלטן, פאַרגרימירטן איוואַן באַצקעלעוויטש („אַ שטיין פון הארצן") און זאָגט אים:

> דו ווילסט דיר אָפּמעקן דיינע אבות, דיינע עדות?
> מיינע וואָלאָדימירס ווילסטו דיר פאַר זיידעס?
> קאָקאָרדעס זיינען זיי? מען שפּילעט זיי צו?
> (ציטירט אויס־ווייניק)

און פון דעמאָלט אָן יאָגן אַלע אמתע „איוואַנעס" דעם פאַר־שטעלטן, און — נאָך היינט זיינען אייניקע געוועזענע דייטשישע יידן בעסערע און געטרייערע דייטשן איידער יידן. און נישט בלויז

זיי! און פון איין גאנצן פאָלק מיט איין אידעען־וועלט און איין וויל; זיינען מיר געוואָרן א גאנצע ריי נאָכגעמאכטע, פארשטעלטע רוסן, פאָליאקן, דייטשן און אנדערע אָפּשטאמלער פון געוועזענעם יידישן פאָלק...

און ווי די סביבה, אזוי די שרייבער. נישט פּרווו, נישט וואגן! דען ווען דו וועסט נאָר פּריבירן אויפהערן צו דינען אונדזערע השגות און צו פּראָדוצירן „גייסטיקן פארגעניגן", ווי מיר האָבן ליב; וועסטו נאָר פּארטראכטן צו רעוואָלטירן קעגן אונדזערע דרכים, — דעמאָלט שטעלסטו אין סכנה דיין לעבן: מיר וועלן דיך איבערגעבן צו מר' הונגער אין די „שטאַרקע" הענט...

וויפל פיינע יידישע גייסטער זיינען אזוי שוין חרוב געוואָרן און וויפל לעבעדיקע יידן טראָגן זיך ארום מיט דעם קבר פון זייער איי־גענעם גייסט? זאָלן מיר יידישע קולטור־ארבעטער מוחל זיין פאַרן אויפדעקן א באהאלטענעם וווּנד...

זיכער האָט אויף שלום אַש פיל מאָל גערוט די שכינה פון פאָלק און ער האָט געשריבן מיט דעם רוח הקודש. זאָל דאָס וויסיק זיין און זאָל דאָס וויסן אויך שלום אש: קיין גרויסע ווערק ווערן נישט געשאפן בלויז מיט עפּעס א „פּריוואטן" טאַלאַנט וואָס איז דאָס אומאָפּהענגיקע אייגנטום פון איין מענטשן. אין איטלעכער שאפונג מוז זיין עפּעס פון דער קאָלעקטיווער דערפארונג פון פאָלק אין משך פון דורות; דערפארונג פון פאָלק און זיין קאָלעקטיווע־געדאנקן־גאנג, און דאָס איז „די שכינה". אויב דער רוח הקודש איז נסתלק געוואָרן פון אַש און ער בלאָנדזשעט, איז דאָס נישט זיין פּריוואַטע שולד, נאָר אונדזער אַלעמעס, די שולד פון דער סבי־בה. לויט דער ריכטיקער טערמינאָלאָגיע פון גמרא וואָלט מען דאָ געקענט זאָגן: אַש איז געווען ראוי די שכינה זאָל רוען אויף אים, באשר דער דור איז נישט ווערט געווען. ווער ווייסט וויפל טאַלאַנטן עס ווערן דערשטיקט ביי אונדז אין אונדזערע דורות ווי זאָמען פון געזונטע ביימער, וואָס האָבן נישט קיין באָדן וו צו וואקסן.

ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן דעם אויסזען פון אונדזער דור

קומט מיר תמיד א פארגלייך פון דער געוויקסן־וועלט: אין סטעפּעס, פּרעריעס זיינען פאראן גראָזן וואָס ווען זיי וואַקסן אויס, רייסן זיי זיך אָפּ פון זייערע וואָרצלען, און פארטריקנטע קייקלען זיי זיינען איבער פלויגען אָן אן אָנהייב און א סוף און אזוי צעשיטן זיי זייערע זאָמען איבער אלע הפקר וועלטן. די רוסן האָבן פאר די געוויקסן א פּאָעטישן נאָמען „איבער פעלדער טראָג זיך" (פּעראקאטי פּאָלע); די ענגלענדער רופן זיי פּראָזאיש „טאָמבלינגס ווידס" און אין די יידישע שולן אין רוסלאנד און פוילן האָבן מיר זיי גערופן „נע ונדניקעס". דוכט זיך, מיר אז אלע מיר זיינען אזוינע נע ונדניקעס; אָפּגעבראָכן זיך פון אונדזער שטאם, וואָס האָט אונדז אויסגעהאָדעוועט, טראָגן אונדז ווינטן איבער פלויגען און מיר צעשיטן אונדזער כוח ווער ווייסט איבער וואָסערע באָדנס... ווער קען איינשטיין אין אזא סביבה — סיידן גרעזלעך קליינע אָדער מעכטיקע צעדערן. אָבער אז די צעדערן האָבן די וואָרצלען פארלאָרן, טאָ וואָס בלייבט?

:: :: ::

„אלע ווייסן צוליב וואָס א כלה גייט צו דער חופּה, — און דאָך ווער עס מאכט פון דעם ניבול פּה דער האָט נישט קיין עולם הבא" — אזוי איז פאראן אין דער גמרא, און זייער ריכטיק! גאָט האָט אונדז באשאפן ווי אלע חיות מיט די זעלביקע אינסטינקטן. מיר זיינען אָבער מענטשן און מיר סובלימירן די אינסטינקטן, מיר פארקליידן זיי אין געטלעכס. ווען אָבער מיר טוען אויס די אינסטינקטן פון אל דעם געטלעכן און מענטשלעכן מיט וואָס די אינסטינקטן זיינען באוואָקסן, ווערט פון זיי ציניזם, ניבול פּה. בלויז דערמיט זיינען מיר מענטשן וואָס ביי אונדז וואַקסן אויס אויף דעם חיישן וואָרצל מענטשלעכע און געטלעכע בלומען און פרוכט. פעלט דער חיישער וואָרצל, פארדאַרן די געטלעכע בלומען. און בכן, ווילן מיר זיך דערגרונטעווען צו די סיבות פון אונדזערע שטרויכלונגען, — דאַרפן מיר זוכן די קראנקייט אין די וואָרצלען.

דער באַרימטער משומד פּראָפ' כוואָלסאָן זאָל האָבן אמאָל גע־

זאָגט, אַז געשמדט האָט ער זיך צוליב איבערצייגונג, דהיינו — ער איז איבערצייגט, אַז עס איז בעסער צו זיין א פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג איידער א מלמד אין ווילנע. אין אָט דעם וויץ איז אָפּגעדעקט דער נאַקעטער ציניזם פון א סך „איבערצייגונגען", זאָלט איר מיר מוחל זיין. און פאַרוואָס עס איז בעסער צו זיין א פּראָפעסאָר ביי גוים איידער ביי יידן און פאַרוואָס ביי אונדז איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פּראָפעסאָרן, — דאָס איז שוין די שולד נישט פון כוואָלסאָנען, נאָר פון אונדזער צעבראָכענעם לעבן.

פאַרוואָס האָט דער זעלביקער רענעגאַט געקענט נאָך זיין צוזאַמען מיט א צווייטן משומד (פּראָפ' באַקשט) אין פּרעזידיום פון דער באַרימטער „מפיצי השכלה"? און פאַרוואָס קענען יידן אין אַמעריקע נישט מאַכן קיין ערנסטע אונטערנעמונג אָן א גוישן גאַסט? און פאַרוואָס פאַרנעמען ביי אונדז דווקא די פאַרגויישטע ראַבאַים אַזאַ חשובן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אויך פון די נאַציאָנאַלע יידן? און פאַרוואָס ווערט איטלעכער יידישער אַרטיסט וואָס טרעט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט אויס ייד, נאָר א רוס, א פּאָליאַק צי וויים איך וואָס, אַבי נישט קיין ייד?

און פאַרוואָס איז פון אַלע יידישע שרייבערס בלויז אַש געפירט געוואָרן איבער ארץ־ישראל אויפן חשבון פון עפּעס א פאָנד? צי ניט דערפאַר וואָס ער איז חשוב ביי זיי? איז דאָס דען אַש שולדיק וואָס מיר קוקן אויף זיך מיט פרעמדע אויגן און מיר שאַצן אַלץ אין אונדזער לעבן מיט זייער מאָס? און דערזעען מיר דען אין אייגענעם שטערן פריער איידער ער שיינט אויף אויף פרעמדע הימלען? צי צווינגען נישט מיר אַליין אַלעמען וואָס לעבן פון אַרבעט פאַרן ברייטן עולם, זיי זאָלן זוכן חשיבות, נאָמען און רעקלאַמע ביי זיי בכדי צו זיין חשוב ביי אונדז? ווער האָט געשאַפן ביי אַש די „איבערצייגונג" אַז עס איז בעסער צו פאַרקויפן א האַלבן מיליאָן „מאַן פון נצרת" איידער אפשר א פּאָר טויזנט תהילים ייד"? ווער פלאַנצט איין אין זיך און אין קינדער אַז אַלע שפּראַכן זיינען קולטור און יעדער עלעמענט אין זיי איז וויכטיק, אַלע א חוץ דער שפּראַך פון

דעם יידישן פאָלק? ווער איז שולדיק וואָס אויף אַן אַנשטענדיקער פאַרזאַמלונג איז נישט געזונג אַנשטענדיק צו ריידן יידיש און במילא איז אויך נישט אַנשטענדיק צו געהערן צום פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן? איז דאָס אַש אָדער אַ צווייטער „זינדיקער" שול־דיק וואָס אַפילו נאַציאָנאַלע יידן קענען היינט, אין די יאָרן תש"ג און תש"ד, מאַכן בעלער, הגיגהלעך, שמחהלעך, פּאַרטיעס, באַנ־קעטן, דינערס און סאַפּערס, און עס איז מקוים געוואָרן אויף אונדז דער פּסוק „סדומס פּנים האלב שיכור און האלב שוין אַ טויטער" — און

„ווען מען פירט צו דער תליה זאָל העַנגען —
א סדומער זיין וועג גייט פאַרברענגען" (חיים גראַדע)?

און וויפל יידן ווילן שרייען גוואַלד און זיי דערשטיקן דעם געשריי אין זיך ווייל ווער האָט דאָס כוח צו זיין דער משוגענער, דער „וואָס קריגט פּעטש", דער וואָס מען האָט אים פיינט ווייל ער־איז אַ „נודניק", בעת יידישקייט טאַי זאַ זאַך פון פאַרוויילונג, פון אַ מין אומעטיקן קאַבאַרע פאַר די וואָס האָבן נאָך נישט קיין בעסע־רן?

איז עפּעס אַ וווּנדער וואָס אַש, אַ מעכטיקער טאַלאַנט־שטראָם אָבער מיט ווייט נישט פעסט רעגולירטע ברעגן, זוכט אַלערליי וועגן זיך אַרויסצוהייבן איבערן אויבערפלאַך פון אונדזער לעבן וואָס מיר מאַכן אַליין אָרעם און קוואַר?

און ווען שלום אַש איז געפירט געוואָרן איבער דעם עמק יזרעאל כדי אים צו ווייזן די ווייסע יונגע זשומענדיקע קאָמונע־דערפלעך וואָס זינגען דאָס געזאַנג פון טאָל, האָט ער זיך פאַרבייפאָרנדיק פאַר־קוקט אויף דעם אין אייביקער שנאה פאַרגליווערטן נצרת־שטעטל, ווו עס האָט געלעבט דער גאָט פון ליבע. דעמאָלט, קען זיין, האָט אפשר אומבאַוווּסטזיניק פאַר אַשן אַליין אים אַ שטאָך געטאָן דע־„צינישער וואָרצל" און פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן שפּעטער די איבערצייגונג אַז דער „מאַן פון נצרת" איז גלייכער איידער „דאָס געזאַנג פון טאָל". איז דאָס דען די שולד פון אַשן אָדער ס'איז די

שולד פון אונדז אַלעמען וואָס מיר זעען אַלץ אונדזערס בלויז מיט פרעמדע אויגן, וואָס מיר דענקען אונדזער לעבן מיט פרעמדע מיי־נונגען, וואָס מיר זעען אונדזערע שטערן נאָר ווען זיי שיינען אויף פרעמדע הימלען?

ווער איז שולדיק וואָס אַל דאָס יידישעס רופט ביי אונדז אַרויס אַן אַסאָציאַציע פון ביטול, הוזק, איראָניע און אָפּשפּאָט: שלח מנות, בערדיטשעוו, סמאַרגאָן, קאַפּאָטע, דרשה געשאַנק, כּאַנדריקעווע... ווי קען מען די אַסאָציאַציעס פאַרגלייכן מיט אַסאָציאַציעס פון, למשל געבורטסטאָג, קייק מיט ליכטלעך, „פּאַרן טי" אאַז"וו? ווער איז שולדיק וואָס כּדי צו זיין חשוב ביי יידן מוז מען האָבן סמיכה פון א גוי? ווער איז שולדיק וואָס אונדזער פאַרקריפּלט לעבן פּראָ־דוצירט טאָקסינען־גיפטן וואָס פאַרסמען די פּילבאַרע נשמות? זוכן מענטשן צו אַנטלויפן פון די מאַטערנדיקע קאָמפּלעקסן. זאָלן וואַרפן שטיינער די וואָס זיינען פריי פון אַזוינע „יידישע קאָמפּלעקסן".

בעוונותינו הרבים — דאָס זיינען אונדזערע זינד, און די זינד פון אַלע זינד איז דאָס וואָס מיר זיינען געוואָרן „תלושים", אָפּגע־ריסענע פון אַלע פאָלקסטימלעכע וואָרצלען און זאַפטן, וואָס אין זיי איז די שכינה פון פאָלק. פאַרטריקנט, אויסגעצערט, טראָגן מיר זיך — נע ונדניקעס — איבער פרעמדע פעלדער, ווילן מיר זיך איינ־וואָרצלען אין אַלע פרעמדע באָדנס, און מיר בלייבן מיט צעוויטיק־טע נשמות פול מיט בענקענישן און פאַרדרוסן, אַנטוישונגען און ברוגזן אַן א שיר; און די נשמה בענקט נאָך א שטיקל אייגנס. אָן די וואָרצלען פון דעם פאָלקס טראַדיציע־אינסטינקטן טראָגן מיר זיך ווי א שיף אָן א רודער און אָן א קאָמפּאַס איבער שטורעמדיקע ימים.

און נישט מוסרן אַנדערע און נישט אויסגיסן אויף זיי אונדזערע אַלע פאַרדראָסן און ווייטאָקן; — מיר אַלע וואָלטן געדאַרפט תשו־בה טאָן, אומקערן זיך צו זיך, צוריק איינוואָרצלען זיך אין אונדזער דורותדיקער היימישקייט און פאָלקישקייט, אין אַקטיווער אהבת

ישראל נישט אין ווערטער, נאָר אין מעשים און פירונגען. קיין מאָל וועלן מיר נישט קענען האָבן קיין היים פאר זיך, ווען מיר וועלן נישט איינשפאנען היימישקייט אין זיך. אָן דעם וועלן אלע היימען ווערן גלות.

מיר האָבן דורכגעמאכט א סך גילגולים: פון פשוטער נאטיר־לעכער פאָלקישקייט — אהבת ישראל איז ביי אונדז געוואָרן קדושה ישראל; פון קדושת ישראל האָבן מיר געמאכט אהבת שמים, יראת שמים, קדושת השם און קידוש השם. און ווען מיר האָבן דעם יראת שמים און קידוש השם פארלאָרן, איז ביי אונדז גאָרנישט געבליבן. מוזן מיר צוריק קומען און איינפלאנצן אין אונדז און אין אונדזע־רע קינדער די עלעמענטארע אהבת ישראל. דאָס מוז זיין אונדזער אָנהייב צוריק צו זיך.

בעוונותינו הרבים — דאָס זיינען מיר שולדיק וואָס מיר האָבן פון זיך אראָפגעוואָרפן אין אונדזער פירונג אלע צאמען און געוואָרן א פאָלק פון הפקר, און מיר האָבן פארגעסן אז „א מענטש (אָדער א פאָלק) מיט א סך תורה אפילו אָבער אָן יידישקייט אין זיינע מע־שים און פירונגען איז געגליכן צו א פערד אָן א צאם" (אבות דרבי נתן) און אזא מוז אוועקקריכן אין שאדן... און דער ערשטער שאדן איז א דור קינדער וואָס זיינען פארלאָרן פאר דעם כלל, פארלאָרן פאר זיך, פארלאָרן פאר דעם מאָרגן פון פאָלק, און וויפל טאלאנטן זיינען אין דעם דור דערשטיקט געוואָרן!

און איצט שטייען מיר איבער אשן, און נישט מיר באדויערן זיינע בלאָנדזשענישן מיט איינענעם הארצוויטאָק, נייערט מיר גיסן אויף אים אלע אונדזערע ווייטאָקן ווי נאָר ער איז דער רשע און מיר אלע זיינען כלומרשט צדיקים.

עס דערמאָנט זיך מיר די לעצטע פראַזע פון גאָגאָלס „רעווי־זאָר":

— פון וועמען לאכט איר? פון זיך לאכט איר!!

— אויף וועמען שרייט מען? אויף זיך אליין דארפן מיר שרייען!

און שלום אש! איך, א פשוטער ייד, סתם אן אברהם יצחק בן

א. גאָלאָמב

שרה פון מיישעגאלע, האָב אויף אייך רחמנות: נישט איר אליין, זייט געשטרויכלט געוואָרן, נישט נאָר אייך האָט פארדרייט דער קאָפּ אין דעם גרויסן טשאַד ביי אונדז. ווינטש איך אייך פון טיפן הארצן: טשוכעט זיך אוים, געפינט צוריק די קמיע אייערע וואָס איז אייער איינציקע ירושה פון אייערע אבות און איר האָט זיי פארלוירן ערגעץ אין דער טומאה פון די צעלאָזענע סאלאָנען פון פארנאם, און זאָל זי, אָט די צוריק־געפונענע קמיע אייך און אונדז אלעמען פירן אויף דעם ריכטיקן וועג, „אויפן וועג צו זיך”.

צו שפּעט

(אַ בריוו פון אַ פּשוטן יידישן יידן צו אַ פּוילישן יידן)

זייער געערטער פּוילישער דיכטער ה׳ יוליאַן טובים!

איך האָב ערשט די מינוט איבערגעלייענט מיט טרערן אייער אפשר ערשטע ווענדונג צו אייערע ברידער לויט דעם בלוט פון די אָדערן, צו די פּוילישע יידן, מיט טרערן פון ווייטאָג, מיט טרערן פון מיטגעפיל און מיט טרערן פון כעס, פון כעס... אויף אייך און אויף אזוינע ווי איר, מיט כעס און האַס, מיט ווייטיק און רחמי־נות דערפאַר וואָס נאָך היינט, אין דעם סוף פון די טעג, ווען מיר זאָגן קדיש נאָך אַ פאָלק, נאָך דעם געוויסן פון דער גאַנצער וועלט, נאָך אונדזער גלויבן אין אַ וועלט ,אין אַ יושר, אין אַ קולטור און אַ וויסנשאַפט, אין אַ טעכניק און ציוויליזאַציע וואָס זיינען פאַר אונדז טריף געוואָרן אויף אייביק אין די וויסנשאַפטלעכע טרעבלינ־קעס, ווען מיר שטייען איבער די קברים, נישט קברים נאָר וויסנשאַפט־לעכע עקספּערימענטן וואָס מען האָט איבער אונדז געמאַכט, — נאָך היינט שטייט איר אויפן שיידוועג און ווייסט אַליין צו ווערן איך געהערט. צוויי פעלקער אין אייך: איר אָטעמט מיט פּוילישקייט און ווייטאָקט מיט יידן... אַ, זייט מיר מוחל, — מיט פּוילישע יידן. האָב איך — אַ פּשוטער ייד, נישט קיין פּוילישער און נית קיין רוסי־

שער און ניט קיין אַמעריקאַנער, נאָר אַ יידישער ייד און מער ניט אויף אייך רחמנות פאַר אייער צעשפּאָלטנקייט, פאַר אַט דער מאָראַ־לישער סכיזאָפרעניע, און איך הער ווי דער אַלטער נביא אליהו שרייט דורך אַלע אייביקייטן צו אייך און צו אַלע אַזוינע ווי איר „ווי לאַנג וועט איר שפּרינגען אויף צוויי צווייגן?" און אין מיין גאַנצן רחמנות אויף אייך זאָג איך אייך — צו שפּעט! צו שפּעט זייט איר, בכבודי־קער פּוילישער דיכטער, געקומען צו זאָגן „מיר פּוילישע יידן"... צו שפּעט! ווען אייערע ברידער פּאָליאַקן, „האָנאָרים קאַוזע" האָבן אייך גערופן מאשעק זייט איר ניט געקומען צו אייערע ברידער יידן „דאָ־לאָרים קאַוזע"? צוערשט האָבן די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע און „קולטורעלסטע" הונען געדאַרפט אייך פּאַרטרייבן אין דער געטאָ אריין כדי איר זאָלט דערפילן אייער ברודערשאַפט מיט איין טייל פון אונדז, מיט די פּוילישע יידן. איז דאָס צו שפּעט.

איך האָב אייער פּאָעזיע ניט געלייענט, כאָטש איך בין געווען אַ פּוילישער בירגער, כאָטש איך בין געבוירן אויף דער ערד וואָס האָט געהערט אַ שטיקל צייט צו פּוילן, און פעלקער קריגן זיך איבער דעם ווי איבער אַ ביין און כאָטש איך וואָלט געקענט זאָגן צוזאַמען מיט אייער מיצקעוויטשן „ליטע, מיין פאָטערלאַנד", — דאָך האָב איך נישט געקענט זיך דערנענטערן צו דער פּוילישער קולטור און אויך צו אייך — אומגליקלעכער

ייד דאלארים קאוזע און
פּאָליאַק האנארים קאוזע

וואָס איר זייט. ניט געקענט דערפאַר ווייל די פּאָליאַקן האָבן זי מיר פאַרמיאוסט.

אַמאָל האָט דער צאַר אין מיר פאַרמיאוסט אַל דאָס רוסישעס, היינט האָבן די דייטשן פאַר מיר טריף געמאַכט אַל דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער קולטור און די פּאָליאַק: האָבן מיר פאַרמיאוסט זייערס.

אַט הערט: איך בין געבאָרן אין אַ קליין ליטווישן שטעטל. מיינע

ערשטע קינדערשע זיכרונות זיינען, אז צען טריט פון מיין היים לויע־רן אויף מיר סכנות־סכנות פון הינט און... פון שקצים. מיין ערשטע קינדערשע בלומרשטע פּאָעטישע שורה וואָס איך האָב פאַרגעדענקט איז „יאַשקע שרייט מיר זשיד". ווען איך בין, אַן אַכט יאָריקער יינגל, געשיקט געוואָרן קלייבן דעם וואַכיקן אָפּצאָל פאַר איינעם אַן אָרעמען יידן אין שטעטל און איך בין געקומען ביז דער לעצטער יידישער שטוב שוין אין „דאָרף" (ווו עס האָבן געוווינט די קריסטן) האָט מען אויף מיר הינט אָנגערייצט, — און... ביז היינט האָב איך מורא פאַר אַ שייגעץ און פאַר אַ הונט. זיינען מיר זיך איין מאָל אין זומערדיקן זונטיק געגאַנגען צום שטעטלשן טייכל זיך באָדן — קינדער און דערוואַקסענע —, האָבן שיכורע שקצים אונדז גענומען יאָגן מיט מעסערס און לאַכן פון אונדז ווי מיר לויפן נאַקעטע אין שטעטל אַריין — אַ שטיפעריי אַזאַ, הייסט עס, געווען פאַר זיי...

און ווען די האַלבנאַכטיקע וויינאַכט גלאָקן פון שטעטלשן קלויסטער פלעגן זיך צעקלינגען און דאָס שטעטל פלעגט פול ווערן מיט אויסגעפוצטע פּאַליאַקן, פלעגט אין מיין האַרץ אַ שווידער אַריינברענגען: דער „קידוש וויין" פאַר זייער גאָט איז דאָך אונדזער בלוט.

האָבן רוסן אין ערגעץ קיין מאָל מיך נישט גערופן ביילים. האָבן דאָס אָבער געטאָן פוילישע קינדער און מיר פלעגן זיי ענטפערן:

מאַצאָך, מאַצאָך, קאָפּ טי זדאָך...*)

איז אין האַרצן געוואַקסן אַ האַרטער פאַנצער קעגן אַלץ און קעגן אַלעמען. האָב איך געגאַסן רוסישע קולטור און געהאַסט די וואָס פאַרסאַמען מיינע געפילן צו רוסלאַנד, האָב איך געלעבט צווישן פּאָליאַקן און זיי נישט ליב געהאַט. קען אַ שעפּס ליב האָבן אַ וואָלף? און ניט קיין האָס, קיין צער און צאָרן איז עס געווען. ניין, זייער געעטער פוילישער דיכטער, וואָס איז, נעבעך, דאָלאָרים קאַוזע נאָך אויך אַ פוילישער ייד, איך בין אויך נישט מסכים מיט אונדזער דיכ־

---

*) מאַצאָך — אַ פוילישער גייסטלעכער וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן פאַר זנות און מאָרד.

טער, מיט ביאַליקן: פון פּאָגראָמען און פון צרות גייען מיר פון זינען ניט אַראָפּ, מיר וואַרפן נישט אין „צער און צאָרן" קיין שטיינער אין הימל אַריין, מיר ענדערן נישט צוליב דעם בלוט פון די אָדערן אונדזער אייביקן גאַנג צווישן די סנחרבס, נעראָנס און היטלערס און ווער ווייסט וואָסערע נאָך „קולטורן" עס שטייען אונדז פאָר, ניין, ניין! מיר גייען ווי יענער ייד ביי יענעם פּויליש־יידישן שרייבער י. ל. פּרץ, וואָס איר, אַ, אָרעמער און אומגליקלעכער ייד דאַלאַרים קאָזע קענט נעבעך ניט, גייט קאַסטרוי און קערט זיך אום אויפצוהייבן זיין יאָר־מעלקע (דריי מתנות). גייען מיר אונדזער וועג אויך קאַסטרוי און היטן אויך אונדזער יאָרמעלקע און זיינען מבטל די שמייסער, ווי אַ גייער איז מבטל די הינט די בייסער, די מאַסקיטן וואָס שטעכן, די שטיינער אָן אַ האַריז און אָן אַ זינען וואָס פאַלן צומאָל פון אַ באַרג. קענען דען ווילדע אָקסן וואָס שטעכן אויך באַליידיקן? אָט וואָס פאַר אַ געפיל עס איז געוואָקסן אין האַרצן פון אַ יידישן ייִנגל אין פּוילן און רוסלאַנד.

אין יאָרן אַרום, אין צייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס, און פון יידישע פּאָגראָמען האָבן מיר אין קיעוו אונטערן האָגל פון קוילן געבויט אַ יידישע קולטור־ליגע. קיעוו איז פאַרנומען געוואָרן דורך דעם מיליטער פון באַפרייטן פּוילן. אין איינעם אַ פרימאָרגן בין איך געגאַנגען אין קולטור ליגע אַריין. ביי דער טיר פון דעם יידישן ביכער לאַגער זיינען געשטאַנען לאַכנדיקע פּוילישע זעלנער און פאַרנומען אַלע יידן אויף צוואַנג אַרבעט, נאָר יידן. לאַכנדיק, שטיפנדיק האָט מען אונדז פאַרפירט אויף עפּעס אַ זייטיק געסל הינטער דער שפּעטער־דיקער שלום עליכם גאַס און מען האָט אונדז געצוווּנגען צו רייניקן אַ פערד שטאַל. מיינער אַ „קאָלעגע ביי דער אַרבעט" עפּשטיין איז נאָך דעם געלעגן עטלעכע טעג קראַנק פון באַליידיקונג. איך נישט — איך האָב געוווּסט דעם נישט געשריבענעם פּסוק בירושה פון אייביקע דורות יידן: מאַסקיטן וואָס שטעכן, הינט וואָס בייסן; וועלף וואָס רייסן, שלאַנגען וואָס גיפטן, מיקראָבן וואָס טויטן, פלאַמען וואָס פאַרברענען, שטיינער פון הימל, ווולקאַנען, ערדציטערנישן און ווי־

דע גויים וואָס שלאָגן יידן קענען ווי טאָן, אָבער עס באַליידיקט נישט אין מיר דעם מענטשן. וואָס ווייסן זיי מער ווי הנאה האָבן פון בייסן, שיזעבן, בלוט צאַפּן, אויב אפילו דאָס מאַכן זיי מיט אַלע קונצן פון דער מאָדערנער פאַרשוועכטער און פאַרקויפטער וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך ווי אַ זונה אָפּגעגעבן אַלע הענקערס?

און נאָך שפּעטער. איך בין געקומען „אַהיים", אין מיין ווילנע. שוין פאַרנדיק אין דער פּוילישער באַן האָב איך געדאַרפט אין דער צווייטער קלאַס אַראָפּרוקן די היטל, אַריינרוקן דעם פּנים אין מאַנטל קאָלנער, איך זאָל ניט פליען דורך דעם וואַגאָן פענצטער צום פאַרגעניגן פון מיינע נייע מיטבירגער אין דעם ניי באַפרייטן „פּאָטערלאַנד". איך בין אַרויס פון ווילנער וואָקזאַל, אויף די הילצערנע טראָטואַרן פון מיין אָרעמער און ליבער ווילנע. די ערשטע באַגעגעניש אויף דער וואָקזאַל גאַס: צוויי פּוילישע פרויען גייען פאַר מיר און ריידן — ניט אויסצוהאַלטן פון די יידן, פול מיט זיי אַלע טראָטואַרן, טרעטן דעם וועג ניט אָפּ אַ פּוילישן מענטשן... דער ערשטער ברוך הבא. איך האָב זיך דערוווּסט פון דעם טויט פון א. ווייטער, פון לייזער גורוויטש און פון נאָך צענדליקער יידן. ווייסט איר, פּוילישער ייד לויט דעם בלוט פון די אָדערן, זייער געערטער יורש פון מיצקעוויטשן פון אָט דעם בלוט אויך? וו זייט איר דעמאָלט געווען און וואָס האָט איר דעמאָלט געשריבן צו אונדז, אייערע ברידער דאָלאָרים דורות יידן: מאָסקיטן וואָס שטעכן, הינט וואָס בייסן, וועלף וואָס קאַוזע און צו זיי, צו אונדזערע פייניקערס און אייערע ברידער האַנאַרים קאַוזע?

איך האָב איך דערוווּסט פון פּינסקער קדושים... היטלער, ימח שמו, איז נאָך דעמאָלט אַ צוציק געווען. איר ווייסט נאָך איצט אויך נישט פון דעם? פון וואַנען זאָלט איר וויסן? צווישן יידן זייט איר ניט געווען, פּאָליאַקן, אפילו די בעסטע האָבן דען וועגן דעם געשריבן?.

איך בין געקומען אין מיין שטעטל. מיינע עלטערן האָבן געלאָזן זייער פאַרמעגן און דאַנקען גאָט באַצייטנס אַריבערגעפאָרן קיין ארץ

ישראל: די האַלערטשיקעס (ווייסט איר פּוילישער ייד וואָס דאָס וואָרט באַטייט פאַר אַנדערע, פאַר אַלע פּוילישע יידן?) האָבן זיך פאַרגלוסט אַ שפּיל טאָן מיט מיין טאַטנס גרוי געוואָרענער באָרד... און ווען ניט מיין טאַטנס שכן און פערזענלעכער פריינד דער גלח קוקירעקו (אַזוי איז געווען זיין נאָמען, אַ ליכטיקן גן עדן אים), ווען ניט ער וואָלט אַרוים מיט דעם צלם אין האַנט!...

מיין זיידע פלעגט אַלע ווינטער איין טאָג פאַסטן: אין יענעם טאָג האָבן צאַרישע פּאָליציאַנטן אויף דער דייטשישער גאַס אין ווילנע אים אָפּגעשאָרן די קאַפּאָטע און איין פאה, לויט די געזעצן האָבן זיי דאָס געטאָן! אַלץ לויטן געזעץ. מיין טאַטנס באָרד איז געווען אין די הענט פון ווילדע שמוציקע האַלערטשיקעס. איך האָב שוין אויך עפּעס אַריבערגעלעבט פון די „געזעצלעכע מעשים" פון די אָדער יענע „געזעצגעבערישע" פעלקער. און זאָל מיין זון זיך ניט דערשרעקן און ניט באַליידיקט ווערן ווען דער גורל וועט אים זיין חלק צוטראָגן.

... אַן אַכט יאָריקער קינד, אַן אייניקל פון קאַרפּל דעם פאַכטער האָט זיך געשפּילט אויף דעם גאַניק פון מיין שוועסטערס הויז. אַ יונגער שייגעץ, אַ סאַקאַל האָט זיך געשפּילט מיט זיין שרויט ביקס און „אומגערן" דערשאָסן דאָס יינגל. נאָך דעם ווי דאָס פּוילישע געריכט האָט אים באַפרייט פלעגט ער זיך באַרימען צו מאַכן מיט אַלע יידן אַזוי:

... מען האָט מיר מיין בירגערשאַפט ניט געוואָלט באַשטעטיקן. אַ דאַנק דער מי פון מיין טאַטנס פערזענלעכע פריינד דעם גלח און דעם פריץ הוואַלד האָט זיך געפונען אַן ענדעקישער אַדוואָקאַט וואָס האָט דאָס געמאַכט אין אָרדענונג... פאַר 150 אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

דערציילן אייך נאָך? ווו נעמט מען אַזוי פיל צייט און פּאַפּיר? און פאַראַן אין אייער שכנות בעסערע היסטאָריקער פון דעם יידישן מאַרטירערטום פון די צוויי צענדליק יאָר פון „פרייען פּוילן". און קענט איר דען זיין אַ פּוילישער ייד אויב איר ווייסט נישט פון דעם אַלעם? פרעגט ביי איטלעכן יידישן סטודענט אין פּוילן, פרעגט ביי יעדער קרעמער, פרעגט ביי יעדער קינד, פרעגט אין סוויענציאַן און פרעגט אין פּשיטעק...

„אוי, ברודער דו געפייניקטער! אויב ווייסט ניט פון דעם אלעם,"
(ביאַליק) טאָ גיי און זוך די לערערס פון היטלערן אין דיין שכנות, גיי און זוך צווישן זיי די וואָס האָבן זיך געפרייט מיט אים, די וואָס האָבן זיך מיט זיין נאָמען גערייצט מיט אייערע ברידער, די פּוילישע יידן! (אָן גענדזן פּיס).

... נאָך צען יאָר האָב איך אויך פאַרלאָזן מיין „היים־לאַנד" פּוילן, זיך באַפרייט פון מיין פּוילישער בירגערשאַפט — מוחל! אין יאָרן אַרום האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט דורכצופאָרן פּוילן. האָב איך ניט געוואָלט. ניט דערפאַר וואָס איך בענק ניט, אָ, ניין! נאָר איך האָב בפירוש זיך ניט געוואָלט טרעפן מיט די וואָס האָבן אין מיר פאַרסמט מיין ליבע צו

„ליטע, מיין פאָטערלאַנד!"

און הערט צום סוף: אין איינעם פון די פּילצאָליקע פּאָגראָמען וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין קיעוו בין איך מיר אַרומגעגאַנגען אָן איינזאַמער אין מיין איינזאַמען צימער: שוין אָנגעשריבן אַ לעצטן בריוו צו מיינע עלטערן וואָס זיינען געוועזן אָפּגעריסן פון מיר מיט מלחמה פראָנטן און אים באַהאַלטן צוזאַמען מיט מיין „ירושה" — דאָס קליינע קעשענע־תנכלע, אַרומגעגאַנגען, געטאַפּט אין דער אונ־טערשטער רעכטער זשילעט־קעשענע אַ קליין פלעשעלע וואָס האָט געדאַרפט פאַרשפּאָרן פּאָגראָמשציקעס די אַרבעט איבער מיר אויב זיי וועלן קומען... ערשט מען קלאַפּט אין טיר, מען רופט אָן אַ נאָמען פון איינעם אַ וויכטיקן טוער פון קיעווער אַלגעמיינעם לערער פאַר־באַנד. איך עפן אויף דעם גאַסט. ער איז געקומען מיך איבערטאָן פאַר אַ גוי און נעמען צו זיך, אין זיין היים... איך וויל ניט, איך לויף ניט צו קיינעם. ער בעט זיך ביי מיר. איין פראַזע געדענק איך: „ס'איז מיר אַ שאַנדע צו זיין אַ רוס"... ווען דער קיעווער אַנטיסעמיט, רע־דאַקטאָר פון אַנטיסעמיטישן „קיעווליאַנין" איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס דאָס לעצטע מאָל, האָט ער אין דעם לעצטן נומער פון זיין צייטונג זיך מתוודה געווען: צוליב שינאת ישראל האָבן זיי פאַר־זען רוסלאַנד...

איך האָב קיין מאָל קיין ענלעכע פראַזעס ניט געהערט אַפילו פון אַ פרייען פּאָליאַק... און זיי האָבן דאָס געמעגט, און זיי האָבן עס געדאַרפט און געמוזט זאָגן!

און איר, דער „פּוילישער ייד" (מיט געגדזן פּיס) יוליאַן טובים, ווען זייט איר געקומען צו אונדז, צו אייער פאָלק דאָלאַרים קאַוזע? נאָך דעם ווי מען האָט אייך אויף געוואַלט פאַרשפּאַרט מיט אונדז צוזאַמען אין געטאָ, געטריבן אין גלות. און ווו זייט איר געווען פריער. די גאַנצע צוויי צענדליק יאָר וואָס פּוילישע היטלערס האָבן זיך איז־דעקיוועט איבער אונדז? מיט יעזויטישע פּשטלעך און דריידלעך. לויט „געזעצן", געזעצן וועגן שחיטה, וועגן בענק, וועגן סטראַגאַנעס און וועגן וואָס נישט? ווו זייט איר דעמאָלט געווען? מיט וועמען זייט איר געווען? צי מיינט איר דען אַז אונדזער בלוט וואָס פּאָליאַקן ציען פון אונדזערע אָדערן איז ווייניקער רויט ווי דאָס בלוט וואָס דייטשן ציען? האָט איר זיך דערמאָנט אָן דעם יידישן חורבן ערשט ווען אויך אייער פּוילן איז חרוב געוואָרן? ניט פריער? זייט איר איצט געקומען צו אונדז העלפן אונדז באַוויינען דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום! אַ, ניין! מיר קענען אייך פאַרשפּאָרן די טרחה — מיר זיינען אַליין געניטע וויינער און קלאָגער, מיר קענען גוט שילטן און פיינט האָבן אונדזערע בלוטזויגערס און זיי פאַרשילטן אויף אייביק. און נאָך עפּעס: איר ווילט זיך איצט פאַרשרייבן אין די פּוילישע יידן. פאַר אונדז זיינען דאָ יידן, פּשוט יידן פון אומעטום, יידן פון אַלע מאָל. מיר טיילן זיך נישט אויף לענדער, וואָס שלענגער־פעלקער האָבן אָנגע־שטעלט גרעניצן כדי עס זאָל זיין איבער וואָס זיך צו שלאָגן. קיין ספּעציעלע „ראַסע" פון פּוילישע יידן האָבן מיר ניט. אָדער מען דאַרף זיין אַ ייד אין אַלגעמיין, — אָדער... אָדער קערט אום אייער פּנים צו אים, צו דעם פאָלק וואָס צו אים געהערט איר מיט אייער גאַנץ לעבן און מיט גאָר דער נשמה, גייט צו אים און רעדט צו אים, דערמאָנט אים זיינע זינד, רופט אַרויס זיין געוויסן... אויב איר קענט, אויב אייערע פאָלקסברידער האַנאַרים קאַוזע וועלן אייך הערן, אייך — אַ זשידעק, אַ מאַשעק...

עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך, אויף די יעקב וואַסערמאַנס, אויף די ווערפֿלס, אויף די צווייגס וואָס הענגען אין כּף הקלע צווישן פֿעלקער.

און נייז, פֿאַרט ניין, צו שפּעט געקומענער ייד, פֿאַני יוליאַן טו־בים! ניט קיין צוויי מאַמעס, ניט קיין צוויי געטער און אויך ניט קיין צוויי פֿעלקער. איין גאָט און איין פֿאָלק, אַהער אָדער אַהין. „ביז וואַ־נען וועט איר שפּרינגען אויף צוויי צווייגן?".

און אַן עצה גיב איך אייך: גייט ניט צו אונדז — עס לוינט אייך נישט אַפֿילו נאָך איצט. איר זייט אַ פּאַליאַק. ווער ווייסט — אפשר איז אייך נאָך באַשערט צו זיין פֿאַר די פּאַליאַקן דאָס וואָס מיצקע־וויטש איז פֿאַר זיי געווען מיט אַ הונדערט און עטוואָס יאָרן צוריק. אמת, די פּאַליאַקן וועלן אייך ניט אויפֿנעמען. ביי מיצקעוויטשן האָט נאָר זיין געגעבענער נאָמען געשמעקט מיט יידן (אדם), די דורותדיקע פֿאַמיליע איז געווען כּשר פּויליש. אייער דורותדיקע פֿאַמיליע איז אַזוי „זשידאָוסקע" אַז ווער קען אַריבערטראָגן אויב אַפֿילו איר אַליין ווייסט אַפֿילו ניט וואָס דאָס מיינט ביי יידן זיין אַ „בן טובים", און אַפֿילו אייער געגעבענער נאָמען וואָס אייערע גוטע עלטערן האָבן פֿאַר אייך אויסגעפֿונען און וואָס איז אַזוי כּשר פּויליש וועט דעם פֿלעק פֿון אייער פֿאַמיליע נאָמען ניט אָפּוואַשן פֿאַר אייערע פּאַליאַקן. ביי מיצקעוויטשן איז נאָר זיין מאַמע געווען פֿון וויטן יידישן אָפּשטאַם (פֿון די פֿראַנקיסטן, דאַכט זיך). אייערע עלטערן אָבער זיינען דאָך נאָך ביידע געווען יידן. ניין, מען וועט אייך ניט מוחל זיין, מען וועט ניט וועלן אויפֿנעמען אייער כּשר פּויליש וואָרט, ווען עס זאָל אַפֿילו זיין מער פּויליש ווי מיצקעוויטשעס! און דאָס ווייל אין אייערע אָדערן פֿליסט יידיש בלוט. רעדט זיך נישט איין אַז אָט די טעאָריעס האָט ערשט היטלער ימח שמו אויסגעטראַכט. ער האָט נאָר „פֿאַרפֿאָלקאָמט" פֿרעמדס און אייך דאַרף זיין באַקאַנט עטוואָס ענלעכס הײמיש, פּוי־ליש. מען וועט אייך ניט אויפֿנעמען!

מען האָט מיצקעוויטשן נישט מוחל געווען זיין יידן־פֿריינדשאַפֿט,

זיין חלום וועגן יידישער גאולה, — וועט מען אייך געווים נישט מוחל זיין אייער יידישן אַפּשאַם.

און דאָך, דאָך בלייבט שוין בעסער דאָרטן הו אייערע גוטע עלטערן האָבן אייך איינגעפלאַנצט אויב אפילו אַן דער הי[illegible]ף פון א גלח מיט זיין הייליקן וואַסער. בלייבט, גייט ניט צו אונדז יידן, אַפילו ניט צו די פּוילישע.

מיט וואָס קומט איר צו אונדז? — מיט דער פאַרטיילונג אויף פּוילישע און „ליטוואַקעס" וואָס פּוילישע היטלערס האָבן אויסגעטראַכט? ווייסט איר דען וואָס עס הייסט זיין א ייד ניט נאָר לויט דעם בלוט וואָס עס גיסט זיך פון די אָדערן? פאַרמאָגט איר כאָטש איין יידיש וואָרט פון יידישן טרייסט, טרויער, גלויבן צי וואָס? מיט א ציטאַטע אויסגעלערנט פון ביבל ארוים ווערט מען נאָך ניט קיין ייד. זייט איר נאַקעט אָרעם ווי א ייד, א בעטלער מיט א ליידיקער טאָרבע זייט איר צווישן אונדז. זייט איר נישט קיין גר צדק־גראַף פּאָטאָצקי וואָס יידישע לעגענדעס זינגען וועגן אים. מען האָט אייך אריינגעטריבן צו אונדז, האָט איר עס מוטיק אָנגענומען, אָבער דאָך ניט אליין געקומען. וועגן אייך און אזוינע ווי איר זאָגט אונדזער, יידיש־יידישער דיכטער

... און ווען ער קערט זיך אום אונטער איר באַלקן, אַ פאַרשעמטער.
צעבראָכן, מיד — טוט זי אים אָפּווישן די טרערן (די שכינה פון
יידישן פאָלק)
פאַרדעקט אים מיט איר פליגל און פאַרשלעפּערט (די אַלטע, ליבנ־
דיקע און געטרייע (מאמע" פון פאָלק)
אים אויף אירע קני

(ביאַליק)

און ביז וואַנען קלייבט איר זיך צו זיין מיט אונדז? מיט די פּוילישע יידן? ביז די פּוילישע פּאָליאַקן וועלן אייך פאַרבעטן צוריק און וועלן גרוסמוטיק אייך פאַרגעבן אייער צו יידישע פאַמיליע?

איז ניין און ניין! פאַר וועמען איר זייט א ייד, — פאַר אונדז זייט איר א פּאָליאַק. זייער ליד איז אין אייער מויל, זייער שכינה

אָטעמט אין אייך, — זייט מיט זיי. און אויב זיי וועלן אייך אויך ניט מוחל זיין דעם חטא פון אייער יידישקייט ווי זיי האָבן דאָס ניט געקענט טאָן ביז איצט, טאָ געפינט אַ פּוילישן פּאַטריאָטישן אַדוואָקאַט וואָס וועט אייך פאַר געלט ווי אַמאָל מיר שאַפן ניט קיין פּאַס, נאָר אַ פּוילישע מעטריקע, מיט אַ פּוילישן טאַטן... דאַנקען גאָט: מען האָט דאָס אויך אונדז אויסגעלערנט. טוט וואָס איר קענט, נאָר פאַרשרייבן זיך איצט פאַר אַ יידן קענט איר ניט, איר האָט אויך ניט מיט וואָס. וואָס דאַרפט איר זיין אַ יידישער בעטלער, ווען איר קענט זיין אַ פּוילישער מאַגנאַט? נישקשה — עס זיינען דאָך געווען נאָך גוטע פּאַליאַקן וואָס האָבן הנאה געהאַט פון דעם אַלטן יידישן פידלער, מיצקעוויטשעס יאַנקעל, — וועט איר זיין זיין אייניקל און מען וועט אייך פילגנעדיק אויפנעמען. האפט און גלויבט!

עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך און אַזוינע ווי איר יידן וואָס ווערן געריסן צווישן צוויי פעלקער און זיי האָבן קיין איין פאָלק נישט. אַ רחמנות!

וועגן „יידן און פעלקער־פסי־כאָלאָגיע״ פון פ. שניאורסאָן

וויסנשאַפט איז אָביעקטיוו, זי מוז זיין אָביעקטיוו. איינער פון די אָנגענומענע אמתן, וואָס איז אָבער דאָך ניט אמת: וויסנשאַפט איז ניט ניט אָביעקטיוו, זי קען ניט און דאַרף ניט זיין אָביעקטיוו. זי איז ניט ווייניקער פון קונסט א פּראָדוקט פון מענטשנס גייסט, פון זיינע גע־דאַנקען, וואָס זיינען קיין מאָל ניט אָפּגעריסן פון זיינע געפילן, וועלט באַנעם. אָן האַרץ איז ניטאָ קיין מוח. וויסנשאַפט איז אויך אַן אַרויס־טראָגן דעם אייגענעם „איך״ אין דרויסן אַרויס, א פאָרמירונג פון דעם „איך״ אין דרויסן אַרויס, א פאָרמירונג פון דעם „איך״ אין געזעל־שאַפטלעכע פאָרמען. און ווו „איך״, דאָרטן איז ניטאָ קיין אָביעק־טיווקייט.

אמת, צוויי מאָל צוויי איז 4, איז אָביעקטיוו ריכטיק אין אַלע וועלטן און אין אַלע צייטן. אָבער דאָס דאָס איז לגמרי ניט קיין וויסנשאַפט. עס איז בלויז א מכשיר צו פּראָדוצירן וויסנשאַפט.

די ערד דרייט זיך אַרום דער זון מיט אַזוינע און אַזוינע גיכקייטן, אין אַזוינע פּעריאָדן און מרחקים... דאָס איז אָביעקטיוו. אָבער עס איז מערניט ווי אַן עקסטראַקט פון וויסנשאַפטלעכער זייער און זייער סוביעקטיווער טעטיקייט, פון מענטשנס גייסט; ניט מער אָביעקטיוו ווי א וואַסער עס איז האַרמאָן, אַרויסגעשיידט פון זיין גוף, ניט מער אָביעקטיוו ווי אַן אַלגעמיין אָנגענומענער פראַגמענט פון ליטעראַטור,

ווי אַ קאַפּיטל תהילים, ווי פּאָוסט, ווי לאַרעליי, ווי די געדאַנקען פון די ברידער קאַראַמאַזאָוו אאז״וו.

וויסנשאַפטלעכע געזעצן — עקסטראַקטן, פּראָדוקטן פון וויסנשאַפט און מכשירים צו וויסנשאַפט זיינען אייביק און אָביעקטיוו, זיי האָבן נישט קיין געשיכטע. וויסנשאַפט גופא אָבער האָט געשיכטע, אויפשטייגן און ירידות, ריכטונגען און נייגונגען. דער עצם געדאַנק פון וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיוויקייט איז אַ פּראָדוקט פון געשיכטע. ער איז געשאַפן געוואָרן, ווען מענטשן האָבן דעטראָנירט דעם אַלטן גאָט מיט זיינע עמאָציעס און אויף זיין כסא־הכבוד געפּרובירט אַרויפזעצן די כלומרשט קאַלטע ראַציאָ.

אין תוך אַריין קען דאָך אָבער ניט זיין קיין מענטשלעכע טעטיקייט אָן סוביעקטיוויקייט.

און מהאי טעמא איז זייער ריכטיק און גוט, ווען אין אַ וויסנשאַפטלעכן ווערק זעען מיר בולט זיין שעפער, זיין לאָגיק, זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, זיין וועלטבאַנעם, זיין קרעדאָ און זיין אינעווייניקסטע אינטימע באַציונג צו דעם אַלעמען.

טאָ ווו איז דער חילוק פון פּובליציסטיק און וויסנשאַפט! — עס איז דאָך פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. פון פּובליציסטיק קען מען ניט אַרויספירן קיין אַלגעמיינע געזעצן, פון וויסנשאַפטן — יאָ. וויסנשאַפט גיט אונדז יאָ „אַלגעמיין גילטיקע עקסטראַקטן״, אַלגעמיין ווירקנדיקע האַרמאָנען, בעת פּובליציסטיק גיט אונדז בלויז די סוביעקטיווע באַציונג פון אויטאָר און מער ניט.

פון דעם שטאַנדפּונקט באַפּרידיקט דאָס געגעבענע ווערק פולקום. איר זעט דאָ ניט בלויז דעם „קאַלטן״ פּראָפעסאָר, וואָס דענקט בלויז מיט אַבסטראַקטע באַגריפן, נייערט עס איז פול מיט דער אינטימע־יידישקייט פון מחבר, מיט יידישער בקיאות און חריפות, וואָס קען אויף אַלץ געפינען ק״ן טעמים. אָבער ווען מיר וועלן פּרובירן זען וואָס

בלייבט פון ווערק נאָכן אראָפּנעמען פון אים דאָס סוביעקטיווע, דעמאָלט וועקן זיך ביי אונדז אויף זייער פיל ספקות.

קודם כל דער נאָמען „יידן און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע" זאָגט צו פיל מער איידער דאָס ווערק גיט. איבערגעלייענט אזא נאָמען אין די אנאָנסן, האָב איך געגאַרט דאָס בוך צו באַקומען. אָבער דאָס בוך האָט מיר ניט געגעבן דאָס, וואָס איך האָב דערוואַרט פון דעם צו באַקומען. טאַ וואָס פאָרט זיינען די אייגנטימלעכע שטריכן פון יידישער פּסיכ־ק לגבי אַנדערע פעלקער! ווי אַזוי דריקן זיך אויס אָט די נאַציאָנאַלע שטריכן אין פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן, ביי פאַרשיידענע שטאַנדן און קלאַסן? ווי זיינען אָט די ספּעציפיש יידישע שטריכן גענעטיש אויפגעקומען? וואָסערע פאַקטאָרן, ביאָלאָגישע, סאָציאַלע, קולטורעלע, האָבן זיי געשאַפן? — אָט אַזוינע יסודותדיקע פּראָבלעמען זיינען אין ווערק לגמרי ניט באַרירט געוואָרן. בכן דאַרפן מיר דאָס בוך נעמען ווי אַ צושטייער צו אַ יידן־פּסיכאָלאָגיע, מער ניט.

אָבער אויך דאָ דוכט זיך מיר, אַז אונדזער חשובער מחבר לאָזט זיך צו פיל פירן דורך זיין סוביעקטיוון „איך" און באַגרינדט ניט גענוג זיינע השערות. לאָמיר נעמען דעם ערשטן פּונקט פון היסטאָרישער אימוניטעט. הייסן זאָל עס, אַז יידן ווי אַ פאָלק זיינען אין פאַרלויף פון זייער שווערער געשיכטע געוואָרן אימון, פאַרהאַרטעוועטער, ווידערשטאַנדפעיקער פיזיש (קלענערע שטאַרביקייט), און אויך די יידישע קולטור „פאַרלירט זיך נישט אין היסטאָרישן ווירבל פון אומצאָליקע גייסטיקע שטרעמונגען". וואָלט עס גוט געווען, ווען עס שטימט מיט די פאַקטן. עס גייט מיר דאָ נישט אין דער שטאַרביקייט. איך זוך די אימוניטעט פון דער יידישער קולטור און איך זע זי נישט. רבש"ע, וויפל מאָל זיינען יידישע קולטור־קיבוצים אומגעקומען, אונטערגעגאַנגען? ווו איז געווען זייער אימוניטעט? פאַר וואָס איז זי זיי ניט ביי־געשטאַנען? האָבן דאָך יידן אַמאָל, נאָך גאָר ניט לאַנג בערך, געהאַט רייכע קולטורן אין מערב־אייראָפּע, אין איטאַליע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און ווו זיינען זיי? פאַרקערט איז ריכטיק צו זאָגן, אַז איינגעהאַלטן זיין יידיש־קולטורעלן שעפערישן כאַראַקטער האָט בלויז

איין קיבוץ — דער מיזרח־אייראָפּעישער. און דאָס אויך ניט לגמרי ביי אַלע זיינע סאָציאַלע שיכטן און קלאַסן. בכן איז דער גאַנצער פאַרגלייך מיט דער ביאָלאָגישער אימוניטעט ניט אויפן אָרט. אויב ניין פון צען ברידער זיינען געשטאָרבן און עס איז געבליבן בלויז איינער, וואָס האָט געלעבט אין אַנדערע תנאים, איז די סיבה פון זיין לעבן בלייבן געווים ניט קיין אָרגאַנישע, נייערט אַ סאָציאַלע. און דער גאַנ־צער פאַרגלייך פון דער יידישער אַטעריטאָריעלער קולטור צו אַ ניט־פאַרוואָרצלטן בעל־חי (ז׳ 212 א״וו) איז מערניט ווי אַ משל, וואָס פּאַסט ניט צום נמשל (אויך דער משל גופא איז פון ביאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט ניט אין גאַנצן ריכטיק). פאַרקערט האָט דער מחבר אין גאַנצן דורכגעלאָזן די סאָציאַלע פאַקטאָרן. ער רעדט פון „יידישן פאָלק" ווי פון אַ מאָנאָליטישער איינס, בעת די סאָציאַלע קאָנפליקטן אין דעם פאָלק האָבן געהאַט פון אייביק אָן אַזאַ אויסערגעוויינטלעך גרויסע השפּעה אויף דעם קולטור־פּרצוף פון באַזונדערע טיילן פון פאָלק. מיר דאַכט זיך, אַז אָט די קולטור קאַמפן און ווידעראַנאַנדן זיינען ביי יידן גרעסער ווי ביי אַנדערע פעלקער, אַזוי אַז עס איז בפירוש אומ־מיגלעך צו ריידן וועגן „פאָלק" סתם, ווען מען רעדט וועגן קולטור.

נאָך מער. פּראָפעסאָר שניאורסאָן שאַפט זייער אַ פיינע טעאָריע פון „אינטים־שעפערישע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע ליידנשאַפטן פון פאָלק" (זייט 141 און אין אַ סך אַנדערע ערטער. דעם עצם באַגריף פון „אינטימע" פּראָגרעסיווע ליידנשאַפטן בכלל איז גוט דערקלערט אויף זייט 68 און ווייטער). ער דערקלערט דעם באַגריף מיט אַנדערע ווער־טער, וואָס זיינען אַגב ווייניקער פאַרשטענדלעך: „שיקזאַלהאַפטע"(?),* קיין שום ווידערשטאַנד נישט נאָכגעבנדיקע, עקספּלאָזיוו־שעפערישע, פון טיפסטן פאָלקסקוועלן שטאַמענדיקע (ליידנשאַפטן) און דערפאַר שטענדיק איינגנאַרטיקע „אָריגינעלע", וואָס שפּיגלען אָפּ אין דער נאַציאָנאַלער קולטור דעם קיין מאָל ערגעץ אַנדערש זיך ניט איבערחזרנ־

---

*מסתמא פון רוסישן וואָרט "pokoboe", אָבער דאָס גאַנצע וואָרט איז שוין גאָר ניט אינטים יידיש.

דיקן „אָריגינאַל״ פון געגעבענעם פאָלק״... לאָמיר תופס זיין דעם דאָזיקן שווער געבויטן זאַץ און אונדז ווערט וואַרעם אויפן האַרצן — עפּעס פאַרמאָגן מיר אַ וויטאַלן כוח צו לעבן און איינצוהאַלטן אונדזער פאָלקס־„איך״. קומען אָבער פאַקטן און לייקענען אָפּ די גאַנצע טעאָריע. ווו זיינען געווען אָט די „אינטימע־שעפערישע ליידנשאַפטן״ ביי די פראַנצויזישע יידן גלייך נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? ווו זיינען זיי אַהינגעקומען ביי די דייטשע יידן אין די צייטן פון מענדלסאָן און זיינע יורשים? ווו זיינען זיי געווען ביי דער יידישער יונגער בורזשואַזיע אין רוטלאַנד אין משך פון גאַנצן ניינצנטן י״ה? ווי גיך אָט די „שיקזאַלהאַפטע״ ליידנשאַפטן פון אָריגינעלקייט און נאַציאָנאַלער קולטור האָבן זיך פאַרביטן מיט „אינטים־געוואָרענע״ ליידנשאַפטן אַריינצודרינגען אין דער „געזעלשאַפט״, זיך אויסצומישן, פאַר יעטווידער פּרייז, אַפילו באַדיי זיך די יידישע נאָז אָפּצושניידן?

איך גלייב, אַז מען מוז לגמרי ניט זיין קיין מאַרקסיסט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט כדי צו באַנעמען דעם פשוטן געשיכטלעכן אמת, אַז ריידן וועגן אַ יידישן פאָלק ווי וועגן אַ קולטורעל געבונדענער איינס קען מען בלויז פאַר דער צייט, ווען יידן זיינען סאָציאַל געווען אין שטאַנד צווישן אַנדערע ניט־יידישע שטאַנדן. ווי נאָר דאָס יידישע פאָלק איז סאָציאַל דיפערענצירט געוואָרן, האָבן די שיכטן, וואָס זיינען סאָציאַל אַריינגעדרונגען („דיפונדירט״) אין די פאַסיקע ניט־יידישע שטאַנדן, מיט איין מאָל אָנגעוואָרן די „אינטימע נאַציאָנאַל־ליידנשאַפט״. אוי! אויב זוכן ביאָלאָגישע פאַרגלייכן, קומען מיר אויפן זינען די פלאַטערלעך, וואָס פליען צום ליכטיקן פייער אַפילו פאַר־ברענט צו ווערן, קעגן דעם לעבנס־אינסטינקט. ווו איז דאָ די „ייד־פּסיכאָלאָגיע״? ווו איז די פּסיכאָלאָגיע פון דער גאַנצער השכלה־באַוועגונג, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, מיט שוויים און האַרץ צו לערנען די יידישע קליאַטשע טאַנצן דווקא ווי די פּריצישע פערד, ניט אַנדערש? ווי קען אַ אינטים־יידישער געלערנטער פאַרבייגן אַזוינע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פאַר דער יידן־פּסיכאָלאָגיע?

נעמען מיר איצט אַ צווייטן ביישפּיל. געווים איז דער מחבר גע־

רעכט, ווען ער פרעגט אָפּ אַלע כּלומרשט וויסנשאַפטלעכע באַהויפּ־טונגען וועגן יידישער נערוועזקייט. עס איז נישט מיין געביט און איך בין גערן מסכּים מיטן מחבר, אַז די אַלע באַהויפּטונגען זיינען מער באַזירט אויף לײַדשאַפטן פון. פאַרשער. אויף אומבאַקאַנטשאַפט מיט יידן, אויף צופעליקע פּאַציענטן און אַזוי ווייטער. אָבער נאָך אָט דעם פיינעם אָפּפרעגן אַלערליי טעאָריע נעמט דער מחבר און גיט זיינע פאָרשונגען פון יידישע קינדער אין יידישע און העברעישע שולן אין פוילן, ליטע און לעטלאַנד. די דאָזיקע פאָרשונגען קענען זיין זייער וויכטיק פאַר דעם געגעבענעם אָרט, פאַר דער שול, פאַר דער שטאָט אפשר, אָבער קיין אַלגעמיינעם אָביעקטיוון ווערט, מען זאָל פון דעם קענען מאַכן אַלגעמיינע אויספירן וועגן יידן בכלל, — דאָס פאַרמאָגן זיי געוויס נישט. ערשטנס, זיינען דאָך די צאָלן צו קליין, מען זאָל אויף זיין באַזירן אַלגעמיינע אויספירן. און צווייטנס, זיינען דאָך אין די העברעישע און יידישע שולן אין די לענדער די קינדער אויף א געוויסן אופן אָפּגעקליבן. דאָס זיינען דאָך קינדער פון באַ־שטימטע סאָציאַלע שיכטן, פון די שיכטן, וואָס זיינען לויט שניאור־סאָנס טעאָריע „איינקולטוריש" א סך מער ווי אנדערע שיכטן, פון בורזשואַזע און בירגערטום. אַפּריאָרי קען מען מיינען, אַז אָט די שיכטן זיינען מחמת זייער „מאָנאָקולטורקייט" (ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן קולטורעלער נאַטירלעכקייט") אויך מאָראַליש און פּסיכאָלאָגיש געזינטער. קענען שוין במילא די צאָלן נישט זיין מאַס־גיביק פאַר „יידן" בכלל.

און צום סוף נאָך עפּעס: די כאַראַקטעריסטיקעס פון די קינדער־זיינען געמאַכט געוואָרן אין באַזונדערע שולן אין פאַרשיידענע לענ־דער און דורך א סך מענטשן. צי איז פאַראַן א וואָסערע עס איז גאַראַנטיע פאַר דער איינהייטלעכקייט פון די אָפּשאַצונגען ביי דעם בעסטן ווילן און אַפילו ביי דער איינהייטלעכער אינסטרוירונג? איז דאָך דער כאַראַקטער פון די קינדער אין קלאַס אין א גרויסער מאָס א רעזאָנאַנס אויף דעם אויפפיר פון דערציער.

איך דערלויב זיך דאָ צו ברענגען איין ביישפּיל פון א סך. א קינד,

וואָס איז אין משך פון צוויי יאָר געווען אונטער דער השגחה פון א פסיכאָאַנאַליטיקער, האָט די דערציער אָנגעמאכט שווערע צרות. ביי יעטווידער אויפרעגונג פלעגט עס וואַרפן שטיינער, שלאָגן, ברע־כן. אַזוי אַרום איז דער פסיכאָאַנאַליטיקער געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס קינד מוז אַריבערגיין אין א ספּעציעלן אַנשטאַלט פאַר מאָ־ראַליש דעפעקטיווע קינדער. און עס זיינען געווען פיל סיבות צו דעם: א שווערע ירושה האָט דאָס קינד געטראָגן. דער טאַטע איז געהרגעט געוואָרן אין א פּאָגראָם, די מאַמע, א בעטלערין, קען זיך מיט אים נישט צונויפריידן, ווייל זי קען נישט זיין שפּראַך (דאָס קינד ווערט אויסגעהאַלטן דורך אַ געזעלשאַפט). ער איז מקנא אַלע חברים, וואָס האָבן א היים, וואָס באַקומען מתנות, וואָס פאָרן אהיים אאַז״וו... איז אָבער דאָס קינד איבערגעגאַנגען אין א צווייטן קלאַס מיט א מונטערער אַרבעטס־אַטמאָספער. דאָס קינד איז געטריי דער לערע־רין, מונטער, גוטמוטיק, חבריש און אחריותדיק פאַר אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין קלאַס. און שטעלט זיך פאָר, אַז אָט די צוויי לערער, ביידע איינהייטלעך אינסטרויִרט, גיבן זייערע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן דעם זעלביקן קינד, און ווי פאַרשיידן וואָלטן זיי געווען! במילא וואָס פאַר א ווערט האָבן אַזוינע כלומרשט אָביעקטיווע כאַראַקטע־ריסטיקעס? ווי קען מען אויף זיי בויען טעאָרעטישע אויספירן?

עס קען גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז צווישן די יידן, וואָס האָבן די מאַטעריעלע מיגלעכקייט צו פאָרן אין קורערטער, זיינען פאַראַן א גרעסערער פּראָצענט נעוורָאָזן און פסיכישע צעשטערונגען איידער ביי די שיכטן, וואָס באַנוצן די יידישע שולן. אַזוי אַרום קומען מיר צו א מיגלעכן אויספיר, אַז עס איז אוממיגלעך צו ריידן וועגן א טאָטאַלן סתם „פאָלק". מען וואָלט באַדאַרפט פאַרגלייכן עקוויוואַ־לענטע שיכטן און קרייזן פון באַזונדערע פעלקער און באַנוצן מער אָביעקטיווע קריטעריומס. ערשט דעמאָלט וואָלט מען געקענט זאָגן; פּאָזיטיוו וועגן יידישער נערוועישקייט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער.

לאָמיר איצט איבערגיין צו ווייטערדיקע געדאַנקען אין דעם בוך.

יידן לעבן פון אייביק אָן און כמעט אויף דער גאַרער וועלט אין צוויי קולטורן, און דאָ קומען מיר „צום גרונט־פרינציפ... דאָס (אז) נאָר אינטים אנטוויקלטע לײדשאפטן ווערן שיקזאלהאפט און רופן אַרויס יענע עקספּלאָזיוו־שעפערישע ווילנסקראפט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיינע געפארן און שטערונגען (שפּאַציִרט איך אָריגינאַל). כדי נישט פארשלונגען צו ווערן פון די מעכטיקע מלוכי־שע קולטורן, צו וועלכע יידן אין דער דיאַספּאָרע האָבן זיך געמוזט צופאסן, האָבן זיי גלייכצייטיק אנטוויקלט די אינטימע לײדנשאפט צו דער אייגענער קולטור" (זייט 141 א"וו). מיר האָבן שוין אויבן אנגעוויזן, אז די פאקטן זיינען גאָר נישט אזוי איינשטימיק מיט אָט דער מונטערער טעאָריע, וואָס זעט אוים כמעט ווי א ביאָלאָגישער געזעץ: אז א גיפט דרינגט אריין אין בלוט, ווערט אין בלוט געשאפן א קעגנגיפט, און — מיר לעבן ווייטער... מיר האָבן אויבן געזען, אז די לײדנשאפטן איינצוהאלטן די אייגענע קולטור זיינען געווען בלויז דאָרטן ווו יידן זיינען געווען געבונדן סאָציאַל, האָבן געלעבט אין געאָגראפישער שכנות מיט נישט־יידן, אָבער סאָציאַל כמעט אָפּגע־זונדערט. במילא איז אויך דער ענין מיט צוויי קולטורן נישט אזוי פשוט. מען דארף אונטערשיידן צווישן צוויי קולטורן, וואָס געפינען זיך אין נאָענטער געאָגראפישער שכנהשאפט, און צוויי קולטורן, וואָס ווירקן אינעווייניק אין לעבן פון יחיד און אין געזעלשאפט. לאָ־מיר אויך באנוצן א משל: אין איין וואלד, אין אָרטיקער שכנהשאפט, אין די זעלביקע עקאָלאָגישע באדינגונגען וואקסן סאָסנעס, אָליבעס און יעגלעס. די ביאָלאָגיע פון וואלד לערנט אונדז, אז עס זיינען פאַ־ראַן זייער שטארקע קעגנזייטיקע השפעות צווישן אָט די באזונדע־רע קאָמפּאָנענטן פון דעם „ביאָצענאָז" (ביאָלאָגישער געמיינשאפט). אָבער פון דעם איז נאָך גאנץ ווייט, אז די סאָסנע למשל זאָל דארפן אָנקומען צו „אינטים געוואָרענע לײדנשאפטן" כדי איינצוהאלטן די אייגענע קולטור, נאטור — מיין איך. וואָלט פראָפ' שניאורסאָן גע־ווען אָן „אתה מרחוק", וואָלט ער זיך גענומען צו יידישער קולטור־פאָרשונג מחמת „עקספּלאָזיווער ווילנסקראפט", וואָלט מען אים גע־

קענט מוחל זיין. אָבער זיין יידישקייט איז דאָך אַן אינטים אָרגאַני־שע, אָן שום אויסבראָכן און איבערבראָכן. ער איז דאָך אין יידישן לעבן ביי זיך אין דער היים, — ווייסט ער דאָך גאַנץ גוט, אַז אין מענדעלעס שטעטל, אין שלום־עליכמס, אין רייזענס, אין אַשס, אין ווייסנבערגס און אין אונדזער אַלעמענס שטעטל איז אין אין יידישן לעבן געווען איין קולטור, האָט די שבנישע קולטור בלויז צוגעגעבן ניואַנסן, בלויז דורך א פּריזמע זיך אָפּגעשלאָגן, אָבער לגמרי נישט דירעקט געווירקט. האָט א פּופּציק מעטער פון מיין בית־מדרש זיך געפונען א תבואה־פעלד, און אָסור אויב איך האָב עס געפילט, אויב עס האָט פאַרנומען א וואָסער עס איז אָרט אין מיר, סיידן אפשר, וואָס דאָס אָפּגעשניטענע פעלד האָט דערמאָנט די אומעטיקייט פון די דריי וואָכן און ניין טעג.... איבעריקנס באַשטעטיקט דאָך עס אונדזער גאַנצע ליטעראַטור. טאָ ווו קען דאָ זיין א רייד פון אַזש צוויי קול־טורן! עס איז ריכטיק, אַז די דערציונג אין חדר און אין א גרויסער מאָס אויך אין דער יידישער שול איז רייך מיט עמאָציאָנעלע ניור־אַנסן, מיט פּסיכישע איבערטענער (וואָס נייטיקן זיך נישט לגמרי אין די געגדזנפּיסלעך, וואָס דער מחבר באַשענקט זיי). אָט די דאָ־זיקע איבערטענער בילדן דעם קערן אין דערציונג און קולטור, אין זיי איז די נשמה. די פּעדאַגאָגיק האָט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צו פאַרדאַנקען הערבאַרטן און זיינע נאָכגייער דאָס אַריבער־טראָגן דעם שווערפּונקט פון דעם איראַציאָנעלן אויף דעם ראַציאָ־נאַלן, פון דער נשמה אויף דעם גוף. אָבער צי איז אָט דער כוח פון דער יידישער קולטור אין אָט די באַשטימטע סביבות געווען א עקספּלאָזיווער, „אַן אויפרייסערישער עמאָציאָנעלער דינאַמיט" אָדער פונקט פאַרקערט א נאַטירלעך אָרגאַנישער? וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר. און מיר זיינען יידן, ווייל אַזוינע זיינען מיר, נישט ווייל מיר ווילן זיין אַזוינע. ווייל אַזוי זיינען מיר אויס־געוואַקסן און מיר קענען נישט זיין אַנדערש, און נישט ווייל עפּעס האָט אין אונדז אויפגעריסן א באָמבע, מיר האָבן געריסן דאַמבעס און זיך איבערגעבראָכן, וואָלונטאַריסטיש געוואָרן יידן.

בעצם האָט דאָס זיין אַ מיעוט דאָרטן נישט געשטערט דער קול־טורעלער גאַנצקייט און אָפּגעזונדערטקייט, דער „מאַנאָקולטורקייט" פון דער יידישער באַפעלקערונג. צי האָבן די רדיפות באמת געשאַפן אַ קעגנשפּאַנונג פון דער „אַנגעצונדענער אידעאָלאָגיע (מיין אונטער־שטרייכונג)? בשום אופן נישט. עס איז לגמרי נישט געווען קיין אידעאָלאָגיע, עס איז געווען אַ פּשוטער לעבנס־אינסטינקט אין ראַ־מען פון אַ געגעבענער סביבה, וואָס פון איר איז אוממיגלעך ארויס־צוגיין. און פּאַקטיש, זיינען נאָר געשאַפן געוואָרן מיגלעכקייטן אַ־רויסצוגיין פון דער סביבה, שפּאַרונקעלעך, כאָטש די קלענסטע, כאָטש בלויז אין דער האָפענונג — און די גאַנצע באַרימטע „וואָ־לונטאַריסטישע שפּאַנקראַפט" איז געוואָרן צו גאָרנישט, ווי דאָס איז געשען אין גאַנץ מערב־איראָפּע, ווי דאָס איז געשען אויך אין מיזרח־איראָפּע (איינגערעכנט אויך די מיזרח־איראָפּעישע יידישע קאָלאָניעס), אין די קרייזן, וואָס זיינען סאָציאַל „באַגליקט" געוואָרן מיט דער מיגלעכקייט ארויסצורייסן זיך פון דער יידישער סביבה. ווו איז אהינגעקומען אָט די דאָזיקע „שפּאַנקראַפט און דאָס פּסיכאָ־לאָגיש וועזן פון דער יידישער קולטור" ביי דער יידישער בורזשו־אַזער און האלב בורזשואַזער יוגנט בעת דער שמד־מגפה צווישן דער ערשטער רעוואָלוציע און דער מלחמה אין רוסלאַנד? צו וואָס אַזאַ מין „גייסטיקע" טערמינאָלאָגיע פאַר זאַכן, וואָס זיינען נאָר היפּש „מאַטעריע" און אַ מאָל פון נאָר נישט קיין געהויבענער מאַרקע? ניין, מען קען בשום אופן נישט באהאַנדלען קיין סתם קולטורן, אַבס־טראַקט, און זיי באַשענקען מיט ווידער אַ מאָל אַבסטראַקטע „לייד־שאַפטלעך קעמפערישע אידעאָלאָגיעס און פּאַטעטישע פאָלקס־שטרע־בונגען"? צו גיבן אַזוינע באַגריפן וויסנשאַפט, אָדער זיי פאַרנעפּלען בלויז לעבנס־דערשיינונגען?

און מיר שטעלן דאָ אונטער אַ גרויסן פּרעגנצייכן דעם עצם באַ־גריף פון צוויי קולטורן, וואָס קעמפן אין איין סביבה. דווקא אריינ־טראַכטנדיק זיך אין די „אינדיווידועלע פּסיכישע איבערטענער פון גייסטיקן לעבן", קומט מיר אויס ווי זיכער, אַז אָט דער קולטור־דוּאַ־ליזם אין יעטווידער אינדיוויד גופא, אין זיין גייסטיקן מהות איז —

אַן אויסגעטראַכטע זאַך. עס איז נישטאָ אַזוינס. אָדער דער מענטש פאַרמאָגט איין קולטור, וואָס אין איר קענען זיך אויף איר אייגנאַרטיקן שטייגער איבערקאָכן און פאַרדייט ווערן עלעמענטן און פאַקטאָרן פון אַלערליי אַנדערע קולטור־מקורים, — אָדער איין קולטור, אָדער עס איז — גאָר נישטאָ קיין קולטור, עס איז אָנשטאָט איר פאַראַן א קולטור־דעקאַראַציע. עס זיינען דאָ פּאַלאַצן, גערטנער, וועלדער, און עס איז בלויז פּאַפּיר, בלויז אָנשטעל, נישט קיין אָרגאַנישע זאַך. עס איז געמאַכט און עס שטאַמט לגמרי נישט פון דעם מהות, פון „איך". עס איז וואָלונטאַריסטיש איינגערעדט זיך, אָדער געוואָלט אַנדערע איינריידן. בכל אופן האָט עס גאָרנישט צו טאָן מיט נאַטירלעכער, אָרגאַנישער קולטור פון מענטשן.

א מענטש קען לעבן אין צוויי סביבות, אפילו אין צוויי שפּראַכן, און אַליין דאָך זיין אָרגאַניש גאַנץ. מיר יידן מוזן גרונטיק אונטערשיידן אָט וואָס: צוויי קולטורן זיינען תמיד צוויי שפּראַכן; צוויי שפּראַכן זיינען זייער אָפט לגמרי נישט צוויי קולטורן. אַזוי איז דאָס פּויליש, וואָס ווערט גערעדט אין יידישע הייזער און יידישע קוואַרטאַלן אין וואַרשע, לגמרי נישט פאַרבונדן מיט פּוילישער קולטור; אַזוי אויך קען למשל דאָס העברעיש, וואָס ווערט גערעדט אין א סך הייזער, אויך נישט פאַרמאָגן קיין ספּעציפישע שפּראַכלעך־קולטורעלע איבערטענער און אונטערטענער. בכן קענען מיר אָפט ריידן פון צוויי שפּראַכן און א סך זעלטענער וועגן צוויי קולטורן. די פּראָבלעם פון צוויי שפּראַכן און זייער קולטור־ווירקונג איז בכן נישט אין שאַפן צוויי קולטורן, וואָס קאָנקורירן צווישן אַנאַנד, נייערט אין צעשטערן די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער איינציקער קולטור. די צווייטע שפּראַך, וואָס ווערט אַריינגעטראָגן אָן אירע איבערטענער (אָן קולטור, בכן), לאָזט נישט די איבערטענער פון דער ערשטער שפּראַך זיך צעוואַקסן, שטופּט אָפּ די פאַראַנענע פון פריער און ליידיקט אויס אַזוי אַרום דעם גאַנצן קולטור־אינהאַלט פון אינדיוויד, געבנדיק אים ליידיקע ווערטער פון א צווייטער קולטור, פּוסטע כלים, — א דעקאָראַציע פון א קולטור. אָפט קאָן דער פאַראַנע־

נער קולטור־אינהאַלט פון פריער פאַרוואַנדלט ווערן אין א פאַר־שטופּטן קאָמפּלעקס, וואָס קען שפּעטער, ביי א געלעגנהייט אויפ־רייסן, עקספּלאָדירן און אויפעקפירן די אקטיוויקייט פון פערזאָן אין אן אנדער ריכטונג. אָט דאָ ליגט די טראַגעדיע פון אונדזער צוויי־שפּראַכיקייט. נישט צוויי קולטורן, נאָר אָנקולטורקייט, דעקאָראַציע פון קולטור אָן איר עכטקייט און אויפריכטיקייט און ווי אן אָפּשטע־צוגאָב — שווערע קאָמפּלעקסן ביז טראַגישקייט.

פון דעם איז נישט צו דרינגען, אז עס איז נישט מיגלעך אריינ־צודרינגען אין א פרעמדער קולטור. פאַרקערט איז עס זייער מיגלעך, אָבער ווען איז עס געגרעדט געוואָרן? — ווען עס איז צוערשט פאַ־ראַן א קולטור־גאַנצקייט פון פריער. אָן אן אייגענער אָרגאַנישער קולטור קען מען קיין צווייטע קולטור נישט תופס זיין, נישט אריינ־לעבן זיך אין אירע אייבערטענער, אין איר נשמה.*) אָט פאַר וואָס די יידיש־וועלטלעכע שול איז גייסטיק געזינטער פאַר יעטווידער אנ־דער דערציונגס־אינסטיטוציע. זי צעוויקלט אין תלמיד זיין היי־מישע קולטור, זיין „איך”, איז גאַנצער, נאַטירלעכער און צעוואַקסט זיך גרינגער, במילא קען ער אויך א סך קולטורעלער איבערנעמען די

---

*) אפשר וואָלט מען דערמיט געקענט דערקלערן אזא געשיכט־לעכן פאַקט: די משכילים און זייערע קינדער. אלע משכילים האָבן געקלאָגט, וועלטן געלייגט אויף דער שלעכטער דערציונג, וואָס זיי האָבן געקראָגן. זייערע קינדער האָבן זיי געגעבן א „ג ו ט ע” דערציונג און כמעט ביז איינעם (מ. י. לעבנזאָן) זיינען זיי געוועז אָפּט געבילדעט, אָבער קולטורעל — גאָרנישטן, ביז צו טראַגישקייט אָפּט. אפשר לאָזט זיך עס דערקלערן דערמיט: די עלטערן זיינען גע־וואַקסן אין א קולטור, האָבן זי פאַרמאָגט, האָבן זיי געקענט גיך אריינדרינגען אין אנדערע קולטורן, ריכטיקער, אסימילירן קולטורן. די זין האָבן זיי אָבער דערצויגן אין „בילדונג”, אָבער נישט אין א קולטור, האָבן זיי די קולטורן, וואָס זיינען איינגעהילט אין די גע־לערנטע שפּראַכן, נישט איינגעאייגנט, איך גיב עס אָן ווי א השערה.

צווייטע קולטור, וואָס איז געבונדן מיט דער מלוכה־שפּראַך. צי איז דאָ פאַראַן אַ „טיילווייזע אַסימילאַציע” (ז׳ 187) אָדער עס איז אַן אָרגאַנישע פאַרדייונג (אַסימילאַציע אין ביאָלאָגישן זינען, נישט ווי מיר געברויכן דאָס וואָרט אין קולטור־זינען), — דאָס בלייבט פאַר מיר אַ פראַגע, כאָטש איך בין גענייגט אָנצונעמען דאָס צווייטע. דער מחבר שטרייכט ריכטיק אונטער די גרינגערע נייגונג פון מיידלעך צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. אָבער די דערקלערונג, אַז דאָס קען זיך נעמען פון דער קנאַפּערער באַלאָדונג פון מיידלעך מיט יידישער בילדונג (ז׳ 185) — מיידלעך זיינען פּטור פון אַ סך מצוות און פון תורה — איז נישט ריכטיק. ייִנגלעך מיט נישט קיין גרעסערער באַלאָדונג האַלטן זיך פיל פעסטער. דאָ מוז מען זוכן די דערקלערונג אין דער מין פּסיכאָלאָגיע פון דער פּרוי בכלל, אין איר גרעסערער אויפמערקזאַמקייט צום אַרום, צום „אָנגענומענעם”, אין איר גרינגערער געניינטקייט מוותר צו זיין אויף איר אייגענעם „איך”. אָבער די פּראָבלעם איז דאָך דאָ אַ זייטיקע.

דער מחבר טוט זייער ריכטיק, וואָס באַטראַכטנדיק יידן־פּסיכאָלאָגיע, שטעלט ער זיך נישט אָפּ אויף יחידים, אויף יחידישע געניאַלע אויפטוען, נאָר אויף קאָלעקטיווער קולטור־שאַפונג (קאַפּיטל 4). דאָס איז אַ גוטער און אַ געזונטער אויפטו. אין דעם זאַמלען יידישע געניעס און גרויסע לייט ליגט, דאַכט זיך מיר, תמיד פאַרבאַהאַלטן אַ יידישער מינדערווערט־קאָמפּלעקס: „אהא, מיר האָבן אויך מיט וועמען זיך גרוים צו האַלטן”... ווידער האָבן אָפט די יידישע געניעס גאָרנישט צו טאָן מיט יידישקייט. נישט אומזיסט איז דער מחבר אַ יידישער געלערנטער און נישט „אַ ייד — אַ געלערנטער”. אָבער אין גאַנצן איגנאָרירן די פראַגע, פאַר וואָס איז אַזאַ מזל־ברכה אויף יידן־רעקאָרדיסטן, פּרייזנעמער אויף קאָנקורסן פון שאַכמאַטיסטן, מוזיקער אאַז”וו, — די פראַגע קען אַזאַ ווערק נישט אויסמיידן סתם, בפרט אַז דער מחבר רירט דאָ אָן זייער ריכטיק אָן אינטערעסאַנטע פּראָבלעם פון „אָפענער” און „געשלאָסענער” געניאַלישקייט. ד”ה, אַז געניאַלישקייט געגעבן דורך דער נאַטור, קען אָפט דורך פאַר־

שיידענע סאָציאַלע און קולטורעלע סיבות איינגעהאַלטן ווערן, איינגע־האַמעוועט ווערן, זיך נישט אַרויסווייזן". אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז אָט די „יידישע גאָניאַלקייט" איז פאַרבונדן מיט קולטור־לאָזי־קייט... יעטווידער קולטור איז אַ באַשטימטער פורעם. זי גיט איינעם און אַ באַשטימטן פּרצוף, אַזא און נישט קיין אַנדער געשטאַלט. אַזאַ קולטור־געשטאַלט גיט אַ מיגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אין איין ריכטונג, אָבער בלויז אין איינער. ביי אַ טיף קולטורעלער פּערזאָן איז נישטאָ לגמרי די עלאַסטישקייט, וואָס איז נייטיק דורכצודרינגען דורך אַלערליי שפּאַרעס און אַריינצודרינגען אין אַלערליי ווינקע־לעך. מיר דאַכט זיך, אַז יידן־געניעס זיינען אָפט מער ווירטואָזן. און די זיינען אין אַ גרויסער מאָס געגליכן צו קאַמיוואָיאַזשאָרן, וואָס כאַ־פּן אויף פלינק דעם „מאַרק", פּאַסן זיך צו פּיקס און פאַרטיק. מהאי טעמא זיינען געניאַלע יידן פאַראַן איבערהויפּט אויף געביטן, ווו עס אַרבעטן אויך נישט־יידן. אַ יידן־פּסיכאָלאָגיע טאָר די פראַגע נישט פאַרבייגיין. *)

און צום סוף וועלן מיר נעמען די פראַגע פון אינטימע, גייסטי־קע קולטור־עקספּלאָזיעס, אויפרייסן, דורכבראָכן. איך בין אין גאַנצן מסכים מיטן מחבר וועגן דעם געגעזים פון אַזוינע גייסטיקע אויפ־רייסן. עס איז אויך ריכטיק, אַז אָן דעם דורכבראָך קען דאָס פאַר־באָרגן „קליין יידיש וועדעמל" דערפירן צו קראַנקהאַפטע דערשיינונ־גען. איך בין אָבער אין גאַנצן נישט מסכים מיט דער באַציונג פון

*) זייער פיל יידישע פרויען, וואָס ווייזן אַרויס אין אינטימען קרייז זייער פיל באַגאַבטקייט, אפשר געניאַליטעט, איניציאַטיוו און אינטויציע, — ווייזן זיך דאָך געזעלשאַפטלעך גאָרנישט אַרויס, שאַפן זייער ווייניק, נישט אין פאַרגלייך ווייניקער ווי מענער, וואָס, אָביעקטיוו גענומען, וואָלטן זיי געקענט זיי „פון „אַרבל אַרויסטרייס־לען". און דאָס בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען דורך עפּעס געשטערט אין זייער עפנטלעכער אַקטיווקייט. אגב, וואָלט עס אויך געדאַרפט זיין אַ טעמע פאַר אַ „יידן־פּסיכאָלאָגיע".

מחבר מיט דער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון אָט דער „אויפריים קול־טור”. זאָל שוין בעסער אונדזער גאָט אונדז אָפּהיטן פון די „מעכ־טיקע” אויפרייסקוואַלן פון קולטור־ענערגיע, מוחל... א מאָל האָט די וויסנשאַפט, די געאָלאָגיע געהאַלטן זייער פיל פון קאַטאַסטראָ־פאַלע איבערבראָכן (קיוויע) און האָט זיי צוגעשריבן א גוואַלדיקע ווירקונג אויף דעם אויפקום פון אונדזער וועלט. שפּעטער האָט די וויסנשאַפט (לייעל) נאָך פאר דאַרווינען מוותר געווען אויף די פּלו־צימדיקע אויסבראָכן און אויסגעקליבן בעסער צו באַזירן דעם פּראָ־גרעס פון דער וועלט אויף די קליינע, שוואַכע, קוים באַמערקבאַרע כוחות, וואָס ווירקן אָבער שטענדיק און כסדר. איידער אן איינמאָ־ליקער מעכטיקער אויפריים, וואָס צעטרייסלט אונדזער גאַנץ ערדע־לע, בעסער כסדרדיקע, פּאַמעלעכע און ביסלעכווייזיקע טעטיקייט. אַזוי אין דער געאָלאָגיע, אַזוי שפּעטער אין דער ביאָלאָגיע (דאַר־ווין) און נאָך שפּעטער אין דער סאָציאָלאָגיע, ווו דער מאַרקסיזם לייקנט אָפּ די באַדייטונג פון וואָלונטאַריסטישן אויפבראָך און טראָגט איבער דעם צענטער אויף דער בהדרגהדיקער כסדרדיקער אַנטוויקלונג. רעוואָלוציע איז דער לעצטער אַקט פון עוואָלוציע. לאָ־מיר אין אונדזער קולטור־פּסיכאָלאָגיע אויך נישט איבערשאַצן דעם ווערט פון אַזוינע פּסיכישע רעוואָלוציעס. די נאַטור פון יעטווידער אויפריים איז, אז צעשטערן קען ער, בויען — זעלטן, צופעליק. ווען מען רעדט וועגן אַזוינע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויסבראָכן פון אַסי־מילירטע יידן, זע איך פאר זיך דעם יידיש־אַמעריקאַנער רעווערענד, וואָס שלאָגט זיך אין האַרצן עפּנטלעך און שרייט מיט אויפריכטיקע טרערן: „עברי אנכי”... און ער מוז עס נעבעך שרייען, ווייל ווי וואָלט מען עס אַנדערש דערקענט, אָן די געוואַלדן? אַזוינע דורכ־בראָכן זיינען אַלע מאָל זייער שטורעמדיק. אין דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט שפּילן זיי א גוואַלדיק גרויסע ראָלע. דאָס איז דער „בעל־תשובה”. די פאָלקס־חכמה האָט אָט די דאָזיקע תשובה־דורכ־בראָכן אָפּגעשאַצט ווי געווינטלעך מיט א וויציקן פירוש אויף דעם תלמודישן שפּראָך „במקום שבעלי־תשובה עומדין אין צדיקים גמור־

רים יכולין לעמוד בו״ (דאָרטן ווו בעלי תשובה שטייען, קענען קיין אמתע צדיקים נישט איינשטיין). דערצו באמערקט דער יידישער וויץ: „ווייל עס איז דאָרטן נישט קיין גוטער ריח״... דער גאנצער כוח, די ענערגיע פון דעם דורכבראָך איז א וואָלונטאַריסטישער בלויז. און מיר פארלאָזן זיך היינט נישט אויף דער דויערנדיקער שעפערישקייט פון אָט דער אויפריים־ענערגיע, ווי אויפן ווילן בכלל. נישט דער יצר טוב״ רעגירט אין מענטשן. אזוינע איבערבראָכן זיינען פאראַן אויך אין אינדיווידועל־מאָראלישן כאראקטער פון מענטשן. און שוין קערשנשטיינער האָט אָנגעוויזן אויף דער קנאַפער ווערטיקייט פון אָט דעם וואָלונטאַריסטישן כאראקטער („שול און כאראקטער״). קינסטלעריש האָט אָט דעם בעל־תשובה, און וויפל די „תשובה״ איז ווערט, כאראקטעריזירט דער גרויסער בעל־תשובה טאָלסטאָי אליין אין זיין „פאָטער סערגיי״. די גרויסע ראָלע, וואָס אָט די קולטור־בעלי־תשובות שפילן ביי יידן, נעמט זיך נישט פון זייער גרויסער שעפערישקייט, נאָר פון דעם גרויסן דרך־ארץ, וואָס יידן האָבן פאר די, וואָס האָבן זיך „פון די הויכע פענצטער״ אומגעקערט צו אונדז, „אין אונדזער געסל אריין״... „אזא גרויסער מענטש, אפילו גויים האַלטן דאָך פון אים און ער פארנעמט זיך מיט אונדז״... פארשטייט זיך, אז אין איינצלנע פאלן קען אזא בעל־תשובה, וואָס איז דורך א דורכבראָך געקומען צוריק צו יידישקייט, זייער פיל אויפטאָן. אָבער דאָס זיינען איינציקע גרויסע גייסטער. דער מחבר דערמאָנט דר׳ הערצלען און וול׳ מעדעמען. איז קעגן דעם ערשטנס יידישער קולטור האָט שטארק, ווי באקאנט, געקעמפט אחד־העם און דער צווייטער האָט זיך פאקטיש „דעזאסימילירט״ צוריק אין די יידישע מאסן פון מינסק און יידישן תחום בכלל. בכלל גענומען, קען דער אויפבראָך נישט שאפן קיין אָרגאנישע קולטור, ווייל שאפן קולטור הייסט אייגנטלעך פראָדוצירן פון אייגענעם „איך״, פאָרמירן עלעמענטן פון דעם „איך״ אין געזעלשאפטלעכע פורעמס ווי קונסט, וויסנשאפט אאז״וו. אָבער אז אין „איך״ איז די נאציאָנאלע קולטור פאראַן בלויז אין פאָרם פון אן אינטימען קאָמפּלעקס, טאָ ווי אזוי זאָל די גנהע־

ריקע פערזאָן שאַפן קולטור? טאַקע מהאי טעמא האָבן מיר אַזוי פיל „דעקלאַראַציע־יידן", אָבער זייער ווייניק אמת קולטור־שעפערישע פון צווישן די בעלי־תשובה. ליגן אויף דעם אויפריים־מאָמענט שטאַרק אַכט און אים אריינרעכענען אין די שעפערישע קרעפטן, — דאָס איז זיכער וויסנשאַפטלעך לגמרי נישט באַגרינדעט.

און נאָך עפּעס. מיר האָבן ביי היינטיקן טאָג גאַנץ גרויסע צאָלן „דעקלאַראַציע־יידן", ד"ה אַזוינע, וואָס זייער דערציונג און קולטור איז דייטש, פּויליש, אַמעריקאַניש און וואָס איר ווילט נאָר. די טרעגער אָבער פון די קולטורן זיינען אָבער פּאָליטיש אָדער סאָציאַל געצוווּנגען צו לעבן ווי יידן און זיי האַלטן זיך פאַר יידן (אַנדערע צווינגען זיי צו דעם, נעבעך). דאָס זיינען נישט בלויז ניין און נייַנציק פּראָצענט פון די דייטשע יידן אין ארץ ישראל. אַזוינע יידן האָט איר אומעטום, אין אַלע יידישע קיבוצים, אָפט אפילו אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אויך אין קולטור־לעבן צומאָל, אין דערציונג! ווי קען אַ יידן־פּסיכאָלאָגיע נישט באַמערקן אַזאַ דערשיינונג? דאָס זיינען דאָך אַ מין „גרי אריות" פון אַלע דורות, וואָס צום בעסטן כאַראַקטעריזירט זייער קולטור־פּרצוף דער אַלטער תנך מיט די ווערטער: „את יי' היו יראים ואת אלהיהם היו עובדים כמשפט הגוים, אשר הגלו אותם משם" (יהוה — דעם יידישן גאָט — פלעגן זיי פאַרכטן, אָבער זייערע געטער פלעגן זיי דינען, אַזוי ווי דער שטייגער פון די פעלקער וואָס מען האָט זיי פון דאָרטן אַוועקגעפירט. יידישער טעקסט פון יהואש, מלכים ב' י"ז 33). ווען אַנשטאָט דעם וואָרט גאָט לייענט איר (מיט פולן קולטור־היסטאָרישן רעכט!) קולטור, בלייבט די כאַראַקטעריסטיק גילטיק פאַר אַלע דורות און צייטן פאַר אָט דעם טיפּ יידן. דאָ ווירקט דאָך אַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישער ליגן, אַ באַשטימטע צביעות, אַ דעקלאַרירונג פון עפּעס, וואָס איז נישטאָ. ווי ווירקט עס אין לעבן? צי איז דאָס נישט די סיבה פון אַ סך „מאָדנע" דערשיינונגען? ניין! אַ פאָלקס־פּסיכאָלאָג טאָר עס נישט פאַרבייגיין.

אנב, פאַר וואָס האָבן דווקא אָט די קרייזן אַ גרויסע השפּעה אויף

די „פשוטע" יידן? דאָ איז דאָך שוין אַן אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגי־שער שטריך, און ווידער — נישט אַ וואָרט פון דעם. און ווידער: אין יידישן לעבן ווירקן ריכטונגען, פּאַרטייען־אידעאָלאָגיעס. צי זיינען זיי נישט געבונדן מיט פּסיכאָלאָגיע! ווו איז די פּסיכאָלאָגיע פון יידישן סאָציאַליזם! פון פאָלקסטימלעכקייט? פון העברעיזם? נאָך מער — פון מענדעלעס העברעיש און פון אַ בן־יהודה, למשל? ווי קען מען שרייבן אַ „יידן־פּסיכאָלאָגיע" און נישט באַרירן אַט די אַלע פּראָבלעמען?

און נאָך עפּעס אַ „קלייניקייט": ליטוואַקעס, פּוילישע יידן, וואָלי־נער, גאַליציאַנער... איז אין דעם צעגלידערן זיך אויף טעריטאָריעל־קולטורעלע שבטים פון דעם מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום נישטאָ גאָר־נישט קיין פּסיכאָלאָגישס? איז דאָ גאָרנישט נישטאָ פאַרן יידישן פאָלקס־פּסיכאָלאָג עפּעס צו פאַרטראַכטן זיך?

בקיצור, עפּעס אַן אַבסטראַקט יידיש פאָלק האָט פּראָפ' שניאור־סאָן אויסגעפונען, און אים איז גוט. דערביי האָט ער פאַרזען, נישט באַמערקט די לעבעדיקע פּאַקטישע יידן אין זייער סאָציאַלער, טערי־טאָריעלער, פּאָליטישער צעגלידערונג. ער רעדט ווידער וועגן אַבסטראַק־טע „אינטימע כוחות", נישט צעגלידערנדיק זיי אין זייער פּאַקטישן מהות און איר זייער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. דאָס, וואָס ער גיט יאָ, איז אָפט נישט גענוג איבערצייגנדיק באַגרינדעט".

אָבער נישט געקוקט אויף מיינע גרויסע טענות צום בוך, בין איך מיט אים שטאַרק צופרידן און דעם מחבר דאַנקבאַר, באמת. און אָט פאַר וואָס. קודם כל איז ער אָריגינעל יידיש, נישט נאָר אין שפּראַך. ניין, אַ סך מער. ער איז נישט געשריבן לויט אַ טראַפאַרעט, נישט לויט קיין מוסטער. עס זיינען די געדאַנקען נישט פון ערגעץ געליען געוואָרן און זיי איבערגעניצעוועט, צוגעפּאַסט. עס איז אָריגינעל געטראַכט און אינדיווידועל, עכט, פון אייגענעם „איך" געשעפּט און געפורעמט, סוביעקטיוו (אין טיפערן, גוטן זינען!) יידיש און — שניאורסאָניש. אין בוך זיינען אָנגעגעבן אַ שלל איינצלדערשיינונ־גען פיין און שאַרף אויפגענומענע.

א. גאָלאָמב

עס איז גוט, אז א וויסנשאַפטלער שרייבט, נישט פּאַרקוקנדיק זיך אויף אנדערע, מיטן גאַנצן „איך". און בכן — אחוץ זיין שאָדן, הלוואי אויף אנדערע יידישע וויסנשאַפטלער געזאָגט געוואָרן. מען דאַרף דאָס בוך לייענען, נישט מסכים זיין מיט דעם, עס קריטיקירן און וואַרטן אויף א ווייטערדיקער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן פאָלק אין זיין ווערטיקאַלן (געשיכטלעכן און האָריזאָנטאַלן (סאָציאַלן) שניט.

וועגן „פּסיכאָלאָגיע און דער־ציונג" פון ל. לערהער

(במקום רעצענזיע)

א) עטלעכע ווערטער צום אָנהייב

איך שרייב אין אונטערקעפּל „במקום רעצענזיע", ווייל נישט אַלע געביטן און פּראָבלעמען, וואָס דער מחבר באהאנדלט אין זיין קאַפּיטאלן ווערק, רירן אָן מיין קרייז־אינטערעסן, דעם סכום פּראָבלעמען, וואָס דאָמינירן ביי מיר, וואָס „עגבערן" מיך. און שרייבן וועגן זאכן „נייטראַלע", וועגן זאכן גלייכגילטיקע פאר מיין „איך", וואָס נייען, פּשוט געדערט, נישט אָן מיין הארץ און מוח, מיין וועלט־באַנעם, — שרייבן וועגן אזוינע זאכן מיט דער קאַלטקייט פון „אָביעקטיווער וויסנשאַפט" איז לויט מיין מיינונג נישט אָרענטלעך, מאָראַליש נישט אנשטענדיק. מהאי טעמא וועל איך דאָ נישט מער ווי רעפערירן די געדאנקען, די פראגעס, וואָס דאָס דערמאָנטע ווערק האָט ארויסגערופן ביי מיר, נאָר דאָס, ווו עס האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איין ליניע פון א גאנצן געדאנקען גאנג מיט א צווייטער. דעריבער בלויז „במקום רעצענזיע", דעריבער נישט קיין קריטישער רעפעראט וועגן ווערק, ווי עס פאַרדינט אָן שום ספק, נאָר מיינע, נישט דעם מחברס, פּראָבלעמען, וואָס דאָס ווערק האָט ארויסגערופן.

אגב אורחא. שוין עטלעכע יאָר ווי צווישן פר' לייבוש לערער

מיט מיר פירט זיך אין פּריוואַטע בריוו אַ מחלוקת אַרום די שייכותן צווישן אונדזער יידישקייט און אונדזער וויסנשאַפט, צווישן אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלער יידישער וועלט אויפפאַסונג און דער וויסנשאַפט, וואָס מיר שאַפן, בויען, לערנען. די מחלוקת איז אינגאַנצן לשם שמים און איך גלייב, אַז מיין היינטיקע אָפּהאַנדלונג וועט העלפן אוועקשטעלן אָט די פּראָבלעם פון אונדזער מחלוקת פאַר דעם גאַנצן עולם פון יידישע דענקענדיקע מענטשן.

ב) וואָס האָב איך געהאָפט צו געפונען אין בוך

די פּעדאַגאָגישע און פּסיכאָלאָגישע ליטעראַטור איז ביי אונדז ביז גאָר אָרעם. איבערהויפּט שניידט די אויגן (און נישט בלויז די אויגן) דאָס ליידיק אָרט פון דער אָריגינעלער פּעדאַגאָגיש־פילאָסאָפישער ליטעראַטור, פון דעם געביט, וואָס דאַרף נישט דערקלערן מעטאָדישע, פּראַגמאַטישע און כדומהדיקע פּראָגעס, נאָר וואָס דאַרף אויפקלערן אידעיש־פּעדאַגאָגישע וועלט־באַנעמען, פּרינציפּיעלע איינשטעלונגען. מיט איין וואָרט, אונדז פעלן אינגאַנצן כמעט אַלגעמיין־פּעדאַגאָגישע ווערק, וואָס זאָלן וויסנשאַפטלעך באַגרינדן די יסודות פון אונדזער קולטור און דערציונג.

איז געווען ביי מיר די שמחה גאָר גרויס, ווען איך האָב דערזען דאָס בוך „פּסיכאָלאָגיע און דערציונג" פון אַזאַ פּסיכאָלאָג, פון אַזאַ דערציער און פון אַזאַ יידן, ווי פּר' לייבוש לעהרער איז: אָט איז דער ריכטיקער מאַן פאַר דער וויכטיקער אויפגאַבע. ווער איז נאָך אַזוי אין דער היים אין אַלע אונדזערע לעבנס־פּראָבלעמעס ווי דער מחבר? אָט דאָ, אין דעם ווערק האָבן מיר געדאַרפט באַקומען אַ וויסנשאַפטלעכע לייזונג פון די גרונטיקע פּראָבלעמעס פון דערציונג, ווי זיי שטעלן זיך ביי אונדז. אין דעם ווערק פון דעם שרייבער האָבן מיר געדאַרפט באַקומען אַ וויסנשאַפטלעך בילד פון די פּראָבלעמעס פון אונדזער קולטור און דערציונג געזען דורך דער פּריזמע פון וויסנשאַפט.

אָט אויף דעם האָב איך געהאָפט דערזעענדיק דאָס גרויס בוך פון כמעט פינף הונדערט זייטן, אַרויסגעגעבן פון אַ פאַרלאַג, וואָס

איז ווי דער מחבר אויך נישט סתם נייטראַל קולטורעל און נישט נייטראַל יידיש.

ג) וואָסערע רעכט האָב איך צו שטעלן „פאָדערונגען דער „אָביעקטיווער" וויסנשאַפט

איך האָב בפירוש געהאַט רעכט צו וואַרטן אויף דעם, וואָס איך האָב געזוכט. ערשטנס, איז ביז היינט נישטאָ קיין קאָנאָניזירטער אינהאַלט פאַר קורסן פון דעם מין. עס איז נישט, למשל, קיין קורס געאָמעטריע. יעטווידער מחבר באַהאַנדלט די פראַגע פון די געביטן, וואָס זיינען אים נייטיק פאַר דער אַלגעמיינער אידעע פון זיין ווערק.

צווייטנס, זאָגט ערגעץ דער אַמעריקאַנער דיווי („פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק פון דענקען". אין אָריגינאַל איז דער נאָמען, דאַכט זיך, אַנדערש. איך ברענג פון רוסיש. אויסגאַבע „מיר" מאָסקווע 1919, זייט 11) אַז דאָס דענקען הייבט זיך אָן פון אַ שווועריקייט, וואָס מאַטערט אונדז, פון ספקות, וואָס דריקן, וואָס עגבערן און זוכן אַ תשובה. נישטאָ קיין געדאַנקען, וואָס וואַקסן אויס אויף דעם באָדן פון „כלל פּרינציפּן". פאַראַן ספּעציפישעס (אין אונדז, געמיינט) וואָס רופט אַרויס דעם געדאַנק. איינוווירקן אויף עמיצן ער זאָל דענקען אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס מאַטערט אים און פירט אים אַרויס פון גלייכוואָג איז געגליכן צום פאַרלאַנג אויפצוהייבן זיך פאַר די שנירלעך פון די אייגענע שיך".

עס איז נישטאָ און עס דאַרף נישט זיין קיין וויסנשאַפטלעך ווערק אָן אַ קלאָר באַשטימטער איינשטעלונג, אָן אַ וועלטבאַנעם, אָן אַ „מאי קא משמע לן", אָן אַ טיפן צוזאַמענבונד מיט דעם מחברס גאַנצן „איך" און אָן אַ טעאָרעטישן אויספיר פאַר דעם זעלביקן „איך". יעטווידער וויסנשאַפטלעך ווערק איז און דאַרף זיין אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון אַ באַשטימטער איינשטעלונג, וואָס איז דעם מחברס גלויבן; זיין איבערצייגונג, זיין „איך". נישטאָ קיין אָביעקטיוו און נייטראַל זען און הערן אפילו. פון די אַנצאָליקע רייצן,

וואָס באָמבאַרדירן אין יעטווידער מאָמענט מיינע חושים, קלייבט מיין גייסט אָפּ בלויז א קליינעם טייל, וואָס שטימען צו מיין „איך״ פון פריער. און אָט די רייצן שאַפן נישט קיין בילדער, נאָר מיין גע־מיט, מיין פון פריער עקזיסטירנדיקער מהות שאפט פון די רייצן בילדער אַזוינע, וואָס ער, מיין געמיט, וויל און וואָס פּאַסן זיך צו אים. מיר זעען די וועלט נישט ווי זי איז, נאָר דורך די ברילן פון אונדזער „הכרה״ און נישטאָ קיין אָביעקטיווע וויסנשאַפט. פאַראַן בלויז אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע „געצייג״, מכשירים (געזעצן און פאָרמולעס), וואָס מיט זייער הילף ווערט וויסנשאַפט געבויט.

די עקזאַקטע וויסנשאַפטן ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע זיי־נען אָביעקטיוו בלויז אין זייער אַבסטראַהירונג, ווען זיי ווערן בלויז א זאַמלונג פון אַבסטראַקטע פאָרמולעס, אָבער נישט ווען זיי נעמען זיך אויסנוצן די פאָרמולעס אין לעבן אַריין. דאָ הייבט זיך אָן קודם כל די פראַגע, וואָסערע פאָרמולעס אָנצווענדן, פון וואָסער שטאַנד־פּונקט צו באַטראַכטן די דערשיינונגען פון לעבן. די פאָרמולע (O_2H) פון אַלע וואַסערן אין דער וועלט און קיין וואַסער אין דער וועלט, אין דער נאַטור איז נישט אידענטיש מיט (O_2H) ווייל אָט די פאָרמול איז בלויז אַן אַבסטראַקציע און מער גאָרנישט. איז „ריינע״ מאַטעמאַטיק אָביעקטיוו, אָבער די מאַטעמאַטיק פון לעבן, סטאַ־טיסטיק, איז שוין לגמרי נישט אָביעקטיוו. און אַז מיר נעמען אַזאַ געביט ווי פּסיכאָלאָגיע און דערציונג, א געביט וואָס האָט נישט קיין אַבסטראַהירטע פאָרמולעס און סימבאָלן, — אַפּשיטא שוין, אַז דאָ איז לגמרי נישט געמאָלט קיין אָביעקטיוויקייט, קיין נייטראַלער צוגאַנג אָן א „וואָס קומט ער מיר צו לאָזן הערן״. און א פּשיטא שבפּשיטא שוין אַז ווערק פון אַזאַ יידן, וואָס זיין גאַנץ לעבנסוועג איז נישט סתם אַזוי פּסיכאָלאָגיע און דערציונג ערגעץ ווו און ער־געץ ווען (אויב אַזוינס איז בכלל מעגלעך).

ד) איז וואָס איז די פראַגע?

איז אויף דעם סמך האָב איך געהאַט רעכט צו וואַרטן צו געפי־נען אין ווערק אַ וועג, אַ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטן וועג כדי צו

באַגרייפן אונדזער פּסיכאָלאָגיע און דערציונג, אַ שטאַנדפּונקט צו באַטראַכטן די פּראָבלעמען, וואָס אין זיי לעבן מיר און עס לעבט דער מחבר פון ווערק.

און צום באַדויערן האָב איך אין אָט דעם ווערק נישט געפונען קיין געדאַנקען, וואָס זאָלן מיר העלפן באַגרייפן דעם פּלאָנטער פון אונדזער לעבן: אָט אַזוי און אַזוי הייסט די וויסנשאַפט קוקן און זען די פאַקטן פון אונדזער לעבן און אָט אַזוי און אַזוי דאַרף מען טאָן לויט די געזעצן פון דער וויסנשאַפט, אויב מען וויל דערגרייכן באַשטימטע צילן. נישטאָ פון דעם אין דעם ווערק. פאַראַן אַ סך אינפאָרמאַציעס, אינטערעסאַנטע, קריטיש אָפּגעקליבענע אינפאָרמאַציעס. אָבער, רבש"ע! — דער גרעסטער שׂכל וויזערלעך, רעדערלעך און שרייפעלעך איז דאָך נאָך אַלץ נישט קיין איין זייגער, וואָס לערנט מיך באַגרייפן די צייט.

און פון דעם אַלעם דרינגט אַרויס מיין ערשטע וויסנשאַפטלעכע פראַגע: פאַרוואָס האָט אַזאַ געטרייער ייד און טיפער פּסיכאָלאָג און איבערגעגעבענער יידישער דערציער אין זיין וויסנשאַפטלעכן טראַקטאַט פאַרזען זיך אַליין, זיין אייגענעם „איך"? וואָסערע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון האָבן אים געטריבן אין אַזאַ אָביעקטיווע ווייטקייט פון די פּראָבלעמען, וואָס מיט זיי לעבט ער טאָג איין טאָג אויס צענדליקער יאָרן?

איך וועל זיך פּרובירן פאַרענטפערן די פראַגע אויפן סמך פון מיין צוגאַנג צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אונדזער אינטעליגענץ. אָבער פריער בין איך מחויב צו באַגרינדן מיין גרונט־פראַגע מיט אַ קורצן

ה) איבערזיכט פון ווערק

אין דעם ערשטן קאַפּיטל באַמיט זיך דער מחבר אונדז צו באַקאַנען מיט אַלע עקזיסטירנדיקע פּסיכאָלאָגישע סיסטעמען. עס איז זייער אַ אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע, אָבער — אָדער דער גאַנצער קאַפּיטל איז צו קורץ און ער ווייזט אונדז נישט לגמרי „די אַנטוויקלונג פון (דער) מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע". די באַזונדערע סיסטע־

מעם קומען ארויס אָפּגעזונדערטע, ווי פון זיך ארויסגעוואקסענע אָן די קאָמפּלעקסן שייכותן, וואָס האָבן זיי ארויסגערופן. אָדער — דער גאנצער קאפּיטל איז איבעריק אין א ווערק „וואָס האָט דאָך גאנץ אנדערע אויפגאבעס" (דערמיט ענדיקט דער מחבר אליין דעם קאַפּיטל, זייט 39). דאָ האָבן מיר פאר זיך א מין קורצע וויסנשאפטלעכע אינפאָרמאציעס ווי פאר ענציקלאָפּעדיע אָן א פעסטער פארבינדונג צווישן אנאנד און מיט די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

אין צווייטן ארטיקל באַטראַכט דער מחבר די טעאָריע און פּראַקטיק פון דערציונג און דעם תהום צווישן זיי. דערבײַ מיידט ער אויס די סאָציאַל־קולטורעלע מקורים פון דערציונג ווי בכיוון, בלויז איין מאָל דערמאָנט ער וועגן זיי אין קאַפּיטל. די הויפּטפאקטאָרן קומען אויס אנדערע, אפילו „דער דראנג צו פּאָלעמיק פון רוסאָ אָן". עס איז דאָ צו באמערקן א מין אנטלויפן פון די סאָציאַל־קולטורעלע און נאציאָנאַלן־קולטורעלע פאקטאָרן, וואָס האלטן אזוי געשפּאַנט דעם מחבר אין לעבן. און, פארשטייט זיך, אז דאָס אומבאוווסטזיניק אנטלויפן פון זיך אליין אין דעם „ערי מקלט" פון דער „ריינער וויסנשאפט" אריין ברענגט דעם מחבר אומוויליק צו גרייזן און טעותים. דאָס יאָגן זיך נאָך וויסנשאפטלעכער „אָביעקטיוויקייט" צווינגט צו אומאָביעקטיווע פאלשע אויסטייטשונגען פון פאקטן. ערשטנס מישט דער מחבר צונויף צוויי באגריפן־רייען „ריינע און אָנגעווענדטע" וויסנשאפטן מיט „טעאָרעטישע און פּראקטיש־עקספּערימענטאלע" (ז' 40). דאָרטן שרייבט ער: „אין אלע וויסנשאפטן איז דאָס טעאָרעטיזירן פאָרגעקומען א סך פריער און ערשט אין זיבעצטן יאָר'ה' האָבן אזוינע מענטשן ווי ראָבערט בויל, פּרענסים בעיקאָן, גאליליי באמיט זיך אוועקצושטעלן אן אמתע אָנגעווענדטע (?!) וויסנשאפט אויף עקספּערימענטאלן באזיס". און אין דערציונג איז לויט דעם מחבר פארקערט (דאָרטן). אינגאנצן פאלש. אָנגעווענדטע וויסנשאפט הייסט דאָס אויסנוצן וויסנשאפטלעכע געזעצן אין פּראקטישן לעבן צו שאפן עקאָנאָמישע ווערטן. די אָנגערופענע פּערזאָנען האָבן קיינער דערמיט זיך נישט פארנומען. זיי האָבן אלע געזוכט צו שאפן

מיט עקזאקט־עקספּערימענטאלע מיטלען נישט קיין אָנגעווענדטע נאָר דווקא „ריינע וויסנשאפט. עס איז געווען אן איבערקערעניש אין גייסט, אין וועגן צו זוכן דעם אמת, עס איז געווען דער ערשטער שטוים אין די „געצן" פון אויטאָריטעט. פאר דעם זיינען מענטשן געגאנגען אין „קאלך־אויוון". אָבער קיינער פון זיי האָט נישט גע־טראכט פון אָנגעווענדקייט פון זייער וויסנשאפט. און אויף אַלע גע־ביטן איז עס פאָרגעקומען פונקט ווי אין דערציונג: בראשית, פון אָנפאנג, איז תמיד געווען די פּראקטיק. טויזנטער יאָרן האָבן מענ־טשן געאקערט און געזייט ביז אין ניינצנטן י"ה איז געקומען די געוויקסן־פיזיאָלאָגיע און אנדערע „ריינע" וויסנשאפטן און זיי האָבי איבערגעקערט די לאנדווירטשאפט מיט די פיס אראָפּ און מיט דעם קאָפּ ארויף. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געארבעט, געזוכט וואל־וועלע כוח צו ארבעט ביז עס זיינען געקומען ר. מייער, פאראדיי, העלמהאָלץ א"אנד', געקומען פון דער „ריינער", ווייטער וויסנשאפט און איבערגעקערט די טעכניק. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן גע־היילט קראנקע און זיך געהיט פון קלעפּיקע קראנקייטן ביז לוי פּאַס־טער איז געקומען פון זיינע הימלווייטע אומפּראקטישקייטן און גע־וויזן דעם ריכטיקן וועג. און אזוי אויף אַלע געביטן אויך אין דער־ציונג, באשר איר ריין־וויסנשאפטלעכער פּארטנער האָט נאָך נישט צו פארצייכנען אזוינע געזעצן. אָבער זיי, אָט די איבערקערער, זיי־נען געקומען נישט פון דראנג צו אָנגעווענדקייט און נישט פון דראנג צו אָביעקטיוויקייט. זיי זיינען געקומען פון דראנג פון דער פראָגרע־סיווער מענטשהייט זיך צו באפרייען פון די טויטע לאפּעס פון די צו געצן געוואָרענע אויטאָריטעטן. דער אָביעקטיווער מענטשלעכער דראנג צו נשמהדיקן, הארציקן אמת „ניין, זי דרייט זיך פאָרט!" אָט וואָס עס פירט די וויסנשאפט פאָרויס תמיד.

אויב אין דערציונג איז נאָך נישטאָ אזא רעוואָלוציע, איז דאָס קלאָר: ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע זיינען דאָך פיל יינגער פאר פיזיק און כעמיע און אגב זיינען דאָ די נאָרמאטיווע געזעצן שטארקער. דער מחבר איז אין בעס אויף די נאָרמאטיווע פּעדאגאָגיקעס. און אָט דער

פארלאנג (בלויז אין בוך!) ארויסצוזונעמען די שול פון דעם סכום געזעלשאפטלעכע כוחות, וואָס קעמפן פאר זייערע נאָרמעס, האָט געטריבן דעם מחבר צו שרייבן: „דאָס איז דער פּאָלעמישער גייסט, וואָס האָט ארומגערינגלט יעדע באהאנדלונג פון שול פראגן זינט רוסאָ. פּאָלעמיק פירט אָפט צו א מין העכערער פאָרם פון צייט־פאר־טרייב, צו אינטעלעקטועלער גימנאסטיק און רייצנדער רעטאָריק, בפרט נאָך אין דערציונג, ווו מען קען נישט שטעלן קיין צו גרויסע פאָדערונגען בנוגע עקזאקטקייט" (ז' 49). און פון דאנען שטאמט דער איבערוואַג פון דעם נאָרמאטיוון כאראקטער.

לעהרער איז איינער פון די וואָס פּאָלעמיזירן יאָרן — יאָרן לאנג פאר באַשטימטע נאָרמעס פון דער יידישער דערציונג. איז דאָס צייט־פארטרייב, רעטאָריק, גייסטיקע גימנאסטיק, עלעהיי שאך־שפּיל? צוליב וואָס און צוליב ווען האָט דער מחבר געוואָרפן אזוינע אומ־פארדינטע שטיינער אין לייבוש לעהרער דעם קולטור־טוער? און דער־ציונגס־טוער ווי אין אונדז אַלעמען? פאַרוואָס? און צי איז פּאָלעמיק ארום דער שול באמת נאָר „זינט רוסאָ? און צי רוסאָ איז דאָ סתם, פון הימל אראָפּגעפאלן אָדער עס איז דער פלאמיקער אָנזאָגער פון דער איבערקערעניש? בכן נישט רוסאָ, נאָר גרויסע געזעלשאפטלעכע כו־חות ראנגלען זיך דאָ פאר דערציונג, פאר זייערע נאָרמעס. איז דאָס כלומרשט נישט ריכטיק, און „אָביעקטיוו־וויסנשאפטלעך" איז דאָס אינטעלעקטועלע גימנאסטיק?... אָט ווי ווייט א מענטש איז אוועק אנטלויפנדיק פון זיך אליין!

פריינד לייבוש לעהרער לויבט אין הימל די עקספּערימענטאלע שולן. מסכים. אָבער יעטווידער עקספּערימענט שטאמט פון א אי־דעע, וואָס דער עקספּערימענט דאַרף זי קאָנטראָלירן. אָן א אידעע פון פאָרויס איז נישט שייך עקספּערימענטירן, עס איז א בלאָנדזשען בלינדערהייט אהער, אהין אָן א ריכטונג. נו, און די אידעע צום עקס־פּערימענט? אָט די אידעען, זיי האָט געדאַרפט געבן דאָס ווערק. אין לעבן ווייסן מיר די אויפטוען פון לייבוש לעהרער ווי א פּראקטישן פּעדאגאָג — שלום עליכם שולן אין אמעריקע, די בויבעריק־קעמפּ.

איך גלייב, אז זיי זיינען געבויט נישט צוליב עקספּערימענטן סתּם, נאָר צוליב נאָרמעס, צילן. אך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אנ־שטאט די קנאָפּע אינפאָרמאציעס וועגן פּעדאגאגישע ווערק וואָלט פר' לעהרער אונדז געגעבן די נאָרמאטיווע יסודות פון די אנשטאלטן און די וויסנשאפטלעכע רעזולטאטן פון זייער פּראקטיק. אָט דאָס וואָלט פאר אונדז געווען אן אמתע מתנה פון פארלאג „מתנות"!

אין קאפּיטל פיר באמיט זיך דער מחבר צו באווייזן, אז „פּינקט אזוי ווי אימפּולס, קאָנטראָל און אָפּהאלט מאכן פון מענטשן א נאַ־טירלעכן תּלמיד, אזוי מאכן זיי פון יעדער עלטערן — א נאַטירלע־כן לערער" און דאָס באשטימט אלע טעטיקייטן פון שול אריינגע־רעכנט די לימודיסטישע (זייט 107) אין קאפּיטל זיבן שטעלט דער מחבר ארויס דעם פארלאנג צו אינפאָרמירן ווי א דינאמישן כּוח. א אינדיווידועלער און אויך א סאָציאלער פּראָצעס. בכן פּרימיערע נאטירלעכע טריבן אין מענטשלעכער געזעלשאפט ווי פארלאנג צו אינפאָרמירן און אינפאָרמירט צו ווערן. און „פאָרמאציע באזירט זיך אויף אינפאָרמאציע" (192). עס איז א מין אָפּרוף (רעפלעקס) אין זיין יסוד. און אים באמיט זיך דער מחבר ארויסצישטעלן אויבן אָן ווי אן אמתן סאָציאלן פאקטאָר פון דערציונג. איך בין מסכּים, אזאַ טריב צו אינפאָרמירן איז פאראן. וועגן אים דערמאָנט נאָך דער תּלמוד אין באקאנטן אויסדרוק: „יותר ממה שהעגל רוצה לינוק פּרה רוצה להניק". ער איז נישט קיין פּרימיערער, נאָר אין פארשיידענע פאָרמעס האָט ער פארשיידענע מקורים: ליבע, געטרייקייט, פאר־לאנג געפעלן צו ווערן, גייציקייט, רדיפות כּבוד וכדומה. אָבער בכל אופן האָט נישט דער דראנג געפורעמט די שולסיסטעמעס אויף דער וועלט. נישט צוליב אים האָבן די יידישע פּרושים און זייערע נאָכ־גייער זיך מוסר נפש געווען פאַר תּינוקות של בית רבן. און פארוואָס דווקא די פּרושים האָבן דאָס געליטן פון דער „היפּערטראָפיע" פון דעם דראנג, נישט די צדוקים און כּדומהדיקע יידן? צי האָט ווידער דער דראנג צו אינפאָרמירן געטריבן די יעזויטן צו זייער שול־סיס־טעם אויף דער וועלט? און צי איז דער אינפאָרמיר־דראנג געלעגן

אין יסוד פון העבארטיאניזם און זיין הערשאפט דווקא פון בערך נאפּאָלעאָנס מלחמות ביז בערך דער וועלט מלחמה? צי איז דער אינפאָרמיר־דראנג געלעגן אין יסוד פון די רעפאָרמעס, וואָס האָבן דווקא איצט צווישן מלחמה און היטלעריזם אָפּגעשטופּט אָן א זייט דעם הערבארטיאניזם? און צי איז סוף כל סוף דער אינפאָרמיר־דראנג און לימודיזם דער כוח, וואָס פירט פריינד ל. לעהרער פירן זיין פּעדאגאָגישע טעטיקייט אין דער באשטימטער ריכטונג? מאָדנע עפּעס ווי די וויסנשאפט אין אירע געגארטע אָביעקטיווע ברעגעס גייט דאָ פארביי דעם מחבר, פארביי זיין לעבעדיקער ארבעט, פארביי זיין „איך". ניין, דאָ איז נישט דער אינפאָרמיר־דראנג — דער דינאמישער כוח. מיר האָבן דאָ פאר זיך א פאקט ווי אין יאָגעניש נאָך אָביעקטיווער וויסנשאפט, ריינער און „אויסגעלייטערטער" פון לעבנס פּסולת איז דער מחבר געקומען צום —אינפאָרמיר דראנג און וויל אויף אים בויען...

אין קאפּיטל צען וועגן צוויי שפּראכיקייט וויל דער מחבר פוז אָנהייב אָן אונדז מאכן פרייליכער, דערפרייען אונדז: „עס דארף אונדז ווערן „ווארעמער", ווען מיר דערוויסן זיך, אז מיר זיינען נישט די איינציקע, וואָס טראָגן זיך ארום מיט אזא „הויקער" (ז' 297). דער עצם פאקט פון וועלן אונדז פרייליכער מאכן מיט דעם „צרת רבים חצי נחמה", דער עצם פאקט איז ביי מיר חשוד אויף א יידישן קאָמפּלעקס, אָבער אין דעם מאָמענט איז מיר וויכטיק אָנצווייזן אז דאָ איז פאראן ווידער א פארלאנג צו אנטלויפן פון דער ספּעציפיש יידישער פּראָבלעם צו אן „אלגעמיינער". פריינד לעהרער ווייסט אויסגעצייכנט, אז אונדזער שפּראך־פּראָבלעם איז נישט — צוויישפּראכיקייט, נייערט דער פארלאנג צו אנטלויפן צו פרעמדשפּראכיקייט. מיר זיינען צום באדויערן נישט אינגאנצן צווייזשפּראכיק. צוויי שפּראכיק איז געווען א יידישער ישובניק, לאָמיר זאָגן, וואָס האָט זיצנדיק דורות איינזאם צווישן נישט־יידן קיינמאָל זיין שפּראך נישט פארלאָרן, נישט פארביטן. ער האָט געהאט צוויי שפּראכן. צוויי שפּראכיק איז געווען דער טראדיציאָנעלער ייד, וואָס האָט געהאט

צו טאָן מיט נישט־יידן. אָבער איצט געפינען מיר זיך אין א אומגליק־לעכן איבערגאנג צו איינשפּראַכיקייט. פריינד לעהרער ווייסט, אז קיין שום דרויסנדיקער כוח האָט נישט געצוווּנגען די יידישע אימיגראַנ־טן אין אמעריקע צו ריידן מיט זייערע קינדער אין זייערע היימען א שלעכטן ענגליש אנשטאט א גוטן יידיש, פריינד לעהרער ווייסט אויסגעצייכנט, אז אריינרעכענען יידן צווישן די, וואָס „שטרענגען זיך אָן מיט אלע כוחות" די קינדער זאָלן זיך באקענען מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך (ז' 296), — אזא אריינרעכענען איז ווייט פון צו זיין אָביעקטיוו אמת. דאָס קען זיין שייך בלויז א קליי־נעם טייל. לויט דעם „שול־אַלמאנאך" 1935 זיינען פאר די פּאַרויר־ניקטע שטאטן מיט קאנאדע צוזאמען שוין בס"ה געווען אין די יידישע שולן 19005 תלמידים. קען מען אויף דעם סמך דען זאָגן אז יידן שטרענגען זיך אָן צו לערנען זייערע קינדער זייער נאַציאָנאַ־לע שפּראַך? צי וואָלט נישט פר' לעהרער געקענט אָנגעבן א פּאַר־קערטן צאָל: וויפל עלטערן באמיען זיך מיט כל הכוחות זייערע קינ־דער זאָלן נישט קענען זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך. פריינד לעהרער ווייסט ווייטער זייער גוט, אז קיינער צווינגט די יידן אין ווילנער, גראָדנער און אנדערע געגנטן צו ריידן מיט זייערע קינדער פּויליש ווי קיינער האָט זיי אין די זעלביקע געגנטן פאר דער מלחמה נישט געצוווּנגען צו ריידן רוסיש, ער ווייסט זייער גוט, אז דאָס פּארופן זיך אויף דער דינסט, כלומרשט, מיט איר שפּראַך איז פאַלש און ליגנעריש, העסלעך, וואָרעם זיינען דאָך די זעלביקע ווייסרוסישע מיידלעך אמאָל געווען דער תירוץ פארן רוסיש ריידן ווי איצט פאר פּויליש. איז דען דאָ די פּראָבלעם — צוויי שפּראַכיקייט? פריינד לעה־רער ווייסט גאנץ גוט, אז היינט ווי אמאָל די ערשטע משכילים, די „המאספים"־לייט, מיכל גאָרדאָן אאנד', זיינען פאראן גרויסע מאסן יידן, וואָס פילן זיך שטאָלצער, מענטשלעכער, ווען זיי מיינען, אז זיי זיינען שוין פריי פון צווייישפּראַכיקייט, אז זיי זיינען פריי פון

*) איבערפראַזירט פון בן־יהודה: דבר עברית והבראת

זייער פאָלקסשפּראַך. „רייד נישט יידיש, — און דו וועסט געזונד ווערן" 1)... אָט דאָס כּלומרשט נישט־יידישקייט גיט זיי צו מוט, ווירדע און ווערטיקייט אין די אייגענע אויגן. מער נישט יענע ערשטע משׂכּילים אין יעטווידער דור זיינען געווען געציילטע, כּמעט יחידים און נאַיוו אָפּנהאַרציק, בעת היינט זיינען אָט די ענלעכע פּסיכישע צושטאַנדן — דער גורל פון מיליאָנען יידן און זיי ווערן נישט אַרויסגעזאָגט אָפן, פאַרקערט זיי ווערן פאַרדעקט מיט אַלערליי פייגנבלעטער. דאָס ווייסט זייער גוט פריינד לעהרער, פּונקט אַזוי ווייסט ער, אַז גאַנצע שיכטן יידן זיינען קאַפּאַבל אויסצוטראַכטן כּל־ערליי בלבולים, באַשולדיקונגען, עבירות און זינד אויף יידן. נישט ערגער ווי די משׂכּילים האָבן עס געטאָן און אַלץ מיט גרויס ליבשאַפט: יידישע שפּראַך איז גאָר קיין שפּראַך נישט; יידישע פאָלקסלידער האָבן נישט קיין טעם און ריח (אַזאַ שטאָלצער ייד ווי אחד־העם האָט עס געזאָגט!) יידישע פּרנסות זיינען נישט קיין עטישע און וואָס פאַר זינד און וואָס פאַר אַ בלבולים האָבן נישט אויסגעטראַכט אויף יידן דווקא נאַציאָנאַלע יידן, בפירוש נישט די שווין אַסימילירטע. איז דען דאָ די פּראָבלעם צווייִשפּראַכיקייט?

פריינד לעהרער ווייסט ווייטער זייער גוט, אַז אין ארץ ישראל האָבן יידן אַליין מיט זייערע אייגענע הענט זיך געשאַפן אַ שפּראַכן קאַמף, אַז טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען ווילּיק, מיטן גאַנצן הארצן מסכּים אויף איינע פון די גרעסטע קללות — אויף שטומקייט, אויף שטומקייט און אָפּגעריסנקייט פון די אייגענע קינדער, אַבי אויסצוראָטן די אייגענע פאָלקס־שפּראַך, און זיי פילן זיך זייער גוט, שטאָלץ און ווירדיק, ווען זיי קענען שוין גלויבן, מיינען, אַז זיי זיינען פּטור געוואָרן פון דעם לשון, וואָס בינדט זיי צו יידן היינט און דורות, אַז זייערע קינדער זיינען שוין ווילד פרעמד פון דעם אַלעם, אין וואָס זיי אַליין זיינען געוואַקסן, איז דען נאָך דעם אַלעם די שפּראַך־פּראָבלעם ביי אונדז צוויי שפּראַכיקייט? איז דען פאַר אונדז די פראַגע צי צווייִשפּראַכיקייט איז גוט, אָדער נישט? אין דער טאַבעלע פון צווייִשפּראַכיקע פעלקער איז אָנגעגעבן אַ צאָל יידן ביי

5 מיליאָן (זייט 293) אָבער וואָס פאַר א טייל פון זיי זיינען שוין צו אונדזער אומגליק פריי פון דעם צווייִשפּראַכיקן „הויקער"? און צי גייען נישט די טענדענצן, בכל אופן — די פאַרלאַנגען — צו פאַרקלענערן די צוויי שפּראַכיקייט. וואָלט, מיר דאַכט זיך, אַזאַ יידי־שער ייד און אַזאַ פּסיכאָלאָג ווי פּר' ל. לעהרער איז געדאַרפט לאָזן צו רו די „וואַרעמקייט" און די פריילעכקייט מיט די „מיטהויקערדם" און טאַקע אונדז ווייזן די ספּעציפישע פּסיכישע טענדענצן ביי יידן איצט צו איינשפּראַכיקייט (ריכטיקער — צו פרעמדשפּראַכיקייט).

און בכן ווידער אַמאָל אָפּגעפירט דעם כלומרשט אָביעקטיוו־ווי־סנשאַפטלעכן געדאַנקען־גאַנג פון די פאַקטישע און אמתע יידישע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם מחבר נישט ווייניקער ווי זיין רע־צענזענט. אַוועקגעפירט דעם פאַרטראַג פון דעם אינטערעסן־קרייז פון מחבר צו גלייכגילטיקע אין תוך אַריין פאַר אונדזער לעבן איני־פאָרמאַציעס. און פאַרוואָס אַוועקגעפירט די וויסנשאַפט אויף ווייטע, קאַלטע רעלסן?

ווידער אַמאָל קומען מיר צו דער גרונטפראַגע, וואָס מיר האָבן געשטעלט צום אָנהייב פאַרן איבערזיכט פון ווערק: פונוואַנען דער דראַנג צו אַנטלויפן פון די ספּעציפיש יידישע פּראָבלעמען אין כלו־מרשט אָביעקטיווע, ווייטע און קאַלטע טעמפּלען פון וויסנשאַפט, פונוואַנען דאָס אַנטלויפן פון אייגענעם „איך" און זיינע אָנגעווייר־טאַקטע פונקטן? איך מיין, אַז דער איבערזיכט גיט גענוג שטאָף און באַרעכטיקונג צו שטעלן די פראַגע.

1) עטלעכע פאַקטן פון דערזעלביקער קאַטעגאָריע

כדי זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין אָט דער פּסיכישער דרשיינונג, וויל איך קודם כל זיך באַמיען קלאָר צו מאַכן די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע פון דעם פאַקט. עס איז נישט קיין צופאַל, נישט קיין איינציקער פאַקט. עס איז א כלל. איידער איך וועל דעם כלל דע־פינירן, וועל איך ברענגען עטלעכע ענלעכע דערשיינונגען, וואָס דאַר־פן אילוסטרירן אָט דעם כלל און די פאָרמעס, וואָס ער קען אָננע־

מען. ד"ה, אז איך וועל זיך באמיען צו פירן א וויסנשאפטלעכע אינדוקציע.

פאקט נומ' א'. אנומלט האָט זיך פאר מיר באקלאָגט א ציוניס־טישע פרוי, פון די דייטשע פליטים אין ארץ ישראל, אז איר זון וויל בשום אופן נישט לערנען קיין ענגליש. אָן ענגליש בלייבט ער דאָך בלינד און וועט נישט קענען געהעריק נוציק זיין דעם לאנד... איך האָב זיך באמיט אָפצופרעגן די לאָגישע מאָטיווירונגען כדי צו צווינ־גען די פרוי ארויסזאָגן די אינטימערע מאָטיוון, פארוואָס זי האלט ענגליש פאר אזוי דרינגענד נייטיק. אין משך פון שמועס האָבן זיך צומאָל דורכגעריסן אזוינע זאצן ווי „דייטש איז שוין פאר אונדז א זאך פון פארגאנגענהייט. ענגליש אין צוקונפט". „ענגליש — א שפראך פון א וועלט". און ענלעכע. דער עיקר אָבער האָט די פרוי זיך געקלאָמערט אָן „לעגאלע" מאָטיוון פון פראקטישן כאראקטער, וואָס רירן חלילה נישט אָן די „סוווערענע" רעכט פון העברעיש. אליין רעדט זי דייטש, אָבער זי האלט שוין נישט פון דער שפראך. זי קערט זיך אום צו די פראקטישע מאָטיוון כאָטש שוין עטלעכע מאָל ווי זי מוז מסכים זיין, אז זיי זיינען נישט ריכטיק. עס איז איז גע־ווען א אינטערעסאנטע אכטגעבונג ווי די פרוי האָט זיך באמיט עפּעס צו דערגרייכן און האָט מורא אליין פאר די אמתע מאָטיוון. מאטערט זי זיך מיט צוגעטראכטע מאָטיווירונגען. זייער צוועק איז א טאָפּעלער: זיי דארפן לעגאל באַרעכטיקן די עצם שטרעבונג, זיי דארפן אויך נאָך מער פארבאָרגן, באהאלטן די אמתע מאָטיוון. אין א ברייטערן שמועס איז עס נישט געווען שווער זיי ארויסצוברענגען אויפן אויבערפלאך: דורות לאנג איז מען געווינט צו זיין אָנגע־שפּארט אויף א „גרויסער" קולטור, יידישקייט איז א צוגאָב אין דער אָדער יענער פאָרמע צו דעם אָנגענומענעם און אָנערקענטן ביי לייטן. מיטאמאָל האָט זי דערזען, אז איר זון בלייבט אָן אן אָנ־שפּאר. אז „דייטש איז שוין פארגאנגענהייט", און קולטור איז מוס־טער, טאָ ווי קען מען זיין אָן ענגליש?

ב) נישט לאנג האָב איך געשמועסט מיט א חשובן קולטור

מענטש און פּעדאַגאָג אין ארץ־ישראל. מען האָט גערעדט וועגן פּעדאַגאָגן־יידן פון אַמעריקע. פון לייבוש לעהרערן האָט דער מיטשמו־עסער מיינער נישט געוווּסט בשעת א צווייטער, פון די יהודיסטישע קרייזן איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין ארץ ישראל, כאָטש זיין אר־בעט אין אַמעריקע איז אין ענגליש, נישט אין העברעיש, כאָטש אין א בריוו פון אַמעריקע אין א היגער צייטונג איז געווען א שלעכטע מיינונג וועגן אים, דער היפּוך איידער וועגן ל. לעהרערן אין דער־זעלביקער צייטונג. דער ארץ־ישראלער פּעדאַגאָג האָט זיך פאַרווונ־דערט אויף דעם משונהדיקן נאָמען „לייבוש" און, קענטיק, שוין דער נאָמען אליין האָט פאַרמינערט דעם גאַנצן אויטאָריטעט פון פר׳ לעהרער אין יענעמס אויגן. כדי ענדגילטיק מיך צו בלאַמירן האָט ער מיך געפרעגט: — אין וואָסערע שפּראַכן שרייבט ער, אָט דער לייבוש לעהרער און ווו איז ער ציטירט? — אין יידיש, האָב איך געענטפערט. — אָבער, אום גאָטעס ווילן, אין אייראָפּעישע שפּראַך איז ער נישט באַקאַנט, טאָ וואָס ווילט איר?...

בכן. קולטור, פּעדאַגאָגיק, — דאָס איז ביי זיי, אין די אייראָפּעי־שע שפּראַכן. עפּעס טוען יידן אויך, עס זיינען פאַראַן אין זעלביקן ארץ ישראל שולן, סעמינאַרן, יאָ, אָבער, יסודות, אָנשפּאַרן, גרונטן — דאָס איז ביי זיי, ביי די נישט יידן. עס קען זיין געמאָלט אויך א ייד, אָבער ערשטנס דאַרף זיין אַרבעט זיין נישט פון יידישן לעבן און צווייטנס, דאַרף עס האָבן „סמיכה" פון גויים. וויסנשאַפט דאַרף האָבן א מאַרקע פון אויסלאַנד, לכל הפּחות א מוסטער פון פרעמד.

פאַקט ג) אַנומלט געלייענט אן אַרטיקל פון א „פּראָגרעסיוון". יידן, וואָס איז „מתיר צו האַלטן פון יידישער טראַדיציע". און פאַר־וואָס? — אָט זעט איר, למשל, דער און יענער פּראָגרעסיווער פּאָ־ליאַק האַלט פון זיין טראַדיציע, מעגן מיר אויך. עס איז דאָ מוס־טער. אי, וואָס? סאָציאַליזם און טראַדיציע (אגב, דער ייד האָט, נעבעך, געפּלאָנטערט צווישן טראַדיציע און געשיכטע), — „האָט עס שוין באַוואָרנט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור". און דער ייד איז געוויס זיכער, אז ער האָט באַוויזן, דערקלערט און באַרעכטיקט,

און איך בין זיכער, אז א סך פון זיינע לייענער זיינען איבערצייגט דורך זיינע ארגומענטן: ווילסטו געדאנקען גרונטיקע, וואָס מען קען זיך פארלאָזן אויף זיי, — טאָ ברענג א ראיה פון דער פרעמד און יוצא.

די עטלעכע פאקטן קענען זיין צופאלן, אָבער וויפל האָבן מיר איר צארישן רוסלאנד געשטודירט די נאציאָנאלע פארהעלטענישן אין... עסטרייך, כדי צו האָבן א מוסטער, עס זאָל אונדז ווערן „וואַ־רעמער" ווייל עס זיינען דאָ „מיטהויקערס"? און וויפל איז פאראן אין דער טעאָריע און פראקטיק פון אלע יידישע פארטייען סתם נאָכ־מאכונגען?

און וויפל זיינען פון דער השכלה אָן אין דער ליטעראטור ביי יידן ווערק, וואָס זיינען סתם נאָכמאכונגען, לויטן מוסטער? נישט השפעות, נאָר נאָכמאכונגען. „נהיה ככל העמים" איז צוזערשט גע־ווען דער אָפענער לאָזונג. ער איז ערטערוייז פארשטיקט געוואָרן, אָבער אינעווייניק איז ער פאראן. ווילט איר זיך איבערצייגן, קענט איר דורכפירן א פשוטן עקספערימענט. נעמט פאר א פראָגרעסיון; יידן קריטיקירן עפעס, וואָס עס איז אים נאָענט אידעאָלאָגיש, וועט ער אייך באלד ענטפערן: „וואָס ווילט איר? און ווי איז ביי אנדערע פעלקער?" דער נוסח קען זיין אנדערש, אָבער דער תוך איז דער זעלביקער. דער פארגלייך, דער מוסטער פארשפארט דעם מאָדער־נעם יידן דעם אייגענעם אנאליז פון די פאקטן פון יידישן לעבן גופא. אלע באוועגונגען ביי נישט יידן האָבן זייערע נאָכמאכער ביי יידן. אלע ליטעראַרישע ריכטונגען. ווייל א פארלאַג באגרינדן אָן אויסגאַ־בע עפעס, וועט ער זי פראָפּאגאנדירן „לויטן מוסטער פון דער אָדער יענער אויסגאבע. עס פעלט א יידן די מאָראליש־גייסטיקע זעלב־שטענדיקייט צו קוקן אויף זיך אליין נישט דורך עמיצנס ברילן.

די עטלעכע פאקטן מאכן פאר אונדז קלאָר א גייסטיקן מרחק צווישן דעם יידישן מהות פון דעם יידן און צווישן זיינע טעאָריעס. און נעמען נעמט זיך דער ווידעראנאנד פון דעם זוכן א שטיצע און

אָנשפּאַר ביי נישט יידן. פון דאַנען אָט די צווייקייט: דאָס לעבן פון דעם „איך" און זיין וויסנשאַפט.

ז) עטוואָס געשיכטלעך

אייגנטלעך זיינען די געבראַכטע פאַקן אפשר איבעריק, ווייל עס איז נישטאָ, דאַכט זיך, קיין געביט פון אונדזער היינטיקן לעבן, ווו עס זאָל נישט אַרויסשטאַרטשען בולט אָט דאָס זוכן דעם מוסטער, דעם ביישפּיל וואָס זאָל באַרעכטיקן. און ליידן פון אָט דער אומ־זעלבשטענדיקייט ליידן דווקא די נאַציאָנאַלע יידן. נישט די אויס־דריקלעכע אַסימילאַנטן.

דעם אַסימילאַנט איז גוט: ער איז לכתחילה מבטל אַלץ, וואָס יידיש, נישטאָ און יוצא. במילא איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל אים שטערן, נישט לאָזן שטרעבן צו זיין היימיש אין אַנדערע קול־טורן. ער קומט צו דעם בלומרשט ווי א טאַבולע ראַזאַ, א ריינער טאָוול, וואָס מען קען אויף דעם אָנשרייבן אַלץ וואָס נאָר איר ווילט. ער ליידט נישט (לכל הפחות אין באַוווסטזיין) פון דער צווייקייט.

און אייגנטלעך איז די יידישע קולטור געשיכטע פון דער השכלה אָן געגאַנגען אין אָט דער ריכטונג. עס איז פּאַקטיש געשטרעבט גע־וואָרן צו באַפרייען יידן פון יידישקייט, פון אָט דעם „הויקער", וואָס שטערט זיי צו זיין „מענטשן". דער ערשטער שטאַפּל פון דער השכלה איז געווען אומעטום א קעמפערישער. צעשמעטערן אַלץ, וואָס אין יידישן לעבן ספּעציפיש, אַנדערש. דאָס אַלץ איז כידוע מיאוס, נאַ־ריש, פאַרעלטערט... אַזאַ איז די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור צי אין דייטשלאַנד אָדער אין גאַליציע אָדער אין רוסלאַנד — אומעטום. דער צווייטער שטאַפּל — א נאָכמאַכונג: די דעמאָלטדיקע ראָמאַנען, די סאַלאָנען, די „גאָטעסדינסט", די שולן, — אַלץ איז געווען „יפיפיתו של יפת". דער דריטער שטאַפּל — יידישקייט בלויז אין מעטריקע. קיין שום שייכות נישט צו יידישן לעבן און קולטור.

די דריי מדרגות האָבן געהאַט זייער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן פּר־צוף. דער ערשטער שטאַפּל — אַקטיוו קעמפערישע פאַרביטערטקייט

אין דער יידישער געזעלשאַפט און קינאה, געפאַלנקייט לגבי דרויסנ־דיקע. דאָס איז דער כאַראַקטער פון דער גאַנצער השכלה־ליטעראַ־טור, פון דער גאַנצער קולטור־ארבעט אירער און אויך פון דער משכילישער וויסנשאַפט. דער צווייטער שטאַפּל איז תמיד באַגלייט מיט א פריידיקן שטאָלץ — "אהא, ארויסגעריסן זיך פון „געטאָ" — „מיט לייטן גלייך". דאָס איז די באַקאַנטע גאווה פון די „וועסט־יודן", דאָס איז דער „פון אויבן אראָפּ" פון די סאָוועטישע יידן לגבי אַנדערע. דאָס איז די גדולה פון א דינסט־מיידל, וואָס האָט זוכה געווען צו מאַניקירטע נעגל און אויך פון א הענריעטע הערץ מיט איר באַרימטן סאַלאָן. דער דריטער שטאַפּל איז גלייכגילטיקייט. דער גאַנצער סכום יידישקייט איז שוין אויף יענער זייט פון דעם „איך", פרעמד.

אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? — אין „גוטע" באַדינ־גונגען, ווען מען לאָזט יידן זיך אַסימילירן. ווערן אָבער די טויערן פון אַסימילאַציע געשלאָסן, דעמאָלט שלאָגט זיך דער גאַנצער אימ־פּעט אָפּ אָן דער געשאַפענער דאַמבע און דער אימפּעט, דער שטראָם באַקומט אן אנדער ריכטונג. עלעמענטן פון אָט דעם איבערגעריסע־נעם אַסימיליר־פּראָצעס זיינען פאַראַן ביי אַלע נאַציאָנאַלע יידן און אין אַלע מאָדערנע באַוועגונגען. אַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען זיי־נען געבאָרן געוואָרן אין א מאָמענט ווען דער אַסימיליר־שטראָם האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן א דאַמבע. פּסיכאָלאָגיש באַקומט זיך אין נשמה פון יעטווידער נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקן יידן א מין „וואַסער־קעסל־גרוב" ווו עס קומען זיך צונויף צוויי אַנטקעגנדיקע שטראָ־מען. פון איין זייט שפּאַרט דער דראַנג „פון יידישקייט". און פון די דרויסנדיקע קרעפטן אויפגעבויטע וואַנט, טרייבט דעם שטראָם צו־ריק און פון דאַנען דער גייסטיקער קאָנפליקט. פון איין זייט — — קינאה, בענקשאַפט, א פאַרקוקן זיך, איבערגעטריבענע אַכטונג און גלויבן צום אַסימיליר־מוסטער און פון דער צווייטער זייט — „שטאָלצע יידן זיינען מיר!". פון איין זייט — „אַנטלויפן פון גע־טאָ", געטאָ — פוי" און פון דער צווייטער זייט — אריינשרייען

זיך אליין אין הארץ אריין, סוגעסטירן זיך אליין — „יידן זיינען מיר, יידן ווילן מיר זיין".

דער קאָנפליקט קען אָננעמען פארשיידענע פאָרמעס:

א) שיגאת ישראל באגלייט מיט שטארקע נאציאָנאלע איבערצייגונגען. דר' יחזקאל קויפמאן באווייזט אין זיין ארבעט „חורבן הנפש" (אין זיין בוך „בחבלי הזמן", „דביר" תל אביב תרצ'ו), אז א סך העברעישע שרייבער האָבן איבערגענומען דעם גאנצן ארסענאל פון די גוישע אנטיסעמיטן. ער רופט אָן י. ל. גאָרדאָן, פרישמאן, בערדיטשעווסקי, א. ד. גאָרדאָן אאנד'. אָבער די רשימה קען זיין א סך גרעסער. אָט די קראנקהאפטע שינאה צו יידן, צו זיך אליין אייגנטלעך איז כאראקטעריסטיש פאר גאָר ברייטע שיכטן פון יידישער אינטעליגענץ (זע אויך טעאָדאָר לעסינגס ווערק אויף דער זעלביקער טעמע). און טשעקאווע איז דער ענטפער, וואָס אברהם שוואדראן האָט געענטפערט קויפמאנען אין „מאזנים" (כ'ה חוב' ה' און ו') א"נ „בשם האנטישמיות" הציונית" (אין נאָמען פון ציוניסטישן „אנטיסעמיטיזם"). טשעקאווע און באלערעוודיק פון פסיכאָלאָגישן שטאנדפונקט: „יאָ, זיכער, מען דארף יידן פיינט האָבן, ווייל, נו, זעט ווי אנדערע פעלקער זיינען און זעט ווי יידן זיינען!..."

ת) קולטורטרעגעריי. באגליקן יידן מיט קולטור געשעפט „פון אלע בעסטע קוועלן"... פאָליטיש און סאָציאל קענען די צוויי גרונטעלעמענטן אָננעמען ביים נאציאָנאלן יידן אלערליי פאָרמעס און זיך קאָמבינירן פארשיידן. און דער הצד השווה איז — דער אויסגאנגפונקט איז נישט אין יידישן לעבן, נאָר אריבערגעטראָגן. דער נאציאָנאלער ייד, מיט דעם יידישן באוווסטזיין, אים איז שווער: עס באליידיקט און ווייטאָקט דער „אנמעכטיקער צאָרן" (זע „כעס אין דער יידישער קולטור געשיכטע"; עס שפארט די דינאמישע ענערגיע פון אייגענער יידישער מענטשלעכקייט און

עס איז שווער אין שוואכקייט נישט צו זוכן קיין שטיצע, קיין אָנשפאר, קיין ביישפיל, קיין ענלעכקייט, קיין מיטגעפיל ערגעץ ביי א „שטארקן"... דער אסימילאנט, וואָס זיין יידישקייט דריקט אים

שוין נישט, מאַטערט נישט, שאַפט נישט קיין זאָרג, קיין דאגה, — ער קען אמאָל (אויב ער האָט אמתע קולטור, נישט קיין דרויסנדיס נאָכטאָן), שעפּן פון זיין אייגענעם „איך" אידעען און זיי וויסנ־שאַפטלעך אויפבויען צו גאַנצע וועלט־סיסטעמעס. דאָס זיינען די באַקאַנטע „גרויסע יידן". אין דער אמתן גרויסע, ווייל זייער יידיש־קייט האָט זיי נישט געהאַמעוועט, ווייל זיי זיינען לכתחילה געווען ווייט פון יידישקייט. דער נאַציאָנאַלער ייד אָבער, ער איז געפּענטשט צווישן זיין יידישן „איך" און דעם דראַנג צום מוסטער, צום זוכן א מוסטער.

ח) אריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט

און אָט דער זעלביקער פּסיכישער פּלאָנטער האָט אויך געווירקט אויף דעם כאַראַקטער פון ווערק, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ. עס האָט ביים מחבר אריבערגעוואַנדערט דער הערשנדיקער געדאַנקען־קאָמ־פּלעקס, די „דאָמינאַנטע". אין דער איבערוואַנדערונג זיינען דאָ עט־לעכע מאָמענטן: א) לכתחילה דאָמינירן די יידישע שוועריקייטן, פּראָבלעמעס. זיי מאַטערן, זוכן אן אויסוועג, זוכן אויפקלערונג, קלאָרקייט ביי א גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, אָן יידישע קאָמפּלעק־סן", וואָלט א ייד מיט וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, מיט וויסנשאַפט־לעכע מעטאָדן דירעקט אנאַליזירט, אינדוצירט, סינטעטיזירט און געמאַכט אויספירן. ב) אָבער ביי דער פּסיכיק פון זוכן, אָנשפּאַרן און מוסטערן פון אנדערע פעלקער, ביי דעם כסדרדיקן „מן הגויים מנין" (איבערפּראַזירונג פון אמאָליקן „מן התורה מנין"), — ביי דער פּסיכיק הויבט אָן דער ייד צו זוכן ביי „זיי" די אנאַלאָגיעס, דאָס ענלעכע, דעם מוסטער, די באַרעכטיקונג, מיט איין וואָרט — דעם אָנשפּאַר. און צוזאַמען מיט אָט דעם זוכן האָט שוין דער גייס־טיקער פּאָקוס אריבערגעוואַנדערט. ער בלאָנדזשעט שוין ווי א פּראָ־זשעקטאָר צו קוקן ווייט אין פרעמדע וועלטן, נישט אין אייגענעם „איך". און אויף דער מדרגה דאַרף קומען א צעצווייגונג אויף צוויי פאָרמעס לויט דעם כאַראַקטער פון מענטשן ג) איז דער מענטש

אקטיוו, טעטיק, רירעוודיק לויט זיין טעמפּעראמענט, דעמאָלט מוז קומען א קאָנפליקט צווישן דעם איינענעם „איך" און זיין לעבן אין די „תורות", דער טעאָריע, וואָס ער האָט איבערגענומען.

און אויב דער מענטש איז מער אַן אריינגעטראכטער טיפּ, קען דער בראשיתדיקער לעבנס־דראנג זיך רעדוצירן צו אַן „אינפאָרמיר־דראנג", ווי דאָס רעפערירט אונדזער מחבר גופא און אָט דאָס אינ־פאָרמירן אין יידיש דארף שוין באפרידיקן דעם דראנג צו יידישקייט. דאָ, אין דעם פּסיכישן קאָנפליקט ליגט אויך דער מקור פון „אָביעק־טיווע" פעלערן, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן אין איבערזיכט. פון דא־נען, פון סוביעקטיוון געמיט־צושטאנד איז דאָ דער אינפאָרמיר־דראנג אויסגעוואקסן צו אַן אלגעמיינעם, כלומרשט, סאָציאלן כוח. נאָך מער פעלערן און טעותן מוז ברענגען דאָס זוכן מוסטערן. פון זוכן מוסטערן מוז מען קומען צו צופּאסן דערשיינונגען אין יידישן לעבן צו געגעבענע פרעמדע מוסטערן. מען הייבט אָן קוקן אויף די אָרגא־נישע פּראָצעסן אין יידישן לעבן דורך געבאָרגטע ברילן, אָט די אָר־גאנישע פּראָצעסן מוז מען ווילנדיק — נישט ווילנדיק צופּאסן צום מוסטער. „צושניידן". אָט אזוי ארום די יידישע שפּראכן פּראָבלעם כלומרשט א טייל אין צוויי־שפּראכיקייט פּראָבלעם אין דער וועלט בכלל אאז"וו אאז"וו.

אזוי ארום האָט זיך דעם מחבר נישט איינגעגעבן צו אנטלויפן פון זיין אייגענער סוביעקטיוו־יידישער וועלט אין דעם „עיר־מקלט" פון „אָביעקטיווער" און געלייטערטער וויסנשאפט. די נאטור האָט דאָ אריינגעשפּארט דורך דעם פענצטער; די יידישע קאָמפּלעקסן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם קאראנטין און געשאפן אָט די אלע פעלערן, וואָס מיר האָבן אויבן אויף זיי אָנגעוויזן.

און נאָך איין היסטאָרישע באמערקונג. אָט דער דראנג צו נישט יידישער קולטור־ (און וויסנשאפט־) נאָרמעס איז נישט קיין נייס ביי אונדז. ער איז בולט שארף קענטיק אין דער העלעניסטישער תקופה און דערגרייכט זיין אפּאָגיי ביי פילאָנען אין מצרים. די פּרו־שים, וואָס האָבן באוווסטזיניק געקעמפט קעגן דער נטיה האָבן אויף

די.־ות, לאנגע דורות איינגעשטעלט נאָרמעס: „ובחוקותיהם לא תל־
כו" און „מנהג שנהגו בו עכו"ם אסור לישראל". אָט די נאָרמע, די
זאָרג אָפּצושיידן זיך פון אנדערע אויף אלע געביטן האָט נישט ווײ־
ניק מיטגעווירקט איינצוהאלטן דעם קיום פון פאָלק.

אָבער דאָ וואָלט איך געמוזט קומען צו געדאנקען פון א נאָר־
מאַטיוון כאַראַקטער. און דערצו באַצייט מען זיך ביי אונדז אין די
קרייזן פון וויסנשאפט ווי צו א קנאפּווערטיקן עלעמענט.

באַמערקונג: בשעתה איז די אָפּהאנדלונג געשיקט געוואָרן אין
די ייוואָ־בלעטער, ווי זי איז נישט געדרוקט געוואָרן.

פֿאָלק און ווילן צו זײַן אַ פֿאָלק

יידיש לעבן און יידישע קולטור

נישט בלויז הונדערטער טויזנטער יידן ווערן געשענדט איצט, — דער גאָט פון פאָלק ליגט א פארשוועכטער דורך טמא־הענט צו די פיס פון א מיאוסן געץ.

אין אזא מין צייט טאָר מען זיך נישט צונויפקומען אין די גע־ווייגלעכע קלובן אונדזערע, אין די באַזונדערע קולטור־מנינים און דאַווענען אונדזער געוויינלעך דאַוונען: א דאַנק און א לויב. מיר האָבן קולטור, מיר בויען קולטור, מיר שאַפן קולטור ונאמר אמן.

ניין! עס איז א צייט, ווען מען מוז זיך רייניקן פון דער וואָכע־דיקייט, מען מוז זיך אָפּגעבן א גרויסן חשבון הנפש, ווידוי דאַרף מען זאָגן. מען מוז זען ווו האַלטן מיר אין דער וועלט און מיט וואָס גייען מיר צו דער וועלט פון מאָרגן, עס איז א יום הדין. א האַלבע וועלט מיט יידן ווערט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און מיר ווען זיך דאָ פארווײלן מיט א פיינעם ליד? מיט א שיינער נאָוועלע? מיר וועלן קלייבן נחת פון א קבלת פנים פאר א יידישן שרייבער, וואָס זיינע ווערק לייענט נישט די יוגנט — די צוקונפט פון פאָלק?

א פערטל, צי אַ העלפט פון פאָלק שטייט מיט די אָרימע קלומעק־לעך איבער די פארשלאָסענע וועגן פון דער וועלט, — און מיר וועלן דאָ מקיים זיין די מצוה פון קולטור מיט לייענען די צייטונגען, וואָס שמירן גאַנצע פּלאַכטעס יידישע צרות און פרייען זיך וואָס א וועלט מיט „חסידי אומות העולם" האָבן פאַרהאַקט פאר אונדז טיר און

טויער און העלפן אונדז מיט א פרומען קרעכץ... פריי זיך, פאָלק ישראל, גאָטס וועלט איז גרויס און גוט צו דיר!

א העלפט פון פאָלק לעבט אין נייע היימען אָן די אַלטע גייסטיקע וואָרצלען און שלאָגט נישט פאַרן צוויטן דור קיין נייע וואָרצלען, וואקסן דורות נישט־גויים, נישט יידן, און וואָס איז דער מאָרגן פון אזא פאָלק?

און עס קומען צו גיין פאַלשע נביאים און טרייסטן, און באַרויקן: עס דרוקן זיך ביכער, גוטע ביכער, עס גייען ארויס צייטונגען, עס שפילן טעאטערס, עס קנעלן לערער אין די שולן, עס פאָרן ארום יידישע שרייבער און מען מאכט זיי קבלת פנימס, — איז דאָך „שלום, שלום״... אָבער אָט די פאַלשע נביאים מאכן זיך פאַרגעסן איין זאַך: קולטור פון א פאָלק ווערט נישט געמאַכט אין קיינע וואַרשטאַטן, קיינע גאונים פראָדוצירן זי נישט. קולטור ווערט געהאָדעוועט, געפלעגט ווען זי ווערט געבאָרן נאַטירלעך פון לעבן ארויס, זי מוז אויפגיין און ארויסשפּראָצן ווי גרינע גראָז פון באָדן פון לעבן. און אז דאָס לעבן איז טרוקן, ווי א מדבר, וואָס זאָל דער גערטנער ציכטן און האָדעווען?

איז דאָך אָט די גאנצע קולטור־פּראָדוקציע, וואָס די פאַלשע נביאים גרייסן זיך מיט איר, דאָך בלויז א אויסנוצן פון דער קולטור, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַלטן לעבן. האָט אָבער אונדזער לעבן, דאָס „נייע לעבן״ געבוירן קולטור עמבריאָנען? זיינען אויף דעם באָדן פון אונדזער לעבן ארויסגעשפּראָצט קולטור־שפּראָצן?

און עס איז נישטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי כאַפּן אָט די אָפּטימיסטישע נביאים ביי דער האַנט: ליבע פריינט קולטור־אָפּטימיסטן, וווהין, צו וועלכע געטער האָט איר אייערע אייגענע זין און טעכטער אוועקגעשיקט?...

מיר האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו פאַרנעמען די שטימע פון אן אמתן נביא: ווי צו אייך וואָס איר פאַרלאָזט זיך אויף גאָטס טאָג, און ער איז שלעכט און נישט גוט! ווי צו אייך, וואָס איר זעטיקט זיך אָן ביי אַלע פרעמדע טישן און קומט אין גאָטס הויז

אויסמייקן און איר זאָגט: מיר טרינקען פון דיינע קוואַלן... ווי צו אייך וואָס איר פאַרלאָזט זיך אויף דעם אָנשפּאַר פון צעבראָכענע שטעקנס, וואָס וועלן אייך דורכלעכערן אייערע הענט און אייערע הערצער אָבער נישט שטאַרקן אייערע פיס. ווי צו אייך, וואָס איר קומט טרעטן די הויפן פון יידישן קולטור און איר דאַרפט זי נישט. איר נוצט זי נישט, איר קענט זי נישט און איר ווילט זי נישט קענען. ווי צו אייך און ווי צו אונדז אַלעמען.

מיר האָבן גערעדט פון קולטור־אויטאָנאָמיעס, און עס איז געווען א ליגן — קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט געוואָלט, נישט געדאַרפט קיין אויטאָנאָמיע. ווו מען האָט אונדז געגעבן אַזאַ, איז נישט געווען דאָרטן וועד עס זאָל זי באַדאַרפן, וועד עס זאָל זי וועלן, וועד עס זאָל זי היטן. א פאָלק האָט געקעמפט פאַר גלייכבארעכטיקונג, פאַר רעכט. אייגנטלעך פאַר רעכט זיך צו אסימילירן, פאַר רעכט צו קענען די יידישקייט פאַרבייטן. — פאַר רעכט צו קענען לעבן א גאַנצן יידישן לעבן, פאַר דעם קעמפט מען נישט, אַז זי זיינען געגעבן, נוצן מיר זי נישט אויס. ווייל, לאָמיר זאָגן אָפן, וואָס ווילן מיר: א פולע, א גאַנצע, הונדערט פּראָצענטיקע יידישקייט אין לעבן. אָדער מיר ווילן א גוישקייט א פאַרוויסטע מיט א ביסל יידיש לשון? צו וואָס שטרעבן מיר: צו א יידיש לעבן אין א יידישער סביבה, און דורכויסיקער יידישקייט א גאַנצן טאָג און א גאַנצע וואָך אָדער מיר שטרעבן צו א גוישן לעבן מיט אביסעלע יידישע סענטימענטן?

„די זין מיט די טעכטער זיינען אוועקגעגעבן א פרעמדן פאָלק". זיי לעבן נישט מער מיט אונדזער קולטור (וועד ווייסט צי מיט דער פרעמדער לעבן זיי יאָ?) פרעמדע זיינען זיי. זיי טוען א טובה, ווען זיי ברעכן איבער זייער צונג מיט א יידישן צעקאַלעטשעטן וואָרט. זיי וויטיקן נישט דעם וויטיק פון זייער פאָלק און זיינען נישט פריידיק מיט זיין שטאָלץ. די טאַטעס שרייבן אידישע קולטור, און זייערע קינדער לייענען זי נישט. די צוקונפט, אונדזער צוקונפט איז פרעמד צו אונדז און מיר זיינען קולטור־אָפּטימיסטן? וואָס איז? עס

האָט אונדז געלונגען צונויפצוזאמלען תרפ"ט פארזאמלונגען און האלטן תרפ"ט רעדעס? — ניין, נישט אין פארזאמלונגען איז קול־טור פון א פאָלק, נישט אין רעדעס געלונגענע, נאָר אין די שטיבער אין די היימען, אין דעם שטייגער לעבן. דער יידישער אינהאלט און געמיט פון אונדזערע קינדער איז דער אמתער שפיגל פון אונדזער אייגענער קולטור. און זאָלן די אָפּטימיסטן אונדזערע האָבן דעם מוט פריידיק צו זיין, מיט וואָס? אז אמאָל פלעגן עלטערן מקריב זיין זייערע לעבעדיקע קינדער צום מולך דעם געץ, פלעגן זיי פארטויבן זייער וויטיק מיט פריידיקער מוזיק, מיט אָפּטימיזם.

עס האָט מיר אמאָל געזאָגט א ייד: איך בין א ייד מיט אַלע פּליטער־לעך, אָן א יידישן וויץ קען איך קיין מיטאָג נישט עסן, אָבער מיין זון, וויל איך, זאָל זיין א שגץ, זאָל ער פון דעם אלעם גאָרנישט וויסן. עס איז געווען אן אויפריכטיקער ייד. אָבער אין הארצן טראכ־טן זיך א סך אזוי, אפילו פון אונדזערע קולטוריסטן. און דאָ אָבער ליגט פאר זיי א גרויסע אנטוישונג: א קולטור קען מען איבערנעמען נשט דורך דער שפראך, נישט דורך די שולן, אפילו נישט אין או־ניווערסיטעטן. דאָ איז בילדונג, וויסן, דיפּלאָמען. כדי איבערצונע־מען קולטור דארף מען נאָך האָבן א היים־קולטור: אן עס צימער, א קיך־קולטור, א שלאָף־צימער, א שטוביק לעבן. קולטור איז נישט קיין העלע פארביקע בלומען, וואָס א יעטווידער קען זיי רייסן און זיך אויספוצן מיט זיי. קולטור איז טיף אין לעבן פארבאָרגענע וואָרצלען. צו זיי וועט מען אייך אין ערגעץ נישט צולאָזן....

און עס וואקסט א יוגנט, די צוקונפט פון פאָלק מיט אָפּגעריסענע בלימעלעך, אָן וואָרצלען לגמרי... און מיר זאָלן זיין אָפּטי־מיסטיש ווילט איר? האָבן יידן געוואנדערט פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויסע וועלט־שטעט אריין, א לעבן א נייעם געבויט, שפּראכן און נעמען געביטן, אָבער איין זאך האָבן זיי אָפּגעהיט — די קליינ־שטעטלדיקע מחלוקתן: דו א רב — איך דארף א צווייטן; דו א קלייזל — איך דיר אויף צו להכעיס — א שטיבל; דו א חב"ד — איך — א קארלינער; דו עפנסט א קראָם, איך דיר אונטער דער נאָז

א צווייטע... איין פּאַרטיי עפנט א יִדישע שול, קומט די צווייטע און שאפט באלד א צווייטע שול. פאַרמאַכט זיך איין שול, האָבן שוין די אנדערע אויך נישט קיין אמביציע אויפצוהאלטן זייערע. ווי די גאנצע אַרבעט וואָלט געווען ניט לשמה, נאָר לשם די אלטע צופיל באַ־קאַנטע קליינשטעטלדיקע מחלוקתן. און אַט דאָס רופט מען ביי אונדז קולטור־לעבן. און אונדזערע ליטעראַטור־שעפער זאָגן נישט די גבאים: „עד כאן, גענוג, הערט אויף! איין גאַט ביי יידן, איין קולטור ביי יידן! איין וועג פאַר איר אין צוקונפט אריין”. און די שפּאַלטער שפּאַלטן, און די קריגער קריגן זיך ווייל ווער ווייסט צו וואָס זיי שטרעבן, און וועמעס רייטוועגענער זיי שפּאַנען איין די יידישע קולטור?

און אַז עס וועט קומען נאָך אמאָל א טאָג פון אָפּרעכענונג, דער גרויזאַמער טאָג פון שינאה און האס, צי דאָ, צי ערגעץ אנדערשוווּ, טאָ ווי און מיט וואָס וועלן מיר דערמאָלט און דאַרטן באַגעגענען דעם טאָג?

א קולטור איז נישט קיין לעקאך צו פאַרבייסן. ברויט צום עסן, וויין צום טרינקען, סינעמא צום פאַרברענגען און — קולטור צו פאַרוויילן זיך. ניין! און ניין! קולטור איז דאָס לעבן גופא און לי־טעראַטור מיט קונסט זיינען די תורות, וואָס לערנען דאָס פאָלק ווי צו לעבן, וואָס פירן דאָס פאָלק צו זיין עולם־הבא, צו דעם לעבעדיקן מאָרגן... אויף וואָסערע וועגן פירט אונדז אונדזער ליטעראַטור, אונ־דזער קולטור? ווי און ווי אזוי לערנט זי אונדז צו בויען אונדזער לעבן מיר זאָלן ווען עס איז פאַרשפּאָרן די פעלקער זיי זאָלן אונדז שלאָגן און רחמנות צו האָבן אויף אונדז? וואָס לערנט אונדז דאָ אונדזער ליטעראַטור — די תורה אונדזערע?

עס פאָרן ארום איבער יידישע שטעט יידישע שרייבער און אין גוישע זונטיקס זיינען יידן מקבל פנים ברוב עם זייערע שריי־בער. זיי קומען — אין די מאַסן — אַז עס איז א חיות צו קוקן. מיט ליבע און דרך ארץ זינגט דער עולם „לאָמיר דעם און יענעם מקבל פנים זיין”. עס פרייט דאָס האַרץ: קיין גענעראַלן, קיין מל־

חמה־העלדן, נאָר שרייבער איז דאָס פאָלק מקבל פנים. אָבער א ספק גנבעט זיך אריין אין הארצן: אז א ייד מאכט א ברכה אויף א גלאָז וויין און טרינקט עס נישט, איז דאָס א ברכה לבטלה... און אַז א פאָלק מאכט א ברכה אויף זיינע שרייבער און — לייענט זיי נישט?...

און א צינישער געדאנק קריכט אין קאָפּ; א קבלת פנים איז — פארווייַלונג אָדער לייענען ספרים, לערנען, דענקען, אריינטראכטן זיך, בויען א לעבן, שאפן זיך פון אן ערנסטער ליטעראטור פרינ־ציפּן, שטרעבן, איינגעווייגען קינדער צו פילן, צו שטרעבן, צו וועלן, צו בויען און שאפן. דאָס נישט! סינעמא איז בעסער, איז גרינגער און אנגענעמער. און כל זמן עס לעבט זיך, לעב, כל זמן מען טרייבט נישט, מען יאָגט נישט, מען דערמאָנט דיר נישט דיין יידישקייט, פארבאהאלט זי אין קעשענע און לעב ווי גרינגער איז... אפשר זינדיק איך מיט מיינע בייזע רייד? אָבער זיי זיינען בשום אופן נישט ווייט פון אמת.

און דער סך־הכל? — נישט אזוי גייט דער וועג פון בויען קולטור ביי יידן. אז פארצייטיקע פרושים האָבן פארביטן דאָס פאָ־ליטיש יידיש לעבן מיט א קולטור־לעבן אויף לאנגע דורות, האָבן זיי אָנגעהויבן פון שטוב. יעטווידער „חבר" האָט קודם כל באדארפט ביי זיך אין שטוב, זיין ברויט עסן „בטהרה". אזוי אויך דארפן מיר: די אָרגאניזאציע וואָס פארמעסט זיך באמת צו בויען נישט נאָר קול־טור, נאָר א קולטור־לעבן, דארף קודם כל אָרגאניזירן די קולטור פון די יידישע היימען:

א) יעטווידער חבר (און דווקא חבר.) דארף זיך מתחייב זיין נישט מטמא צו מאכן זיין היים מיט פרעמדע לשונות. עס איז די ערשטע מצוה פון דעם יידישן קולטור־שולחן־ערוך. א קינד וואָס רעדט נישט קיין יידיש, וואָס רופט זיך נישט מיט קיין פשוטן יידי־שן נאָמען פסלט די קולטור פון זיין טאַטע־מאַמע. זיי טאָרן נישט פאררעכנט ווערן פאר חברים, פאר טרעגער פון יידישער קולטור, מעגן זיי אפילו זיין שרייבער און טוער בישראל.

ב) יעדער, וואָס וויל לעבן א יידיש קולטור לעבן, דאַרף זיינע קינדער לערנען אין א גאַנצער, נאָרמאַלער יידישער שול, נישט אין קיין צוגאָב־שול אויף יידיש עטלעכע שעה א וואָך.

דען יידישע דערציונג קען נישט זיין קיין כשר קנעפל צוגע־ נייט צו א „טריפן" מאַנטל, קיין יידישע ציצה איינגעמאַכט אין א גויישן סאַראַפאַן. עס קען נישט זיין קיין מפטיר צו בר־מצוה אין מויל פון שייגעץ. עס זיינען נישטאָ אין מענטשן קיין צוויי נשמות, צוויי „איך", עס קענען אין מענטשן נישט זיין קיין צוויי קולטורן און קיין שעטנז־קולטור איז געווים נישט מעגלעך, אָדער עס וואַקסט א יידישער ייד מיט יידישער קולטור, אָדער עס וואַקסט אויס — א קולטורלאָזיקייט מיט א פרעמדער צונג אין מויל און מיט א הפקר־ באַציונג אין האַרצן.

עס איז ליגן די טענה, וואָס מען האָט ליב צו פאָרמולירן בערך אַזוי: „אויסער וואָס מיר זיינען יידן, זיינען מיר דאָך אויך מענטשן, און קיין זאַך, וואָס איז מענטשלעך, איז אונדז נישט פרעמד". עס איז א ליגן, ווייל עס קען „אויסער דעם יידן" נישט זיין קיין צוויי־ טער „מענטש" אין איין מענטשן. אָדער מען איז א יידישער מענטש, א מענטשער ייד אָדער מען איז עפּעס אַנדערש. קיין צוויי נשמות אין איין מענטשן קענען נישט זיין. איז די גאַנצע פראַזע, וועגן מענטשישקייט און יידישקייט א פשוטער ליגן. זי איז א ליגן, ווייל זי קומט אָפּצונאַרן פאַרבאַהאַלטן, באַרעכטיקן די אייגענע נטיה פון יידישקייט, דעם דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט. עס איז א תירוץ און נישט תמיד אַן אויפריכטיקער, און נישט תמיד א געזונטער. אַזאַ תירוץ טאָר נישט דערלאָזט ווערן.

ג) אַזאַ „חבר" וואָס טראָגט זיין יידישקייט אין לעבן אריין, טאָר נישט זיצן אין א שטוב, וווּ עס איז נישטאָ קיין יידישער „ספר", קיין יידיש וואָרט, קיין יידישער אות. א שטוב אָן א יידישן „ספר" אָן א פּאָליצע מיט ספרים איז — אָן א מזוזה. אין אַזאַ דירה פאַר־ קלייבן זיך שדים. לאָבט נישט, פלאַכע אפּיקורסים. דאָס פּאָלק ווייסט בעסער וואָס עס זאָגט! שדים קענען זיין אַלערליי. עס טאָר נישט

אריבערגיין קיין טאָג, עס דאַרף נישט פאַרבייגיין קיין סעודה אָן דעם מען זאָל נישט זאָגן עפּעס „א יידיש וואָרט" ביים טיש. אזא עסן אָן א יידיש קולטור־וואָרט איז „זבחי מתים".

נישט די שרייבער דאַרף מען דאָ מקבל פּנים זיין, נאָר די „שריפטן"!

ד) און עס דאַרף זיין, אז דאָס קינד וועט פרעגן: פאַרוואָס? — וועט „אזא קולטור־חבר" וויסן וואָס צו ענטפערן... א שטוביק לעבן אָן „קולטור־לאוון", אָן קאַטעגאָריעס „מען טאָר נישט", ווייל מען טאָר נישט, כאָטש עס גלוסט זיך, כאָטש וואָס קען דאָס שאַדן? אזא „לעבן פירט צו הפקרות, צו ציניזשער קולטורלאָזער און האַ־מעטנער זשעדנעקייט".

ה) אין אזא יידישער היים דאַרף זיין א יידישער שטייגער.

ו) אלע קולטור־חברים פון איין שטאָט קומען זיך צונויף כדי צו לערנען בחברותא א בלאַט יידישע ליטעראַטור, כדי צו הערן יידישע „דרשה", כדי צו פּראָוון צוזאמען א ביסל „דבקות".

ז) נישט אלץ וואָס איז יידישע ליטעראַטור איז ראוי אריינצו־גיין אין דעם נייעם ש"ס פון דער יידישער ליטעראַטור. דער קרי־טעריום אָפּצוקלייבן איז וויפל דאָס ווערק האָט אויסגענוצט די שטייגערישע „תורה שבעל פּה" פון היינטיקן יידישן פאָלק און וויפל „אהבת ישראל" עס פאַרמאָגט. ווערק וואָס זיינען אפילו איז יידישן לשון, אָבער די געדאַנקען דאָרטן זיינען גענומען פון דער פרעמד, זיינען נישט פּאַסיק אחער.

ח) יידיש טעאַטער און יידישע מוזיק טאָרן אויך נישט לעבן כדי צו פאַרווײלן סתם דעם עולם אויף יידיש. אויך זיי דאַרפן זיין „תורה" אויך זיי דאַרפן שעפּן זייער „רוי־שטאָף" פון פאָלקס שטיי־גער, פון דער „תורה שבעל פּה" שמידן און האַמערן קונסט ווערטן פון יידישן הארץ, געזונגען פון פּשוטן יידישן לעבן.

א. גאָלאָמב

אין די יידישע קולטור־געזעלשאַפטן דאַרפן העלפן די ערטער אָרגאַניזירן דאָס קולטור־לעבן, דאָס פּריוואַטע און שפּעטער דאָס געזעלשאַפטלעכע. דאָס דאַרפן זיין די צענטראַלע „ישיבות" אונזע־רע — ווי סורא און פּומבדיתא.

בלויז אויף אַזאַ וועג קען גיין אונדזער קולטור־לעבן ווי אַ פאָלק. בלויז אַזאַ נייער, אָן אַלט־נייער קולטור־שטייגער קען, ווען ער וועט אָנגענומען ווערן, צעמענטירן און פאַרבינדן אַ יידיש פאָלק אויף גאָר דער וועלט. איך וויים: קנאַפּע וועלן זיין די וואָס וועלן גיין אויף די וועגן, אָבער אָט אין די קנאַפּע איז די צוקונפט פון יידי־שן פאָלק, אין זיי דער גייסטיקער צענטער. ווייל איז דער אָרגאַניזאַ־ציע, וואָס וועט די ערשטע אָוועקפירן איר אַרבעט אין אָט דער ריכ־טונג.

1939.

וווּ נעמטמען אַ יידישע אינטעליגענץ?

געוויס איז א. מענעס גערעכט וואָס ער ליינט אַרויף די אויפגאַ־ בע צו פירן דאָס יידיש לעבן אויף דער אינטעליגענץ. עס איז געוויס היסטאָריש ריכטיק, אַז דאָס יידיש לעבן איז תמיד געפירט געוואָרן דורך דער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ, ד״ה, דורך די שיכטן וואָס זיינען פעיק אויף אַן אַנאַליז פון דער יידישער ווירקלעכקייט, און וואָס קענען פון דעם אַנאַליז קומען צו באַשטימטע אידעאָלאָגי־ שע אויספירן, וואָס זיי זיינען בכוח צו מאַכן זייער לעבן סובאָרדי־ נירט צו די אויספירן. אָבער אויף דעם ווילנס אַקט זיינען פעיק בלויז די מענטשן, וואָס „פאָלק״ איז פאַר זיי נישט סתם אַ צאָל שותפים צו ראַסע און גורל, אויך נישט אַ געוויסער גראַד סימפּאַטיע און עמאָציאָנעלע צוגעבונדקייט. דאָס זיינען אַזוינע מענטשן, וואָס „פאָלק״ איז פאַר זיי דער גאַנצער סכום פאָרמעס פון זייער גאַנצן לע־ בנס־פיר, אומאָפּהענגיק פון זייערע טעאָריעס און סימפּאַטיעס. אָט דאָס מיינט „פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ״.

געוויס האָט א. מענעס געהאַנדלט ריכטיק וואָס ער האָט נישט אָנגערופן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. די אַמעריקאַנער ווירקלעכ־ קייט האָט אונדז אויסגעלערנט אַז די טעאָריע פון דער אויטאָמאַ־

טישער משיח־ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט וואָס מיר אַלע האָבן גע־
גלויבט אין איר, איז אַ פאַלשע טעאָריע. אין זינען פון סאָציאַלע
אידעאַלן איז דער פּראָלעטאַריאַט נישט ערגער אָבער אויך נישט
בעסער פון אַנדערע קלאַסן. וואָלט עס געווען אַנדערש, וואָלט אַמע־
ריקע געהאַלטן שוין לאַנג נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אויב
פאָלקס־מאַסן נעמען אויף זיך צומאָל די חבלי משיח כדי צו דער־
גענטערן די גאולה, אַנטפּלעקט זיך דאָ נישט קיין מעכאַניזם פון
דרויסנדיקע פאַקטאָרן, נאָר אַ פילדורותדיקע טראַדיציאָנעלע פּאָ־
טענץ, אַ קראַפט, וואָס דיפּלאָקסטימלעכע אינטעליגענץ פון געגע־
בענעם פאָלק גיט איר אַ ריכטונג. איז געוויס געווען ריכטיק פון
מענעסן נישט אָנצורופן דאָ לגמרי דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. גע־
ווים איז דאָס די אויפגאַבע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

אָבער ווו נעמט מען איצט, אין היינטיקע צייטן און אויף דעם
אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַזאַ אַקטיווע און פאָלקסטימלעכע ייִדי־
שע אינטעליגענץ? זי קען דאָך נישט אויסוואַקסן סתם ווייל מען
דאַרף זי האָבן. דער גלויבן אַז די נויט ברענגט במילא דאָס נייטי־
קע איז אָפּגעלייקנט לאַנג שוין אין דער ביאָלאָגיע און איז אויך
פאַלש אין סאָציאָלאָגיע. „פון גאָרנישט קומט גאָרנישט”. אַ אינ־
טעליגענץ קען און מוז אויסוואַקסן פון באַשטימטע פאַקטאָרן אי־
נעווייניק אין ייִדישן לעבן. זיינען אָט די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן,
אָדער „גענען” לויט דער ביאָלאָגישער נאָמענקלאַטור, נישט פאַראַן
אין ייִדישן לעבן, וועלן מיר אומזיסט וואַרטן אויף אַ אינטעליגענץ,
אומזיסט בענקען און מתפּלל זיין אויף איר. איידער מען באַשטימט
וואָס פאַר אַן עול און געשיכטלעכע אויפגאַבעס מען לייגט אויף איר
אַרויף דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן ווי האָדעוועט מען זי אויס און
ווי דערציט מען זי פאַר אָט דער גרויסער היסטאָרישער מיסיע.

לאָמיר זען. די ייִדישע אינטעליגענץ האָט אין די פאַרלאָפענע
דריי־פערטל יאָרהונדערט איבערגעקערט די ייִדישע וועלט. זי האָט
געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, זי האָט אויפגעבויט ייִדישע וועלט
באַנעמען, באַוועגונגען, זי האָט געפירט און געפורעמט די ייִדישע אי־

מיגראַציע אין נייע לענדער, זי האָט געשאַפן נייע תורות פון ציוניזם און סאָציאַליזם אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס און קאָמבינאַציעס. זי האָט זיך געזעגנט מיט דער אַסימילאַטאָרישער השכלה און געוויזן אַ צווייטן וועג. גוט, ריכטיק. אָבער פון וואַנען איז געקומען אָט די אינטעליגענץ? אויף וואָס פאַר אַ באָדן איז זי אויסגעוואַקסן? און — דער עיקר — צי קענען מיר דערוואַרטן אַז אָט די אינטעליגענץ זאָל האָבן יורשים?

געקומען איז די אינטעליגענץ פון... אַ גאַנצער, אויסגעהאַלטענער, דיסציפּלינירנדיקער ייִדישקייט, די אָט ייִדישקייט האָט געצאַמט און געפירט אין אויסגעטראָטענע וועגן איטלעכן ייִדן באַזונדער, לויטן פּרינציפּ „ייִדישקייט הייבט זיך אָן פון זיך אַליין", פון שטוב, פון היים. אָט די ייִדישקייט האָבן מיר געגעבן אַ פאַלשן נאָמען רעליגיע, בעת אין אמתן איז דאָס בלויז לעבנס־שטייגער פאָרמען, וואָס דאַרפן אָפּשיידן דעם ייִד פון דעם נישט־ייִד אין די פאָרמען פון לעבן. די פאָרמולע אַז דאָס ווערט געטאָן פאַר גאָט איז לגמרי נישט קיין סתירה, ווייל „גאָט" האָט ביי ייִדן באַטייט נישט קיין אָביעקט פון דרויסן, נאָר אַל דאָס הייליקע אין ייִדנטום. דאָ איז מאָסגיביק די אַלטע פאָרמולע „גאָט, ייִדנטום און תורה איז איין איינהייט" (קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חדא"). איז אָט די גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט, דאָס פירן זיך לויט נאָרמעס און פּרינציפּן, וואָס זיינען געשטעלט איבער דעם מענטשן דורך כוחות העכערע פון מיינע פּריוואַטע אינטערעסן, — פון אַזאַ סביבה האָט געקענט אָפּשטאַמען אַ אינטעליגענץ מיט שפּעפערישער ענערגיע, דאָס לעבן אין אַזאַ סביבה האָט געקענט אַריינגעבן גענוג פּאָטענציעלע ענערגיע עס זאָל שפּעטער קענען זיך אַנטפּלעקן קינעטיש אויף אַלערליי געביטן פון לעבן, אין אַלערליי פאָרמעס און ריכטונגען. צי קען אויסוואַקסן אַ אינטעליגענץ אָן אַזאַ סביבה וואָס פלאַנצט איין ענערגיע? — פאַר מיר איז זיכער אַז נישט.

די שעפערישע אינטעליגענץ איז ביי אונדז געווען בלויז אין מזרח־אייראָפּע: גאַליציע, פּוילן, ליטע און אוקראַינע. נישט אין מערב־

אייראָפּע און אויך נישט אין אַלט־רומעניע, כמעט נישט אין אונ־גאַרן ווי אויך נישט אין טיף רוסלאַנד. פאַרוואָס? — די אינטע־ליגענץ ביי יידן האָט אומעטום געצויגן פון יידישן קיבוץ צו דעם קיבוץ פון הערשנדיקן פאָלק. אין די אַלע לענדער ווו די יידן האָבן געהאַט א דירעקטע באַרירונג מיטן הויפּט פאָלק, — אין די אַלע לענדער האָט זיך נישט אַנטוויקלט קיין יידישע אַקטיווקייט פון דער אינטעליגענץ. זי איז אַוועק פון יידישן לעבן און דאָס אומאָפּהענ־גיק פון דעם צי די יידן זיינען געווען עמאַנציפּירט ווי אין דייטש־לאַנד, פראַנקרייך, אָדער נישט ווי אין רומעניע, אין אונגאַרן און אין טיף רוסלאַנד. די נאַציאָנאַלע אַקטיווקייט פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָר אין די לענדער און געביטן ווו יידן האָבן פּאַקטיש געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, ד״ה, דאָרטן ווו די יידישע אינטעליגענטן האָבן געקענט ציען יניקה פון דער הערשנ־דיקער קולטור, אָבער זיך נישט אַריינלעבן אין לעבן פון דעם הער־שנדיקן פאָלק. אין אַלע לענדער ווו די יידן האָבן געלעבט דירעקט אין שכנות מיט דעם הערשנדיקן פאָלק, — אין די לענדער זיינען גע־ווען א גרויסע צאָל יידן־אינטעליגענטן, עס איז אָבער נישט געווען קיין יידישע אַקטיווע אינטעליגענץ און והא ראיה — די היינטיקע רוסלאַנד וועט באַווייזן. די זעלביקע קרייזן וואָס האָבן ביז דער רעוואָלוציע אַרויסגעגעבן אַזא שעפערישע אינטעליגענץ, זיינען נאָך דער רעוואָלוציע אַוועק אָן וואַקלונגען אויף דעם וועג פון דער עמאַנ־ציפּירטער יידיש־בורזשואזע אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע מיט הונדערט יאָר פריער. עס העלפט נישט די טראַדיציע, עס ווירקט קוים דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון דער רוסישער אינטעלי־גענץ. און מען דאַרף נישט וואַרפן די שולד אַלץ אויף דער יעווסעק־ציע. די איינציקע שולד אירע איז וואָס זי איז מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם און האָט נישט געקעמפט קעגן אים. אָבער גייט דען די יידיש־באַוווסטזיניקע אינטעליגענץ אין אַמעריקע נישט מיטן שטראָם פון אידייענלאָזיקער אַסימילאַציע? זיינען דען מיר דאָ אויסגעהאַל־טענער פון יענע? סדנא דארעא — אַלע יידן פון אַלע לענדער פירן זיך לויט די זעלביקע געזעצן.

און ווייטער. אין מיזרח־אייראָפּע האָט די יידישע אינטעליגענץ געהאַט פאַר זיך אַ שטאַרקן מוסטער: די ברוויזנדיקע יונגע פעלקער מיט זייער קאַמף צו נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט. דאָס איז געווען אַ פּראַקטיקער מוסטער און בלויז אַ קליינער טייל פון יידישע אינטעליגענטן האָט געקענט זיך אַריינגלידערן אין אַ פרעמדן אַקטיוו. די גרעסערע טייל איז געווען „פאַרמשפּט” צו בלייבן אין יידישן לעבן און במילא דאָ ווירקן און שאַפן.

די אַלע באַדינגונגען פעלן אין אַמעריקע. צי קען מען דאָ וואַרטן אויף אַ שעפערישער יידישער אינטעליגענץ? איך בין שטאַרק אין ספק.

לאָמיר גיין נאָך ווייטער. די אַלגעמיינע בילדונג וואָס די יידישע יוגנט באַקומט דאָ אין אַמעריקע איז אַ שטרענג קאַריעריסטיש־אוטיליטאַרע וואָס לערנט גאָרנישט דענקען און טראַכטן. די אַלגעמיינע מלוכה־שול וואָס האָדעוועט, צום באַדויערן, אַלע הונדערט פּראָצענט יידישע יוגנט, דערציט מענטשן וואָס זיינען פעיק, פלינק און פאַרשטאַנדיק אויסצופירן פאַראָרדענונגען פון עמעצן וואָס איז זכער, אָבער די שול גיט נישט קיין זעלבשטענדיקע אינטעליגענץ און דענק־פעיקייט. זי זוכט צו שאַפן אַ זעלבסטצופרידנקייט, באַרויקן דעם געמיט מיט ספּאָרטן, לייכטע פאַרווייליונגען וכדומה. פאַר אונדזער ציל איז נייטיק פאַרקערט, אַן אומרויקער גייסט, און כסדרדיקע זוכער, נישט גליק־זוכעניש, נאָר גאָט־זוכעניש. אין דעם זינען האָט אפילו די אַמאָליקע רוסישע צאַרישע גימנאַזיע געגעבן מערער איידער די היגע, אַמעריקאַנער סופּעראַוטיליטאַריסטישע שול. אין מיזרח־אייראָפּע איז די גאַנצע אַטמאָספער אַרום דער יידישער אינטעליגענץ געווען אָנגעפּילט מיט פּראָטעסט און רעוואָלט, מיט גוטער אָדער בייזער זוכעניש. אין אַמעריקע, פאַרקערט, איז די אַטמאָספער סטאַביל, אומבאַוועגלעך און קיינער וואַגט נישט נישט מסכים צו זיין מיט די פעסטע נאָרמעס. עס פעלט גאָר די מוט, עס איז נישט אָנשטענדיק צו זאָגן אַ קרום וואָרט קעגן די נאָרמעס. על כל פּנים קען מען דאָ נישט דערוואַרטן קיין דענקענדיקע און גייס־

טיק זעלבסטשטענדיקע אינטעליגענץ, איבערהויפּט נאָך ביי א דור אן אימיגראנטישן, וואָס האָט איין טראַדיציע איבערגעריסן און קיין אנדערע נישט באקומען. מען קען אָננעמען ווי א כלל: נישטאָ און עס קאָן נישט זיין קיין אינטעליגענץ אין דעם דור וואָס וואקסט אָן א טראַדיציע. ווארט נישט, האָפט נישט אויף קיין אקטיווע, שעפערי־שע אינטעליגענץ: אז דער באָדן איז ווילדער שטיין און פארזייט איז עס מיט ווילדגראָז, טאָ פון וואנען און וואָס קען אויסוואקסן?

אָבער לאָמיר שטעלן א טראָט ווייטער, נאָך ווייטער אין דעם ווילדן מדבר פון אונדזער לעבן: לאָמיר אויף איין מינוט זיך פאָר־שטעלן אז עס איז דאָ אין אמעריקע געבוירן געוואָרן אן אחד־העם. לאָמיר ווייטער לאָזן אונדזער פאנטאזיע זיך פאָרשטעלן, אז אין דעם לעבן ארום זיך האָט ער אין זיין קינדהייט יאָ געקענט זיך אָננעמען, אָנשטעקן מיט מאָראלישער פארזיכיקייט וואָס זאָל זיך שפּעטער לאָזן טראנספאָרמירן אין א אחד־העמיסטישע, שטאָלצע זעלבסט־שטענדיקייט; און לאָמיר זיך פאָרשטעלן אז די פּאָבליק־שול, וואָס וויל האָדעווען נישט קיין פריידענקענדיקע מענטשן, נאָר „ארבעטס־הענט" און „מאנקראפט", האָט נישט דערשטיקט דעם אחד־העם גייסט, — און קענן אלע גזעצן פון לעבן איז דאָך, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אויסגעוואָקסן אזא אחד־העם, און אָט שיקט ער אין א יידישע צייטונג אין אמעריקע זיין ערשטן ארטיקל, אזא מין „לא זו הדרך"... א יונגערמאן אָן א „רעקאָרד", אָן א נאָמען, אינגאנצן אן אומבאקאנטער און ער קריטיקירט אלע גרויסע און אנערקענטע אויטאָריטעטן! מען דאַרף שוין דאָ נישט האָבן קיין שום פאנטאזיע כדי צו וויסן וואָס עס וואָלט געווען דער גורל פון אָט דעם ארטיקל און פון אלע ווייטערדיקע... ניין און ניין! עס קען נישט און עס וועט נישט זיין אין אמעריקאנער יידנטום קיין זעלבסטשטענדיקע יידישע אינטעליגענץ. קיין שום ספק נישט — אחד־העם און אלע יידישע אינ־טעליגענטן האָבן אין צארישן רוסלאנד געהאט נישט אין פארגלייך מער פרייהייט פון ווארט, מער פּריווילעגיע געהערט צו ווערן איידער אין דער פרייער אמעריקע. סיידן אז דער דאָזיקער אמעריקאנער

„אחד־העם" זאָל זיך באַזאָרגן מיט אַ גוטן „מענעדזשער", וואָס זאָל צוגרייטן באַצייטנס אַ גוטע פּובליסיטי, און דווקא אַ גוישע...

נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין אינטעליגענץ ביי אַ פאָלק וואָס האָדעוועט זיין יוגנט אויף אַ פרעמדער קולטור און אין אַ פרעמדן לעבן. מאָנט נישט ביי אָט דער יוגנט גאָרנישט, פאַרלאַנגט נישט פון איר גאָרנישט, — ווען עס איז גאָרנישט געגעבן — קען גאָרנישט געבן. און אין טאָג פון דין וחשבון, פון דער גרויסער אָפּרעכענונג וואָס גייט און קומט אויף די יידן אויך אין אַמעריקע, אין יענעם טאָג וועט די יוגנט, דאָס גאַנצע פאָלק פון אונדזער מאָרגן — שטיין הילפלאָז און פאַסיוו, ווי געליימט און וועט אפילו נישט האָבן קיין כוח צו שרייען פון ווייטאָק... ווי דאָס איז שוין געשען נישט מיט איין יידישן קיבוץ וואָס האָט צו־לאַנג „גענאָסן" פון עמאַנציפּאַציע...

:: :: ::

נאָך ווייטער — עס איז אַ גרויסער ספק צי מיר האָבן רעכט צו ריידן וועגן אַ יידישן פאָלק אין אַמעריקע. און נישט ווייל אין אַמעריקע זיינען מיר כלומרשט אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ היפּאָטעטישן אַמעריקאַנער פאָלק. ניין. עס זיינען אין אַמעריקע פאַראַן אַ סך פעלקער, אַ סך פאַרשיידענע טראַדיציעס און מען קען נישט ריידן וועגן אַן איינהייטלעכן אַמעריקאַנער פאָלק; די קוויקערס, די פּלאַנטאַטאָרס פון דרום, די גאָלדכאַפּערס פון קאַליפאָרניע, דער הו־הא פון די אַמעריקאַנער שטעט, דער „דזשאַנגל" — דאָס זיינען אַלץ פאַרשיידענע טראַדיציעס אין אַמעריקע, זיי גייען איינצייטיק, זיי מישן זיך אָבער נישט צוזאַמען, זיי קעמפן צווישן אַנאַנד. ווייטער זיינען אין אַמעריקע אַריינגעפלאָכטן שטיקער פון צענדליקער פעלקער און טראַדיציעס. מען האָט זיי נישט קולטיווירט, מען האָט דאָס געלאָזט פאַרווילדעט ווערן, אָבער אויסראָטן קען מען עס נישט. איז פון אָט די פעלקער־שטיקער געוואָרן נישט קיין איינהייטלעכע אַמעריקאַנער קולטור, נישט קיין אָרגאַנישע צונויפשמעלצונג, נייערט אַ קופּע צונויפגעשאָטענע קולטור־לאָזיקייטן, וואָס פאַרשרייט און פאַר־

טומלט אַלע טיפערע אַמעריקאַנער קולטורן. יאָ, **מיר האָבן אונדזער** בכבודיקן אָרט אין אָט דעם אַמעריקאַנער דזשאַנגל. אָבער א טייל פון אַן „אַמעריקאַנער פאָלק" וועלן מיר זיין בלויז ווען מיר וועלן זיין א יידיש פאָלק אין אַמעריקע: אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גרויסן פּלוראַליזם. אין א סימפאָניע מוז איטלעכער טאָן פאַר זיך זיין גאַנץ און ריכטיק.

אָבער „פאָלק" מיינט נישט לגמרי אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן פון איין אָפּשטאַם און גורל. די גרעסטע טשערעדע געפירט צו דער שחיטה איינצייטיק איז נאָך אַלץ נישט קיין פאָלק. פאָלק מיינט א סך מערער איינהייטלעכקייט פון גייסטיקן פּרצוף, געמיינזאַמקייט אין פיר און שטייגער אין סאָציאַלע און פּסיכישע נאָרמען און פאָר־מען. אין אַלע לענדער ווו יידן פאַלן אָפּ פון אָט די ספּעציפיש יידי־שע לעבנס־פאָרמען, איז אוממעגלעך צו ריידן וועגן א יידישן פאָלק אויב אפילו עס זיינען דאָרטן פאַראַן מיליאָנען יידן. מיט אַנדערע ווערטער — יידיש פאָלק איז פאַראַן בלויז דאָרטן ווו עס איז דאָ יידישקייט. צום יידישן פאָלק אין אַמעריקע געהערן בלויז א קליי־נער טייל פון די מיליאָנען יידן וואָס וווינען אין אַמעריקע, בלויז די, וואָס פירן זיך יידישלעך אין זייער לעבן. די איבעריקע — אַן ערב־רב פון יידישן אָפּשטאַם אָן וואָסערע עס איז שעפערישע פּאָטענצן...

די יידישע אינטעליגענץ איז געווען א קינד פון א פאָלק מיט א שטאַרקער דיסציפּלין און אחריות. און איצט שטייט די זעלביקע אינטעליגענץ פאַרווירט און פאַרלוירן ביי דער צעפאַלונג פון א פאָלק און ווייסט נישט פון וואָס אָנצוהייבן, פון וועמען עפּעס צו פאַרלאַנגען.

כדי צו שאַפן דאַרף מען האָבן אויטאָריטעט. דער אויטאָריטעט ביי יידן אין אַמעריקע איז נישט קיין יידישער. אויטאָריטעט באַשטייט אין דעם וואָס ביי א סך מענטשן זיינען פאַראַן די זעלביקע געדאַנקען. אייניקע דריקן דאָס אַלגעמיינע. דאָס אַלגעמיינע אין גייסט פון יידן אין אַמעריקע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער גרויסער מעכאַניזירטער „פאַבריק פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג" און די איז לגמרי נישט

יידיש. דאָס יידישע וואָס איז שוין יאָ פאַראַן, איז אין גאַנצן צופּע־ליק און נישט אלגעמיין, פעלט געמיינזאמקייט, פעלט אויטאָריטעט. קען מען זיך נישט צונויפריידן, נישטאָ קיין מנין יידן מיט איין גע־דאנק. אויב יאָ, איז עס אַ געדאנק פון אַ גוטן גוי. טאָ וואָס קען דאָ אויפטאָן אַ יידישע אינטעליגענץ? און פון וואנען זאָל אזא יידישע אינטעליגענץ אויסוואקסן?

און דאָך! און דאָך מוז מען אָנהייבן צו שמידן אַ יידיש פאָלק אין אמעריקע!

מען מוז אָנהייבן שמידן אַ פאָלק, צונויפזאמלען די צעשאָטע־נע עצמות היבשות. די צעשטויבטע ברעקלעך צונויפזאמלען ון באַ־העפטן צו איין גאַנצן איינס...

ווער זאָל עס טאָן און ווער קען דאָס טאָן? — דאָס מוז, צום באַדויערן, טאָן אַלץ די זעלביקע פארמאטערטע און טיילווייז אַלט־געוואָרענע אינטעליגענץ. פאַרפאַלן, נישטאָ קיינער ווער עס זאָל עס טאָן אויסער איר.

אָבער ווי אזוי?

ערשטנס, נישט דורך פאַרשפּרייטן קולטור: טעאַטער, קאָנצערטן, ביכער, לעקציעס און באַנקעטן זיינען זייער גוט ווי אַ פונקציע פון אַ פאָלקס לעבן, — זיי קענען אָבער נישט אויפבויען קיין פאָלקס לעבן. דאָס אַלץ זיינען מיטלען פאַר אַ אינטעליגענץ זי זאָל קענען ציען אַ בידנע חיונה פון קולטור. דאָס זיינען צומאָל גוטע פּרוכט פון אַ פאָלקס לעבן, אָבער מיר נייטיקן זיך נישט אין קיין פּרוכט, — מען דאַרף דעם באָדן פון פאָלקס לעבן צוגרייטן, די וואָרצלען פאַרפעסטיקן, — די פּרוכט וועלן במילא קומען.

צווייטנס, נישט פון קיין מאַסן־אַקציעס און נישט אין מאַסן אונטערנעמונגען. דאָס זיינען אויך זאַכן, וואָס קומען ווען די מאַסן זיינען שוין צונויפגעבונדן. ווען מען הייבט אָן פון זיי איז דאָס אַ בנין געבויט פון צעשאָטענעם זאַמד אָן אַ צעמענט.

דריטנס, פאָלק איז אויך נישט אין הילף־אַקציעס פאַר „אומ־גליקלעכע ברידער", אונטערנעמונגען וכדומה, זאַמלונגען, פּעטיציעס, טייען און אַקציעס.

פֿאָלק הייבט זיך אָן פֿון איינפֿלאַנצן יידישע ספּעציפֿישקייטן אין לעבן און אין באַוווסטזיין פֿון יחידים. פֿאָלק איז נישט קיין זאַך פֿון סטאַטיסטישע צאָלן, עס איז איינגעפֿלאַנצטע עמאָציאָנעלע און שטייגערישע צוגעבונדנקייט־שטייגער, טראַדיציע, צוגעבונדנקייט צו פֿאָלקסטימלעכקייט, היימישקייט אין איר, — אָט דאָס איז פֿאָלק. יידיש פֿאָלק איז יידישקייט.

און יידישקייט הייבט זיך אָן פֿון זיך, פֿון דער היים, פֿון דעם אייגענעם איינפּיר און שטייגער לעבן.

מיר דאַרפֿן דאָ גיין אין די זעלביקע וועגן ווי די יידישע אינ־טעליגענץ איז שוין נישט איין מאָל געגאַנגען אין דער יידישער גע־שיכטע. אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס יידישע פֿאָלק אין בבֿל אין ערשטן גלות. אַזוי האָבן אויפֿגעבויט דאָס יידישע פֿאָלק אין ארץ־ישראל עזרא און נחמיה מיט דער כנסת הגדולה; אַזוי האָבן גע־שמידט דאָס פֿאָלק די פּרושים, די בעלי־תורה שבעל־פּה פֿאַרן צווייטן חורבן און איבערהויפּט נאָך אים אין יבנה און ווייטער אין בבֿל — פֿון יבנה ביז וואָלאָזשין. און נישט לערנען ווי א וועג צו וויסן איז דאָ וויכטיק. לערנען מיינט נאָר א וועג צום לעבן, לערנען מיינט פֿו רעמען דאָס יידיש לעבן אין היים פֿון איטלעכן מענטשן וואָס וויל זיין א ייד און האָדעווען יידישע קינדער.

אָט פֿון דאַנען דאַרף אָנהייבן די יידישע אינטעליגענץ. אָפּרייסן זיך פֿון דער גרויסער איבערטער מאסע יידן, וואָס זייער לעבן קייקלט זיך באַרג אַראָפּ אין אַלע אָפּגרונטן, און נעמען בויען אָן אייגן לעבן לויט אַן אייגענעם קאָדעקס, שולחן־ערוך. זאָל איטלעכער פּרובירן, — די איינציקייט וועט קומען במילא שפּעטער. דער קאָדעקס פֿון יידישקייט דאַרף זיין טראַדיציע צוגעפּאַסט צום אידעאַל פֿון קיום־האומה. פֿאַר מיר איז דאָס שפּראַך. נישט יידישיזם, נאָר די מקורים אין דער פֿאָרמע ווי זיי לעבן אין פֿאָלקס זכרון. יידיש אליין ווי שפּראַך איז ווייט נישט קיין יידישקייט. פֿלאַשן פֿון ווייַן זיינען בלויז פֿלאַשן, וואָס קיינער קען פֿון זיי זיך נישט דערקוויקן. העברעיש אליין איז ווייט נישט קיין יידישקייט. אָן יידיש איז אָבער אוממעגלעך יידיש־

קייט. יידישקייט איז דאָך קודם כל צוגעבונדנקייט צו פאָלקסטימ־
לעכקייט. מיט דעם אָפּזאָגן זיך פון יידיש איז פארבונדן א גאנצער
קאָמפּלעקס, אן אָפּזאָג פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט, וואָס פירט
ווייטער צו אן אָפּזאָג פון אלץ וואָס יידיש איז, אויך פון העברעיש.
אין דער יידישער געשיכטע האָבן מיר געזען א סך מאָל ווען באוועג־
גונגען הייבן זיך אָן מיט משיחן און זיי ווילן בלויז אָפּוואַרפן,
דאכט זיך, קליינקייטן, דעם „שימל פון יידישקייט", פארקערט,
צאצקען זיי זיך מיט דער „ריינער" יידישקייט. און אלע אָט „אָפּגע־
פוצטע" יידישקייטן האָבן פארענדיקט מיט שמד און אומקום.

די שפּראַך און זיטן פון פאָלקס־טראַדיציע זיינען און מוזן בלײ־
בן די ערשטע מצווה פון דעם פאָלקסטימלעכן שולחן־ערוך. און
דאָס — אין שטוב, אין דער היים. עס קען נישט און עס טאָר נישט
זיין קיין „שפּראַך" פון די קינדער, וואָס איז אַנדערש פון דער
שפּראַך פון די עלטערן. דאָ מוז מען מקפּיד זיין ווי א פרומער ייד
קען און דאַרף מקפּיד זיין אויף זיינע מצוות.

ווייטער קומען שבת און יום־טוב. עס איז אוממענלעך אויסצו־
שעפּן אין ווערטער די גאנצע וויכטיקייטן פון אן אייגענעם נאַציאָ־
נאַלן רו־טאָג פאר דער אויסבילדונג און פארפעסטיקונג פון דעם
מענטשלעכן כאראקטער פון איטלעכן יידן באזונדער און איבער־
הויפּט פון די וואַקסנדיקע דורות. איך בין שטארק מסופּק צי וועט
דאָס יידישע פאָלק לאנג קענען עקסיסטירן און איינהאלטן זיין קיום,
אין אן אַטמאָספער פון קאָנקורענץ אָן זיין אייגענעם שבת. בערך
דאָס זעלביקע איז שייך די יום־טובים. עס איז געווען א באוווסטזי־
ניקער אָדער נישט קיין באוווסטזיניקער טעות צוצורעכענען צו רע־
ליגיע אַל דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכע און פּסקענען אז וועלט־
לעכע יידן זיינען פון דעם אַלעם פטור. וועלטלעכקייט מיינט צוגע־
בן אלע טראַדיציאָנעלע לעבנס־פאָרמען אן אידעע נישט פאר גאָט
און יענער וועלט, נאָר פאר דעם פאָלק און זיין קיום דורך ווייטערדיקע
דורות. און פונקט אזוי וויכטיק ווי די יום־טובים זיינען אויך די
נאַציאָנאַלע טרויער־טעג. ווען שבתי־צבי וואָלט נישט בטל געמאכט

בםאָלאָז א׳

די מצוות מעשיות, וואָלט אפשר אָנשטאָט א קללה אין דער באווע־גונג געווען נישט קיין קלענערע ברכה ווי אין חסידיזם.

ווייטער קומט די מצווה פון קינדער דערציען אין אייגענע שולן אויף אייגענעם אינהאלט. און דערציונג מיינט לגמרי נישט בלויז אין שול. די שטייגערישע שטוביקע דערציונג איז דער יסוד, קינדער־גאָרטן און גאנצע שול מיט א גאנצער יידישער סביבה, לכל הפחות ביז 14—15 יאָר. זאָל מען נישט זאָגן אז דאָס איז אוממעגלעך. מיר זעען און מיר ווייסן אז ביי א גוטן ווילן איז דאָס זייער און זייער מעגלעך און פרוכטבאר. אויפן געביט פון קיגדער־דערציונג זיינען וויכטיק שטייגער־פאָרמען אין שטוב, שבת־ליכט. יום־טובדיקע סעו־דות, כשר און אפילו בלויז „כשר סטיל”. דאָס אלץ ייז בכוח איינ־צופלאנצן יידישקייט און צוזאמען מיט דעם פעסטסייט און אויס־געהאלטנקייט אין כאראקטער.

נאָך וויכטיקער איז סיסטעמאטיש לערנען בציבור. נישט לשם אויסלערנען עפּעס, כדי צו ווייסן, נאָר לערנען לשם לערנען ווי א מנהג, אפילו ווען דאָס זאָל זיין א סתם זאָגן. און דאָ איז פאר מיר וויכטיק נישט דווקא פון אלטע ספרים. עס מעגן זיין נייע בתנאי זיי זאָלן זיין יידישע, לויט זייער גייסט און אינהאלט.

און איטלעכע מצווה האָט אין קעגנטייל אויך א לא תעשה: נישט ארייגלאָזן אין די היימען קיין פרעמדע שפראכן, נישט מיטמאכן קיין פרעמדע, נישט־יידישע יום־טובים, נישט ארייגלאָזן קיין פרעמ־דע מנהגים — נישט נאָכמאכן קיינעם.

און אז עס וועלן זיך געפינען אזוינע גרופּעס, וועלן זיי זיין די זיילן וואָס אויף זיי האלט זיך דער קיום פון פאָלק און דאָס פאָלק גופא.

אָט די זיינען די קאָנקרעטע אויפגאַבעס פון דער אינטעליגענץ ביי היינטיקן טאָג: ווי אהרן מיט זיין פייערפאַן זיך אוועקשטעלן אין מיטן און אָפּהאלטן די מגפה פון אויסיידישונג.

זיין אָדער נישט זיין

דאָס מאָל וויל איך זיך ווענדן נישט צום „ברייטן עולם”, צו די „ברייטע מאסן”, ווי מען רופט עס ביי אונדז. איך וואָלט געוואָלט זיך דורכריידן פון הארצן מיט אונדזערע שרייבער, געזעלשאפטלעכע און קולטור־טוער. אזוי זיך דורכריידן פון הארצן אָפן און אויפריכטיק וועגן דעם זינען פון אונדזער גאנצן ריידן, שרייבן און פאָלעמיזירן. אזוי, צווישן זיך גערעדט.

איך וואָלט געקענט זאָגן, אז איך האָב געשאפן אין דער נ׳ אמע־ריקאנער יידישער פרעסע א „פארייניקטן פראָנט”. פון דער „פריי־הייט” ביז „אינזיך”, ביז די פריינט ש. ניגער און א. גלאנץ אין „טאָג”, ביזן „פארוואָרטס”, ביז דעם ציוניסטישן „יידישן קעמפער” — אלע ווי איינער האָבן אין פולן הסכם צווישן זיך ארויסגעזאָגט זיך קעגן מיינע אספיראציעס פון א גרינהאָרן צו ווען בויען אין אמעריקע א יידיש סאָציאַל־קולטורעל לעבן. ווער עס האָט געזידלט, ווער עס האָט באדויערט, ווער — מיט שנאה, ווער -- מיט מיטגע־פיל, אָבער אלע מיט איין איינשטימיקן „ניין” און — געענ־דיקט. לייען איך וואָס אלע שרייבן און עס ווערט מיר שטארק אור־מעטיק, ווייטאָקדיק, טרויעריק אויפן הארצן. מיר פארשטייען זיך דאָך נישט... מיר ווילן דאָך לכתחילה איינער דעם צווייטן נישט פארשטיין, נישט אויפנעמען דעם צווייטנס געדאנקען־גאנג. האָבן מיר דאָך נאָך פארן לייענען געוווסט, אז מיר וועלן איבערלייענען,

גאָגן א מיינונג און — אלץ וועט בלייבן ווי פריער. זוכן מיר דאָך בלויז א שוואַכן אָרט אין צווייטנס ארטיקל, א שוואכן וואָרט, כדי אים דאָרטן צו געבן א שטארקן „פּיט". קומט מיר אויפן זינען א שווידערלעכער פארגלייך: אן ארענע אין צירק. דער עולם האָט הנאה פון אָקסן־קאמף, העגער־קאמף, באָקס־קאמף און, חס וחלילה, — וואָרט־קאמף... א קליינבירגערלעכער עולם זוכט פארווײַלונג נאָך אוונט־ברויט און מיר אלע, יידישע שרייבער און וואָרט־זאָגער — קליין און גרויס גיב אים די געלעגנהייט צו געניסן און הנאה האָבן, צוצוזען דעם „באָקס", פאר זיינע פּאָר סענט אין זיין ציימונג. — „אָי, האָט ראובן דערלאנגט שמעונען א גאָב, א מחיה ווי ער האָט אים אָפּגעשמיסן"... און גאָטס וואָרט, געשריבן אמאָל מיט נשמה און הארץ, ווערט טמא, ווערט מיאוס, ווערט שונד. און א סך שרייבער האָבן זיך צוגעוויינט צו דער טרויעריקער ראָלע — „מען דארף דאָך א טעמע פאר דעם לויפיקן ארטיקל. האָט טאקע איינער א קלוגער שרייבער, וואָס שרייבט צענדליקער יאָרן אין א טאָג־ציימונג „קלוגע נארישקייטן" צו קוויקן דעם עולם, אויסגעזאָגט פון חדר, אז אונדז גייט דאָך דער עיקר אין דער טעמע... יידישע צרות — א פּראַקטיקע טעמע, יידן אין קיינעמס לאנד — גאָלד מיט זילבער, כמעט אזוי ווי די פינף־יאָריקע מיידל, וואָס האָט געבאָרן א קינד. יידן שפּרינגען פון שיף אין וואסער, א גלח האָט געזאָגט א גוט וואָרט אויף יידן, איינשטיין האָט גענעסן מיטאָג, אן אקטריסע האָט אָפּגענארט דעם מאַן און דער גרויסער שרייבער שמערל גיט א גאָב דעם גרויסן שרייבער בערל... און אלץ פאר די פּאָר סענט אין בלאט... עס רעדט מיט מיר א שרייבער פון גרויסער שטאָט, ער דערציילט מיר פון קעגנזייטיקע באציונגען. איך קען זיך נישט קאָנצענטרירן. עפּעס דערמאָנען זיך מיר די אַמאָליקע רוימישע גלאדיאַטאָרן מיט זייערע באציונגען. — עס ווילט זיך אָפּט פארשווערן זיך נישט צו שרייבן און מען קען נישט, ווייל עס טוט וויי, ווייל מען קען זיך נישט איינהאלטן, עס טוט וויי. טאָ לאָמיר פארקוקן די סתם פּאָלעמיקס לשם פּאָלעמיקס, לאָמיר געדענקען, אז „וואָרט" איז הייליק, אז מיט

וואָרט איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן. לאָמיר זיך באַמיען נישט צו פֿאַלעמיזירן. לאָמיר זיך באַמיען אויף וויפֿל עס איז מעגלעך געדענ־קען, אַז וואָרט דאַרף זיין בלויז אַ לבוש פֿאַר געפֿיל און געדאַנק און בלויז אַ זאָמען פֿאַר מעשׂים און שאַפֿונגען. ווערטער וואָס ווערן לכתחילה געזאָגט און געשריבן נישט כּדי צו געבוירן געדאַנקען און מעשׂים, נאָר סתם צוליב עמיצנס אַ „גוד־טיים", — אַזוינע ווערטער זיינען קיי־גאָם און „קיצל די פּיאַטע שרייבער". מעגן זיי זיין ווי קלוג, זיינען זיי סאָציאַל נאַרישקייטן; מעגן זיי זיין ווי ערנסט זיי־נען זיי שונד — אָן אַ העכערן ציל און אידעע.

לאָמיר געדענקען, אַז

„פֿון אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט און נאָט איז געווען דאָס וואָרט".

לאָמיר פּרובירן גיין כּסדר:

וועגן וואָס גייט אונדז? — וועגן יידיש? וועגן לשון יידיש אָדער לשון קודש? וועגן ליטעראַטור? וועגן יידישן טעאַטער, שול? — ניין, ניין, ניי! עס גייט קודם כּל וועגן לעבן, וועגן אַ געזונטן פֿיזישן און מאָראַלישן לעבן פֿון יידן אויף דער וועלט. אַז דער גאַנצער גוף איז קראַנק, קען מען נישט טראַכטן וועגן יעטווידער גליד באַ־זונדער, מען מוז טראַכטן וועגן גאַנצן אָרגאַניזם. נישט יידיש איז הייליק, נישט שול פֿאַר זיך אָדער ליטעראַטור, — יידן זיינען הייליק.

אַ בכּבֿודיק, אַ שטאָלץ לעבן, אַן אָנשטענדיק לעבן פֿון יידן אויף דער וועלט — דאָס איז דער ציל. אַז ווו אַ האַנט, — קען זי שלאָגן, ווו אַ הונט, — קען ער בילן און בייסן, ווו אַ שטיין — פֿאַלט ער אין קאָפּ. ווו אַ ליגנעריש מויל, — זאָגט עס קאָמפּלי־מענטן, ווו אַן אייזל, — בריקעט ער זיך. „כּי היינו לעג וקלס בגויים" — שפּאָט און שאַנד זיינען מיר געוואָרן. ווי קענען מיר ריידן וועגן קונסט, וועגן ליטעראַטור, אַז יעטווידער הונט וואָס וויל אָנפֿאַלן אויף עמיצן, שפּרינגט איבער אונדזער קאָפּ? און זאָל מען זיך נישט טרייסטן מיט דעמאָקראַטיעס" — „איך האָב גע־

רופן מיינע פריינט, האָבן זיי מיך אָפּגענאַרט" (פון „איכה"). עס קען נישט זיין קיין פריינשאַפט צווישן שטאַרקן און שוואַכן, צווישן זאַטן און הונגעריקן. עס קען נישט זיין קיין שותפות צווישן דעם וואָס קען געבן און דעם וואָס דאַרף נעמען, עס איז פאַראַן א בעטלען. עס בעטלט ברויט א הונגעריקער און א פאָלק מיט זיינע „פּאָליטיקער", טוער, גרויסע לייט, יא טעבע דאַמס — בעטלט גוטע ווערטער ביי גוטע גויים, קויפט און בעטלט פּראָטעסטן און סימפּאַטיע־ווערטער ביז די איינגעבעטענע ברכות און אויסגעבעטענע קאָמפּלימענטן האָבן זיך געבראַכט אָפּענע העצעס אויף יידן אין דער שטאָט פון דער גרעסטער דעמאָקראַטיע, פון דעם גרעסטן יידישן קיבוץ. די פאַלשע ליבע איז געוואָרן אן אמתע שינאה. בילעם מיט זיינע פאַלשע ברכות איז מער רשע ווי בלק דער אָפּענער שונא. דעמאָקראַטיע — געוויס, זיכער! דעמאָקראַטיע איז הייליק, אָבער ווען איז דאָס געוואָרן, ווען מיר וועלן זיין א גלייך שטאַרקער שותף, א כוח, נישט נאָר א נעמער, נאָר אויך א געבער. און דאָ קומען מיר צום סאַמע פּינטל.

עס זיינען געוואָרן די אנטיסעמיטן: א זיבעצן מיליאָניק פאָלק, איינגעפלאַנצט אין אלע לענדער — דאַרף זיין אן אוניווערסאַלער שטאַרקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער כוח. — די שטאַרקסטע אנאָנימע מלוכה... פאַרוואָס זיינען מיר שוואַך? — ווייל יידן ווילן נישט, בפירוש זיי ווילן נישט זיין שטאַרק. כדי צו זיין שטאַרק, דאַרפן מיר נישט קיין אַרמייען מיט האַרמאַטן. טשעכאָסלאָוואַקיע האָט זיי געהאַט, — און איז דאָך געווען שוואַך... מיר זיינען בירגער אין אלע לענדער, מיר באַטייליקן זיך אין אלע אַרמייען, מיר זיינען שותפים אין אלע מדינות, מיר העלפן זיי ווי אלע אנדערע בירגער. וואָס טוען מיר אָבער כדי מ י ר זאָלן אין אָט די אלע מדינות האָבן אונדזער אָרגאַניזירטע יידישע דעה, מען זאָל זיך רעכענען מיט אונדז און מיט אונדזער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער מיינונג? וואָס טוען מיר כדי מען זאָל אין דעמאָקראַטישע לענדער האָבן דרך ארץ פאַר דעם אָרגאַניזירטן און באַוווסטזיניקן ווילן

פון די יידישע בירגער? זיינען דאָך אין אמעריקע געווען מיט א דרייסיק יאָר צוריק יידישע אימיגראנטן, אַנגעלאָפּענע, — און אמעריקע האָט זיי צוליב איבערגעריסן מיט רוסלאנד. איצט אז מיליאָנען יידן זיינען שוין אויסגעגרינט, פארבירגערט, פארענגלישט, — און, פונקט פארקערט, רייסט די אמעריקאנער דעמאָקראטיע נישט איבער אפילו מיט א קאנלינען און שיקט עראָפּלאנען צו היטן, אז די „סט־לויס"־שיף זאָל זיך חלילה נישט דערנענטערן צו די ברעגן פון דער גרויסער „דעמאָקראטיע"... אָט, אָט דעם „כבוד" האָבן מיר זיך איינגעקויפט פאר דרייסיק יאָר אמעריקאניזירן זיך. צוריק מיט צוויי און צוואנציק יאָר האָט די דעמאָקראטיע געגעבן יידן א דעקלאראַ־ציע. — נישט די אכציק טויזנט יידן פון ארץ ישראל, — די יידי פון אמעריקע האָט מען עס געגעבן. איצט האָט מען עס פרעך גע־כאפּט צוריק: דעמאָלט האָט מען געגלויבט אין כוח פון יידישן פאָלק איצט זעט מען דעם אמת: מיליאָנען צעשטויבטע, צעברעקלטע יידן אָן א פאָלק, אָן א געמיינזאמען ווילן צו לעבן, צו זיין א יידיש פאָלק. יעדער ייד איז אויף אזוי פיל א ייד, אויף וויפל ער קען נישט, אויף וויפל מען לאָזט נישט ווערן אויס ייד און די פּאַרציע יידישקייט אין יעטווידער יידן — וויפל מען קען שוין נישט אוועקוואַרפן, דאָס בלויז וואָס מען קען נישט אויסשניידן, פּטור ווערן פון דעם. א הויפן, א בארג זעמדעלעך, וואָס יעטווידער שמוציקע כוואַליע קען עס שווענקען. מען זעט אונדזער שאנד און מען שפּייט אין־פּנים. עס דארפן וויסן אלע ציוניסטן, אז דער פראָגט פון א יידישן ארץ יש־ראל איז נישט די אראבישע דערפער קאקון און גענין. דער פראָנט איז א סך, א סך ברייטער — עס איז די יידישקייט פון אלע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט. „די יידישקייט נישט די ציוניסטישקייט", דען א וועלט מיט אסימילירטע פארגויישטע ציוניסטן וועלן קיין ארץ ישראל נישט איינהאלטן, אויב עס וועלן נישט זיין קיין באוווסטזי־ניקע יידישע יידן. עס דארפן וויסן העברעיסטן, יידישיסטן אז זייער הילף איז נישט דאָס זאמלען נדבות אויף א גוטע אויסגאבע, אויף א טעאַטער, אויף א שול, — דער איין און איינציקער פראָנט פון אלע

יידישע אידעען, דער צענטער, ווו אַלע פּראָבלעמען גייען זיך צונויף, דער „אחד״, וואָס פאַרבינדט אַלע מצוות, — דאָס איז די קולטורעלע און סאָציאַלע אָרגאַניזירטע שטאַנדפעיקייט, דאָס זיין גייסטיק, מאָ־ראַליש, קולטורעל און סאָציאַל פאַר זיך.

כדי צו זיין שטאַרק, וואָלטן מיר, דאָס יידיש פאָלק, געדאַרפט פאַרמאָגן גרויסע מיליאָניקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. וואָס זאָלן באַזאָרגן מיט אַרבעט, מיט אַן עקאָנאָמישן קיום די גאַנצע יידישע יוגנט. פאַרבאַנדן, קאָלעקטיוון, קאָאָפּעראַטיוון — אַ פעסטע אָרגאַניזירטע סאָציאַל עקאָנאָמישע פּאָזיציע. פאַראייניצלט גנבענען באַהאַלטנדיק זייער יידישקייט. אַ נאָמען „איינשטיין״ איז אין אַמעריקע אַ שטער צו אַ קאַריערע („טאָג״, 15־טן יוני 1939) — פאַקטן אין טויזנטער אין יעטווידער שטאָט. און טענות האָב איך נישט צו די פּראָספּערירנדיקע אַנטיסעמיטן — אַלע האָבן רעכט מיך פיינט צו האָבן. קיין איין געזעץ קען קיינעם נישט צווינגען מיך ליב צו האָבן. טענות האָב איך צו זיך, צו אונדז יידן, וואָס מיר באַזאָרגן נישט זיך, דאָס פאָלק, די יוגנט מיט אַרבעט, מיט אַן עקאָנאָמישן באַזעס אויף אַן אָרגאַניזירטן סאָציאַלן אופן, פאַרוואָס מיר בעטן זיי ליבע, מיר קליאַנטשען גערעכטיקייט; מיר בעטלען וואָס אונדז קומט; פאַרוואָס מיר קענען שרייען, רייסן קברים אויף די היטלערס וואָס זיינען שוין אויסגעוואַקסן און אָנגעפרעסן מיט אונדזער בלוט, און מיר טוען גאָרנישט צו פאַרהיטן זיך, אַז די נאָך יונגע, קליינע היטלערלעך זאָלן נישט קענען בייסן כדי אָנצוזעטיקן זיך און צו וואַקסן. מיר קייקלען זיך דורות־לאַנג צום אָפּגרונט און מיר שווייגן במעט מיט מאַזאָכיסטישער צופרידנקייט. ערשט, אַז מיר ליגן שוין גאָר אונטן און אַלע שטיינער פאַלן אויף אונדז, דעמאָלט שרייען מיר, גוואַלדעווען מיר און... מיר קלאַפּן, גאָט צו דאַנקען, אין דער אייביקער צדקה־פּושקע.

כדי צו קענען זיך אָרגאַניזירן סאָציאַל, עקאָנאָמיש אין אַ גרויסן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן כוח דאַרף דאָס פאָלק — אַלט און יונג, קינד און קייט זיין נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגיש זיך באַוווסט און זיך אַכטנדיק

עס מוז זיין אין נשמה א נאציאָנאַל־גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט און א ווילן צו אזא מאָראַלישער און סאָציאַלער זיך אכטנדיקער זעלבסטשטענדיקייט, צו אָט דער פרימיערער נאַציאָנאַל־גייסטיקער אייגנשאַפט פון „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר". אָן אָט דעם געפיל קענען קיינע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָגראַמעס, קיינע וועלטישע משיחישע באַוועגונגען נישט ראַטעווען דאָס פאָלק פון מאָראַלישע און פיזישע פיין און צרות. "געבאָרן צו קריכן, קען מען נישט פליען", (מ. גאָרקי) און אָן א שטאַרקן ווילן פריי צו זיין, קען קיינער פריי נישט ווערן. די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק וועט קומען דעמאָלט בלויז, ווען יידן וועלן באַגערן זיך צו באַפרייען נישט נאָר פון צרות, נאָר אויך פון פרעמדע גליקן. באַפרייען זיך פון פרעמדן שלעכטס וועט מען ווען מען וועט זיך באַפרייען פון וועלן פרעמד גוטס. שטרעבן צו גוטס, שטרעבן צו גוטס צווישן פרעמדע, מוז מען אויפנעמען אויך דאָס שלעכטס, אָן אָט דעם דראַנג צו גייסטיק־מאָראַלישער, צו קולטור־פּסיכאָלאָגישער אויטאָעמאַנסיפּאַציע, (נישט פּאָליטישער!) מוזן מיר בלייבן ווי אן אַפּענדיקס ביי אנדערע אָרגאַניזמען זיך און אנדערע אויף צרות. און אָט דער באַפרייונג־דראַנג קען קומען נאָר און נאָר דורך דער יידישער קולטור, דורך א טיפן אריינדרינגען און דורכדרינגען זיך מיט דער יידישער קולטור. אָט דאָס איז די ראָלע און די אויפגאַבע פון דער יידישער קולטור. „וחי בהם" — די גאַנצע תורה און מצוות זיינען דעמאָלט ווערט ווען דורך זיי קענען יידן לעבן. עס איז נישט די פראַגע צי עס איז ווערט צו לייענען די יידישע ליטעראַטור אָדער נישט („אינזיך" 52), ווי א לערער פאַרזיכער איך מיט דער גאַנצער פעסטקייט, אז אויף דער יידישער ליטעראַטור קען מען אויסהאָדעווען גייסטיק און קולטורעל צייטיקע און פולקאָמענע מענטשן. און דאָך, דאָך איז ליטעראַטור, שול, טעאַטער־קונסט בלויז א פונקציע פון לעבן און זייער מיסיע איז דאָס לעבן פון — פאָלק. עס איז א דריי איינסקייט מיט א שטאַרקער קעגנזייטיקער השפּעה: קולטור און שול — נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע באַוווסטקייט מיט מאָראַלישער שטאַנדהאַפטיקייט

און סאָציאַל־עקאָנאָמישע איינגעפונדעוועטקיים. דעה גלויבן, די האָפענונג אז יידן וועלן קענען לעבן אויף דער וועלט אָן יידישקייט איז באַנקראָט. ווי אַמאָל אזוי איצט איז דעם איינצלנעם יידן אלץ שווערער זיך איינצואָרדענען אָן דער הילף פון יידישן קאָלעקטיוו. דאָס איז מיין קאָנצעפציע.

דוכט זיך מיר אויס, אז א גרויסער טייל פון די יידישע שרייבער מיידן אויס צו טראַכטן בכלל. כל זמן עס לעבט זיך דאַרף מען נישט זאָרגן.

„פאַראַן בלויז א פּיצעלע היינט,
„טאָ פאַרשטערט אים נישט מיט זאָרגן״.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן אמאָל א משל פון א זיידן, וואָס פלעגט זאָגן:

—„ א מענטש איז טאַקע געקומען פון ערד און גייט צו דער ערד. דערווייל אָבער כאַפּט מען אריין א לעבעדיקע פינף און זיבעציק יערלעך מיט א טרונק בראָנפן״. דאָס האָט עס געזאָלט דינען פאַר א פעסטן ארגומענט, אז די אלע זאָרגענישן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג זיינען איבעריק. אָט דער יידישער שרייבער און קולטור־טוער האָט בכיוון פאַרגעסן, אז דער זעלביקער קלוגער זיידע האָט אין יענע פינף און זיבעציק יערלעך גאַנץ גוט געזאָרגט וועגן „עולם הבא״, פאַר זיך אויף יענער וועלט און פאַר די קינדער אויף דער וועלט.

א צווייטער טיפּ שרייבער און טוער זיינען פאַרנומען מיט קלאָגן אין די ד׳ אמות פון זייער ווינקעלע, פון זייער צימערל, נישט באַמערקנדיק אז אָט די באַזונדערע צימערלעך, ווינקעלעך ברעכן זיך, ווייל די גאַנצע הויז אונדזערע האָט קיין פונדאַמענטן נישט. קלאָגט איינער אויפן ביטערן גורל פון יידישן טעאַטער, א צווייטער זאָגט קינות אויף חורבן פון יידיש, א דריטער, — אויף די טובערקולאָזע יידישע קונסט און מוזיק. א פערטער קומט מיט אן איכה אויפן יידישן פאַרלאַג־וועזן און אלע זוכן... אביסל נדבות פאַר זייער צווייג. אָבער וואָס קענען העלפן סובסידיעס, נדבות פאַר די צווייגן, אז די וואָרצלען זיינען פאַרדאַרט אין טרוקענעם באָדן?

פאַראַן אַ דריטער טיפּ שרייבער: „כל זמן מען קען נאָך מאַכן אַ שטיקל לעבן, שטייען מיר דערביי. די קינדער וועלן שוין „אַרויס פון די ביזנעס".

און צולעצט — אַ פּערטע גרופּע יידישע שרייבער, וואָס וויינען און בלוטיקן אָט דעם „גלות השכינה", זיי בענקען און וואַרטן, אָבער — געקומען מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק ווי פּאַרטיזאַנער, פּאַרטרי־בענע, אַנטלאָפענע היימלאָזע, האָבן זיי געמוזט זיך אונטערגעבן דעם זאַטן אַלרייטניק, — האָבן זיי זיך אויסגעלערנט וויטאָקן טיף און שווייגן. אויסקעמפן ביסלעך, באַנוגענען זיך מיט וויפל עס לאָזט זיך. קעמפן זיי לאַנגזאַם, שטיל, ווייל צו שטאַרק איז דער „אַלרייטניק" ביי יידן, צו יחסנדיק דער אַלרייטניק און יאָרן קאַמף אין דעטאַל, האָט זיי אָפּגעוועגט פון אַלגעמיינעם גאַנצן.

און אַלע שרייבער האָבן אויף דעם געדאַנק וועגן קעמפן פאַר אַ גאַנצע יידישקייט געענטפערט מיט אַ ניין. ווער עס „וויל נישט", ווייל „מען דאַרף נישט" און ווער עס מיינט, אַז „מען קען נישט".

די ערשטע נעגאַטאָרן האָבן מיט זיין קריצעריי געשריען: „געטאָ, יאַרמעלקע־האָריזאָנטן, מיטלאַלטערישע קעלערן" און דעם איבע־ריקן גאָר נישט פרישן אַרסענאַל פון דער... השכלה, זיי צו לענגערע יאָרן. אין תוך אַריין וואָלט מען דאָ געקענט פּאָלעמיזירן, וואָרום —

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי: אויב איך וווין אין מיין היים, פיר זיך לויט מיין פּיראַבצע, עס זיך מיינע באַליבטע עסנס, פאַרברענג מיר מיט מיינע נאָענטע, לעב זיך מיט מיין שכן בשלום און פיר מיט אים אָפּט שותפות, אָבער לעבן לעב איך מיר אין מיין היים — דאָס איז זאָגט מען מיר „געטאָ". אָבער ווען כ׳בוי אין ערגעץ נישט פאַר זיך קיין היים ווי דער קוקו־פויגל וואָס האָדעוועט זיינע קינדער אין פרעמדע נעסטן, ווען איך יאָג זיך נאָך מיין שכן: ער אויף אַן אַנדער גאַס, איך — נאָך אים, ער אין אַן אַנדער קלוב, — איך נאָך אים, ער אין אַן אַנדער שטאָט־פּערטל, — איך נאָך אים... דאָס איז נישט געטאָ? — ניין. עס איז נישט „געטאָ" אָבער עפּעס, וואָס איז טויזנט מאָל ערגער פון געטאָ. ווען אַ ייד גייט אין אַ לאַנגער

קאַפּאָטע און רעדט יידיש אין נאס — איז דאָס געטאָ. און אז א ייד ברעכט זיין צונג אין אלע לענדער אנדערש, בייט זיין נאָמען, לויטן לאנד, ווו ער פּאָרט אריין, האלט אין איין גרימירן זיין פּנים און זיין נשמה לויט דעם אויסזען פון באַלעבאָס, מאכט נאָך דעם שכנס גאנג, מישט זיך אין זיינע יום־טובים, פארליבט אין יענעמס לידלעך, מאכט נאָך דעם שכן אין עסן און טרינקען, בויט זיין שטוב לויט יענעמס געשמאַק און געוויינהייטן פון יענעמס דורות, דאוונט לויט דעם שכנס נוסח, פּוצט אוים זיין רב ווי דעם שכנס גלח, האָדעוועט די קינדער אין א נאָכגעמאכטער שפּראַך און קולטור, — וואָס איז דאָס? — ניין, עס איז נישט „געטאָ". אין געטאָ האָבן געלעבט מענטשן, וואָס האָבן געהאט אכטונג צו זיך. — דאָ אָבער — קנעכט, קנעכטישע נשמות און ווייטער גאָרנישט. מאַלפּעס וואָס מאַלפּעווען אלעמען. אסור אויב פריינט מלך ראַוויטש, וואָס האָט מיר מיט אלוועלטלעכער גדלות א וואָרף געטאָן „יאַרמעלקע־האָריזאָנטן", אסור אויב ער וועט מיר קענען באווייזן מיט וואָס יאַרמלקע איז ערגער פון ריטער־שפּאגע און יאכט־זאַק, מיט וואָס יאַרמלקע־האָריזאָנטן זיינען שמעלער און ערגער. יאָ פריינט ראַוויטש און אלע אנדערע היימלאָזע ברעקלעך־קלייבער פון אלע וועלטן, איך — האָב די ערע זיך פאָרצושטעלן: געטאָ־ייד און יאַרמעלקע־האָריזאָנט און אָט פון דאַנען ארוים וויל איך בויען מיין וועלט־אַל...

אָבער אומזיסט די פּאָלעמיק: די וועלן נישט באַנעמען ווייל זיי זיינען — אַסימילאַטאָרן, אסימילאַטאָרן מיט א ביסעלע לשון יידיש. אלע אסימילאַטאָרן האָבן ליב צו באַזאָלצן זייער גוייִשגירקייט מיט בשרע זאַלץ. יענע מיט טעמפּל, די מיט — א יידישן בוך לידער. די אלטע יענטע נאָר אַנדערש נעשלייערט, — אָט דאָס זיינען זיי אונדזערע ריטער פון דער אזוי צו זאָגן „פעלקער־קאָאָפּעראַציע", וואָס איר אמתער טייטש איז די אָנגעשטאַלטיקע, ווייכהויטיקע קריכערישע באַשעפעניש, וואָס האָט ליב צו לעבן אין לייִדיקע פרעמדע מושלען. די וועלן נישט באַנעמען ווייל זיי ווילן נישט באַנעמען. אנדערש איז אָבער מיט די וואָס ווילן זיך און אונדז איינריידן, אז אין אַמע־

ריקע קענען יידן בשום אופן נישט שאפן קיין יידיש לעבן, ווייל „עס איז דאָך אמעריקע". אָבער איך קען בשום אופן נישט פארשטיין און קיינער האָט עס מיר נישט אויפגעקלערט, וואָסער „אמעריקע" שטערט די יידן צו זיין פולע יידן? ווער צווינגט יידישע ציימונגען צו שיקן צו זייערע לייענער בריוו דווקא אין ענגליש? ווער צווינגט יידישע אינסטיטוציעס צו ווענדן זיך צו זייערע מיטגלידער דווקא אין ענגליש? ווער צווינגט יידישע קרעמער וואָס לייזן בלויז פון יידן צו האלטן אָפן זייערע געשעפטן שבת? ווער צווינגט יידישע שרייבער וואָס לעבן פון יידישן וואָרט, צו ריידן אין זייערע היימען מיט זייערע קינדער נישט יידיש? וואָסער „אמעריקע" לאָזט די רעליגיעזע יידן בויען און אויסהאלטן ישיבות און לאָזט נישט די וועלטלעכע יידן אויסהאלטן קיין גאנצע שולן אין זייער גייסט? לאָמיר הערן וואָסער „אמעריקע" לאָזט עס נישט אנטוויקלען א יידישן קאַלעדזש, א יידישע הויך־שול? וואָס — וואָס, קיין רעכט וועט נישט פעלן... ווער שטערט די יידישע יידן צו קאָנצענטרירן זייערע היימען אין א יידישן שטאָט־ווינקל מיט יידישע גאסן, מיט יידישן אויסזען?... ווער לאָזט נישט? פארוואָס ווארפן שולד אויף אמעריקע, בשעת די שולד איז מן הסתם ערגעץ אנדערשוווּ? אפשר איז עס דערפאר וואָס... א קלוגער שרייבער, וואָס קוויקט מיט זיין חכמה א וועלט מיט לייענער דרייסיק יאָר, וועט זאָגן, אז איך בין א — בטלן... זאָל מען מיר זאָגן קלאָר און דייטלעך, פארוואָס „מיר קענען נישט" אין אמעריקע בויען א יידיש לעבן. אפשר איז דאָס דערפאר, ווייל — מיר ווילן נישט, ווייל מיר אליין האָבן נישט קיין שטארקן גלויבן און ווילן, מיר זיינען נישט גרייט, מקיים צו זיין קיין מצוות, טואונגען, מעשים לשם אונדזער יידישקייט? אפשר ריידן מיר וועגן אונדזער יידישקייט מער וויפל עס איז באמת? אפשר איז אונדזער יידישקייט בלויז א געביט פון כבוד־באפרידיקונג פאר די נישט־רייכע שיכטן? בלויז א טעמע צו שרייבן ארטיקלען? אָבער אמתע יידישקייט קען זיין בלויז, ווען זי איז „בכל לבבך ובכל נפשך" — מיטן גאנצן הארצן. יידישקייט קען געבויט ווערן דורך פארעקשנטע, געטרייע מסירות

נפשדיקע מענטשן. סתם ריידערייען פון יידישקייט און יידישע קול־טור איז — „חילול השם" — פּראָפּאַגאַציע, און צום סוף לאָמיר רעזומירן די אַלגעמיינע געדאַנקען, כדי עס זאָל זיין גרינגער אויפצו־נעמען זיי.

1) דער ציל פון דער גאַנצער סאָציאַל־קולטורעלער אַקטיוויטעט איז דאָס איינהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק ווי א גאַנצן. אַנ־דערע פעלקער האַלטן זיך אויף אַנדערע, אויף מאַטעריעלע יסודות. עס איז דער גורל פון יידן, אז דאָס יידיש פאָלק האַלט זיך צוזאַמען אויף א גייסטיקן יסוד אויף אַן אַקטיוון ווילן צו יידישקייט, אויף אַקטיוון וויליקן פּראַקטיצירן יידישקייט.

2) אָט די יידישקייט, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין לעבן (די „יידישקייט פון לעבן איז קולטור און שטייגער, וואָס אַמאָל פלעגט מען דאָס רופן „תורה און מצוות"" און זיי פאַרענדערן זיך אין גאַנג פון דורות. יעטווידער דור און זיין קולטור. אונדזער קולטור איז די „תורה" פון אונדזער צייט און אָן איר קען דאָס יידיש פאָלק נישט האָבן קיין קיום.

3) אָן דעם קיום פון יידישן פאָלק ווי א גאַנצעם איז נישטאָ קיין שום האָפענונג פאַר באַזונדערע יידן צו עקזיסטירן, איינצוהאַלטן זיך אויף דער וועלט. דער גלויבן אין „עמאַנסיפּאַציע", ד"ה — אין מעג־לעכקייט פאַר יחידים־יידן צו לעבן סוספּענדירט, אָן א יידישער גע־מיינזאַמקייט — איז אויף אייביק באַנקראָט.

4) דעמאָקראַטיעס וועלן קענען העלפן יידן, וועלן וועלן העלפן יידן, ווען די לעצטע וועלן קומען צו זיי ווי סאָציאַל־פּאָליטיש אָר־גאַניזירטע געמיינשאַפטן. צעשטויבטע, אינפילטרירטע יידן וועלן נישט קענען געהאָלפן ווערן, נאָך מערער — אַזוינע צעשטויבטע יידן־מאַסן זיינען א סכנה פאַר דעם עצם מהות פון דעמאָקראַטיע: עס איז אַם גרינגסטן צו צעברעכן די דעמאָקראַטיע דורך יידן־העצע און פּאָגראָמען אויף יידן־שטויב.

5) אָט די לעבנס־נייטיקע סאָציאַל־פּאָליטישע אָרגאַניזירטקייט פון יידישן פאָלק אין דער וועלט קען קומען בלויז דעמאָלט, ווען

יידן־יחידים וועלן זיין דורכגעדרונגען מיט א נאַציאָנאַל־קולטורעלן באוווסטזיין. דאָס איז דער איינציקער זינען, די אויפגאַבע פון דער יידישער קולטור און דערציונג. קולטור — און דינסט פון לעבן.

6) אלע אונדזערע קולטור־טעטיקייטן, ליטעראַטור, פּובליציסטיק, שולן, וויסנשאַפטן, פּאַרבאַנד, קונסטן, — וואָס זיינען נישט דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון יידישן לעבן, פון יידישער קולטור־סאָציאַלער אָרגאַניזירטקייט, — אַלע די זיינען געגליכן צו א מאַשין וואָס איז צעגלידערט: אַלע רעדעלעך זיינען דאָ, נאָר קיין אַרבעט, קיין לעבן איז אין זיי נישטאָ.

7) אַלע יידישע קולטור־טוער, שרייבער, לערער, וואָרטזאָגער, וואָס זיינען נישט דורכגעדרונגען מיט דער אידעע, זיינען אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען, — רעאַקציאָנער, ווייל זיי העלפן די רעאַקציע־כוחות אויף דער וועלט. זיי מעגן זיך האַלטן סוביעקטיוו פאַר קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן, זיינען זיי אָבער אָביעקטיווע מיטהעלפער פון דער רעאַקציע.

8) אַלע יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען וואָס אַנערקענען נישט אָט דעם פּרינציפּ פון יידישן לעבן, באַזירט אויף דעם קולטור־באַוווסטזיין און שטייגער פון יידן אויף דער גאָרער וועלט, — אַלע אַזויגע באַוועגונגען, מוזן אָביעקטיוו־געשיכטלעך ווערן נעגאַטיוו. דען זיי העלפן אָפּשוואַכן דעם באַוווסטזיין, שוואַכן זיי אָפּ דעם קאָלעקטיוו כוח צו שאַפן, צו בויען, במילא שוואַכן זיי אויך אָפּ די כוחות, וואָס דאַרפן בויען זייער אייגענעם אידעאַל.

9) יידן אין אַמעריקע זיינען ביי היינטיקן טאָג דער העגעמאָן קיבוץ פון גאַנצן יידישן פאָלק. כל זמן ער און אַנדערע וועלן אים האַלטן פאַר א מילך־קו, וואָס גיט צושטייער קולטור נאַציאָנאַלע שאַפונגען אַנדערשוווּ, כל זמן דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ וועט זיך נישט דורכדרינגען מיט א קולטור־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, — איז זיין קיום אין סכנה און במילא איז אין סכנה דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע קולטורעלע און פּאָליטישע אונטערנעמונגען אומעטום, אויף דער גאָרער וועלט.

10) קיינע אָביעקטיווע שטערן און מניעות פּארוואָס מען זאָל אין אמעריקע נישט קענען בויען קיין קולטור און סאָציאַל עקאָנאָמישן קולטור לעבן זיינען דערווייל נישטאָ. אַלע מניעות זיינען, ווייל מען וויל נישט, מען פוילט זיך, מען האָט נישט קיין גלויבן, ווייל דער חלק איז נאָך נישט אויפן האלדז... מער נישט. אָבער וואָס א טאָג ווערט דער יידישער קולטור באַוווסטזיין שוואַכער, די יוגנט — מער דערווייטערט, פרעמד, די עקאָנאָמישע פּופּריזאַציע — גרעסער, די דיסקרימינאַציעס — שטארקער, דער סאָציאַלער כוח פון יידן ווערט אַלץ קלענער, פּאָליטישע וואָגיקייט פון יידישן קיבוץ — אַלץ קלענער און קלענער... און אז די ביטערע לעצטע שעה וועט אויך אהער אָנקומען, — ווער וועט ראַטעווען? ווער קען ראַטעווען? ווער זאָל ראַטעווען?

אָט דאָס איז אין קורצן די „כל התורה כולה" פון מיין אידעען; גאַנג, אָפּלאַכן, אויסבטלען איז גאָר קיין קונץ נישט. אדרבא — זייגען דאָ אנדערע וועגן, בעסערע — טאָ לאָמיר זיי קענען לערנען, לאָמיר זיי הערן. איינס איז קלאָר: סתם „קולטורעווען", פּאַרווײַלן זיך מיט קולטור, „אויסלעבן" זיך מיט קולטור איז נאַריש בשעת דאָס לעבן איז נישט זיכער. זשורנאַלן, ביכער, לידער, ארטיקלען... צו וואָס די האָר, אז דער קאָפּ איז אין סכנה?

זיין אָדער נישט זיין —

און זיין מוזן מיר, ווייל אונטערגיין קענען מיר נישט, אפילו ווען מיר ווילן עס. און דעריבער: דורך אַלע וועגן צו איין ציל, דורך אַלע טעטיקייטן צו איין אידעע — אָרגאַניזירן דאָס לעבן פון פאָלק. אָן דעם איז נישטאָ קיין זינען אין קיין זאַך, נישטאָ קיין מזל ברכה אין גאָרנישט, ווייניקער פון אַלץ האָבן דעמאָלט א זינען — ארטיקלען.

שפּראַך איז מער ווי שפּראַך

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין דער יידישער פּרעסע באהויפּטונגען אז די שפּראַך פון יידן אין אמעריקע איז סוף כל סוף ענגליש. אין לעבן האָבן עס שוין קענטיק אָנגענומען אלע אָדער כמעט אלע יידן אין אמעריקע. איינע מיט פאַרדראָס, אנדערע מיט צופרידנקייט. „אָאָס, זאָגט מיר איינער, שלאָגט איר זיך מיט ווינטמילן? זעט איר נישט, אז אייער קאַמף קעגן ענגליש איז פאַר־לאָרן? די יוגנט רעדט דורכוים ענגליש. מען פרייט זיך, ווען יידישע קינדער פאַרשטייען וואָס מען רעדט צו זיי אין יידיש. אין געשעפט, אין געזעלשאַפט — אומעטום איז דאָך ענגליש. אַ קאַריערע מאַכט די יוגנט מיט ענגליש, היינט וואָס וועט נאָך זיין מיט יאָרן שפּע־טער?"

יידישע יידן שווייגן און ווילן נישט דערמאָנען, ווי מען באַמיט זיך צו פאַרגעסן בכלל פאַרדראָסיקע זאכן. אנדערע גיבן נאָך: די פּאָ־זיציעס פון יידישן לשון אין אמעריקע זיינען פאַרלאָרן, דאַרף מען באַטש ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך אין ענגליש, טאָ לאָמיר זיך פרייען מיט עפּעס וואָס איז נאָך געבליבן. איז דאָ נישט לאַנג האָט אַ וועלטלעכער יידישער פּובליציסט, וואָס אליין איז ער קעגן רעליגיע זיך געפרייט מיט דעם, וואָס עס זיינען דאָ יידן אין אמעריקע פרומע, רעליגיעזע יידן אויך אויף ענגליש. לאָמיר זיך טרייסטן מיט עפּעס. די גרעסטע טייל יידן זיינען פאַרקערט גאָר צופרידן. היינטיקע יידן

פעלט די אַמאָליקע פּאַרעקשנטקייט. היינטיקע יידן געפעלט אַלץ וואָס איז נישט זייערס, היינטיקע יידן האָבן אַזוי ווייניק דרך ארץ צו אַלץ וואָס איז זייערס. אָט די היינטיקע יידן זיינען אַזוי גערן צו ריידן אַ פרעמדע שפּראַך, זיך צו רופן מיט נישט־יידישע נעמען, צו פּראַוועון נישט יידישע יום־טובים, אַז נישט נאָר זיי פאַרדריסט נישט, — זיי זיינען גליקלעך, שטאָלץ און גרויס ביי זיך מיט זייער ענגליש, און נאָך מער מיטן ענגליש פון זייערע קינדער: „אָז, וואָס רעדט איר, מיין מאַקסימיליאַנטשיקל איז קיין עין הרע אַזוי ווי אַן אמתער ענג־לענדער, וואָס רעדט איר?" „מיין קינד, זאָל געזונט זיין, האָט אַן אמתן גויישן פּנים". אַלץ וואָס איז יידיש שמעקט דעם יידן מיט „געטאָ" און ער האָט עס נישט ליב, וויל ער אַנטלויפן פון יידישע גאַסן, פון יידישע שכנים... איז אים אָבער צווישן נישט־יידן אומעטיק, איז ער דאָרט איינזאַם. פאַרשטעלט ער זיך און זיינע קינדער פאַר נישט־יידן און עס איז אים גוט: אי אים איז היימיש, אי ער איז פאָרט נישט קיין „געטאָ־ייד". אָט די אַלע יידן האַלטן פאַר דער גרעסטער זכיה ווען מען לאָזט זיי אין ריידן און אין פירן זיך פאַרשטעלן פאַר נישט־יידן... אַז מען וועט זייערע קינדער נישט לאָזן פאַרדינען, וועלן זיי שווייגן; אַז מען וועט פון זיי ווייכן און אויסמיידן זיי, וועלן זיי זיך נישט מאַכן וויסנדיק. וועט מען אָבער חלילה זיי נישט לאָזן נאָכמאַכן אין שפּראַך און אין מנהגים — דעמאָלט וועלן זיי שרייען: „גוואַלט! מען באַראַבעוועט אונדזערע רעכט!"

וועגן וואָס גייט עס דאָ? איז דאָס סתם אַ סענטימענט צו אונ־דזער קינדהייט, אַ בענקשאַפט נאָך אונדזערע באָבעס און זיידעס, נאָכן קליינעם שטעטעלע? — ניין און ניין. אַ שפּראַך, וואָס הונדער־טער דורות מאַמעס האָבן אויף איר גערעדט הערט אויף צו זיין אַ מאַמע־לשון, אַ באָבע־לשון, — זי ווערט אַ פאָלק־לשון. אַזוי איז העב־ רעיש געווען אַריבער צוויי טויזנט יאָר, אַראַמיש — אַריבער טויזנט, און יידיש שוין באַלד טויזנט. יידן האָבן גענוצט די דריי. און דער סימן איז — יעדע שפּראַך וואָס אידן האָבן גערעדט כדי צו זיין גלייך צו נישט־יידן איז אַסימילאַציע. יעדע שפּראַך וואָס יידן

האָבן גענוצט כדי זיך אָפּצושיידן פון נישט־יידן איז יידיש. איז יידיש די פאָלקס־שפּראַך פון יידן. נישט וועלן זיך צונויפגיידן מיט דער מאַמען הייסט אָפּזאָגן זיך פון דער מאַמען. אָפּזאָגן זיך פון יידיש הייסט — אָפּשניידן זיך פון יידישן פאָלק. פּשוט און קלאָר. יידן האָבן געביטן זייער שפּראַך, אָבער אַן אומקום איז עס דורכגעגאַנגען בלויז דעמאָלט ווען אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן זייַנען געווען אָפּגעזונדערט פון נישט־יידן און אין לעבן איז געווען די כוונה צו זיין אָפּגעשיידט. פאַרקערט אָבער: אַלע מאָל ווען יידן האָבן געביטן זייער שפּראַך כדי צו זיין גלייך מיט נישט־יידן האָט עס געפירט צום אומקום דורך אסימילאַציע. ענגליש אין צפון־אַמעריקע, ווי שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש אין דרום אַמעריקע — זייַנען דער וועג צום אומקום. — איז אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך: נישט וועגן אויסקלייבן אַ שענערע, אַ בעסערע אָדער עפּעס אַן אַנדער שפּראַך, — ניין, עס גייט וועגן לעבן אָדער אומקום פון יידישן פאָלק. נישט פון יידיש רעדט זיך, — פון יידישן פאָלק. נישט פון יידישיזם אָדער העברעיזם רעדט זיך דאָ. די פראַגע איז אַן אויסגעטראַכטע, אין קולטור־לעבן איז זי נישטאָ. זי איז צוגעטראַכט: בלויז „יידישיסטן" מיט אסימילאַציע־גיריקע נייגונגען זייַנען קעגן העברעיש און פאַרקערט: בלויז העברעיסטן מיט אַן אסימילאַטאָרישן אונטערשלאַק זייַנען קעגן יידיש. — עס רעדט זיך וועגן אָרגאַנישער יידישקייט, וואָס איז דאָ דאָרטן וווּ עס איז דאָ אַ יידישע שפּראַך און וואָס קומט אום ווו קיין יידישע שפּראַך איז נישטאָ.

און נאָך עפּעס מוז מען גוט וויסן: אומקומען, ווערן אויס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. עס איז פאַראַן ערגערס: נישט קענען לעבן און שטאַרבן אויך נישט, און דאָס דראָעט אונדז. די האָפענונגען וואָס יידן האָבן געהאַט זיך צו אַסימילירן, צו ווערן אויס דורך אסימילאַציע, קענען מער נישט זיין. הונדערט פופציק יאָר האָבן יידן געטראָגן די האָפענונגען פון לאַנד צו לאַנד: פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פּוילן, רוסלאַנד און צולעצט אין אַמעריקע. יידן האָבן געקעמפט פאַר רעכט זיך צו אַסימילירן. און נאָך אַלעמען — אַ סוף:

קיין שום אַסימילאַציע איז מער נישט מעגלעך, קיין שום סאָציאַלע סביבה וועט ווייטער קיינע יידן אין זיך נישט אַסימילירן, זיי ווערן אָפּגעשיידט, אָפּגעטיילט ווי א נישט צעלאָזבאַרער שטאָף אין וואַסער. די עלטסטע אַסימילאַציעס — אין איטאַליע, אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד — אין גאַנץ מערב־אייראָפּע האָבן געפּלאַצט. בלויז די גאָר יונגע זיינען דערווײַלע געבליבן — רוסלאַנד און אַמעריקע. און נישט היטלער האָט עס געמאַכט. ער האָט בלויז פאַרשוועכט דעם פּרינציפּ „פאָלק", נישט ער האָט געשאַפן דעם פּרינציפּ פאָלק. און מער וועט שוין איין פאָלק זיך נישט מישן מיט א צווייטן. קען אָט דער נייער פאָלק־פּרינציפּ ווערן פאַר אַלע פעלקער א ברכה און פאַר יידן א קללה. נישט לעבן — נישט שטאַרבן. געגליכן צו א פראָש אין פּרעפּאַריר בעקן: דעם מעסער וואָס שניידט שפּירט עס, אָבער זיך דירן, אַנטלויפן קען עס נישט. דאָס איז ערגער פון אומקום. דאָס איז ערגער פון טויט. דאָס דראָעט אונדז. וועגן דעם גייט עס, נישט וועגן אויסקלייבן זיך ווי א ריינע שיינע כלה — א נייע שפּראַך.

אָבער — דאָס זיינען דאָך אַלץ גערדאַנקען. וואָס זאָגט דאָס לעבן? ווי האַלט עס מיט דער סטאַטיסטיק? וויפל קינדער פּשוט און פּראָסט ריידן יידיש, דערציען זיך ווי יידן? — נישט וויכטיק. פון אייביק אָן זיינען יידן צעקריגט מיט סטאַטיסטיק, מיט געשיכטלעכער לאָגיק. וואָלט סטאַטיסטיק געווען פאַר אונדז מאַסגיבנדיק, וואָלטן איצט געדאַרפט זיין א סך צענדליקער מיליאָנען יידן. וואָלט געשיכטלעכע לאָגיק געווען ריכטיק, וואָלט פון יידן קיין שריד ופליט נישט געזאָלט בלייבן. דער כוח פון יידישן קיום ליגט אין דעם, וואָס תמיד פלעגט זיך געפינען א קליינע גרופּע יידן, וואָס פלעגט נישט קוקן אויף דער מערהייט און אַליין גיין קעגן אַלע שטראָמען. דער כוח פון יידישן לעבן ליגט נישט אין צאָלן, נישט אין סטאַטיסטיק, נישט אין געזעצמעסיקייט, נאָר — אין עקשנותדיקן גלויבן פון קליינע גרופּעס, פון מינדערהייטן צווישן יידן. „איינער פון א שטאָט, צוויי פון א משפּחה". ל"ו — זעקס און דרייסיק פּשוטע גלויביקע צדיקים און דער קיום פון יידן איז געזיכערט. און אַלעמאָל איז דאָס יידיש פאָלק געווען א מינדערהייט צווישן „יידן".

א. גאָלאָמב

אָבער פאַקטן. ווי קען מען לייקענען פאַקטן?

ווי צו די וואָס זיינען קורצזיכטיק צו זען בלויז אונטער דערנאָז, — און דאָס רופן זיי פאַקטן. איז אין דרויסן זוניק און וואַרעם, גלייבן זיי, אַז אייביק וועט זיין אַזוי. איז דער הימל פאַרוואָלקנט, — איז שוין ביי זיי די וועלט אין טרויער. איז „גוט" א לאַנד, גלייבן זיי אין אייביקייט. עס זיינען פאַראַן „פאַקטן" און פאַקטן. איז לאָמיר זען. הונדערט פופציק יאָר האָבן יידן גערעדט דייטש, געלערנט דייטש, געשאַפן דייטשיש, רייך געמאַכט קולטורן, געגרייסט זיך מיט דעם. פון היינע ביז וואַסערמאַן, ביז ווערפל, ביז די צווייגס, פון מענדעלסאָן ביז הערמאַן קאָהן, פון הערץ ביז איינשטיין. הונדערט פופציק יאָר איז די שפּראַך פון דייטשע יידן געווען דייטש, זיינען יידן געווען דייטשן צווישן דייטשן, האָבן יידן הונדערט פופציק יאָר געשאַפן יידישע וויסנשאַפט אין דייטש, און וואָגיקע וויסנשאַפט. איז דאָס א פאַקט. א פאַקט איז אָבער אויך אַז דאָס דייטשישע פון יידן ווערט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, אַז דאָס יידישע פון דייטש איז שוין טויט פאַר טויטע אין די קברים פון אַרכיוון, אָבער נישט לעבן. און שרייבט עס נישט צו היטלערן. גיט אים נישט מער „קרעדיט" וויפל אים קומט. אויך אָן אים איז נישט בעסער. אָט האָבן יידן אין רוסלאַנד געשאַפן אין רוסיש א לענגערע צייט (דאָס ערשטע ווערק אין רוסיש אין 1802 פון לייב נעוואַכאָוויטש). געשאַפן גוט. דיכטער און פעיקע בעלעטריסטן, דערציילער, וויסנשאַפטלער און זשורנאַליסטן. פון אויבן אַראָפּ האָבן זיי געקוקט אויף די וואָס שרייבן אויף יידיש, אויף „זשאַרגאָן", געגרייסט זיך, שטאָלץ געווען: דאָס זיינען מיר די קולטור־יידן פון גרויסן לאַנד", נישט די וואָס „שרייבן פון רעכטס", וואָס דרוקן זייערע שריפטן מיט די „אַסירישע קוואַדראַטלעך". נאָך מיט זיבן און אַכציק יאָר צוריק האָט זיי דאָרטן גערינדעט א געזעלשאַפט „צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן די רוסישע שפּראַך און בילדונג" (זע טשעריקאָווער — געשיכטע פון דער בילדונגס געזעלשאַפט — פּעטערבורג, 1913, רוסיש) און ווער דאַרף עס איצט? בלויז שטאָף פאַר די מייז אין די אַרכיוון: ווער און ווען

וועט דער־מאָנען דעם טאַלאַנטירטן לעוואַנדאַ, דעם גאונישן אָרשאַנס־קי? און אויב פון לירישן פרוגן וועט בלייבן א זכר, איז דאָך דאָס נישט פון זיין רוסיש וואָס איז פאַר אים געווען דער עיקר, נאָר פון זיין יידיש, וואָס ער פלעגט אמאָל אַראָפּנידערן פון זיין הויכן רוסישן בכבודיקן טראָן אביסל זיך אויסצוווייצלען אין יידיש... און ווי לאַנג איז דאָס ווען שלום עליכם דער יידישער האָט זיך געבעטןביים רוּ־סישן „קריטיקוס" (דובנאָוו), ער זאָל באַוויליקן צו שרייבן א רעצענ־זיע אין דעם גרויסן און זייער געערטן רוסיש־יידישן „וואָסכאָד" אויך וועגן דער אָרעמער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור? — און אין רוסלאַנד זיינען דאָך פאַראַן מיליאָנען יידן, און קיין היטלער איז דאָרטן נישטאָ. נאָר אָדער — אָדער: אָדער יידן לעבן יידיש, האָדע־ווען זיך יידיש, דעמאָלט קענען זיי אויך שאַפן און אויך געניסן אין אנדערע שפּראַכן. אָדער יידן זאָגן זיך אָפּ פון יידיש לעבן, דעמאָלט איז זייער גאַנץ שאַפן און בויען — אויפן ווינט. האָבן יידן געשאַפן אין איטאַליעניש, אין שפּאַניש האָבן יידן גאָר א סך געשאַפן נאָך אמאָל אין גריכיש, שפּעטער אין אראַביש, און אַלץ, אַלץ דאָס בעס־טע און דאָס שענסטע פון דעם וואַלגערט זיך אין די מיסקאַסטנס פון פעלקער, אויב עס איז נישט געראַטעוועט געוואָרן אין א יידי־שער שפּראַך. אָט דאָס איז דער פאַקט. און דאָס געזעץ איז ווי עס איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן: אַלע שפּראַכן וואָס יידן ריידן, אַלע מעשים וואָס יידן טוען כדי צו זיין גלייך צו אַנדערע — אַלץ דאָס פירט צום אומקום. און פאַרקערט: אַלע שפּראַכן וואָס יידן ריידן כדי זיך אָפּצושיידן פון אנדערע זיינען יידישע און פירן צום לעבן. וואָלטן יידישע שרייבער געמעגט דאָס וויסן און אנשטאָט נאָכצוגיין נאָך בלומרשטע פאַקטן, האָמערן אין יידישע קעפּ אָט דעם איינציק אמתן פאַקט. וואָלטן זיי טאַקע דאָס געמאַגט. דאָס און נאָך א פאַקט: אין פוילן זיינען געווען קנאַפּע דריי מיליאָן יידן. אראָפּגענומען די אסי־מילירטע, זיינען געבליבן בערך אזוי פיל וויפל אין איין שטאָט ניו־יאָרק. האָבן יידן אין פוילן ארויסגעגעבן טאַלאַנטן, שרייבער, אַר־טיסטן, מוזיקער, חלוצים אין די טויזנטער, קעמפער, רעוואָלוציאָ־נערן. און די יידן אין ניו־יאָרק? וואָס וואַקסט פון זיי ארויס? זאָל

זיין אין ענגליש אַפילו? ווען זיי האָבן כוח צו קעמפן ווען מען וועט דאַרפן?

קענען יידן בויען שטעט און לענדער און — בלייבן פרעמדע. קע־נען יידן בויען און שאַפן קולטורן, וויסנשאַפט, רייכטימער — און עס איז אויפן ווינט. קענען מיליאָנען יידן קאָנצענטרירט צוזאַמען נאָכטאָן דעם שטייגער פון קליינע מינדערהייטן, און די יידן וועלן זיין די — קנעכט. און וועלן צווישן די מיליאָנען יידן זיין געציילטע מנינים אַזוינע וואָס האַלטן זיך פאַר זיך, וואָס ריידן זייער אייגן לשון, וואָס פירן זייער אייגענעם פיר אין שטוב און אין גאַס, — זיינען זיי די יידן, זיינען זיי דאָס יידיש פאָלק. עס קען נישט קיין קיין פאָלק וואָס לעבט מיט שפּראַך און קולטור געבאָרגטע ביי אַנדערע. איין מאָל פאַר אַלע מאָל און אויף שטענדיק. און אַלע די וואָס דערשרעקן זיך פאַר אייגנס און שרייען „געטאָ" — אַלע די זיינען מענטשן פון אַ נידעריקערן גייסטיקן מין. און אַלע די וואָס באַווייזן אייך מיט כלומרשטע פאַקטן, אַז עס איז בעסער צו גיין אין יענעמס וועגן, אַז דאָס זיינען די ריכטיקע וועגן, אַלע די זיינען נאָך אין זייערע נשמות קנעכט, וואָס ווילן בשום אופן נישט אַרויסגיין פון מצרים. זיי האָבן ליבער צו זיין קנעכט. פאַראַן אַזוי פיל, צופיל קנעכטישע נשמות ביי פרייע בירגער. וואָלט געווען דער חוב און די אויפגאַבע פון די שרייבער און וואָרטזאָגער, די גוטסגינער פון פאָלק, זיי זאָלן כסדר און אָן אויפהער לערנען דאָס פאָלק צו שאַפן פאַקטן, צו בויען פאַקטן לויט די באַדאַרפן און פאַרלאַנגען. לאָמיר זיך באַמיען צו הערשן איבער די פאַקטן און נישט פאַרקערט. דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן פרייהייט און קנעכטשאַפט. ווי צו אַ פאָלק וואָס אפילו זיי־נע שרייבער זיינען קנעכט ביי די „פאַקטן".

און דער גורל פון יידישן שאַפן אין ענגליש איז געחתמעט: עס וועט האָבן נאָך אַ קירצערן קיום איידער דאָס וואָס איז געשאַפן יידישעם אין רוסיש, אין פראַנצויזיש, און אָפּגערעדט שוין אין ד־טש. שוין איצט איז די לאַגע פון דער יידיש־ענגלישער פרעסע ק־אַנגעדיק און נעבעכדיק. און דאָס — ביי פינף מיליאָנען יידן. אָ־

פון טאָג צו טאָג

בער פון נישט־צעמענטירטן שטויב קען מען קיין געביידעס נישט בויען. פינף מיליאָן יידן זיינען נישט קיין יידיש פאָלק. עס איז שטויב פון א פאָלק און דער ערשטערע שטארקער ווינט קען עס, חלילה, צעטראָגן.

יידן קענען זיין אויך אָן יידישקייט, אָבער בלויז — אויף צרות.

שבת ווי אַן אינסטיטוציע פון יידישן קיום

איינע פון די סיבות פון אונדזער געפּאַלנקייט איז דאָס וואָס גאָר דער יידישער שטייגער און אונדזער גאָרע טראַדיציע איז פּראַקטאַמירט געוואָרן ווי דאָס אייגנטום פון רעליגיע, און אַלע יידן וואָס זאָרגן נישט פאַר זייער חלק עולם הבא אויף יענער וועלט, אַלע די זיינען פּטור פון אַל דעם יידישן. אָבער דאָס איז איינער פון די אמתע ליגנס וואָס הערשן אין אונדזער לעבן אַ דאַנק דעם וואָס מיר פוילן זיך אונטער צו טראַכטן. דער אמתער אמת איז אַז די גאַנצע יידישע רעליגיע איז אין תוך אַנדערש פון אַלע אַנדערע רעליגיעס, און פאַר אָט דעם גאַנצן סכום טראַדיציע און שטייגער וואָס מיר פאַרמאָגן פּאַסט זיך לגמרי נישט דער נאָמען רעליגיע. דען אַלע רעליגיעס זיינען בין אדם למקום, ס'איז דער חשבון פון מענטש מיט גאָט. צום נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק האָט עס קיין שייכות נישט. ענגלענדער בלייבן די זעלביקע ענגלענדער צי זיי זיינען קאַטאָליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן. דאָס זעלביקע מיט פּאָליאַקן, מיט דייטשן און מיט אַלע אַנדערע פעלקער. אַזאַ רעליגיע וואָס האָט נישט צו טאָן גאָרנישט מיטן לעבן פון פאָלק איז ביי יידן גאָר נישטאָ. יידן האָבן נישט קיין רעליגיע אין געוויינלעכן זינען.

דאָס וואָס מען רופט ביי יידן מיטן פרעמדן נאָמען „רעליגיע" איז גאָר אינגאַנצן בין אדם לחברו — פון מענטשן צום פאָלק. עולם הבא מיינט נישט דאָס באַצאָלן איטלעכן איינציקן מענטשן נאָכן טויט, נאָר די צוקונפט פון פאָלק ווי אַ גאַנצעס. דער גורל פון פאָלק איז אָפּהענגיק פון דעם אויף וויפל איטלעכער אינדיווויד איז צוגע־בונדן צו דער טראַדיציע פון פאָלק און צו זיין שטייגער. אַ פאָלק וואָס זיינע מענטשן קאָנען נישט אָדער זיי ווילן נישט אָפּהיטן זיין טראַדיציע קאָן נישט האָבן קיין צוקונפט. דאָס יידישע פאָלק קאָן נישט האָבן קיין קיום אויף דער וועלט, ווען יידן זאָגן זיך אָפּ אָפּ־צוהיטן זיין טראַדיציע און שטייגער. אין אַ קורצן אַרטיקל איז דאָס אוממעגלעך צו באַווייזן, אָבער עס איז אַזוי. די הויפּט־עלעמענטן פון טראַדיציע זיינען — פאָלקס שפּראַך און שבת. אַלע יידישע קי־בוצים וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פאָלקס־שפּראַך (אַמאָל — אַראַמיש און שפּעטער — יידיש), זיינען אונטערגעגאַנגען. צוערשט מאָראַליש און שפּעטער אויך פיזיש. דאָס אָפּזאָגן זיך פון פאָלקס לשון האָט תמיד געבראַכט צום אונטערגאַנג אפילו ווען מען האָט עס פאַרשריען מיט פויקערייַ פאַר העברעיש ווי די קאַראימען און די משכילים.

פונקט אַזוי איז אויך מיט שבת. אַלע פּראָבלעמען פון רעליגיע־זע דינים קאָן איך איבערלאָזן פאַר רבנים. מיך אינטערעסירט דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן רו־טאָג. כל־זמן יידן שטרענגען זיך אָן צוזופּאַסן זייער לעבן צו זייער טראַדיציע, פאַרמאָגן זיי נאָך נאַציאָ־נאַלע שעפערישע ענערגיע איינצוהאַלטן, צו שאַפן און צו בויען אַ יידיש לעבן דאָ ווו זיי זיינען אָדער אין אַ היים וואָס מען וויל בויען. ווען יידן גיבן אויף זייער גאַנצע טראַדיציע און זיי האַלטן אין צו־פּאַסן זיך צו יענעמס פאָרמעס פון לעבן, צו יענעמס טראַדיציע, דע־מאָלסט, — דעמאָלסט ווערן די יידן סובאָרדינירטע מענטשן. זיי נעמען קוקן אויף זיך ווי אויף מענטשן פון דער צווייטער מדרגה, ווי אויף מענטשן וואָס מוזן תמיד און דאַרפן תמיד אויספאָלגן יענעמס לעבנס פּרינציפּן. יידן פאַרלירן דעם דרך ארץ צו זיך אַליין, און אַזוי־

נע מענטשן קענען נישט שיצן זייערע געזעלשאַפטלעכע רעכט, קענען נישט פאַרטיידיקן זיך קעגן אָנפאַלן, זיי האָבן נישט די דרייסטקייט און די מוט צו אָרגאַניזירן זייער לעבן. ביסלעכווייז, אין משך פון אַ פּאָר דורות ווערן זיי מאָראַליש אַזוי שוואַך, אַז דער קלענסטער ווינטל קען זיי איינברעכן.

גערעכט זיינען די וואָס האָבן געזאָגט: „מערער ווי די יידן האָבן געהיט דעם שבת, האָט דער שבת געהיט די יידן". עס איז פאַר מיר קלאָר אַז וואָסערע עס זאָלן נישט זיין באַווייזן אַז אין אַ סביבה וווּ מען היט ניט אָפּ די צוויי פּרינציפּן פון יידישן לשון און פון יידישן שבת, וועלן נישט קאָנען אויסוואַקסן קיין שעפערישע טוער אויף קיין געביט פון יידישן לעבן. אַפילו דאָס פּשוטע לעבן פון יידישע מענטשן איז אין סכנה! כדי צו לעבן מוז מען האָבן ענערגיע. גייס־טיקע ענערגיע איז וויכטיקער פון פיזישער, ווייל פון מאַשינען קען מען זי נישט באַקומען. גייסטיקע ענערגיע קען אַ מענטש באַקומען נאָר דורך זיין שטייגער לעבן אין קינדהייט. נאָר דאָרטן וווּ עס איז אין שטייגער לעבן פאַראַן אויסגעהאַלטנקייט אָן קאָמפּראָמיסן קען מען אין קינדער איינפלאַנצן גייסטיקע ענערגיע אויפן גאַנצן לעבן. אין געטרייקייט צו נאַציאָנאַלער טראַדיציע וואַקסט אויס דער מענטשלעכער כאַראַקטער פון מענטשן. פאַר קינ־דער פון מערהייט פאָלק איז דאָס נישט קיין פּראָבלעם. אָבער פאַר דער מינדערהייט איז דאָך די גרעסטע וויכטיקייט אין לעבן. אַלע טעאָריעס אַז מען דאַרף זיך צופּאַסן, אַז יידן דאַרפן זיין ווייך ווי וואַקס און זיך קענען אַריינלעבן אין דער פרעמדער סביבה — אַלע טעאָריעס אַז יידן דאַרפן זיך באַנוגענען מיט אַ מינימום יידישקייט, אַט „וויפל עס לאָזט זיך" — אַלע אָט די טעאָריעס זיינען אַ סם, ערגער ווי אָפּיום, און ז״ער סם דערפירט אַלעמאָל ביז צו אַ גייסטיקן פּאַראַליז. אַ פאָלק מיט אַזאַ מין גייסטיקן פּאַראַליז מוז ווערן אַ פּאַ־סיווער אָביעקט אין פרעמדע הענט אַפילו אין דעמאָקראַטישע לענ־דער, אַ באַל וואָס איטלעכער שפּילער שלײדערט מיט זיינע פיס.

ווײל מען אויסהאָדעווען יידישע יוגנט וואָס זאָל קענען אוסשטיין

און ביישטיין, בויען און אויסבויען אַ פאָלק, אַ לאַנד; ווייל מען האָדעווען טרעגער און פירער פון אידייעס, ווייל מען אַז די קומענדיקע דורות יידן זאָלן קאָנען לעבן אַקטיוו און שעפעריש מוז מען זי באַזאָרגן מיט גייסטיקער ענערגיע. דאָס קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אויסגעוואַלטנקייט אין שפראַך, שבת, יידיש לשון און יידישער שבת זיינען די קאַנאַלן וואָס דורך זיי קאָן איינפלאַנצן אין קינדער די גייסטיקע ענערגיע פון דורות. נאָר דורך זיי. אין אַן אַנדער סביבה זיינען קליינע קינדער שוין פאַרסמט און פאַרמישפט אויף אַ שווער מאָראַליש ליידן אַ גאַנץ לעבן. קינדער וואָס גייען אַרום צו זעקס יאָר מיט אַ פראַגע „ווי איי עם אַ דזשו?‟ קענען נישט אויסוואַקסן קיין שטאָלצע מענטשן, קיין דרייסטע און מוטיקע מענטשן. פון אַזוינע קינדער וואַקסן אויס יידן וואָס קאָנען אַ גאַנץ לעבן בלויז קוקן צום באַלעבאָס אין די אויגן אַריין און זוכן אים צו געפעלן ווי איינע אַ געטרייע פיר־פיסיקע באַשעפעניש, און וואָס רופט קיינמאָל צו זיך קיין אַכטונג נישט אַרויס. אַזאַ און נישט קיין קלענערע איז די וויכטיקייט פון דער יידישער שפראַך און פון יידישן שבת פאַר דעם לעבן, און קיום פון יידן אויף דער וועלט. זאָלן פאַר די רעליגיעזע דינים פון שבת זיך זאָרגן די פרומע (עפעס זע איך נישט זיי זאָלן זיך שטאַרק באַמיען). פאַר דעם נאַציאָנאַל־וועלטלעכן כאַראַקטער פון יידישן שבתדיקן רו טאָג דאַרפן זיך זאָרגן אַלע יידישע סאָציאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן. איבערהויפּט — די אָרגאַניזאַציעס פון נאַציאָנאַלער יוגנט. עס דאַרפן זיך אָרגאַניזירן ספּעציעלע קאָמיטעטן מיטן סלאָגאַן: מיר ווילן רוען שבת. די קאָמיטעטן דאַרפן אַריינדרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן. שוין אין קאַמף פאַר דעם שבת וועט זיך אַנטוויקלען דער כאַראַקטער און די זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער יוגנט, די אַכטונג צום אייגענעם פאָלק. מען קאָן דאָך נישט אַכטן דאָס פאָלק כל זמן מען לעבט נישט מיט זיין לעבן. גיט מיר אַ יוגנט וואָס איז איינגעוווינט צו היטן יידיש און שבת, — און עס וועט זיין ווער עס זאָל קעמפן פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק בכלל. יידיש לשון

א. גאָלאָמב

אונ יידישער שבת זיינען די יסודות פונ אַ יידישער פּסיכיק אונ פונ יידישער מאָראַלישער אויסגעהאַלטנקייט, פונ יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אָן דעם איז נישטאָ ווער עס זאָל בויען דאָס יידישע לעבן אונ נישטאָ ווער עס זאָל בויען אַ היים פאַרן יידישן פאָלק.

וואָרצלען

מיין אמאָליקן פריינד ר׳ געצל
(דזשאָרדזש) סודאַק אין וויניפעג

אנומלט איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אין א הויז פון א יידישן אינטעליגענט. א הויז ווי אלע — די זעלביקע פרעמדע שפראך אין מויל פון די קינדער; דער זעלביקער גלויבן, אז מיר אליין, און דער פרעמדער שול, קענען נישט אויסהאָדעווען קיין פולקאָם אינטעליגענטע מענטשן — אלץ ווי אומעטום, נאָר אין שטוב איז פאראן אן אויבערשטיבל וואָס איז אָנגעפילט מיט ספרים און א טיש אין מיטן און א שטענדער. און אין שפּעטע נאכטיקע שעהן לייכט א קליין פענצטער פון יענעם בוידעם־שטיבל ארויס. פאראן נאָך אויך אזוינע „מאָדנע״ יידן.

און ווען מיר קומט אוים צו זיצן אין אָט דעם שטיבל, האָב איך עפּעס גאָר אן אנדער געפיל. עפּעס פיל איך זיך אנדערש ווי אין אלע אנדערע יידישע צימערן, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, ווי אויסגעשטאַט זיי זאָלן נישט זיין. און ערך אזוי וואָלטן מן הסתם געפילט בלעטער פון א בוים ווען זיי וואָלטן געקענט פילן זייערע וואָרצלען. זיצנדיק אין אָט דעם בוידעם שטיבל, דערפיל איך מיינע „וואָרצלען״: יאָ, וואָרצלען. ווייט און ברייט אין דורות אריין ציען זיך די וואָרצלען, און איך

פיל זיך פעסטער, זיכערער, איינגעוואָרצלט. דער שטענדיקער וואנדער־געפיל, א געפיל פון פארטריקנטע, הארבסטיקע און הארטע געוויקסן, אָפּגעבראָכן פון זייער וואקס אָרט און ווינטן טראָגן זיי איבער סטע־פּעס און פריירים. רוסן רופן זיי „פערקאטי פּאָליע" און יידישע שולן האָבן זיי א נאָמען געגעבן די „נע־ונדניקעס". אין די גראָבנס, ביי פּלוי־טן צעשיטן זיי זייערע זאמען ביז נייע הארבסט ווינטן וועלן זייערע אויסגעוואָרצלטע קינדער ווידער טראָגן. אָט דאָס איז מיין שטענ־דיק געפיל אין אַלע לענדער פון מיין וואָגלען. און צוזאמען מיט יע־נע געוויקסן נע ונדניקעס בענקען מיר נאָך א היים. אָט דאָס געפיל פאַרלאָזט מיך ווען איך זיץ אין אָט יענעם אויבערשטיבל מיט די ספּ־רים. וואָרצלען דערפיל איך; דאָ בין איך און איך דאָס בין איך. קלאָרער ווערט און רויקער; ביי זיך בין איך.

אָט איז דער קליינער „זכר רב" וואָס איך פלעג זיך מיט אים אזוי אָפט שפּילן אין מיין קינדהייט; אָט שטייט דער בעל הביתישער יום־טער „תלמוד בבלי" פון „האלמנה והאחים ראם"; אָט איז דער אַל־טער מאפו וואָס פלעגט מיך פארוויגן אין חלומות, און אָט גריסט מיך דער „התועה"*, וואָס האָט אמאָל אזוי אויפגעברויזט דעם פערצן יאָריקן יינגל, אָט איז דער „שירי שפת קודש", וואָס מיין זיידע, דער קפּדן פלעגט זיין מחבר רופן נישט אנדערש ווי בערקע מיכאלישקער ימח שמו וזכרו... מיין פעטער, א בארעדעוודיקער וויצלינג, פלעגט דערציילן בערקעס אפּיקורסישע שמד־שטיק און מיין טאטע דער גוט־מוטיקער אוהב שלום פלעגט שוין זינגען זיין —

אשאל למה	ואני עני
עשיר שמה	אל נשני
לו רב ענין	רק בעמלי
לו רב קנין	שת גורלי...

אָט איז דער „בעל הטורים" מיט צאָלן, גימאטריות, ראשי תי־בות און אָט שמייכלט דער שארפזיניקער, שפּיציקער אבן עזרה... מיין

*) „התועה בדרכי החיים" פון פרץ סמאָלענסקין.

פעטערס אבן עזרה. א פעטער האָב איך געהאט אין ווילנע, א פארהאָ־רעוועטער קרעמער. איז אָבער זיין הויפט פרנסה געווען — זיך קריגן מיט רבנים און זיי דערווייזן אז א פאטענט אויף א שענק נעמט א ייד אויף א גויישן נאָמען (יידן האָבן נישט געטאָרט) און סמיכה צו ווערן א רב נעמט א גוי (א פויער, א גראָבער יונג) אויף א יידישן נאָמען... נאָך א פרנסה האָט ער געהאט: זאָגן אלע שבת אין שול פאר עולם א פרשה חומש און צעקייען פאר זיי א שטיקעלע אבן עזרה. מיט א שטיקעלע אבן עזרה פלעגט ער אויך מיך מכבד זיין ווען איך פלעג קומען צו אים צו גאסט.

און אָט איז דער ברייט־בייניקער, אייזן פעסטער רמב״ם מיט גרויסע ברעמען און שפיציקע אויגן מיט זיין „שטאַרקער האנט״ („יד החזקה״). אלץ איז קלאָר און זיכער, רויק, פעסט, ווי א מעכטי־קער טייך־שטראָם אין זיין ברייטן געלעגער.

און אָט איז גאָר דער קריסטלעכער פּראָפעסאָר „אני הקטן יוחנן בוקשדאָרף, מלמד לשון הקודש בעיר בזיליה המהוללה״... און פון ווייטן שטייט ר׳ אליעזר זעירא וואָס טוט אָן שווארצע שיך און טרויערט אויפן חורבן פון ירושלים און פון ווייטן שפאצירט אן עק־זאלטירטער פלאם הארציקער און שארף צונגיקער ר׳ עקיבא. און דערביי א קאלטער, רויקער ר׳ מאיר...

וואָרצלען, וואָרצלען אין טיפע און ווייטע דורות אריין. פיל איך זיך איינגעוואָרצלט, פארוואָרצלט — עס איז היים.

האָב איך דען א צווייטע היים? א געאָגראפישע היים — ניין! — אין מיין שטעטל האָב איך געהאט מורא פאר שקצים און הינט, הינט און שקצים. בין איך גרעסער געוואָרן, זיינען געקומען פּאָ־גראָמען, ביילים, פּאָגראָמען — ערגערע שקצים, גרעסערע הינט; וואנדערונגען, וואנדערונגען איבער לענדער, קאָנטינענטן — ווו איז זי מיין היים, מיין פיזישע געאָגראפישע היים? לענדער האָבן מיר געשאָנקען בירגערשאפט, אפשר האָב איך גאָר אויסגענארט בירגער־שאפט, דאָקומענטן? קיין היים איז עס דאָך נישט. אין א היים מוז מען אריינוואקסן, מען מוז פון איר ארויסוואקסן, שטאמען. ווו אזוי

מיין היים, אויב נישט אין אַט די אַלטע ספרים פון בוידעם־שטיבל! פיל איך די וואָרצלען מיינע, וואָס פון זיי ציִ איך יניקה, פיל איך אין זיי די פונדאַמענטן פון אַ היים. אַן אַנדער מין היים וואָס קיינער, קיינער קען נישט הרוב מאַכן; איז דאָס אַ היים „של מעלה", אַ גייסטיקע היים וואָס שיצט און וואַרעמט אומעטום און אַלעמאָל.

אַז ווו איך ווענד זיך איז דאָך דו, דו, דו, דו!...

און מיין זון? און אונדזערע אַלעמענס זין? האָבן זיי דען יאָ אַ היים, אַ פיזישע? אַ מאַטעריעלע היים, אַ גשמיותדיקע? נאַרן מיר דען זיי נישט אָפּ, ווען מיר רעדן זיי איין אַז אָט איז זייער היים מיט לייטן גלייך? האָבן מיר דען זיך שוין נישט אָפּגענאַרט צענדליקער און הונדערטער מאָל, גלויבנדיק אין מענטשהייט, וועלט, פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, קולטור, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט און וויפל אַנדערע געטער האָבן מיר שוין נישט אויסגעטראַכט אַפּצונאַרן זיך און אונדזערע קינדער! און אָפּגענאַרטע פון אַלע געטער, ריידן מיר זיך איין נייע כדי ווידער צו בלייבן אָפּגענאַרט... און דערווייל — וואַקסט אַ יוגנט אויסגעוואָרצלט, אָפּגעשניטן פון איר שטאַם, ווילן מיר זי איינפלאַנצן אין פרעמדן באָדן, — און עס געלינגט נישט — עס נעמט זיך נישט אָן, — וואַקסן זיי נע־ונדניקעס, וואַנדערער פיזישע און גייסטיקע צוזאַמען, צעטראָגן צו ווערן פון אַלע ווינטן איבער גראָבנס, הינטער פּלויטן, אונטער שטיינער... היים, היים — און עס איז נישט קיין היים!

זאָרגן מיר פאַר די גייסטיקע וואָרצלען פון אונדזערע קינדער? זאָרגן מיר פאַר זייער געפיל, זיי זאָלן פילן די וואָרצלען און קענען ציען פון זיי יניקה און כוחות ווען זיי וועלן דאַרפן? ווען כלומרשטע היימען, צייטווייליקע היימען וועלן ווערן אויס? זאָרגן מיר דען זיי זאָלן זיין זיי אין זיך, מיט זיך? באַמיען מיר זיך דען אַז די צווייגן זאָלן פילן די געמיינזאַמקייט, די קרובהשאַפט צווישן אַנאַנד, די פאַרבונדנקייט מיט די זעלביקע וואָרצלען, דעם געמיינזאַמען אָפּשטאַם? וועד? ווו? וואָס? און וואָס קען אויפטאָן אין לעבן אַ דור, אַן אויס־

געוואָרצלטער? אין פרעמדע וועלטן ארײנגעזעצט אָבער נישט א־רײנגעוואקסן? מיט ווינטן געטראָגן זיך, אין זיך אַליין נישט ארײנ־געוואקסן?

און אז מיר לערנען שוין יאָ, מיר גיבן שוין יאָ אונדזערע קינדער א יידישע דערציִונג, ליידט זי אין בעסטן פאַל, אין די גליקלעכסטע אויסנאַמען פון צוויי גרונט־חסרונות, וואָס שוואַכן אָפּ די וואָרצלען וואָס מיר ווילן זיי געבן.

ערשטנס, האָבן מיר זיך פון עמיצן אָפּגעלערנט, אז לערנען איז בלויז די פונקציע פון שול און פון די שול־קינדער. דערוואקסענע, געענדיקט די שול זיינען פּטור שוין פון לערנען א גאַנץ לעבן. גע־לערנט אין שול א פּאָר יאָר און יוצא. לערנען, האָבן מיר זיך איינ־גערעדט איז עפּעס א מין איינהאנדלען א סחורה, וואָס מען וועט שפּעטער אפשר דארפן, לערנען מיינט כלומרשט אויסלערנען עטלע־כע טעקסטן, אָנשרייבן א בריוול אויב מען וועט דארפן און גענוג.

ניין, בנוגע צו וואָרצלען קען מען נישט יוצא זיין מיט אויסלער־נען. עס איז ווייניק זיך צו באקענען מיט זיי, — מען דאַרף מיט זיי לעבן א גאַנץ לעבן, געדענקען זיי און דענקען מיט זיי. אין יידי־שער דערציִונג איז נישט שייך צו זאָגן אויסלערנען עפּעס, ענדיקן, דורכמאַכן א קורס. נישטאָ קיין אָפּגעשניטענע שטיקער יידישקייט; דער ציל פון לערנען איז נישט צו דערגרייכן די מדרגה פון וויסן און יוצא זיין מיט דעם. ווער עס ענדיקט לערנען געזעגנט זיך מיט יידיש־קייט. אין יידישן לעבן קען זיין א רייד בלויז וועגן אויסלערנען לער־נען, צוגעוווינען צו דעם ווי צו א פונקציע אין לעבן, וואָס דאַרף זיך נישט איבעררייסן. לערנען איז נישט קיין אויפגאַבע פון שול קינ־דער, נאָר פון אלע יידן, גרויס און קליין, אלע גלייך. באַגרייפן מיר עס? טיילן מיר אוים צייט צום לערנען אין אונדזער טאָג? א ייד וואָס לערנט נישט רייסט אָפּ פון די וואָרצלען זיך און נאָך מער זיינע קינדער.

און צווייטנס — וואָס לערנען מיר? צי גיבן מיר טאַקע אונדזע־רע קינדער דאָס וואָרצלדיקע אין יידישקייט? צי פירן מיר זיי אריין

אין די אינהאַלטן וואָס מיט זיי האָט דאָס פֿאָלק געלעבט יאָרטויזנ־טער? צי פֿאַרבינדן מיר זיי דורך אונדזער לערנען מיט די וואָרצלען פֿון פֿאָלק? די וואָרצלען פֿון אונדזער פֿאָלק זיינען אין ספֿרים, — אָבער מיר האָבן דאָך פֿאַר די שולן אָנגעמאַכט סוראָגאַט ספֿרים, אויס־געטראַכטע, צוגעטראַכטע, ביכלעך. ביכער דאַרפֿן זיין עקטראַקטן פֿון די ספֿרים און זיי ווערן סוראָגאַטן, און אין זיי איז נישטאָ פֿון פֿאָלקס נשמה גאָרנישט, און צו זיינע וואָרצלען דערפֿירן זיי נישט. דאָס זיינען אפֿשר גאַנץ גוטע מעטאָדעס אויסצולערנען, אָבער זיי קענען נישט צוגעווינען צו לערנען. און אָן לערנען וואָס איז ווערט דאָס „אויס־לערנען?

מיר מאַכן דורך בעסער — ערגער אַ פּראָגראַם, און — צום לערנען אָבער קומען מיר ניט און ס׳איז אַ גרויסער שאָדן וואָס די וועלט ווייסט ניט פֿון אונדזער באַגריף „תורה לשמה". האָט מען ביי זיי אַלץ פֿאַרוואַנ־דלט אין אַ בוך וויסן, אין אַ קנעלן טויטע ווערטער. אָט, למשל, דאַרף מען לערנען נאַטור. מען דאַרף עפֿענען די אויגן פֿון דער יוגנט צו זען און צו באַגרייפֿן די ניסים פֿון גאָטס וועלט, פֿון זיינע מעשי־בראשית וואָס ווערן באַנייט טאָג איין, טאָג אויס. האָט מען פֿון דעם געמאַכט פֿאַרשריבענע פּאַפּיר, אַזויפֿיל און אַזויפֿיל זייטלעך, אויס־געלערנט, באַקומען די נויטיקע פּונקטן און גענוג. „און די ווערק פֿון זיינע הענט זען זיי נישט, און זיינע טואונגען באַמערקן זיי נישט". איז פֿון דעם נאַטור לימוד געוואָרן אַ טויטער ווערבאַליזם, וואָס מאַכט די נשמה גאָרנישט רייכער. איז דאָס לערנען מער נישט ווי אַ יאָך, אַן אָפּקומעניש וואָס קינדער מוזן דורכמאַכן. עלעהיי מאָז־לען. מיר האָבן אליין פֿאַרגעסן און פֿאַרפֿעלט די וועלט אויסצולער־נען דעם טעם פֿון תורה לשמה אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן דענקען אין גאָטס וועלט. דאָס איז אונדזער ק׳נד און מיר צאָלן דער־פֿאַר זייער טייער!

ניין, און ניין! מיר מוזן לערנען אַנדערש. נישט מיר דאַרפֿן ספֿרים פֿאַר דער שול, נאָר פֿאַרקערט, דאַרף מען די תלמידים ציען צו די ספֿרים. מוזן מיר מיט זיי נישט אויסלערנען די

ספרים, נאָר אויסלערנען לערנען די ספרים פון פאָלק. אויף א גאנץ לעבן. ס'איז גאָר אן אנדער לערנען און אויך נישט די ספרים וואָס מיר נוצן אין די שולן.

און ווייטער! — ללמוד ולעשות שטייט. יידישקייט קען מען נישט אויסלערנען אין די בעסטע שולן. מען מוז לעבן יידיש, מען מוז זיך פירן יידן, מען מוז מקיים זיין אין לעבן טאָג־אויס טאָג־איין. קינדער וואָס זיינען געוואקסן אין יידישן שטייגער און האָבן נישט געלערנט גאָרנישט, זיינען גראָב־יונגערישע יידן, אָבער יידן זיינען זיי. קינ־דער וואָס וואקסן אָן טראדיציע־שטייגער, מעגן לערנען זייער פיל, ווערן זיי דאָך נישט קיין יידן דורך דעם לערנען. יידישע קינדער וואָס וואקסן אין יידישע היימען מיט א יידישן שטייגער, מיט א יידישן אינהאלט און יידישע פאָרמען פון לעבן, — אזוינע קינדער דארפן לערנען, זיי וועט דאָס לערנען צונוץ קומען, ביי זיי וועט זיין פראָ־דוקטיוו דאָס לערנען. אָבער לערנען קינדער וואָס אין די היימען האָבן זיי נישט גאָרנישט פון יידישע פאָרמעס און אינהאלטן, זיי קאָן נאָך צומאָל דאָס לערנען אפילו שאדן ברענגען. ווער האָט עס אויסגעטראכט דעם ליגן אז א יידישע שול קען פון גוי מאכן א יידן? עס איז א טעות און א ליגן. ערגעץ איז דאָ א גמרא „ווער עס לערנט און איז נישט מקיים וואָס ער לערנט, איז ווי ער האָט גאָר קיין גאָט נישט" און עס איז ריכטיק. אייביק לערנען, אייביקע ספרים, פירן און היטן טראדיציע — דאָס איז יידישקייט. ווער עס טוט עס צוליב רעליגיעזע מאָטיוון פון שכר ועונש אויף יענער וועלט, דער איז רעליגיעז, ווער עס טוט עס כדי צו ציען ווייטער די „גאָלדענע קייט", דער איז א וועלטלעכער ייד. פרץ דערציילט וועגן דעם רב ר' זיסעלע, וואָס איז א גרויסער מקיל געווען אין אלע שאלות, אויי־סער חמץ בפסח, ווייל דאָס דראָט מיט כרת, פארשניטן ווערן פון כלל־ישראל. און פרץ גיט צו „א הויכער ענין". אין א צווייטן אָרט („צווישן צוויי בערג") שרייט אוים דער ביאלער רבי: „רבונו של עולם! בעסער מיט כל־ישראל אין גיהנום, איידער אליין אין גן־עדן". וועלטלעכע יידן וואָס ווילן א המשך פון יידישקייט גייען אין זעלביקי

ווען — מיט כל־ישראל, אויב אפילו מיין ראציאָ איז נישט צופרידן, סוף־כל־סוף — נישט דער ראציאָ פירט דאָס לעבן. וועלטלעכע יידן אָן א יידישן שטייגער אין שטוביקן לעבן, אָן א טראדיציע, פירן פון יידישקייט אין ערשטן, אין צווייטן, העכסטנס — אין דריטן דור. ווי די משכילים בשעתם: א משכיל, א „נייטראלער" ייד (דער זון), א משומד דער אייניקל.

אויף דריי יסודות האלט זיך איצט יידישקייט: טראדיציע אין שטייגער, ספרים און לערנען. און לערנען אין יידישן זינען מיינט ווי דאָס דעפינירט דער „יורה דעה" אין הילכות תלמוד־תורה: זיך קליגן צו פארשטיין איין געדאנק פון דעם פריערדיקן, ארויסדרינגען איין געדאנק פון דעם צווייטן, פארגלייכן איין געדאנק צו א דריטן, באַנוצן די גאַנגבארע מעטאָדן פון שאפן געדאנקען (מידות שה־תורה נדרשת בהם).. ביז ער וועט קענען באגרינדן אלץ וואָס ער האָט באקומען (געהערט). דער וואָס וואקסט אין די דריי עלעמענטן, דער האָט יידישע וואָרצלען געזונט און פעסט, דער וועט אויסהאָ־דעווען א פעסטערן דור, אָן איינגעוואָרצלטן, מיט א גייסטיקער היים וואָס קיינער קען נישט חרוב מאכן.

הײם און געטאָ

כל זמן דאָס קול פון יידישע קינדער איז דאָס קול יעקב,
קאָנען עשוס הענט זיי נישט אומברענגען (פון תלמוד)

מיר ווערן פארפלייצט פון עם־הארצות און קולטורלאָזיקייט. ניט וועגן אויסלערנען עטלעכע הונדערט יידישע קינדער עטלעכע הונדערט יידישע ווערטער רעדט זיך דאָ. עס ווערט זיך פון דעם, וואָס גרויסע מאסן, אפשר די גרעסטע מערהייט פון יינגערן דור, וואקסט אָן א וואָסער עס איז קולטור אין פשוטסטן זינען פון וואָרט. מען רעדט טאקע ענגליש, און ענגליש איז א שפּראך פון א גרויסער קולטור, אָבער אָט די פארענגלישטע מאסן יידן האָבן מיט דער שפּראך לגמרי נישט געירשנט קיין ענגלישע קולטור. שפּראך איז נאָר א לבוש פון קולטור, און אז מען טוט זיך אָן אפילו א קרוין, איינגעהאנדלט אויפן ביליקן מארק, ווערט מען נאָך ווייט נישט קיין קייסער...

קולטור איז טראדיציע, שטייגער, געוווינהייטן, דיסציפּלין אין פאָרמען פון דענקען און פון איבערלעבן דאָס לעבן. אונדזערע יונגע דורות וואקסן אמת, אין דער ענגלישער שפּראך, אָבער ווייט נישט אין דער ענגלישער קולטור. בלייבט פאָלק, דאָס גאנצע פאָלק פון מאָרגן, אָפּגעשניטן פון דער יידישער קולטור, ווי א בוים פון זיינע וואָרצלען, און אין קיין צווייטער נישט ארייגעוואָקסן.

און אָן א קולטור, אָן טראַדיציע, אָן סאָציאַלער און מאָראַלישער דיסציפּלין מוז קומען ווילדקייט און פאַרווילדונג, הפקרות, גאָטלאָזי־קייט, פאַרשקלאַפטקייט צו דעגענערירטע אינסטינקטן, פאַרקויפטקייט צו די נידעריקסטע, קיצלדיקע פאַרגעניגנס... מאָראַלישער חורבן, וואָס מוז ברענגען אויך פיזישן חורבן. לעבט א יוגנט מיט אָן איין־און־איינציקן שטרעבן צו א גוד־טאַים" — און אזא יוגנט קען נישט און קאָן נישט קענען בויען א לעבן. און ווער עס האָט אויגן צו זען און א האַרץ צו פילן — דער זעט און פילט ווי די שטאַרקסטע פעלקער קאָנען אַלץ פאַרלירן, אויב מען פאַרקויפט זיך צום אָפּגאָט פון א סטאַנדאַרד און א „גוד־טאַים". און מיר זיינען ווייט ניט קיין שטאַרק פאָלק.

„פוילע בלעטער פון בוים, גראָז צעטריקנט א גרוי,
א צעקראָכן געוויקס — קאָן זיי אויפלעבן טוי?" (ביאַליק)

קוקט זיך צו צו דער יידישער יוגנט: די ענגלישע שול האָט זי אויסגעלערנט ריידן, שרייבן, אָבער זי האָט איר נישט געגעבן וואָס צו ריידן, וואָס צו שרייבן; זי האָט איר נישט אויסגעלערנט דענקען, פילן, טאָן, אריינטראַכטן זיך, איבערצולעבן און אָפּצושאַצן דאָס לע־בן. מיטגיין מיטן שטראָם פון מאַסן־לעבן, אויספאָלגן און נאָכפאָלגן אַלע אויטאָריטעטן — דאָס האָט מען די יוגנט אויסגעלערנט, אָבער איינפלאַנצן סאָציאַלע שטרעבונגען און א פעיקייט צו קעמפן פאַר זיי דאָס מיידט די מלוכהשע שול בכיוון אויס: די מעכטיקע אין לאַנד נייטיקן זיך אין המונים פאָלגעוודיקע, זאָרגלאָזע, נאָכגייער־אַרבעטער, אָבער נישט קיין מענטשן פון א פאַרזיכיקן געדאַנק און ווילן. און צי קאָן און צי וועט קאָנען א יידישע יוגנט פירן א לעבן אָן א קאַמף? אָן אָן אָרגאַניזירטן, פאַרעקשנטן קאַמף פאַר רעכט און פאַר מעגלעכקייטן צו לעבן? צי קאָן אָט די דערציונג, וואָס די יידישע יוגנט באַקומט אין אַמעריקע, צוגרייטן זי צום לעבן? נאָר וויליק־בלינדע, וואָס ווילן נישט זען די אמתע לאַגע, קאָנען אזוי גלייבן! מיט יעדן טאָג ווערט די פאָדערונג פאַר א מאָראַליש־שטאַרקער און באַוווסטזיניק־אויסגע־האַלטענער יידישער יוגנט אַלץ שטאַרקער, די נויט אַלץ דרינגענדער.

און דער וועג צו ראַטעווען ליגט נישט אין דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטיק וכדומה, נאָר אין אינעווייניקסטער אָנשטרענגונג־באַוווּסטזיין, ווילן, מוט און גלויבן. און דאָס אַלץ קאָן מען דערגרייכן דורך — קולטור. עס איז נישט ריכטיק די מימרא: „אם אין תורה אין קמח". עס דאַרף זיין: „אם אין תורה — אין לעבן. אָבער קולטור איז נישט קיין סחו־רה, וואָס מען פּראָדוצירט צום פאַרקויפן אין די מאַרקן; נישט קיין אונטערנעמונגען „פאַר די מאַסן". קולטור איז: 1) דיסציפּלין אין שטו־ביקן לעבן — דאָס מוז איך טאָן, דאָס טאָר איך נישט טאָן; קולטור איז א סכום געבאָטן און פאַרבאָטן, מצוות און עבירות — רעליגיעזע, אָדער וועלטלעכע, אָדער נאַציאָנאַלע; 2(קולטור איז כסדרדיק לערנען, א גאַנץ לעבן לערנען, פאַרטיפן זיך, טראַכטן, דענקען; 3) קולטור איז סאָציאַלע אחריות, סובאָרדינירן דעם אייגענעם איך צו די אינ־טערעסן פון דעם כלל, פאַרבינדן די אייגענע אמביציעס מיט די אינ־טערעסן פון כלל.

דאָס איז דער זינען פון דעם „על שלושה דברים העולם עומד: על התורה, על העבודה ועל גמילות חסדים". קולטור איז נישט קיין זאַך, וואָס מען מאַכט זי — עס זיינען נאָרמעס אין לעבן, וואָס מען פירט דורך, קולטור און קולטור סחורה זיינען צוויי פאַרשידענע געביטן, וואָס מען טאָר נישט צונויפמישן. נישט די צאָל אָפּגעדרוקטע ביכער און די דורכגעפירטע פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען, קאָנצערטן וכדומה שאַצן דעם פאָלקס קולטור, נייערט די פעסטקייט און די אויס־געהאַלטנקייט פון זיינע לעבנס־פאָרמען. א פאָלק מיט א שטאַרקן און אייגענעם שטייגער אין לעבן האָט קולטור, אויב אפילו עס פאַרמאָגט נישט קיין ביכער און מוזעאומס און ביבליאָטעקן און טעאַטערן און קאָנצערטן און אנדערע אָנגענומענע פאָרמעס פון „קולטור". דאָס אַלץ איז קולטור־סחורה און נישט קולטור. קולטור פאַרקויפט מען נישט, מען פּראָדוצירט זי נישט פאַר קיינעם. עס איז דאָס לעבן, דאָס איז די אויסגעשפּראָכענע אייגנאַרטיקייט פון אייגענעם לעבן, די ספּעציפיש־קייט און פאַרזיכיקייט, די אנדערשקייט זיינע. און פאַרקערט: דער גרעסטער ייד מיט דעם גרעסטן יידישן וויסן, ידיעות און וואָס איר

ווילט אַליין מיטן שטאַרקסטן באַוווסטזיין און געטרייקייט, וואָס האָט נישט קיין יידישע אַנדערשקייט אין זיין לעבן, — איז ער וואָס ער איז, אָבער קיין יידישע קולטור פאַרמאָגט ער נישט.

איינע פון די וויכטיקסטע אַנדערשקייטן פון יידישן לעבן איז דאָס כסדרדיקע לערנען. לערנען — נישט ווי אַ מיטל עפּעס אויסצולערנען, נאָר ווי אַ גרונטיקער באַזים פון שטייגער לעבן. קיין שום אַנדער פאָלק האָט עס נישט און דאַרף עס נישט: אַלע אַנדערע פעלקער האָבן אַנדערע צעמענטן, וואָס בינדן זיי צונויף אין איין פאָלק — מאַטעריעלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, יורידישע וכדומה. ביי יידן איז דאָס לערנען — די שטענדיקע קאָנצענטרירטקייט אין נאַציאָנאַל־יידישע געדאַנקען און אידעעס — דער צעמענט. די תורה איז תורה נאָר דעמאָלט, ווען מ׳לערנט זי. די תורה, וואָס מ׳לערנט נישט, וואָס שטייט אין די שאַפעס, איז אַ טויטע תורה. דאָס איז דער „גוף פון דער תורה", ווען די נשמה איז שוין געשטאָרבן. יידן לעבן נישט מיט דער תורה, נאָר מיטן לערנען תורה.

דאָס זעלבע איז מיט דעם צווייטן פּרינציפּ — עבודה. נישט די ספּעציעלע גאָטעסדינסטן, נאָר די פאָרמען פון דער גאַנצער מענטשלעכער אַקטיווקייט — ווידעראַמאָל שטייגער פון לעבן.

און ווייל קולטור ליגט נישט אין זאַכן, וואָס מען פּראָדוצירט צום פאַרקויפן, דעריבער דאַרף מען זיך נישט איבערשרעקן, וואָס אַזוי ווייניק יידן זיינען יידן. ס׳איז פון תמיד אָן אַזוי. זיין אַ ייד איז ווייניק צו זיין געבוירן פון יידישע עלטערן. מען דאַרף נאָך באַוויסטזיניק און ווילן טראָגן אַ „יאָך פון פּראַקטישער יידישקייט" אויף דעם זיינען נישט אַלע יידן גיריקע בעלנים. אַלעמאָל און אייביק זיינען די מיטגלידער פון יידישן פאָלק געווען אַ מינדערהייט צווישן די יידן לויטן געבורט. אין צייט פון דרויסנדיקן דרוק, ווען מען לאָזט יידן נישט אַרויס פון יידישן ציבור, אין אַרויסגעצוווּנגענע געטאָס דוכט זיך אויס, אַז אַלע יידן זיינען יידן. עס איז אָבער אַ טעות: מיטגלידער פון יידישן פאָלק מוזן פאַרמאָגן אַן אייגענעם, אינעווייניקסטן צוציונגס כוח צווישן אַנאַנד; אין געטאָ איז דאָס אַ דרויסנדיקער כוח, וואָס

שטופּט ייד צו ייד קעגן דעם אינעווייניקסטן אָפּשטויס־כוח. און אָן אַן אינעווייניקסטער צוציונג בלייבט א גאז נישט פעסט אפילו אונטער א דרויסנדיקן דרוק. דאָס יידישע פאָלק איז תמיד קלענער פון דער צאָל יידן.

דאָס שאפן דעם אינעווייניקסטן כוח — דאָס איז די אויפגאבע פון קולטור און דערציאונג. מען דאַרף איינמאָל און אויף תמיד געדענקען: מיר וועלן מער נישט קאָנען לעבן ווי בירגער סתם. דער פּראָצעס פון אויסשיידן יידן פון צווישן אנדערע פעלקער וועט זיך שוין לאנג נישט אָפּשטעלן. אומאָרגאניזירט, יידן נישט אין ראַמען פון א יידנטום וועלן גאָר פּשוט נישט קאָנען לעבן. די שנאה צו אונדז איז א מעכטיקער אינטערנאציאָנאַלער כוח אומעטום און ער האַלט אין וואקסן און ער פארפלייצט און וועט פארפלייצן אַלע לענדער... מיר האָבן איבער דעם כוח קיין שום קאָנטראָל און קאָנען נישט האָבן. אַלע אונדזערע מיטלען זיינען געגליכן צו דעם פּלאַן פון יענעם פויגל, וואָס האָט געוואָלט מיטן שנאָבל אויסשעפּן דעם ים.

די ליבע און גוטע פריינטשאַפט איז אַלעמאָל בלויז אַ ספּאָראַדישע זאַך, שטערנדלעך אין דער פינצטערער נאַכט, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט מאַכן ליכטיק. און אויך אָט די ליבע און פּראָפּאָרציאָנעל צו אונדזער אינעווייניקסטער שטאַרקייט. קיינמאָל איז זי אָבער, אָט די ווער באַלע, אָנגעשטרענגטע, אַרויפגעצוווּנגענע אויף זיך, על פּי רוב צוגעטראַכטע פון יידן אַליין ליבע, נישט געוואָרן צו א געזעלשאַפטלעכן כוח. און דעריבער —

אַלע כוחות אויף דעם אינעווייניקסטן פראָנט. לאָמיר שאַפן נאַציאָנאַלע פארבינדונג, דיסציפּלין. און די דיסציפּלין דאַרף זיין:

1) א סאָציאַלע אַל־יידישע אָרגאַניזירטקייט איבער לענדער און איבער גרענעצן מיט שטייערן, פליכטן און געהאָרכזאַמקייט פון יחיד צום כלל;

2) קולטורעלע: א) אין שטייגער לעבן, וואָס אָן דעם קאָן מען נישט זיין קיין ייד, און -- דער עיקר — מ׳קאָן נישט האָדעווען קיין יידן; ב) אין וועלט־באַנעם און אין באַוווּסטזיין.

אַט די פּילזייטיקע דיסציפּלין קאָן דערגרייכט ווערן דורך דער־ציונג און לערנען.

און דערציען הייסט — איינגעוווינען קינדער פון אָנהייב אָן אין יידישע פירונגען און טעטיקייטן. לערנען מיינט נישט אויסלערנען סכומים וויסן — עס מיינט איינזאַפּן די מקורים פון דעם פאָלקס־גייסט און זיין אידעען־וועלט. איינזאַפּן דאָס אויף אַזויפיל, אַז דאָס זאָל נאָכדעם שווין אַליין ארויסקוועלן פון דער נשמה. בלויז דאָס הייסט באהעפטן די יוגנט צום פאָלק און זיין קולטור; בלויז דאָס איז ציען די אייביקייט, ווייטער שמידן די גאָלדענע קייט אין דער אייביקייט אריין.

די יידישע שול דאַרף נישט באַשטימען קיין קוריקולומס, וואָס מיט זיי ענדיקט זיך דער חוב פון לערנען. ניין און ניין! די יידישע שול דאַרף אויסלערנען איין זאַך — זי דאַרף אויסלערנען לערנען. לערנען אַ גאַנץ לעבן און מער נישט ווי לערנען. נאָר אַזאַ יוגנט וועט זיין בי־כולת צו בויען איר לעבן, דאָס לעבן פון יידישע קאָלעקטיוון און דורך זיי אויך דאָס לעבן פון יחידים יידן אויף דער וועלט.

ווי די וועלט וועט זיין, וואָס ס'וועט זיין אויף דער וועלט, זיי — אַט אַזוינע יידן און טאַקע נאָר אַזוינע — וועלן אויסהאַלטן. זיי זיי־נען דאָס דער סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט אין קיין קאַלכאַויון. אַט פאַרוואָס דאָ אין דערציען און אין לערנען — ליגט אונדזער הויפּט־כוח צו לעבן אויף דער וועלט.

פרייהייט אין קנעכטשאַפט

מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק האָט דער שטאָלצער אחד העם פון אונטער דעם צאַרישן יאָך און גזירות מוטיק אויפגעוואָרפן די דעמאָלט פרייע, עמאַנציפּירטע יידן פון מערב אייראָפּע, אז זיי זיינען קנעכט, נישט רוסישע יידן אין צאַרישער קנעכטשאַפט, נאָר זיי, די פרייע בירגער אין פרייע לענדער זיינע „קנעכט אין פרייהייט" און ציטערן ווי קנעכט איבער דער בייטש, וואָס קאָן שמייסן.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהערט עפּעס פאַרקערטס — פרייהייט אין קנעכטשאַפט. דער געוועזענער אַרעסטאַנט פון באַרימטן צאַרישן שליסעלבורג, פּראָפעסאָר יוזעף לוקאַשעוויטש, האָט אין א שמועס אמאָל מיר א זאָג געטאָן: „ווי גוט עס איז געווען, ווען ער מיט „ווערקאָן" (ווערא פיגנער) האָבן דאָרטן געפּאָרשט די ערד". איך האָב נישט ווילנדיק א ציטער געטאָן: גוטע זכרונות פון די שוידערלעכע שליסעלבורגער קאַזעמאַטן! דער אלטער פּראָפעסאָר האָט עס באַמערקט און מיט א שמייכל צוגעגעבן — „איך האָב דאָך דעמאָלט געשאַפן מיין „קאָנטינענטן־טעאָריע". דעמאָלט האָב איך דערפילט און אויף א גאַנץ לעבן פאַרפיקסירט וואָס אזוינס עס מיינט פרייהייט פון גייסט, וואָס קיין תפיסה קאָן נישט צוררייבן.

ב'לייען אלע טאָג ידיעות וועגן גזרות, צרות, פיין פאַר די יידן אין די ווענט פון געטאָ. וועגן אינעווייניקסטן לעבן פון די יידן דאָרטן

האָב איך בלויז איין מאָל געלייענט אַ באַריכט פונם לעבן אין וואַרשע־ווער געטאָ. און — עס איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן: וויפל כוח צו לעבן, צו האַלטן זיך, וויפל מוט זיך צו אָרגאַנירן, וויפל זעלבסט הילף, זעלבסט שוץ, וויפל קאָלעקטיווע זאָרג און אחר־יות! סאיז אַ ליגן די העלדישקייט, וואָס ווערט באַזונגען אין לערן ביכער, די העלדישקייט אין קאַמף, צו שלאָגן און צו שטאַרבן. ניין! אַ העלדישקייט איז צו קאָנען לעבן, — לעבן און בויען דאָס לעבן צו להכעיס אַלעמען. סדוכט זיך מיר אוים: איך זע די וואַרשעווער הויפן; קאַסטנס טיפּע און אין זיי קינדער־גערטנער מיט פריי‌ע אָנפירערינס און איך הער דעם האַרציקן קינדערשן געלעכטער אין די מויערן פון געטאָ. איך זע די געלע לאַטע. און עס לאַכט זיך מיר מיט די קינדער. און לאָמיר אַלע אָנטאָן די געלע... נישט לאַטע, נאָר כבוד־באַנד, און אַ לאַך טאָן דעם שונא אין זיין פינצטערן פּרצוף אַריין: דו האָסט געוואָלט די נשמה אונדז צעטרעטן, — איז הער, ווי מיר לאַכן! מיר לאַכן און וועלן לאַכן. מיר לעבן און וועלן לעבן, לעבן אין לאַפּע פון מלאך המות אַליין. — האָט מען ביי דער געטאָ צוגענומען אַלע פּאַרקן, אַלדאָס גרינס, — האָט די קהלה איינגעאָרדנט אַ פּאַרק פאַר די לע־בעדיקע אויף דעם בית עולם אין גענשע גאַס.

און דאָרטן, אין ווינקל פון דער „שרייבער־אַליי״, שטייט דער „אוהל פּרץ״. דאָרטן ליגט אַנ־סקי, דער אוהב ישראל, דער גלגול פון ר״ לוי יצחק, דינעזאָן דער גוטער, און דער רבי פּרץ אַליין. אַ לעבן געבלאָנדזשעט אין פרעמדע וועלטן. געקומען צוריק אין געטאָ אַריין און דערזען מיט זיין ביאַלער רבין צוגלייך אַ ווייןגאָרטן, אַ גן־עדן מיט גרויסע, שבת־יום־טובדיקע יידן.

פּרצס גייסט קוקט זיך איצט צו צו דער גרויסער, שעפערישער לעבנס־ענערגיע צווישן די קברים און חורבות. ער זעט ווידער זיינע יידן, וואָס גייען קאַסטראַי און היטן די יאַרמולקע („דריי מתנות״). און צוזאַמען מיט זיין „שפּאָלער זיידן״ מורמלט ער אין די הערצער אַריין: „ס״ אַי״ גוט!״...

אחד העמס „קנעכט אין פרייהייט האָבן זייער פרייהייט פאַרלוירן.

די בייטש האָט געררוט בלויז, און נאָך דער קורצער הפסקה טוט זי ווידער איר ארבעט... נו, און די געשמיסענע? — קנעכט זיינען זיי. קיין פרייען גייסט, קיין נשמה קיין פרייע האָבן זיי שוין נישט געהאט.

און קיינער ווייסט נישט וועמעס מאָרגן עס איז, און ווער עס וועט דאַרפן שטיין אין שווערע נסיונות. און ווו איז די זאָרג פאַר די אינעווייניקסטע מאָראַלישע כוחות? ווו און דורך וועמען און אין וועמען ווערן געבויט די גייסטיקע פעסטונגען, וואָס זיינען שטאַרקער פון אלע „מאַזשינאָ־ליניעס"? ווו זיינען זיי?

לאָמיר געדענקען: פרייהייט איז נישט אין געזעצן, רעזאָלוציעס, דעקלאַראַציעס, פּאַפּירלעך, צוזאָגן, אָפּמאכן, גוט־זאָגונגען און ליבע־דערקלערונגען. פרייהייט איז א בוים אין די נשמות פון מענטשן: מען מוז עס פלאַנצן, האָדעווען, קולטיווירן. טוט מען עס? תיק"ו.

זאָלן געגריסט זיין אונדזערע יידן אין די געטאָס. זאָל געבענטשט זיין דער יידישער מוט און כוח צו לעבן, צו שאַפן און צו בויען. בע־סער צו זיין פרייע אין קנעכטשאַפט איידער קנעכט אין פרייהייט.

1942

קנעכטישע יידן אין פרייע לענדער

דאָס איז לגמרי נישט קיין פראַגע פון געזעצן, — קנעכטשאַפט און פרייהייט ליגט אין מענטשן גופא, אין זיין נשמה. א קנעכט איז דער וואָס גיט זיך אונטער די פאַקטן: אַט אזוי איז דאָס און פאַרפאַלן. א פרייער מענטש שאַפט פאַקטן, ענדערט זיי, קעמפט מיט זיי און ער באַמיט זיך זיי צו באַהערשן און זיי צו פירן ווי ער געפינט פאַר בעסער און פאַסיקער.

זאָגט מיר א ייד: וואָס מאַכט איר גוואַלדן: עס איז דאָך א פאַקט, אז יידן ריידן מיט זייערע קינדער שפּאַניש, טאָ מאַכט שלום דערמיט און פאַסט זיך צו. איר ווילט איבערמאַכן די וועלט? עס איז אזוי און אַ סוף. הער איך ווי דער ייד רעדט און עס דאַכט זיך מיר אז איך הער דאָס נאָר ווי באַנטשע שוויַג, אַט דער זעלביקער וואָס ווייסט נאָר איין אידעאַל אַ בולקע מיט פּוטער און ווייטער איז ער ערגער פון אַ הונט: אַ הונט אַז מען שלאָגט אים, בילט ער, כאַפּט ער זיך בייסן, באָנטשע אָבער אַז מען באַליידיקט אים, אַז מען שלאָגט אים ווייסט נאָר איין זאַך — ער שוויַגט און שמייכלט. באָנטשע קעמפט נישט קעגן פאַקטן, באָנטשע נעמט זיך נישט אונטער איבערצומאַכן די

וועלט. עס לוינט זיך נישט אָנצוהייבן. „גענוג אַז מען פאַרדייעט וואָס מען עסט, און די וועלט וועט איר נישט איבערמאַכן".

אַזוי זאָגט ערגעץ קולבאַקס א העלד אַן אייניקל, קענטיק, פון באַנטשע שוויג.

צו פיל באַטשעס זיינען פאַראַן ביי יידן! צו פיל! און איבערהויפּט זיינען זיי צו פיל אין די פרייע אַמעריקעס! נישט אומזיסט האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק אַ שטאָלצער ייד פון צאַרישן רוסלאַנד, אחד העם געוואָרפן צו די פרייע, „געבילדעטע" יידן אין מערב אייראָפּע, צו די „עמאַנציפּירטע" און אַסימילירטע יידן געוואָרפן צו זיי זיין „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" און זיי באַוויזן ווי צוויי מאָל צוויי אַז זיי די פרייע, די באַפרייטע זיי זיינען נאָר די קנעכט, די פאַרשקלאַפטע נשמות. און נאָך מער פאַרשקלאַפט זיינען די יידן אין דער פרייער אמעריקע. אַז דער גוף איז פאַרשקלאַפט, קעמפט מען ביז ער ווערט פריי, — אַז די נשמה איז א קנעכטישע, ווער וועט קעמפן, ווער וועט זיך באַפרייען? אַז מען שלאָגט יידן אין באָסטאָן — שלאָגט מען, מען דאַרף זיך מאַכן נישט ווויסנדיק; אַז מען מאַכט פּראָצענט נאָרמעס אין די אוניווערסיטעטן, — שווייגט, לאָמיר הויך וועגן דעם נישט רעדן; אַז מען בויקאָטירט יידן און מען גיט זיי נישט ארבעט, קיין שטעלעס, — מילא, טוט מען אַן אויפן האלדז אַ צלם און מען פאַרשטעלט זיך פאַר אַ גוי. אַז די שנאה צו יידן שיפּעט איבער די גאַסן, אין טויזנטער בלעטלעך און אין מיליאָנען מיילער, — שאַ שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער „וואָס קען מען טאָן?"

לויפן „גרויסע" יידן צו גוטע גויים און מען בעטלט אוים א גוט וואָרט, און מען קוויקט זיך, און מען פאַרגעסט אַז מיט גוטע ווערטער לעבט מען נישט, — מיט אייגענע כוחות לעבט מען... באַנטשע שוויג איז צופרידן: א גוטער גוי האָט אים פאַר געלט צוגעוואָרפן אַ שמייכל (און שפּעטער זיך אָפּגעקערט און אויסגעשפּיגן)... אָט אַזוי זעט אוים א פאָלק פון באַנטשע שוויגס, א פאָלק וואָס קלאָגט אויף קנעכטשאַפט און האָט נישט קיין ווילן און נישט קיין מוט זיך צו באַפרייען.

און פון וואַנען נעמט זיך אָט די קנעכטשאַפט? ווי הייבט זי זיך

אָן? — אָט פון דער הכנעהדיקער געפאַלנקייט אונטער די „פאַקטן".

עס איז א פאַקט אז יידן רעדן שפאַניש מיט זייערע קינדער. יאָ, עס איז א פאַקט. איינער פון די הונדערטער קראַנקע און צרהדיקע פאַקטן אין אונדזער לעבן, עס איז אַ קנעכטישער פאַקט, אַ סימן פון לעבן אָן א ברעקל אכטונג צו זיך, צום אייגענעם פאָלק. יידן האָבן נאָך א מאָל דרך ארץ פאַר זייער גאָט (אָדער אפשר נאָר מורא פאַר זיין שמייסן?), אָבער נישט פאַר זייער פאָלק און פאַר דעם פאָלקישן וואָס אין זיי. יידן רעדן מיט זייערע קינדער שפאַניש, ענגליש, פראַנצויזיש, פויליש, פּאָרטוגעזיש, רוסיש — אַלע שפּראַכן אין דער וועלט נאָר נישט יידיש. יידן רופן זייערע קינדער מיט אַלע נעמען פון דער וועלט נאָר נישט מיט יידישע. איז דער טריפער אדאָלף א שיינער נאָמען פאַר יידן, אָבער נישט אברהם, נישט יאָסל און נישט אורעמל. און פאַר וואָס? ווייל מיר זיינען קנעכט, עבדים היינו און מיר זיינען אזוי־נע ביז היינט.

קנעכט און דינסטן האָבן דרך ארץ פאַר זייערע באַלעבאַטים און באַמיען זיך זיי נאָכצומאַכן. אָט פאַר וואָס אַלע שפּראַכן פון דער וועלט זיינען שיין, א חוץ יידיש, אָט פאַר וואָס אַלעמענס נעמען זיינען אזוי צאַרט נאָר נישט קיין יידישע...

— עס איז אַ פאַקט אַז יידן רעדן שפאַניש מיט זייערע קינדער, — יאָ, עס איז א פאַקט! צו אַ קינד און צו א הונט רעדט מען גוייש — אַן אַלטער פאַקט. איז וואָס איז אָבער פון דעם פאַקט צו דרינגען? וואָס פאַר אַן אויספיר דאַרף מען מאַכן פון דעם פּאַסקודנעם, חזירישן פאַקט? — דער אויספיר איז איינער: מען דאַרף קעמפן, מען דאַרף אזוי לאַנג האַקן אין די מוחות, ביז וואַנען אַ טייל וועט פאַרשטיין און באַגרייפן, ביז וואַנען א טייל כאָטש וועט דערשפירן די קנעכטשאַפט און וועט באַפרייען זיך און די קינדער פון אָט דעם מיאוסן פאַקט. דער וואָס קעמפט נישט קעגן די פרעמדע שפּראַכן אין יידישע היימען דער קען נישט זיין קיין פרייער מענטש, דער וועט קיינמאָל נישט אויסגעלייזט ווערן, פאַר דעם וועט קיין שום משיח נישט קומען, קיין מאָל נישט. די באַפרייאונג פון א מענטשן הייבט זיך פון באַפרייען

זיך אַליין, פון אַכטונג צו זיך אַליין, צום אייגענעם לשון, צום איי־
גענעם איך... און עס איז דער פאַקט שוין אויך קיין פאַקט נישט: קול־
טורעלע, שטאָלצע יידן ריידן שוין מער נישט מיט זייערע קינדער קיין
פרעמדע שפּראַכן. באשר אַזוינע יידן זיינען פאַראַן ווייניק, דאָס מאַכט
נישט אויס. זעט איר יידן וואָס זיינען נישט אויסגעהאַלטן יידיש מיט
זייערע קינדער, ביי זיך אין די היימען, — זייט ווּיסן, אַז דאָס זיינען
נישט קיין קולטורעלע מענטשן. און עס איז שוין צייט אַז אַלע יידן
וואָס ווילן זיין קולטורעל און מענטשיש, זאָלן זיך אָפּגעוווינען פון
דעם נאַרישן, און קנעכטישן מנהג צו רעדן מיט זייערע קינדער א
פרעמדן לשון. שוין צייט, עס ווילט זיך אויסשרייען: יידן! זייט מענ־
טשן! וואָס מער יידן עס וועלן האָבן מוט און דרייסטקייט איבערצור־
רייסן מיט דעם מנהג פון פרעמדע שפּראַכן, אַלץ געזינטער וועט זיין
דאָס פאָלק, אַלץ מער האָפענונג וועט זיין ער זאָל זיך אויסלייזן, זיך
באַפרייען. יעדער יידיש היים דאַרף זיין אַ פעסטונג פון אויסגעהאַל־
טענער מענטשלעכקייט און אויסגעהאַלטענער יידישקייט.

דער גורל פון יידן און יידישקייט

אין ארטיקלען, אין אָפּהאנדלונגען וועגן דעם וואָס עס וואַרט אונדז אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה, לייענט מען תמיד אזא ממה נפשך: — וועט חלילה זיגן היטלער... וועט זיגן ענגלאַנד... ד"ה דער גורל פון יידישן פאָלק, פון יידן אויף דער וועלט הענגט אינגאנצן אָפּ פון דרויסנדיקע פאקטאָרן. יידן אליין, פאר זיך קענען דאָ גאָרנישט ווירקן, גאָרנישט ענדערן. דער גאנצער גורל פון גאנצן פאָלק ליגט ערגעץ אין פרעמדע הענט לגמרי. דאָס יידיש פאָלק פאר זיך קען בלויז אפשר העלפן, אפשר תהילים זאָגן, אפשר פראָפּאגאנדע מאַכן. אפשר „גאָט זאָלן געבן, דער בעסערער זאָל די מלחמה געווינען". אפשר וועט אונדז אויך בעסער זיין.

קיין פראַגע נישט — אָט דער אָדער — אָדער איז ריכטיק: היטלערס נצחון, חלילה ברענגט אונדז אומגליק; היטלערס מפּלה... גליק? ווייסן מיר נישט — דאָס הענגט דאָך אָפּ פון דעם „גוטן פאקטאָר" ווי גוט ער וועט זיין...

און דאָך איז די גאנצע פאָרמולע, די גאנצע פאָרשטעלונג נישט ריכטיק: נישט היטלער איז דער באַלעבאָס איבער אונדזער צוקונפט,

נאָר מיר אַליין. אונדזער לעבן, אונדזער מאָרגן איז לגמרי נישט אָפּהענגיק אַזוי פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן ווי מען שטעלט עס ביי אונדז פאָר. אונדזער לעבן איז לגמרי נישט קיין פּאַסיווער באַל וואָס ווערט געשליידערט פון עמיצנס פיס. ניין און ניין! אָט די גאַנצע אויפפאַסונג פון יידישן לעבן ווי א פּאַסיוון רעזולטאַט פון א כּוחות־שפּיל, וואָס שפּילט זיך ערגעץ אויסער אונדז — די טעאָריע איז פון א׳ ביז ת׳ פאַלש. זי איז א פּראָדוקט פון נישט וועלן קיין אַקטיוון יידישן לעבן. זאָל דאָס דאָ אָפן געזאָגט ווערן: די גורלות פון יידישן פאָלק ליגן אין יידישן פאָלק גופא, אין די הענט, אין די מוחות און איבערהויפּט אין די הערצער פון יידן גופא. איך ווייס — א סך וועלן אויפנעמען דעם זאַץ ווי א פראַזע — מאַלע וויפל פראַזעס מען שיט ביי אונדז! מיר זיינען צוגעוווינט צו פראַזעס, — איז דאָס אָבער נישט קיין פראַזע: נישט אין דער נאַטור, נישט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז דאָס לעבן נישט סתם קיין פּראָדוקט פון דרויסנדיקע באַדינגונגען און פאַקטאָרן. עס איז לאַנג אַריבער די צייט פון דעם נאַיוון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן גלויבן, אַז דאָס לעבן ווערט געשטאַלטעט, ווערט געפורעמט דורכוים פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן. און פון דער נאַטור־וויסנשאַפט זיינען דאָך אָט די פאַרשטעלונגען אַריבער אין סאָציאָלאָגיע אַריין. איז פּונקט ווי אין דער נאַטור קען נישט גילטן מער דער גלויבן אין דער אַבסאָלוטער מאַכט פון די דרויסנדיקע פאַקטאָרן, פּונקט אַזוי קען דער גלויבן מער נישט גילטן אין סאָציאַלן לעבן. איטלעכע באַשעפעניש אינדיווידועל, איטלעכע מין באַשעפענישן לעבט לויט די — אינעווייניקסטע — פּאָטענצן, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט אין די אָרגאַניזמען גופא. די דרויסנדיקע פענאָלאָגישע פאַקטאָרן שפּילן בלויז א סעקונדערע ראָלע. אין די זעלביקע סביבות, אין די זעלביקע דרויסנדיקע באַדינגונגען פּאַסן זיך אַריין פאַרשיידענע אָרגאַניזמען, וואָס זיינען פאַרשיידן ווייל עס זיינען פאַרשיידן און אַנדערשדיק זייערע אָרגאַנישע, אינעווייניקסטע, געירשנטע פּאָטענצן. פּונקט אַזוי לעבט איטלעך פאָלק אַזוי ווי זיינע פּאָטענצן ברענגען עס אַרויס. המן און היטלער, רעכט און רעכט־

לאָזיקייט, עמאַנסיפּאַציע און פּאָגראָמען — דאָס אַלץ זיינען דרויסנדיקע פאַקטאָרן, וואָס מאַכן גרינגער אָדער שווערער דאָס לעבן פון יידן. אָבער דאָס לעבן אַליין גייט לויט אינעווייניקסטע, אָרגאַנישע סטימולן פון די פּאָטענצן, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט אין יידן גופא. נישט היטלער קען חרוב מאַכן, נישט עמיצער א פארקערטער קען אויפלעבן דאָס יידיש פאָלק.

···ווילן מיר לעבן — וועלן מיר לעבן. אָט דער זאַץ איז דער אמת פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע פאַרן עבר און זיכער אויך פאַרן עתיד: די צוקונפט פון יידישן פאָלק הענגט אָפּ פון דעם אויף וויפל יידן ווילן, באַמיען זיך צו לעבן, פאַרלאַנגען עס. דאָס אַלץ.

אָבער וואָס הייסט דער „ווילן צו לעבן". איז דאָך דאָס ווידער אַן אַבסטראַקט וואָרט. — ניין, איך וויל דאָ זיין דווקא און דווקא קאָנקרעט שבקאָנקרעט. א פרימיטיווער ווילן צו לעבן איז פאַראַן אין איטלעכער באַשעפעניש אויף דער וועלט. דאָס איז דער אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם אינדיווידואום און דער פאַרמערונגס־אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם קיום פון מין. וואָס הייסט דאָ דער ווילן צו לעבן? — דאָס איז שוין לגמרי נישט קיין סתם עמאָציע, קיין אַבסטראַקטער פאַרלאַנג. עס איז דער סכום פון דער גאַנצער אַקטיוויטעט פון אָרגאַניזם, דער סך־הכל פון זיין גאַנצער פירונג אומאָפּהענגיק צי עס ווערט געמאַכט באַוווּסטזיניק אָדער נישט. אין חיהשן לעבן איז דער אינסטינקט אָפּט קורצזיכטיק, אָן אַן אויסרעכענונג פאַר דער וויטער צוקונפט. אין א נאָרמאַלער, געזונטער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז די זאָרג פאַרן קיום ווייטזיכטיקער, אויסגערעכנטער. עס טרעפט אָפּט אַז די אויסגערעכנטע, ווייטזיכטיקע זאָרג איז גובר די קורצזיכטיקע זאָרג פאַרן איצט, די זאָרג פאַרן מאָרגן איז גובר די זאָרג פאַרן היינט. עס טרעפט אָפּט אַז די זאָרג פאַרן קיום פון קאָלעקטיוו איז שטאַרקער איידער די זאָרג פאַרן אייגענעם אינדיווידואום. עס טרעפט אָפּט אַז די אַקטיוויטעט און טעטיקייט פון מענטשן איז אָביעקטיוו, אומאָפּהענגיק פון באַוווּסטזיין, געווענדט מער פאַר דעם קיום פון קאָלעקטיוו און נישט אַזוי היינט ווי אין דער צוקונפט. און

אזוי ארום איז פאראן א פשוטער איבערגאַנג פון געוויינלעכן קיום־אינסטינקט צום געביט פון אידעאַלן. וואָס הייסט א ווילן צו לעבן ביי יידן? עס קען זיין א פשוטע יאָגעניש נאָך עגאָיסטישער איינ־אָרדענונג היינט, א קורצזיכטיקער יאָגן זיך נאָך אינדיווידועלער צו־פרידנקייט און עס קען זיין א שטרעבן צו פארזיכערן דעם קיום פון קאָלעקטיוו אין דער צוקונפט.

אויך דעם באַגריף „לעבן" דארפן מיר אונטערשיידן — אַלץ הייסט לעבן! באָנטשע שוויַיג האָט אויך געלעבט... און דעם סוף פון באָנטשען האָט פרץ נישט באשריבן: גאָט האָט אים מיט עקל א בריקע געטאָן ביז ער איז געפלויגן איבער ימים מיט דער פרישער פעטער בולקע אין מויל, מיט דער גליקלעכער צופרידנקייט און שטאָלצקייט — „אהא, ווער האָט אויסגעפירט? — איך, באָנטשע"...

פאראן א לעבן, וואָס באשטייט פון „ברויט און פארוויילונג" און אפילו געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע ארבעט האָט אויך דעם איינציקן ציל — ברויט און פארוויילונג. דאָס איז א לעבן מיט דעם „פיצעלע־היינט", אָן אן אויסקוק פאר דעם מאָרגן און פאר מאָר־גנם בכלל. פאראן, פארקערט, א לעבן, וואָס באשטייט פון א שטרע־בן צו פארווירקלעכן א אידעע פארן מאָרגן.

קומט אוים אז לעבן און וועלן לעבן זיינען סינאָנימען. לעבן הייסטוועלן לעבן, שטרעבן צו לעבן; בויען א לעבן הייסט לעבן. באָנטשע שוויַיג — נישט דער הונגעריקער, נישט דער זאטער — קען עס נישט פארשטיין. אָבער נישט צו באָנטשען רעדט מען, נישט פאר אים שרייבט מען — גיי רייד צו א בלינדן וועגן קאָלירן און צום מיט בולקע זאטן באָנטשען וועגן אידעען.

און אָט אויף דעם לעבן, דעם אינעווייניקסטן, שטרעבנדיקן לעבן פאר א אידעע, — אויף דעם לעבן קען קיין היטלער נישט ווירקן.

אויב עס איז פאראן א אייביקע יידישע געשיכטע, אויב טיילן פון יידישן פאָלק האָבן דורך אייביקע דורות איינגעהיט זייער המשך, — איז דאָס בלויז א דאנק די, וואָס פאר זיי איז לעבן געווען א ווילן צו לעבן, א שטרעבן, א קאָנצענטרירטע אידעישע אויסגעהאלטנקייט

פאַר עפּעס א גלויבן. וואָס איז לעבן? — לעבן הייסט וועלן, שטרעבן, בויען, האָבן א אידעאַל, א גלויבן און אקטיוו פירן צו אים. צי קען א היטלער, צי ווער עס זאָל נישט זיין, זיין א באַלעבאָס אויף אָט דעם יידישן לעבן? איז דאָך דאָס יידיש לעבן לכל הפּחות צוויי טויזנט יאָר געווען אָט אזא אינעוויינעקסטער לעבן אין גלויבן. איז דאָך די גאַנצע געשיכטע פון דעם „נצח ישראל" געווען די מעשה מיט דעם יידן, וואָס ווערט געטריבן „קאַסטרוי" צווישן שמייסנדיקע ריטער, און ער גייט און טראַכט נאָר וועגן זיין יאַרמלקע (פּרץ „דריי מתנות").

וועט מען זאָגן: יענע יידן האָבן געהאַט א גלויבן, א גאָט, און מיר זיינען וועלטלעכע יידן. — איז עס ווידער נישט ריכטיק. וועלטלעכע יידן האָבן אויך א גלויבן. מענטשן אָן א גלויבן זיינען נישט קיין וועלטלעכע, נאָר בהמות, אוממענטשן. מענטשן אָן א גאָט אין האַרצן לעבן ווי אין א גיהנום ווו מען שטראָפט זיי מיט א כסדרדיקן יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגן, וואָס זעטיקן קיינמאָל נישט אָן. וועלטלעכע יידן, אמת וועלטלעכע, נישט הפקר־יידן און הפקר־מענטשן, וואָס זאָגן, אז זיי זיינען וועלטלעך, — אמת וועלטלעכע יידן האָבן זייער גלויבן און זייער גאָט נישט ווייניקער ווי די רעליגיעזע יידן. דער אונטערשייד צווישן די ביידע טיפּן יידן באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר די רעליגיעזע יידן איז דאָס יידיש פאָלק פאַר גאָט בעת פאַר די וועלטלעכע יידן איז גאָט פאַרן יידישן פאָלק. פאַר די רעליגיעזע יידן איז דער צענטער — דער גלויבן אין גאָט ערגעץ אין די הימלען און פאַר אים דאַרף מען טאָן אַלע מצוות, צוליב אים טאָר מען נישט טאָן אַלע עברות. פאַר די וועלטלעכע יידן איז דער עיקר דער קיום פון יידישן פאָלק. דאָס איז זייער גלויבן, און דער גלויבן אין קיום פון יידנטום און יידישקייט איז זייער גאָט, וואָס צוליב אים טוען זיי מצוות און טוען נישט קיין עברות. וועלטלעכע מצוות זיינען אזוינע זיינען מעשים וואָס שטערן דעם קיום פון יידישקייט, אָן יידישקייט, קען נישט זיין קיין וועלטלעכקייט — איז די גאַנצע פאַרמולע דעמאָלט א ליידיקע פראַזע, און פאַרוואָס?

וועלטלעכקייט איז אַן אדיעקטיוו, אַן אָפּשאַצונג פון עפּעס, וואָס איז פאראַן. יידישקייט קען זיין וועלטלעך אָדער רעליגיעז. היימען, מענטשן, געזעלשאַפטן אָן יידישקייט, איז דאָך אוממעגלעך וועגן זיי צו זאָגן וועלטלעך. א פלאַש א ליידיקע פון וויין קען דאָך נישט זיין נישט זויער, נישט ביטער, נישט זיס. א מענטש, א היים א ליידיקע פון יידישקייט קענען דאָך נישט זיין וועלטלעך אָדער נישט וועלטלעך.

און וואָס איז יידישקייט? — פאַר מיר (און איך בין זיכער, אַז אַזוי דאַרף עס זיין פאַר אַלע יידן) איז יידישקייט אַז אינהאַלט אין מענטש און אין זיין לעבן:

1) וואָס שיידט אים אָפּ פון אַלע נישט־יידן און

2) וואָס פאַרבינדט אים מיט דורות יידישקייט. וואָס איז די יידישקייט אין דעם מענטשן? — דאָס איז און דאָס קען זיין א גלויבן, א וועלט־באַנעם מיט אַן אויסקוק אויף דער צוקונפט, א אי־דעאַל, וואָס מאַכט דעם מענטשן אַקטיוו. און די אַקטיווקייט איז די יידישקייט אין לעבן, די מצוות און עבירות פון דעם מענטשן. אָן אָט דעם יידישן וועלטלעכן גלויבן זיינען אַלע ריידערייען וועגן יידיש־וועלטלעכע קהילות — ריידערייען... לאָמיר ריידן, כדי צו פאַרווייל־ן זיך מיט די רייד... מיט דעם „יידיש־וועלטלעכע גלויביקע יידן פאַריי־ניקן זיך", קען עס ווערן א תקופה אין אונדזער געשיכטע. דען דער גורל פון יידישן פאָלק אין זיין צוקונפט ליגט דאָך ביי יידן אין די הענט.

1941

אַביסל טערמינאָלאָגיע

אין אונדזער גרויסער קולטור־דעבאטע ביי היינטיקן טאָג איז
פאַראַן איין נישט געזונטער שטריך: מיר האָבן זיך נישט צונויפ־
גערעדט וועגן דער טערמינאָלאָגיע, — נוצן מיר די זעלביקע ווער־
טער און מיר פּלאָנטערן זיך אין די באַגריפן. דעריבער קענען זיך
נישט צונויפרעדן מענטשן אפילו נאָענטע. וויל איך זיך דאָ דער־
לויבן צו פּרובירן קלאָר צו מאַכן אייניקע טערמינען.

היים און געטאָ. — ווען א מענטש (אָדער א גרופּע מענטשן)
בויט אויף פאַר זיך אן אָרט ער זאָל דאָרטן קענען זיך פירן לויט
זיינע געוווינהייטן און זיטן, לויט זיינע נייגונגען און פאַרלאַנגען,
— איז דאָס א היים. היים איז דאָרטן, וווּ א מענטש איז באַלעבאָס
און זיין „איך" דיקטירט די פאָרמען פון לעבן. לעבט א מענטש אין
אן אָרט (אליין געבויט, אָדער נישט אליין — אלץ איינס), וווּ ער
מוז זיך צופּאַסן צו באַדינגונגען, זיטן, פאָרמען, טראַדיציעס, גע־
וווינהייטן פון אנדערע, — איז ער אין געטאָ. פּאַסט מען זיך צו
צו מיר, בין איך באַלעבאָס, בין איך ביי זיך אין דער היים. דאַרף
איך זיך צופּאַסן צו יענעם, בין איך אין דער פרעמד, בין איך צו־
גאַסט, אָדער אין געטאָ, אָדער אין תפיסה, מעג איך זיצן אין פּאַלאַ־
צן, גראַם, פריי, רייך, געפּוצט... קוים אָבער מוז איך פירן א שטיי־
גער, וואָס שטאַמט פון אנדערע, איז עס שוין נישט מיין היים. און

דער סימן? — יום טובים. רועז יידן אין זייער שבת — איז עס זייער היים. דארפן זיי רועז אין פרעמדן זונטיק, — איז עס נישט קיין היים. נישט פון רעליגיעזן שבת רייד איך דאָ. זאָל מען אין שבת קאָכן און באַקן, פאָרן צו גאסט, רויכערן, מאכן קאָנצערטן, פארזאמלונגען וכדומה, איז דאָס פון רעליגיעזן שטאנדפונקט גע־נומען שרעקלעך, פאר מיין באגריף פון היימישקייט, איז אזא שבת יידישקייט, — מיין פרייער טאָג ווען איך בין פריי פון מיינע גע־שעפטן און איך גיב אים אָפּ תּאר מיינע גייסטיקע באדארפן, ווי איך פארשטיי און ווי איך בין געניינט. טו איך דאָס אלץ אין פרעמדן זונטיק, בין איך אונטערגעיאָכט צו יענעם, אומאָפּהענגיק פון דעם צי מען צווינגט מיך אדער איך טו עס מיט מיין אייגענעם ווילן.

קומט אויס, אז אין צארישן רוסלאנד, אין שאָוויניסטישן פוילן זיינען יידן געווען מער אין דער היים ביי זיך איידער אין דער פרייער אמעריקע... געווים איז דאָס אזוי. יורידיש, לויט די געזעצן, קען זיין קומט אויס נישט אזוי, אָבער דאָס לעבן פירט זיך נישט לויט געשריבענע נאָרמעס, נייערט לויט אינעווייניקסטע סאָציאל־פּסיכאָ־לאָגישע געזעצן, וואָס הערן זיך ווייניק צו צו די געשריבענע פּאָ־פּירענע. איבעריקס, נישט איך האָב עס אויסגעפונען שוין מיט א פופציק יאָר צוריק האָט עס איינמאָל און אויף אייביק פעסטגע־שטעלט אחד העם אין זיין אומשטערבלעכן „קנעכטשאפט אין פריי־הייט". יאָ, איז עס אזוי: אמעריקאנער יידן האָבן פאר זיך נישט גע־בויט אין אמעריקע קיין היים. מער ווי א שטיקעלע „געטאָ" האָבן זיי גאָרנישט געוואָלט. זיי זיינען צופרידן און גליקלעך מיט די רעכט צו זיין נישט פריי, אונטערטעניק, זיי איז גוט, וואָס מען לאָזט זיי לעבן א פרעמד לעבן, וואָס מען צווינגט זיי נישט צו בויען א היים פאר זיך. דאָ וואָלטן מיר געדארפט זיך אריינטאָן אין א פסיכאָלאָגישער פּראָבלעם — פאר וואָס זיינען יידן אזוי להוט צו לעבן צווישן פרעמדע, א פרעמדן לעבן? פארוואָס ווילן יידן נישט פירן זייער אייגענעם זיטן־שטייגער, ווי אנדערע, וואָס „פירן מיט מיט זיך זייער היים" און היימישקייט, אפילו ווען זיי פאר־

פאַרן עק וועלט איינער צווישן מיליאָנען? פאַרוואָס יידן נוצן די ווערטער „היים" און „פרייהייט" פונקט פאַרקערט: קנעכט און נאָכמאַכער פון פרייען ווילן... אָבער די פראַגע איז שוין נישט קיין טערמינאָלאָגיע בלויז. דאַרפן מיר עס לאָזן. די אָבער, וואָס פּאָלעמיזירן אויף די טעמעס, דאַרפן קלאָר וויסן ווי צו נוצן די ווערטער. ווייל איז דעם מענטש, וואָס האָט זיין היים, נאָך בעסער איז יענעם, וואָס קאָן אומעטום שאַפן זיך א היים. ווי איז צו די וואָס פאַרוואַנדלען אַלע זייערע היימען אין געטאָס.

קולטור. — אויך א וואָרט, וואָס מען נוצט אַזוי פיל, אַז זיין אינהאַלט איז שוין אינגאַנצן אָפּגעריבן און מען נוצט אים. נישט ווייסנדיק וואָס עס איז אַזוינס.

קולטור איז נישט:

1) דאָס, וואָס מען פאַרקויפט פאַר געלט — וואָס עס ווערט פּראָדוצירט ווי סחורה פאַרקויפט צו ווערן — פאַרזאַמלונגען, אונטערנעמונגען, פאַרווייַלונגען וכדומה, אַלץ דאָס אָפּערירט מיט קולטור־אָביעקטן, אָבער עס איז נישט קיין קולטור, עס איז סחורה, האַנדל. עפּל אין גאָרטן זיינען שאַפונג, קולטור; די זעלביקע עפּל אין לאַגער זיינען שוין נישט מער ווי א סחורה. מיט קולטור האָט עס נישט וואָס צו טאָן. עס קאָן נאָר זיין א פראַגע, צי עס זאָל ליגן און פוילן אָדער מען זאָל עס אויסנוצן ווי געהעריק.

2) דאָס, וואָס עס איז געגנטיש פרעמד און האָט נישט קיין וואָרצלען אין לעבן פון דער סביבה. זיינען הייזעריקע פאָלקס־זינגער יאָ קולטור; און די בעסטע אָפּערעס געשפּילט אין טויטן קעסטל זיינען נישט קיין קולטור.

קולטור איז:

1) לעבנס טראַדיציע אין זיטן און אין שטייגער.

2) דיסציפּלין אין פאָרמען פון לעבן און אין רעאַגירן, וואָס צאַמט אין דעם מענטשן דאָס צופעליקע, דאָס ציטווייליקע, דאָס אויפגעכאַפּטע. די אינערץ פון דורות איז קולטור; דער סכום גע־

באַטן און פאַרבאַטן, וואָס דער אינדיווידוּם האָט אָפּ אין זיין לעבן אָן דער שמירה פון שטראָף און לוין.

3) קולטור איז די טעטיקייט פון מענטשן זיך צו פאַרטיפן אין זיך אַליין, אין די אייגענע איבערלעבונגען און זיי קענען פאַר־מולירן אין ווערטער און אין מעשים.

אַלץ דאָס, וואָס מענטשן און פעלקער האָבן שוין אָנגעזאַמלט פאַרטיק און אויסגעפורעמט שוין, — אַלץ דאָס איז די פּרוכט פון קולטור, אָבער נישט די קולטור. כּדי צו זיין קולטורעל שעפעריש, מוז די יוגנט פון איטלעכן פאָלק וואַקסן, דערנערנדיק זיך מיט די פרוכט פון דער קולטור, וואָס איז אָנגעוואַקסן צוזאַמען מיט איר סביבה, די יוגנט פון איטלעכן פאָלק מוז זיך אַנטוויקלען אויף די קולטור־פרוכט פון דעם געגעבענעם פאָלק.

אין לעבן איז וויכטיק נישט די קולטור־פּראָדוקציע, נאָר דער קולטור־פאַרברויך, דאָס באַנוצן זיך אין די היימען מיט דעם.

קומט אויס, אַז מוזייען און ביבליאָטעקן, פּאַלאַצן און געביי־דעם זיינען נישט דער סימן פון קולטורעלקייט פון אַ פאָלק. קומט אויס, אַז מענטשן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף פּרימיטיווע פאָלקסלידער און זיי האָבן דאָס אריינגעזאַפּט אין זיך אַזוי ווייט, אַז די ניגונים זינגען זיך פון זיי אַרויס תּמיד און אַ גאַנץ לעבן, — אַז אָט די פאַרמאָגן מוזיקאַלישע קולטור מערער ווי די, וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אויף די רייכסטע סימפאָניעס און אָפּערעס און אויף די פאַרשידנסטע קאָנצערטן פון די באַרימטסטע מוזי־קער אין דער וועלט... איז דאָס טאַקע אַזוי. און אַזוי מיט אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן. קולטור איז טראַדיציע, געוווינ־הייטן פון דורות אָט זאַינעווייניקסטע דיסציפּלין פון געדאַנקען און פון מעשים. אין קולטור מוז מען זיך אַריינלעבן אין משך פון דורות. איינגעהאַנדלטע, איבערגענומענע, געבאָרגטע, אויסגעלערנטע קול־טור איז נישט קיין קולטור.

וועלט אָדער איזאָלאַציע? — אומעטום האָבן יידן צו מיר טע־

נות, אז איך וויל כלומרשט זיך איזאָלירן פון דער וועלט. אין רוס־לאַנד האָט מען מיר איינגערעדט, אז אָן פּושקינען בין איך אָפּגע־שניטן פון דער „וועלט". אין פּוילן האָבן יידן צו מיר אפּעלירט אין נאָמען פון דער „וועלט", אז איך מוז מיר איינאייגענען מיצקעוויטשן. אין ארץ ישראל ווידער איז איינער א ייד געווען אויף מיר אויפגעבראכט פארוואָס איך בין נישט פאראינטערעסירט אין דער אראבישער דאָרף־קונסט. איצט אין אַמעריקע האָבן יידן פאריבל פארוואָס איך וויל זיך נישט אויסגרינען און איך אנטציק זיך נישט מיט דזשאז, מיט קאָקא קאָלא און נאָך אנדערע אטריבוטן פון „אמע־ריקאנישקייט". און אלע מאָל און אומעטום פאָדערט מען פון מיר דאָס פארקערטע אין נאָמען פון „דער וועלט". ווייס איך נישט עד היום וואָס איז זי אזוינס אָט די וועלט, וואָס איך מוז אזוי צו איר זיך קלעפּן ווי א ים־מושל צו א שטיין: איז דאָס פּושקין אָדער אן אראבישע נארגילע, אָדער א פּוילישע פליאקע אין זופּ, צי גאָר א „האָט דאָג" מיט א קאָקא קאָלא. און טאָמער, רבותי, פארקערט? — אפשר האָט א בחור פון א קליין שטעטעלע אין זיך געהאט מער באגריפן, געדאנקען, אידעעס וועגן דער וועלט איידער אזא וואָס מען האָט אים לכתחילה געשטאָפּט מיט „וועלט".

אמאָל האָבן לערער פון יידישע שולן אין פּוילן געפאָדערט ניט אנדערש מען זאָל אין דער פאָלקס־שול לערנען אויך די „וועלט־לי־טעראטור", באשר אָן דעם וועלן די קינדער בלייבן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. אין ארץ ישראל האָט א יידישע פרוי פון דייטשלאַנד אמאָל געמסרט אויף איר זון, וואָס וויל נישט לערנען קיין ענגליש. אָן דייטש און אָן ענגליש וועט ער דאָך זיין אָפּגעריסן פון גאָר דער וועלט, — האָט כמעט געוויינט די פרוי... און איצט מאָנט ביי מיר דער טיפער דענקער ב. ריווקין די „וועלט" אין דער יוגנט (דער „טאָג" פון 15־טן מערץ, 1942). טאָ ווער איז זי אזא, אָט די מיס־טעריעזע מאדאם וועלט, וואָס אלע יידן ציט עס אזוי צו איר, און זיי ציטערן ממש זיך אָפּצורייסן פון איר פארטוך?

וועל איך אויסזאָגן א סוד. ס'איז אן אויסגעטראכטע מעשה, א

וואָרט אזא צו שרעקן שוואכע מענטשן... „וועלט" אין גייסטיקן זיי־נען באטייט א סכום באגריפן און אינטערעסן וועגן זאכן, וואָס זיי־נען נישט דירעקט שייך צו מיין מאָגן און מיינע פריוואטע אמבי־ציעלעך. מיט אנדערע ווערטער זאָגט מען דאָס פשוט — האָריזאָנט און גייסטיקער פארנעם פון דעם מענטשן. פרעגט זיך — צי מיינען יידן באמת, אז אין א ריין יידישער סביבה קען מען נישט אנטוויק־לען אזא ברייטן האָריזאָנט? צי גלייבן זיי טאקע, אז איישישאָק אָדער איסט סייד זיינען וויניקער מסוגל איינצופלאנצן ברייטערע און ווייטערע האָריזאָנטן אין א מענטשן ווי וואָסער עס איז „וועסט סייד" אָדער עפעס א צווייטע עכט גוישע שטאָט? ס'איז א טעות אָדער א בילבול, גאָר פשוט. ווען איך קוק זיך צו צו די קוריקולומס פון די שולן אין מיין לאַנד, אין מיין שטאָט, וואָס און ווי אזוי עס ווערט געלערנט געשיכטע פון דער וועלט, פון דער גאָרער מענטש־הייט, וואָס און ווי מען לערנט פון נאטור, זאָג איך, אז מען באמיט זיך גאָרנישט צו אנטוויקלען קיינע אינטערעסן צו גאַנס וועלט אָדער צו דער מענטשלעכער וועלט. דאָ, דווקא דאָ, ליגט א גרויסע שמאָל־קעפיקייט און אָפגעריסנקייט פון גאָר דער וועלט מחוץ די ד' אמות פון אונדזער ביזנעס־וועלטל. דאָ ליגט א פארטעמפונג פון מענטשן אין מענטשן. כמעט אלע ישיבה־יינגלעך, וואָס האָבן פארבראכט צוועלף יאָר אין א ליאדער ישיבה, פארמאָגן זיכער מער אינטערעסן, מער געדאנקען און באגריפן, מער פראָבלעמען וועגן וועלט און מענטש איידער כמעט אלע, וואָס האָבן דורכגעמאכט א צוועלף יאָ־ריקע מלוכה שול אין מיין שטאָט. וואָלטן יידן געבויט אזא שול, וואָלטן מסתמא יידן די לערער אויפגעהאָנגען: — צו דער מלוכה־שול וואָגט מען נישט צו האָבן קיין טענות, מען שטעלט זיך גאָר־נישט פאָר, אז דאָ קאָן אפשר אויך אמאָל זיין א פעלער... אלע יידי־שע שולן (און איך קען זיי פון אלע מינים) גיבן מער „וועלט" איי־דער אנדערע, אפשר שוין א קאפעלע צו פיל.

פון וואנען אָבער נעמט זיך אָט דער גרויסער פלאָנטער פון בא־

גריפן? פאַרוואָס אָפּערירט מען בײַ אונדז מיט ווערטער אַזוי פיל נישט ריכטיק?

ווי באַקאַנט נעמען זיך פעלערן אין טעותים פון פסיכאָלאָגישע מקורים. אויך דער פלאָנטער האָט זיין מקור אין אַ פסיכישן קאָמפּלעקס, וואָס מיר ליידן פון אים. מיר אַלע יידישע אינטעליגענטן און אַלע האַלבע און ספּקדיקע אינטעליגענטן, בכלל אַלע „מאָדערנע" יידן האָבן אַ מין פאַרקערטן אתה בחרתנו־געפיל. איך וואָלט עס אָנגערופן „ענאָפּאָביע". עס איז אַן אומווילן צו זיך אַליין, עס איז נישט שינאה, ניין. עס איז אָבער יאָ אומצוטרוי, אומאַכטונג וכדומה. פאַראַן אינדיווידן מיט אַזאַ פריוואַטער ענאָפּאָביע. בולט קאָן מען דאָס זען בײַ קינדער. אַזוינע טיפּן זיינען תמיד אומעטיק, נישט אין שטימונג, ווען זיי זיינען אַליין, אַפּאַטיש, אומצופרידן און געדריקט. ווי נאָר אָבער זיי האָבן געזעלשאַפט, בייט זיך גלייך זייער שטימונג פון מינאָר אויף מאַזשאָר. די ענדערונג איז אָפט מאָמענטאַן און זי געדויערט כל זמן עס איז דאָ די געזעלשאַפט. אַזוינע טיפּן וועלן קלעפּן צו געזעלשאַפט, אפילו ווען מען האָט זיי לגמרי נישט גערן אין דער געזעלשאַפט. זיי וועלן אויסטראַכטן פאַרשידענע תירוצים, מאָטיוון, כדי צו האָבן געזעלשאַפט. אַן אָפטע דערשיינונג פאַרבינדן מיט קנאַפּווערטיקייט־קאָמפּלעקס, און אַ סך צו ריידן וועגן דעם. דאָ אָבער פאַר אונדזער טעמע איז עס גענוג. מיר פאַרמאָגן אַ קאָלעקטיוון געפיל פון ענאָפּאָביע. אָט פאַר וואָס מיר זוכן כסדר חברשאַפט, פריינטשאַפט, אָנערקענונג אין דער נישט יידישער געזעלשאַפט. מיר מאָטיווירן עס מיט טויזנטער מאָטיוון און דערקלערונגען, וואָס מיר אַליין גלייבן אין זיי, אָבער אין תוך אַריין איז עס אַלעמאָל איין און דער זעלביקער מקור: ענאָפּאָביע. אָט פאַרוואָס מיר בענקען אַזוי שטאַרק נאָך דער „וועלט", אָט פאַרוואָס מיר ציטערן צו בלייבן אַליין, אָן געזעלשאַפט. אָט פאַרוואָס אונדז דוכט זיך אויס, אַז קולטור איז בײַ זיי, וואָס זיי טוען איז קולטור און גוט און פיין. אָט פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי פאַרליבט אין זייערע יום טובים און מינהגים, אָט פאַרוואָס מיר האַלטן אין איין אײַ־

בערחזרן דאָס וואָרט „געטאָ“ ווו עס פּאַסט און ווו נישט, אַבי נאָר צו באַווייזן, אַז מיר טאָרן נישט בלייבן חלילה אליין. עס איז לגמרי נישט צו אַנאַליזירן איטלעכע טענה באַזונדער, עס איז געגוג אָנצוווייזן זייער אַלגעמיינעם מקור. אַ סך צרות, אויב נישט אַלע, נעמען זיך ביי אונדז פון אָט דער עגאָפּאָביע. דער ערשטער טריט צו גאולה, צו באַפרייונג מוז דורכגיין דעם שטאַפּל — באַפרייען זיך און דאָס פֿאָלק פון אָט דער קראַנקייט. אַלע גאולה־פּלענער וואָס העלפן נישט אויסצורייסן אָט די ווונד פון אונדזער נשמה, זיינען נישט קיין גאולה, אַלע משיחים מוזן בלייבן פאַלשע משיחים.

היים, קולטור, וועלט — מוזן זיין אין אונדז אינעווייניק. אָט דאָס איז די אמתע גאולת הנשמה, גאולת השכינה.

1942

ווען אַ פֿאָלק פֿאַרלירט זיין זכרון

מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אַמאָל געזען אויפן אָדעסער יידישן בית עולם דעם ברודער־קבר פון דעם פּאָגראָם אין יאָר 1905. צווישן די שורות קליינע שטיינער איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרצע גראַניט־וואַנט, בכיוון צעשפּאָלטן; אונטן, אין צוויי שורות, גרוי און קאַלט אָנגעשריבן: דריי הונדערט פינף און זעכציק אומגעקומען על קידוש השם די און די טעג. איבער דעם, לינקס אין אַ זייט, זיינען געווען אויסגעקריצט אין גאָלד פיר ביאַליקס שורות, וואָס האָבן זיך געלייענט (אויב מיין זכרון נאַרט מיר נישט אָפּ) אַזוי:

„ובכסות האדמה הטמאה את דמכם
דם קודש, דם הכפורים
נחרות את זכרונכם (?)
במגילות התענית ובספרי היסורים".

דער זינען פון דעם איז בערך אַזאַ: און אַז די טמא ערד פאַרדעקט אייער הייליק, אומשולדיק בלוט, — קריצן מיר אָבער איין אייער זכ־

רון אין אונדזערע מגילות פון תעניתים און אין די ספרים פון יסור־רים. געמיינט — אין דעם שטייגער און אינם לערנען, אין אונדזער לעבן אויף אייביקע דורות. ביאַליק איז געווען גערעכט: א פאָלק דאַרף געדענקען זיינע קרבנות נישט מיט טויטע בלומען און מעכא־ניש אָנגעצונדענע פייערן, נאָר אין דעם לעבן מוז מען עס געדענקען, אין די הערצער פון די לעבעדיקע דאַרף ווי א נשמה־ליכט ברענען און לייכטן דער געדאַנק. און ביאַליק איז דאָך געווען נישט גערעכט: דאָס פאָלק האָט זיין צוזאָג נישט מקיים געווען, דאָס פאָלק האָט פארגעסן, דאָס פאָלק האַלט אין איין כסדרדיקן פארגעסן. דאָס איי־ביקע פאָלק האָט פארלוירן זיין זכרון און וויל נישט און קען נישט געדענקען, און וויל נישט און קען נישט גאָרנישט דערמאָנען זיך, גאָר נישט!

אַט זעט: די פאָגראָמען אינם יאָר 1881 האָבן אויפגערודערט א פאָלק. עס איז אויפגעקומען חיבת ציון, דער „עם עולם". עס זיינען גע־באָרן געוואָרן דאָס יידישע ארץ ישראל, ארגענטינע און די פאריי־ניקטע שטאַטן. פינסקערס אויטאָעמאַניציפּאַציע האָט באַצייכנט אַן איבערקערעניש אין די מוחות פון א דור; גאָלדפאַדענס „א שטיין פון הארצן" האָבן טויזנטער יידן דעקלאַמירט אויסווייניק; דר׳ סאָלאָ־וויטשיק, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „סיאָן" (רוסיש) האָט אי־בערגעריסן די פארבינדונג פון דער דאַמאָלסט אסימילאַטאָרישער „חברה מפיצי השכלה"; דער פעיקער בעלעטריסט און אָפּענער פּראָ־פּאַגאַנדיסט פון רוסיפיקאַציע, לעוו אָסיפּאָוויטש לעוואַנדע, איז גע־וואָרן א העברעיסט, א הייסער חובב ציון און האָט סוף כל סוף דאָך פארענדיקט אין א משוגעים־הויז... א דור האָט געביטן זיין וועג, א דור האָט געביטן די ריכטונג פון זיין לעבן.

נאָך די פאָגראָמען פון 1903 האָט א דונער געטאָן אין די הער־צער פון א דור ביאַליקס „פון צער און צאָרן", עס איז געקומען די זעלבסטשוץ, — א דור האָט אין קאַמף געוואָלט אָפּוואַשן פון זיך די שולד פון פּאַסיווקייט.

נאָך די פאָגראָמען אין 1905? — פון איין זייט די צווייטע עליה,

וואָס פון איר איז אויסגעוואַקסן די שפּעטערדיקע אַרבעטנדיקע ארץ ישראל, און פון דער צווייטער זייט — גאָרנישט. קאַריערייזם, סאַני־גיזם, די מגפה פון מאַסן־שמד. עס דערמאָנט זיך עפּעס נישט קיין אויפטו נישט אין לעבן, נישט אין ליטעראַטור, וואָס זאָל אַרויסגע־רופן ווערן פון אָט יענע פּאָגראָמען. דאָס פאָלק איז זיי פאַרבייגע־גאַנגען און פאַרגעסן.

און נאָך ערגער איז דאָס געווען מיט די פּאָגראָמען פון נאָך דער מלחמה אין אוקראַינע. הונדערטער טויזנטער קרבנות, נישט שטעט, נאָר אַ פאָלק אַ גאַנצעס איז פּאָגראָמירט געוואָרן דורך יאָרן. און וואָס האָט עס געשאַפן אין לעבן, אין געדאַנק, אין שאַפונג פון פאָלק? עטלעכע טרוקענע באַריכטן. די שוואַכע, צעבראַשטעטע, אָן אידעע „קופּע" פון מאַרקישן אין ליטעראַטור, און — דאָס גאָר, דאַכט זיך. צומאָל, דאַכט זיך, קיין ערנסטע דערציילונג, קיין באַ־שרייבונג, וואָס זאָל שילדערן כאָטש דעם העראָיזם פון קליינע שטעט־לעך. שוואַרצבאָרטס שאָס אויף פּעטליוראַן אַאַז"וו. דאָך אָבער האָט אַ פאָלק צעגאָסן זיך מיט אַ שטראָם פון הילף פאַר די געליטענע.

און איצט? עס ליגט פאַר מיר אַ בוך: „די יידן אין נאַצי־אייראָ־פּע" — אַ מתנה דער אינטעראַמעריקאַנער יידישער קאָנפערענץ אין באַלטימאָר... צאָלן, טרוקענע באַריכטן און — ווי קען מען עס איי־בערלייענען? ווען איך האָב גענומען דאָס בוך ביי דעם יידן, וואָס האָט דאָס בוך געבראַכט פון באַלטימאָרער קאָנפערענץ, האָט ער מיר געזאָגט: לייענט נישט — עס איז צו טרויעריק. איך פאָלג אים נישט פאַרקערט, — אַלע פרימאָרגן, נאָך אין בעט, לייען איך איין קאַפּיטל און — איך באַמי זיך צו פאַרבאַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ געפיל, וואָס בלייבט פון די טרוקענע יסורים־צאָלן. וואָלט איך געהאַט די מאַכט צו צווינגען, וואָלט איך אויף איטלעכער יידישער פאַרזאַמלונג געהייסן לייענען אַ קאַפּיטל פון דעם בוך און אַלע פאַרזאַמלטע זאָלן הערן שטייענדיק און שווייגן. און זאָל פון אָט די באַשרייבונגען אין די נשמות פאַרזייט ווערן אַ טראָפּן ביטערער פון גאַל און האַרטער פון דימענט, און זאָל דער טראָפּן נישט לאָזן פאַרגעסן, וואָס אַ פאָלק

מוז געדענקען; זאָל אָט דער הארטער טראָפּן עגבערן ווי א דימענט־עגבער אין א פעלז טיף אין דער ערד אין די פארהארטעוועטע הער־צער פון א פאָלק, וואָס האָט אלץ פארגעסן און מיינט, אז דער העכס־טער ציל פון לעבן איז צו האָבן א „גוד טיים"; זאָל דורכגיין פארביי אַלעמענס גייסטיקע אויגן איין קליין בילדל: א קליין מיידעלע, פינף יאָר אַלט, געקוילעט לויטן אלטן יידישן סטיל, העגנט צווישן צוויי הונדערט אזוינע יידישלעך געקוילעטע ווי א קליין קעלבל פאר די פיסלעך מיטן קעפל אראָפּ... טאָ זאָל זיך דאָס קליינע בילדל ארייג־עסן ווי א גייץ אין אונדזער הארץ און לאָמיר נאָך א טראַכט טאָן: דאָס קינד איז אפשר אונדזער ברודערס, אפשר אונדזערס... ווער האָט עס אונדז דערלויבט צו פארגעסן? ווי טאָרן מיר עס פארגעסן? ווי קען עס א לעבעדיק פאָלק מיט א לעבעדיקן געוויסן פארגעסן? בלויז א טויטער שפּירט נישט דעם מעסער, — בלויז אן אָפּגעטעמפּטער שפּירט נישט, פארגעסט דאָס, וואָס מען טאָר נישט פארגעסן. אויף יעדער פארזאמלונג, אויף בעלער, מיטינגען, טענץ, פארוויילונגען, אויף שמחהלעך און חגיגהלעך טאָרן יידן נישט פארגעסן, נישט פארטרינקען, פארטאנצן, פארהוליען, נישט פארשיכורן און פאר־שפּילן, נישט פארוויילן דעם צער און צאָרן, דעם ווייטיק און שאַנד פון א לעבעדיקער אומה. זאָל מיך פארגעסן מיין רעכטע האַנט, אויב איך וועל דיך פארגעסן, פאָלק אין אומגליק! זאָל אונדזער צונג צו־דאַרן צום גומען, אויב מיר וועלן דיך נישט דערמאָנען — דאָס שווערט א לעבעדיק פאָלק זיין שבועה צו זיך אַליין. אונדזער פאָלק האָט גע־ווּסט צו שאַפן טעג פון זכרון, צום געדענקען פריידן און ליידן. ווו איז איצט אונדזער זכרון? ניין, אז מען פארגעסט דעם נעכטן, קען מען נישט שאפן קיין מאָרגן און אַן זיי ביידע איז א פאָלק א באַנטשע שוויינ ביי אַלעמען אונטער די פיס, מיט א בולקע מיט פוטער און טאנץ, אַ־ן הוליאנקע און... עפּעס א האַנט שרייבט אויף דער וואַנט כסדר און נאָכאנאַנד „מנה תקל ופרסין". נאָר מיר זעען נישט און ווילן נישט זען, — מיר טאנצן, ווייל מיר האָבן מורא זיך צו פארטראַכטן, מיר ציטערן פאר א חשבון־הנפש. מיר באַמיען זיך צו

פאַרגעסן, ווייל מיר האָבן נישט קיין מוט, מיר זיינען פּחדנים, ווייל ווי טרינקער להוטע זיינען מיר גרייט צו פאַרקויפן אַלע מאָרגנס פאַר אַביסעלע פריילעכקייט. מיר זיינען אַזוי שוואַך, אַז מיר האָבן קיין מוט נישט צו זיין ערנסט, ווי קליינע פּחדנים ציטערן מיר פאַרן שאָטן פון אייגענעם געדאַנק. ווי איז צו אונדז און ווי איז צו אונדזער פּחד־נותדיקער פריילעכקייט. געדענקען און היטן האָט מען אונדז פאַר־זאָגט נאָך אויף דעם באַרג סיני. אַפילו אויף דעם האָבן מיר קיין כוח נישט. מיר קאָנען זיך נישט איינהאַלטן ווען יענער יום־טובט, ווען יענער לאַכט, כאָטש אונדז איז גאָר־גאָרנישט פריילעך...

און ווען די טמא ערד פאַרדעקט אייער הייליק, אומשולדיק בלוט, לאָמיר אייער אָנדענק איינקריצן אין די מגילות פון פאַסטן און אין די ספרים פון יסורים, — לאָמיר מיטפילן, מיטליידן, מיטלעבן, וועלן לעבן, ווען מיר וועלן זיך פרייען אונדזער פרייד און טרויערן אונדזער טרויער, — נישט יענעמס, — דעמאָלט וועלן מיר זיין מיר און נישט בלויז אַ שאָטן פון יענעם, וואָס גייט אים נאָך ביז מיר דערעסן אים, און ער „באַפרייט" זיך פון אונדז, פון זיין שאָטן.

באַנטשע שוויַג אין אמעריקע

אין דער שטאָט באָסטאָן אין דער פרייער דעמאָקראַטישער אמע־
ריקע, פלעגט מען שיקאַנירן און שלאָגן יידן. מען פלעגט זיי טעראָ־
ריזירן מאָראַליש און פשוט פיזיש, און — די פרייע יידישע ביר־
גער פון דער פרייער אמעריקע האָבן געשוויגן, ביז אן ענגלישע צײַ־
טונג (פּי. עם.), האָט אויפגעדעקט דעם גאַנצן סקאַנדאַל. ווען נישט
דער נישט יידישער קאָרעספּאָנדענט, וואָלט גאָר קיינער נישט געוווּסט,
אַז אין אַ צענטראַלער שטאָט אין אַמעריקע, אין מיטן דער מלחמה
קעגן היטלערן, האָט זיך צעוואַקסן און צעבליט אַזאַ שיינע היטלער־
בלום ווי דער „פּויסט אנטיסעמיטיזם”. די יידן, די געליטענע, די גע־
שלאָגענע, די באַליידיקטע פרייע בירגער פון פרייען לאַנד, האָבן
נישט געוואָגט, נישט געהאַט קיין מוט צו ענטפערן, צו געבן צו־
ריק, צו שרייען, צו פאַרטיידיקן זיך, צו באַקלאָגן זיך! עלעהיי באַנ־
טשע שוויַגס וואָלטן זיי געווען! און דאָס זיינען דאָך נישט קיין פּרײַ־
שע אימיגראַנטן, גרינע, אָקאָרשט אנטלאָפענע פון מלחמה, פון פּאָ־
גראָמען; אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי זיינען דאָך געבוירן און אויס־
געהאָדעוועט אין דעם לאַנד, אין דער אַזוי באַרימטער דעמאָקראַ־
טיע, דערצויגן אין ענגלישע שולן מיט ענגליש ווי זייער מוטער שפּראַך,
— זיי, דווקא זיי, האָבן באַנטשע שוויַגעריש געליטן און געשוויגן...
אַז מען שלאָגט יידן — דאָס איז קיין נייעס נישט; אַזאַ איינער

וואָס האָט דאָך דורכגעלעבט עטלעכע צענדליק יאָרן אין אייראָפּע, — פאַר אַזאַ איינעם איז שלאָגן יידן נישט קיין נייעס! אָבער אָט דאָס טויט־שווייגן, דאָס נישט רעאַגירן, דאָס מורא האָבן אפילו צו שרייען פון ווייטיק, — דאָס איז הימל־שרייענדיק!

אַ פערד, אַז מען שלאָגט אים, בריקעט ער זיך, — אַ וואָרעם, אַז מען טרעט אויף אים, קען ער אפילו נישט שרייען...

אויף די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין די 80־קער יאָרן, האָבן יידן רעאַגירט: „עם עולם", „חיבת־ציון", „בילו". עס האָט אויפגע־ריסן הערצער, מוחות! פּונקט מיט 40 יאָר צוריק, נאָך דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו, האָט ביאַליק געשטורעמט — נישט די שלעגער, — די געליטענע — אַ „פּויסט ווו איז?!" (שחיטה שטאָט). דער פּאַר־שטאָרבענער שאול טשערניכאָווסקי האָט נאָך מיט אַ יאָר פריער באַ־זונגען די נקמה פון דעם יידן „ברוך ממגנצה", פאַר זיין דערמאָרדע־טער וויב און צוויי קינדער! קריטיקער קאָנען אויפנעמען די ליטע־ראַטור ווי זיי ווילן. אָבער דאָ גייט אונדז נישט וועגן ליטעראַטור. עס איז געקומען אויך דער יידישער פּויסט. יידן האָבן געקעמפט און נישט בלויז אויף פּאָגראָמען. יאָרן נאָך יאָרן און אַלע טעג פון וואָך האָבן יידן געהאַלטן אין איין קעמפן. איך דערמאָן דאָ נישט קיין נע־מען, איך דערמאָן נישט די איינציקע אויסנאַם העלדן, קיין זעלבסט־שוץ, ווייל דער גאַנצער כלל, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט גע־קעמפט, האָט געהאַלטן אין איין קעמפן. מען האָט געקעמפט אין די גאַסן, אין די געשעפטן, קעגן נגישות, קעגן אַרויפגעצוווּנגענעם זונטיק־רו און נאָך און נאָך. דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געווען קאַמף, און יידן האָבן געקעמפט און מען האָט אויפגעשטעלט דורות שעפערישע, וואָס האָבן אין פיין אויפגעבויט אַלץ וואָס מיר פאַר־מאָגן אויף דער וועלט. און אָט זיינען יידן אין דער פרייער אַמעריקע, אין דעם גרויסן לאַנד פון די פיר פרייהייטן. יידן האָבן אַ סך דאָ געטאָן און גאָר פיל אויפגעטאָן: די יידישע איניציאַטיווע און ענער־גיע האָבן אויפגעבויט זייער אַ גרויסן טייל פון דעם, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט. יידן האָבן זיך פאַרמערט, קיין עין־הרע נישט, אין לאַנד

און וואָלטן געקאָנט זיין א גרויסער כוח אָפצוהיטן די דעמאָקראַטיע און די יסודות פון פרייהייט, ווען נישט איין צרה, איין טראַגישער צופאַל, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט יידן אין אַמעריקע.

איר געדענקט פּרצעס באַנטשע שוויג? אַט דעם וואָס ווייס נישט אז ווען מען באַליידיקט דאַרף מען נישט שווייגן; אַט דעם וואָס הויז א בולקע מיט פּוטער ווייס ער פון קיין אידעאַל נישט. איז דערמאָנט זיך דעם גרויסן משפּט, ווען באַנטשע, דער ליבלינג פון גאָט, דער גרעסטער ליידער און שווייגער, קען קריגן זיין רעכט, און ער בעט נאָר א בולקע מיט פּוטער... די מלאכים פאַרשעמען זיך און דער קטי־גור, דער שד, לאַכט. דאָ האָט פּרץ איבערגעריסן די מעשה און נישט דערציילט דעם סוף. און דער סוף גייט אַזוי: ווען גאָט ברוך הוא האָט דערהערט פון באַנטשעס הייליקע לעפצן אַז זיין ליבער באַנטשע וויל מער נישט ווי א בולקע מיט פּוטער, האָט עס אים אַזוי אָפּגע־עקלט, ער האָט אַזוי פיינט געקראָגן זיין ליבן באַנטשע, אַז ער האָט געהייסן באַלד פאַרשטאָפּן זיין מויל מיט א בולקע מיט פרישן פּו־טער, ער זאָל פאַרנומען זיין מיט דעם און זאָל מער נישט ריידן, נישט קענען ריידן קיין וואָרט. און גאָט האָט גענומען דעם צופרידענעם באַנ־טשען מיט דעם פולן מויל פּוטער־בולקע און אים א שליידער געטאָן פון פאַר זיינע אויגן, אַז ער איז געפלויגן, דער גליקלעכער באַנטשע, איבער ימים, איבער לענדער און... די בולקע מיט פּוטער איז אַליין און באַנטשע שוויג איז געבליבן...

... מען פאַרשמוצט און פאַראומרייניקט יידישע שולן אין מיטן ניו־יאָרק, מען פאַרשוועכט ספר תורות — און יידן שווייגן; עט, ס'איז גאָרנישט. אַט, כוליגאַנעם עטלעכע, ווייס איך וואָס... יידישע קינדער ווערן געשלאָגן און באַליידיקט אין גאַס, אין שול, — מען דאַרף נישט מאַכן קיין אישו פון דעם. מען שפּייט אַ יידן אין פּנים פאַר לייענען א יידישן צייטונג אין סאָבוויי. — ס'גייט א רעגן, מאַכט נישט קיין טומל. מען שלאָגט יידן לויט אַלע דינים פון פּאָגראָמען, — ס'איז אַ צופאַל. און די יוגנט — נישט זי ווייס, נישט זי וויל ווייסן. זי איז דאָך אַ פרעמדע און אַ ווייטע. וואָס ווייס זי און וואָס אַרט איר וועגן

יידן?... אמאָל, אין 1934, אין ארץ־ישראל האָט מיר א יינגל, געקומען פון דייטשלאַנד מיט דער יוגנט עליה, געזאָגט: „איך בין דווטשע". פרעג איך אים וואָס זשע ביסטו געפאָרן אהער? — איך האָב זיך געוואָלט פארשרייבן אין אַ היטלער יוגנט פארבאנד, האָט מען מיך נישט אָנגענומען... דאָס אַלץ וואָס דער 16־יאָריקער בחור וויים פון דער טראגעדיע ווי אים קומט אוים צו זיין אַ פּאַסיווער אנטיילנעמער. ווי קען זיך אַזאַ איינער ווערן, פארטיידיקן זיך, שאפן עפּעס אייגנס, אַז ער איז גאָר „דוויטשע", און פון זיין יידישקייט ווייסן זייער גוט די וואָס שלעפּן אים צום עשאַפאָט דערפאַר. ער אָבער — נאָרנישט, גאָרנישט! וואָלטן די מיזרח־אייראָפּעישע יידן נישט אויסעבויט קיין אמעריקע, קיין ארץ־ישראל, וואָס וואָלט געבליבן פאר אַזאַ „יידישן" בחור צו טאָן אויסער זעלבסטמאָרד ווי טויזנטער זיין גלייכן האָבן דאָס געטאָן?

און וואָס וויים און וואָס קען טאָן די אַמעריקאנער יידישע יוגנט? מיט וואָס איז זי באוואָפנט; מיט וואָס איז זי באַפּאַנצערט קעגן די גײַסטיקע פּיילן וואָס גאַנצע וואָלקנס טראָגן זיך אונדז אנטקעגן איבער די אמעריקאנער הימלען? ווי ווערט געגרייט די יוגנט? וואָסערע כוחות און וואָסער יידישער מוט ווערט אין זיי פאַרפלאַנצט? אַז ארום און ארום האָט באַנטשע שוויַיג מיט דער פּעטער בולקע אין מויל פארכאפּט דעם אויבנאָן: שאַ שטיל! דער פּריץ וועט זאָגן, וועל איך זאָגן אמן! אַליין ריידן, שרייען ווען עס טוט וויי? — נישט פאר אונדז געדאכט, מיר זיינען באַנטשע שוויַיגס און מיר זיינען דאנקבאר פאר דער בולקע, און דאָס איז אַלץ!

זעקס יאָר צייט האָט היטלער טרעגירט זיינע הינט אויף יידן, — און אמעריקאנער יידן, אנשטאָט אויפצורודערן די וועלט און אנשטאט צו צווינגען דאָס לאַנד איבערצורייסן מיט דייטשלאַנד, ווי דאָס האָבן יידן־אימיגראנטן געטאָן מיט 30 יאָר צוריק אין דער זעלביקער אַמעריקע בנוגע צו רוסלאַנד, האָבן די איינגעבירגערטע אין אַמעריקע יידן געהאַלטן אין איין זוכן גוטע גויים זאָלן זאָגן אַ גוט וואָרט, און ווו דער נישט־ייד האָט נישט געזאָגט, האָבן זיי נישט

געוואגט א מויל צו עפענען. אז יידן רופן צונויף אַ פּראָטעסט מיטינג מאַכן זיי פון אים אַ קנעכטיש געטרייקייט־געזאַנג און זיי ציטערן טאָמער וועט חלילה זיך הערן אַ יידיש וואָרט. האָט בראַזיל פארבאָטן יידיש, פארמאכט יידישע צייטונגען, אויפגעהערט ארייַנצולאָזן אין לאַנד יידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק, — און די יידן אין די שטאטן, די יידישע פּרעסע אין צפון אמעריקע האָט געשוויגן: דער פּרעזידענט האָט אויף בראַזיל נישט געזאָגט דאָס וואָס ער האָט מיט אַ יאָר שפּעטער געזאָגט אויף אַרגענטינע. בראַזיל איז דאָך אַליאירט מיט אונדז, און אויף אַ פריינד רעדט מען נישט אזוי. האָבן די יידן אויך געשוויגן... אמעריקאנער יידן ווארטן אויף אַ דערלויבעניש צו וויינען, צו שרייען ווען זיי טוט וויי, יידן אין אַמעריקע האָבן געווארט ביז די ענגלישע צייטונג פּי.עם. האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן באָסטאָנער שיגע מעשים. און גייט באַשליסן וואָס איז וויכטיקער: צי א פרייער גייסט אין א לאנד פון קנעכטשאפט צי א קנעכטישער גייסט אין א פרייען לאנד? געווים! זיינען יידן אין צאַרישן רוסלאנד געווען אַ סך פרייערע מענטשן איידער דאָס זיינען די אַמעריקאניזירטע פּירור פון די „פרייע” יידן אין אַמעריקע.

אין אַט דער מאָראלישער קנעכטשאפט וואקסט אַ יוגנט און זי געוויינט זיך צו צו דעם, דאָס איז פאר זיי די נאָרמע. ווי קען זי שפּעטער דרייסט און מוטיק זיין, און ווי קען זי פארטיידיקן שטאָלץ דעם מענטשן אין דעם יידן, די מענטשלעכע רעכט פון דעם יידן, פון זיי אליין? דאָס יידישע לשון איז פאר דער באָבען (נעבעך, קען נישט קיין ענגליש!...), די יידישע נעמען — פאר דעם היברו טיטשער (א באַשעפעניש אַזאַ, וואָס ווען ער קומט, לאָזט דער תלמיד אַראָפּ דעם פאָרהאַנג פון פענצטער, אַז ער גייט אַוועק, עפנט די ליידי דאָס פענצטער...), די יידישע שול — אין בעסטן פאל — אַ שטיקל צוגאָב, דער יידישער יום־טוב און שבת — אָט פאר די אַלד מען; אָבער ניי־יאָר בעלער און האלאָווין־פּארטיעס — דאָס איז שיין און גוט, און וואסער אינטעליגענטע הויז קען אויסקומען אָן דעם? — אין אַזאַ אטמאָספערע קענען אויסוואקסן מענטשן מיט אַ גאַנץ ספּקדיקן

ענגלישן קולטור באַגאַזש (מיט קולטור מוז מען אויסוואַקסן, אויסלערנען זי קען מען נישט), אָבער דערפאַר — גאַנץ זיכער — מיט אַן אַטראָפירטער אייגענער גייסטיקער מענטשישקייט. אַזוינע יונגע מענטשן קענען נאָכמאַכן אַ גאַנץ לעבן, אָט אַזוי ווי היפּנאָטיזירטע (כּל זמן מען לאָזט זיי...), ווי באַלד אָבער מען הייבט אָן זיי צו דריקן ווי יידן, — בלייבן זיי ווי געליימטע, אָט ווי אַ היפּנאָטיזירטער וואָס זיין באַפעלער האָט אים פאַרלאָזן אין זיין היפּנאָז.

אָט פאַרוואָס עס זיינען ביי יידן אין אַמעריקע פאַראַן אַזויפיל באַנטשע שווייגס! און דווקא ביי די „אויבערשטע פון שטיסל". אָט פון וואַנען עס שטאַמט די העסלעכסטע אין דער וועלט „קנעכטשאַפט אין פרייהייט", ווי אחד העם האָט עס נאָך מיט 50 יאָר צוריק אָנגערופן (דעמאָלסט געווענדעט צו די „גליקלעכע" יידן אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך). אָט פון וואַנען דער שוידערלעכער באַנטשע, דאָס מויזישע שווייגן ווען מען שלאָגט און דאָס וואַרטן ווי אַ קנעכט וואָס איז קיינמאָל נישט פריי געווען ביז דער האַר וועט באַוויליקן צו דערלויבן צו שרייען פון ווייטיק.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ משל פון אַ מגיד וואָס איך האָב אין מיין קינדהייט געהערט: צוויי קראַנקע זיינען געקומען צו אַ דאָקטאָר היילן אַ געליימטע האַנט. דער דאָקטאָר האָט געפּרוווט שטעכן מיט אַ נאָדל. איינער האָט געשריען, דער צווייטער — נישט. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: דעם ערשטנס האַנט קען איך אויסהיילן, דעם צווייטנס נישט.

— פאַרוואָס דאָקטאָר? איך האָב אפילו נישט געשריען ווי יענער...

— אָט דערפאַר טאַקע. יענער פילט נאָך זיין האַנט. דיינע איז שוין טויט, אָפּגעשטאָרבן...

יידן אין אַמעריקע האָבן ליב זיך צוצוהערן צו די עצות פון די גוטע גויים. פאַראַן נאָך אויף דער וועלט גוטע חסידי אומות העולם. קלייבן יידן נחת ווען זיי זאָגן אויף אונדז אַ גוט וואָרט און אַז מען דאַרף אונדז נישט שלאָגן. גערעכט! מען דאַרף זיין דאַנקבאַר פאַר אַ גוט וואָרט אויך. אָבער ווען די ליבע לייט קומען אונדז לערנען ווי

מיר דארפן לעבן אויף דער וועלט, דאָ דארף מען זיי זאָגן: טייערע מענטשן! צו אלץ דארף מען „עקספּיריענס, יו נאָו", געניטקייט. צו זיין א ייד דארף מען גאָר, גאָר א סך דערפארונג. וואָס ווייסן זיי? וואָס האָבן זיי פון אונדזער דורותדיקער דערפארונג? און וואָס קע־נען זיי אונדז לערנען, אז נאָך איידער זייער פאָלק איז געווען געבאָרן געוואָרן האָבן שוין אונדזערע אבות זיך געלערנט היטן זיך פון עשוס שינאה און פון זיינע קושן. און וואָס קענען אויפטאָן די יידישע „פּי־רערס" וואָס ווייסן בלויז דאָס וואָס זיי האָבן געהערט פון די גוטע גויים? אָט קומט איינער פון די בעסטע אונדזערע פריינד אין לאנד, א מענטש מיט מוט צו זאָגן א גוט וואָרט פאַר אונדז, און עצהט אונדז אסימילאַציע... ווייסט ער נישט אז דאָס איז די שרעקלעכסטע עצה: ווען א וועספּע נעמט שלייערלעך (ווערעם) צו שפּייזן אירע קינ־דער, פּארסמט זי קודם כל די אקטיווע נערוון. אזוי לערנט דער גרוי־סער פאַבער („אינסטינקטן פון אינסעקטן"). נאָך דעם קען מען זיי שוין עסן ביסלעכווייז און זיי קענען זיך סיי ווי נישט ווערן... זיי, די גוטע גוישע עצה־געבער ווייסן נישט אז די אסימילאַציע איז דער סם וואָס סמט אָפּ אונדזער גייסטיקע אקטיווקייט און מאכט אונדז פאַר אומבאַשיצטע ווערים פאַר אַלערליי וועספּעס און אנדערע מחב־לים. וואָס ווייסן זיי, אָט די גוטע גויים, און די יידן וואָס לערנען זיך נאָר פון זיי, פון דעם באַרימטן משל וואָס עס האָט נאָך מיט א 18 יאָרהונדערט צוריק געלערנט דער טיפסטער און אָריגינעלסטער יידי־שער דענקער און דער מוטיקסטער קעמפער ר' עקיבא, ווען רוים האָט אונדז געוואָלט אומברענגען מיט עשוס א קוש; זייט רוימער, אסימילירט זיך און אוים מיט יידישקייט... יאָ, ר' עקיבא! גערעכט אין דיינע דורות און אויך איצט גערעכט! א ייד אָן יידישקייט איז ווי א פיש אָן וואסער... וואָס ווייסן זיי, די גוטע גויים און זייערע יידישע תלמידים וואָס האָבן זיך אין אמעריקע געזעצט רייטן אויף דער אַל־טער בידנער קליאַטשע, וואָס ווייסן זיי פון אָט דער תורה?

איז 1916 ערב דער רעוואָלוציע האָב איך אין לענינגראַד (פּעַ־טראָגראַד) איבערגעריסן א באַקאַנטשאַפט מיט איינעם זייער א פיינעם

רום נאָר דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוווסט און נישט געקענט מיט זיין „גוייִשן קאָפּ“ באַנעמען וואָס הייסט דאָס, אַז איך ווין אין הויפּטשטאָט אויף „שווייצאַרישע רעכט“ (כאַבאַר דעם שווייצאַר—קערטייקער — פון הויז), אַז פּרוג, דער יידיש־רוסישער דיכטער איז אין פּעטערבורג געווען פאַרשריבן פאַר אַ לאָקיי ביי אַ דאָקטאָר, אַז יידישע מיידלעך פלעגן זיך פאַרשרייבן אין פּאָליציי ווי פּראָסטיטוט־קעס בכדי צו קענען וווינען אין פּעטערבורג! גיי זיי אַ גוטער חבר מיט אַזאַ איינעם וואָס האָט דאָס אַלץ נישט אויסגעטראָגן אויף זיינע אייגענע פּלייצעס!

קומען אָבער יידן מיט אַ פּאַרטיקער תורה: היות כּפי די קינדער אונדזערע וועלן דאָך דאַרפן לעבן צווישן ענגלענדער, דאַרף מען שוין גלייך די קינדער צופּאַסן צו דער ענגלישער סביבה... וואָלט עס אפשר גוט געווען ווען עס וואָלט נישט געווען קיין ליגן פון א׳ ביז ת׳. — ווו וועט אויסקומען די קינדער צו לעבן? — קיין ייד קען נישט ענטפערן מיט זיכערקייט אויף דער פראַגע. מען האָדעוועט קינדער פאַר איין לאַנד, און עס קומט גאָר ארויס פּידרעך. אין גוטע יאָרן בלייבן ביי יידן זעלטן די קינדער אין לאַנד פון זייערע עלטערן. אין היינטיקע „דעמאָקראַטישע צייטן“ איז קיין ייד נישט זיכער מיט זיין היים... קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אַ יידן נישט לייגן. איין זאַך איז אָבער זיכער: אין וואָסער לאַנד עס זאָל נישט זיין, אומעטום וועט די קינדער אויסקומען צו לעבן צווישן — יידן, מיט יידן, ווי יידן. וועלן יידן דאָס באַנעמען? וועלן יידן דאָס אויפנעמען? וועלן זיי דאָס באַגרייפן? אפשר יאָ, ס׳איז אַ שווערע תורה פאַר אַן איבערגע־שפּיצטן יידישן קאָפּ.

שיפלות-געפיל ביי יידן

(צו דער פסיכאָלאָגיע פון מאָדערנעם יידן)

דער יידישער קרעמער גאָלדפעלד מיט זיין ווייב בראָניע, באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען זייער יידישקייט זאָל זיך נישט ארויסזען. גענוג אז זיי ווייסן עס. שבת תשובה אָבער פּראוועט מען דאָך א יידישלעכן פּרייטאָגצונאכטס. שבת־תשובה! און דאָ, אוי וויי! — מען קלאַפּט איר טיר. עס גייט אריין א קריסטלעכער שכן. נאָך מער ווי די פּאַרצייטיקע אנוסים דערשרעקן זיך דער יידישער רייכער סוחר מיט זיין ווייב. מען כאַפּט אראָפּ די שבת־לייכטער, דער קרעמער טוט אוים זיין היטל און נעמט זיך צו וואָכעדיקע חשבונות. און אז דער יונגער קריסט דערשפּירט דעם שוואכן אָרט און נעמט זיך רייצן מיטן קרעמערס זון, באַרימט זיך די יידישע מאַדאַם, אַז אירע קינדער קענען אפילו נישט קיין יידיש, זיי ווייסן נאָר „אוי וויי מיר". דאָס איז אַ בילד געשילדערט דורך ש. האָראָנטשיק אין זיין ראָמאַן „זומפּ". עס שוידערט פון עקלהאפטער קנעכטישקייט פון דעם יידישן גביר. אָבער דאָך איז עס נישט קיין בילבול, עס איז אַן אמתדיק בילד. דער זעלביקער האָראָנטשיק, וואָס איז לגמרי נישט געניגט צום אלטן קלעריקאַלן יידן, געפינט דאָך קינסטלעריש אמתדיק אריינצוגעבן דעם אלטן קרעמערס טאַטן, דעם אָרעמען שוחט אין מויל אזא אויסדרוק:

„רבש"ע! לאָמיר דערלעבן צו זען דיך אַן אָרעמאַן, וועלן דיינע קינדער זיין יידן".

אין אָט דאָס אמתדיק געשילדערטע בילד פון יידישן רייכן קרעמער און זיין יידישקייט א רעזולטאַט פון אַ באַשטימטן געפיל־קאָמפּלעקס. און וואָס איז עס פאַר אַ געפיל? איז עס דען נישט ענלעך צום געפיל פון אַ געפאַלענער פרוי צווישן אירע אָרענטלעכע שוועסטער און פריינד? פון אַ קרעציקן וואָס וויל מען זאָל זיינע קרעץ נישט דערקענען? בכן איז דאָ די יידישקייט דאָס בלויזע אָנגעהעריקייט צו דעם מין ייד אַ שווערער מיאוסער הויקער, וואָס אַלץ, די גאַנצע נשמה שטרעבט צו אַנטלויפן פון אים, באַהאַלטן אים אַזוי, אַז קיינער זאָל אים נישט זען און דער הויקערטרעגער אַליין זאָל אים קענען פאַרגעסן.

איז דאָס אַ צופאַל? אַן אויסנאַם? בשום אופן נישט. מיר טרעפן די זעלביקע באַציונג, דעם זעלביקן געפיל אין אונדזער יידישן לעבן אויף יעטווידער טריט און שריט אין דער אָדער יענער פאָרם. די באַציונג איז אַ סך מער פאַרשפּרייט און זיצט אַ סך טיפער ווי מען קען עס מיינען אויבנאויפיק. דאָס איז דער שוין באַקאַנט געוואָרענער קנאַפּווערטיקייטס־געפיל, וואָס וועגן אים ביי יידן איז שוין א סך גערעדט געוואָרן. אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאצט אָט דאָס געפיל אין אונדזער לעבן און במילא אויך נישט געפונען די געהעריקע מיטלען אים צו באַקעמפן.

קודם כל ווו דאַרפן מיר זוכן אָט דעם קנאַפּווערטיקייט־געפיל: צי איז ריכטיק אים צו זוכן בלויז דאָרטן, ווו ער ליגט אויבן אויף: ביי די וואָס האַלטן אָפן זייער יידישקייט פאַר אַ טראַגעדיע, ביי די וואָס מיידן אויס אַ יידישע געזעלשאַפט, ביי די אַסימילאַטאָריש געשטימטע יידן לויט דעם אָפּשטאַם? — לויט מיין מיינונג איז דער וועג נישט ריכטיק. מיר ווילן אָט די שפלות־באַציונג זוכן קודם כל אין די קרייזן און שיכטן, וואָס ווילן זיך און אַנדערע איינריידן אַז זיי זיינען פריי פון איר, לאָמיר זי זוכן אויך ביי אונדז אַליין. בכל אופן וועט די אַרבעט זיין פּראָדוקטיווער. אויב יענע קרייזן, וואָס זאָגן אָפן, אַז

זיי ווילן פון זייער יידישקייט נישט וויסן, אז דער „צופאַל” וואָס זיי זיינען געבאָרן פון יידן איז נישט מאַסגעביק פאַר זייער גייסטיקן לעבן, — אויב יענע קרייזן זיינען במילא אומהיילבאַר און אַלע אונ־דזערע דיאַגנאָזן זיינען איבעריק, איז אָבער דאָס אויסגעפינען דעם געפיל אין שיכטן פון יידישן אקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן א זאַך א גאַנץ פּראַקטישע. עס קען און עס דאַרף אונדז ברענגען צו באַ־שטימטע פּראָפילאַקטיק מיטלען.

כדי צו זוכן די קנאַפּוועררטיקייטס־מיקראָבן אין אָט די קרייזן קע־נען מיר נישט אויסנוצן די אָפענע געזעלשאַפטלעכע דעקלאַראַציעס, די געזעלשאַפטלעכע האַלטונג, די אַנערקענטע פּראָגראַמען. דאָ איז על פּי רוב פאַראַן א באַוווסטזיניקע איינשטעלונג קעגן דעם געפיל און דאָס געפיל אַליין איז פאַרשטעקט טיפער, פאַרמאַסקירט און פאַרדעקט. און ווי יעטווידער קראַנקייט וואָס איז פאַרבאָרגן איז עס אָבער לגמרי נישט ווייניקער שעדלעך און מסוכן. אָבער זוכן מוזן מיר אים טיפער, נישט אין די אַרויסזאָגונגען נאָר אין דעם אויפ־פיר און שטייגער, וואָס געפינט זיך ווייניקער אונטערן קאָנטראָל פון באַוווסטזיין. עס איז תמיד אָט דער געביט א בעסערער שפּיגל פאַרן פּסיכישן אינהאַלט.

נעמען מיר אַזאַ געביט ווי יידישע נעמען. לאָמיר פאַרגלייכן צוויי שורות נעמען:

ברײַנע — בראָניע
איטע — אידע
פריידע — פרידע
חנה — אַנע
ביילע — בעלע
שיינע — סאָניע
פייגע — פאַניע
ליבע — ליובא
מערע — מאַריע

א. גאָלאָמב

אסתר — עסטערע
שרה — סאַרא

אאַז״ו א״ו. לאָמיר פרעגן אַ יעטווידער יידן, וואָסערע נעמען „קלינ־גען שענער.

אויסער די פשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס לעבן מיט טראַדי־ציע וועלן אייך מסתמא אַלע אַנדערע הונדערט פּראָצענט יידן ענט־פערן אַז די לינקע שורה נעמען איז קלינגעוודיקער, שענער. פאַר־וואָס? קיינע אָביעקטיווע, פאָנעטישע, אַקוסטישע שיינקייט אָדער מי־אוסקייט איז דאָ נישטאָ. נישט שייך לגמרי צו זוכן. איז די אָפּשאַצונג „שיין" אָדער „מיאוס" בלויז אַן אַסאָציאַטיווע. מען וועט אייך זאָ־גן: ברײנע איז אַ ברײנע עפּעס, אַ יידענע, בראָניע איז עפּעס אַנ־דערש. ד״ה, פאַר דעם יידישן אויער איז מיאוס נישט דער עצם קלאַנג, נאָר מיאוס זיינען די אַסאָציאַציעס, די פאָרשטעלונגען, די ביל־דער, וואָס די יידישלעכע נעמען רופן אַרויס. און וואָס זיינען די בילדער וואָס אָט די נעמען רופן אַרויס אַסאָציאַטיוו? דאָס זיינען דאָך בילדער פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס. אָט דאָ ליגט דאָס „האָדזען זיך" מיט דעם אייגענעם אָפּשטאַם. בכן קען אונדז אָט די קליניקע עקסקורסיע אין אונדזער אייגענער פּסיכיק ברענגען צום אויספיר, אַז מיר אַלע זוכן זיך צו דערווייטערן פון אונדזער שטאַם, מיר באַמיען זיך נישט צו זיין ענלעך צו אים. שפּעטער וועלן מיר זען, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן דאָס קען אונדז ברענגען. אָבער אפילו אונדזערע אולטראַ־נאַציאָנאַליסטן, די וואָס שווערן זיך דריי מאָל אַ טאָג אַז זיי זיינען מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צום פאָלק, אפילו אָט די (און אָפּט מאָל איבערהויפּט זיי) וועלן זייערע קינדער אָנרופן מיט נעמען וואָס זיינען פריי פון יידישע אַסאָציאַציעס. דאָס וועלן זיין נעמען ביבלישע אַזוינע וואָס זיינען נישט באַנוצט געוואָרן ביי יידן. יעל, תמר, אביגיל, רות, נעמי. אחימעץ, עמינדב וכדומה. אָבער נישט אברהם, יצחק, יעקב, משה, שלמה, דוד און נישט שרה, רבקה, רחל, לאה, דבורה. ווידער אַמאָל זיינען דאָ די נעמען פון דער גאַנ־צער ביבלישער „פּני" פּסול געוואָרן, זיי „קלינגען" נישט שיין בלויז

דערפאר, ווייל זיי אסאָצירן זיך ביי אונדז מיט יידן, זיי דערמאָנען אונדז פשוטע לעבעדיקע יידן, בעת די ערשטע, די נישט געברויכטע נעמען רופן נישט ארויס ביי אונדז קיין אסאָציאַטיווע בילדער פון לעבעדיקע יידן. נימצא, אז נישט דאָס ביבלישע איז שיין, נאָר דאָס וואָס איז נישט יידיש, נישט קיין טייל פון יידישן לעבן און שטויגער. דאָס ביבלישע, וואָס איז יאָ געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן שטייגער איז פונקט אזוי „מיאוס" (ריכטיקער נמאס) ווי סתם יידיש און יידישע נעמען.

איך מיין, אז אָט די באציונג צו נעמען איז אַ ריכטיקער און טיפער אינדיקאַטאָר פאר די קאָמפּלעקסן וואָס הערשן אין „נאַציאָנאַלן אומבאוווסטזיין". דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז מיטן וואָרט „נאַציאָנאַלן" באצייכן איך דאָ נישט קיין פּאָליטישע, אָדער געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג, נאָר די אָרגאַנישע אָנגעהעריקייט און אינעווייניקסטן געפילס־צובונד פון יחיד צום לעבעדיקן כלל. פון דעם שטאַנדפּונקט געזען, איז נישטאָ קיין גרונטיקער אונטערשייד צי איך זוך פאר מיין קינד אַ נאָמען ווי סטאַניסלאַוו אָדער עמיהוד. צי אזוי, צי אזוי — פון לעבעדיקן יידן וויל איך וועיכן, אנטלויפן, ווי פון אַ זאַך, וואָס איז ביי מיר פארבונדן מיט אומאָנגענעמע אסאָציאַציעס.

לאָמיר נעמען אַ צווייטע דערשיינונג.

א קינד איז עס אַ גאָלדענער...
יאָרן האָט עס דריי
און שפּראַכן גאַנצע פיר
(א. רייזען)

עס איז שוין פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן. אַ סך עלטערן וואָס זיינען אידעיש מסכים מיט דער אומנאַרמאַלקייט צו ריידן מיט די קינדער אַן אנדער שפּראַך, טוען עס דאָך. די פאַרענטפערונג איז פאַרטיק: די דינסט. די דינסט רעדט מיטן קינד איר שפּראַך און

טאַטע מאַמע ווילן דאָס קינד נישט פּלאָנטערן, מוזן זיי ריידן מיט די קינדער די „דינסט־שפּראַך". די דערקלערונג קומט פאַר מענטשן, פאַר דער געזעלשאַפט און אָפט אויך פאַר דעם אייגענעם געוויסן. אָבער דאָך איז עס בלויז אַ תירוץ, בלויז אַ פאַרענטפערונג, אָבער נישט קיין סיבה, אַ מאָטיווירונג, אָבער נישט קיין מאָטיוו.

פאַרוואָס?

לאָמיר נעמען למשל ווילנע. די דינסטן רעקרוטירן זיך אין דער פּוילישער תקופה ווי אַמאָל אין דער רוסישער איבערהויפּט פון ווייסרוסישע דערפער. זיינען זיי עם די פּויליש־פאַרשפּרייטע־רינס. פאַר דער ערשטער מלחמה זיינען די זעלביקע דאָרפסמיידלעך געווען די רוסיש־ריידערקעס. און בס"ה איז זייער שפּראַך גאָרנישט דאָס און נישט יענץ, נישט פּויליש און נישט רוסיש, נאָר ווייסרוסיש. די עלטערן ריידן מיט זייערע קינדער און צווינגען די דינסטן צו ריידן נישט זייער שפּראַך נאָר די מלוכה־שפּראַך. בכן, איז דאָ דער דינסט־אַרגומענט בלויז אַ תירוץ און מער נישט. ווייטער — די זעלביקע טאַטע־מאַמע וועלן געוויס קערן וועלטן אויב דאָס קינד וועט איבערנעמען פון דער זעלביקער דינסט שטריכן פון אויפפיר אויסער דער שפּראַך. ניין, בעצם איז די דינסט מיט איר שפּראַך, מיט איר גאַנצן מהות גאָרנישט אַזוי חשוב ביי די עלטערן. זי איז מער נישט, ווי געזאָגט, אַ פאַרענטפערונג צו באַהאַלטן די אמתע מאָטיוון פון נישט ריידן מיטן קינד די אייגענע שפּראַך. און זיי, די אמתע מאָטיוון, זיינען פון דער אייגענער קאַטעגאָריע. איך קען טעאָרעטיש, געזעלשאַפטלעך זיין אַ נאַציאָנאַליסט, איך קען זיין פאַר יידיש, אָבער אינעווייניק, אינטים זיינען מיט די ווערטער פון דער שפּראַך ביי מיר פאַרבונדן אַסאָציאַציעס לגמרי נישט קיין אָנגענעמע און דאָס קינד וואָס איז טייער ביי די עלטערן ווילט זיך זיי נישט פאַרבונדן מיט אָט די אומאָנגענעמע אַסאָציאַציעס, מיט די קאָמפּלעקסן. און דאָ איז בולט די אָפּווייכונג פון דער נאָרמאַלער, געזונטער מענטשלעכער פּסיכיק. ביי נאָרמאַלע מענטשן זיינען אָנגענעם אָרגאַניש רייצן, ווערטער, וואָס רופן אַרויס באַקאַנטע, נאָנטע

אסאָציאַציעס. עס איז היימיש, נאָנט, פריינדלעך. א נייער נאָמען, א פרעמד וואָרט איז קודם כל פרעמד און אָרעם אין אסאָציאַציעס, אומהיימיש, קאַלט. אזוי איז אונדז אומהיימלעך און אומהיימיש א נייער פּייזאַזש. ער קען זיין שטאַרק און שיין אָבער קיין נאָנטקייט און ליבשאַפט קען ער נישט ארויסרופן. א נייער ניגון פון אומבאַקאַנטע מעלאָדיעס רופט נישט ארויס קיינע עמאָציעס, ווייל עס פעלט אסאָציאַציעס. פון דאנען שטאַמט די שווערקייט פאַר א מענטש; איינצולעבן זיך אין א נייער סביבה, אין אַ נייער נאַטור, קולטור, אאַז"וו א"וו. פון דאנען דאָס בענקען נאָך דעם היימישן, נאָנטן, ווו „יעטווידער שטיינדעלע, יעטווידער ביימעלע רעדט צום הארצן", עס הייסט עס רופט ארויס אסאָציאַציעס, פאַרבינדונגען, זיי וועבן איין יעטווידער נייעם רושם אין שוין פאַרטיקן געוועב. אָן דעם, אין דער פרעמד איז דער נאָרמאַלער מענטש, ווי אין קלעם, ווי אין א בלעכענעם בגד, נישט שעפעריש, נישט „ביי זיך", ליידיק שטייט ער אין דער פרעמדער וועלט. אזוי איז דער נאָרמאַלער מענטש. פונקט דער היפוך איז עס מיט דעם יידישן מענטשן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טראַדיציע, פון טראַדיציע־לעבן. ער איז גייסטיק ווי א בלאַט, וואָס איז אָפּגעריסן פון זיין שטאַם, ער האָט נישט קיין צובונד, ער וויל אים נישט האָבן. ער באַמיט זיך אים צו פאַרגעסן ארויסצורייסן אים פון זיך, אלץ וואָס דערמאָנט אים, איז אים דערווידער, מיאוס, נמאס. די היימישע אסאָציאַציעס האַמעווען אים. ער שעפּט סטימולן צו אקטיווקייט, צו האנדלונג נישט פון איינגענעם אוצר אסאָציאַציעס, נאָר פון מוסטערן בלויז. אזא מענטש האָט נישט קיין „איך" ווייל אָט דער „איך" איז דאָך דער סכום אסאָציאַציעס און די סטימולירטע דורך זיי רעאקציעס, האנדלונגען. אזא מענטש וועט תמיד טאָן לויט אַ מוסטער עפּעס. און די געזעצן פון נאָכטאָן זיינען באַשטימטע. דער „מוסטער" וועט תמיד זיין דער הערשנדיקער. און מיט זיינע קינדער וועט אזא מענטש אומאָפּהענגיק פון זיינע פּאָליטישע אני מאמינס תמיד פירן זיך לויטן געגאַרטן מוסטער. קלאַנגען פון זיין היימישער שפּראַך ביי זיין קינד אין מויל! ברר. אָט דאָס

אויספעלן פון געזונטן היימישקייט־געפיל צו דער אייגענער אסאָ־
ציאציעס - וועלט איז א סך מער פארשפרייט איידער מען קען עס
אָננעמען לויט די דעקלראַטיווע ארויסזאָגונגען.
און אזוי איז מיט די יידן אומעטום וווּהין דער צופעליקער עמי־
גראציע־שטראָם האָט זיי פארטראָגן. עטלעכע ברידער פון איין טאטע־
מאמע, פון איין שטעטל זיינען זיך צעפאָרן — איינער אין די שטאַ־
טן, א צווייטער — אין ארגענטינע און א דריטער לאָמיר זאָגן אין
בראַזיל. און זייערע קינדער, די לייבלעכע שוועסטערקינדער קענען
זיך שוין נישט פארשטיין. זיי ריידן אויף דריי פארשיידענע לשו־
נות, זיי אנערקענען זיך ווי אנגעהעריק צו דריי פארשיידענע נאַ־
ציעס. יידן אין מעקסיקע ריידן מיט די קינדער כמעט נאָר שפאַניש
נישט דערפאר ווייל זיי זיינען אזוי באַגייסטערט פון דער מעקסיקאַ־
נער קולטור נאָר ווייל „איך וועל דאָך נישט ריידן מיט מיין קינד
קיין יידיש ווי מיין עלטער־באָבע"... לעולם איז נאָך ביי די יידן ענג־
ליש א סך מער יחוס איידער שפאַניש, אָבער שפאַניש איז דאָך
פאָרט חשובער „אינטעליגענטער" איידער יידיש. מען וועט דער
דינסט נישט געטרויען אן איבריק שטיקל צוקער נישט פארשלאָסן.
אָבער מען וועט איר גערן געטרויען די שפּראַך פון די קינדער, זייער
נשמה און אנטוויקלונג. אין דער פסיכיק פון די מאַמעס וועט דאָך
עס זיין א גוואַלטיקע דערנידערונג, ממש א באַליידיקונג צו ריידן
מיט איר קינד „פּראָסט יידיש" ווי די באָבע אירע אין „שטעטל
דאָרטן", פו! זי וועט דען איר קינד רופן „יאָסעלע" ווי איר באָבע
האָט גערופן איר אייגענעם טאַטן? ניין, אזוי קליינשטעטלדיק וועט
זי נישט זיין! פארשטייט זיך, אז „פּעפּיטאָ" (דער שפאַנישער עקווי־
וואַלענט פון יאָסעלע) איז א סך שענער, זאָגט אליין!... און אפילו
אויב מען געהערט צו יידישע אָרגאַניזאַציעס, צו נאַציאָנאַלע פּאַר־
טייען, — קענט איר פאַרלאַנגען פון זיי אַזאַ קרבן ווי ריידן מיט
די קינדער זייער לשון?! וואָס רעדט איר? אַזוי איז די פּסיכיק פון
די יידן אין אַלע לענדער: אַלץ וואָס אייגן, היימיש איז נמאס און
קנאַפּוּוערטיק. מיט דעם מאַן רעדט מען טאַקע יידיש, אָבער נישט

מיט די קינדער. אַ משל צו וואָס איז געגליכן? — צו אונטערוועש, זייט מוחל: עס טאָקע באַקוועם, אָבער צווישן מענטשן וועט מען דאָך אין אונטערוועש נישט ארויסגיין... די ערגסטע זאַך איז ביי יידן ענלעך זיין צו די אייגענע טאַטע־מאַמע, צו די אייגענע באָבע־זיידע. ביי קיין שום אַנדער פאָלק האָב איך עס נישט באַמערקט. ביי אַלע־מען איז עס דאָכט זיך פונקט פאַרקערט. דאָס איז די נאַציאָנאַלע קנאַפּוועטיקייט, וואָס איז אַזוי טיף אין דער פּסיכיק פון מאָדער־נעם יידן...

און דערביי וועט דער ייד אייך פאַרזיכערן, אַז „אַזוי נאַציאָנאַל ווי ער איז, איז קיינער אין דער וועלט נישט", ער איז זיך ממש מוסר נפש פאַר דער יידישקייט פון זיינע קינדער. דאָס איז שוין דער גרויסער שקר, וואָס באַהערשט דאָס יידישע לעבן. דאָס איז די דירעקטע תולדה פון דעם קנאַפּוועטיקייט־געפיל. און אָפט איז דער שקר געווענדט צו זיך אַליין אויך, צו דעם אייגענעם געוויסן. אין ערשטן דור אימיגראַציע הערשט דער שקר — מען וויל זיך איינ־ריידן, אַז מען איז אַ גוטער ייד אויך מיט שפּאַניש, צי מיט ענג־ליש. דער צווייטער דור דאַרף שוין נישט דעם שקר — מען איז פרעמד צו אַלץ וואָס יידיש איז, — און דער דריטער דור געדענקט שוין נישט, אַז מען איז יידן... סיידן — קלעפּ דערמאָנען. אַזוי פירן יידן די קינדער צו אַ לאַנגזאַמען שמד מיט דער נאַציאָנאַלער פּראַ־זעאַלאָגיע אין מויל. מ'גייט צום קלויסטער און מ'שרייט „שמע ישראל".

נעמען מיר איצט אַזאַ קליינע דערשיינונג. די אַלט יידישע ווענ־דונג, דער טיטל „רב" איז אינגאַנצן כמעט ארויס פון געברויך. עס ווערט נישט באַנוצט אויך דורך די העברעיש־ריידער, כאָטש עס איז דאָך אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דער פאַרצייטיקער קולטור. אין ריין לאָגישן תוך געגומען איז דער אויסדרוק „רב" פיל דעמאָקראַטישער, שענער פון גאַספּאַדין, פּאַן, הער, מיסטער, סעניאָר, אַדון. דער מאָ־דערנער ייד קען אָבער נישט מיט אָט דעם אויסדרוק איבערגעבן זיין אַכטונג. זאָגט דעם מאָדערנעם יידן „זייט אַזוי גוט, רב שמואל", — און ער וועט זיך באַליידיקן. אָדער איר לאַכט פון אים, אָדער איר

זיט צופיל „פּאני־בראט". דער אלט יידישער כבוד־אויסדרוק אסאַ־צירט זיך ביים מאָדערנעם יידן מיט אָביעקטן, וואָס ער האָט ניט צו זיי קיין אכטונג נישט. קען ער באַנוצן אָט דעם אויסדרוק אין א וויץ. מיט א שמייכל פון א דערוואקסענעם, ווען ער שפילט זיך קינדיש.

כדי צו פארענדיקן מיט דעם שפּלות־געפיל אויפן געביט פון שפּראַך וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די צוויי דיאַלעקטן פון העברעיש־ספרדיש און אשכנזיש און זייער גורל ביי יידן אין די אויגן. ביידע דיאַלעקטן לעבן אין דער ליטורגיע, לויט דעם אשכנזישן דיאַלעקט דאַווענען פיר און ניינציק פּראָצענט יידן אויף דער גאָרער וועלט, לויט דעם ספרדישן דיאַלעקט בלויז א 6 פּראָצענט יידן, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער געהערן צו פאַרשיידענע אזיאַ־טישע שבטים. אָנגענומען איז געוואָרן דווקא דער ספרדישער דיאַ־לעקט. נישט דערפאר ווייל ספרדישע יידן האָבן עס געטאָן. ניין, פּרעגט זיי בחרם. דווקא זיינען עס אשכנזישע יידן און מיט וואָס האָט דער דיאַלעקט זוכה געווען? — ער איז „שענער", „ריכטיקער". מי־לאַ, שיינקייט איז אן ענין א סוביעקטיווער, א רעזולטאַט פון א באַציונג. דעם מקור פון שיין און מיאוס דארף מען זוכן אין דעם שאַצער. איז לאָמיר פריער נעמען דעם באַגריף „ריכטיק". וואָס הייסט ריכטיק לגבי אַ דיאלעקט? ביי אַ וועלט מיט מענטשן איז ריכטיק דאָס, וואָס איז אָנגענומען, גאַנגבאר. ביי יידן מאָדערנע איז ריכטיק דער ספרדישער דיאַלעקט, ווייל אויף אים האָט מען גערעדט פאַר־צייטן. איז נאָך די גאַנצע זאַך נישט אזוי זיכער, האָט דאָך דער ספרדישער דיאלעקט פון פארצייטן ביז איצט איבערגעלעבט ענדע־רונגען, נייבילדונגען, אאַז"וו אָבער לאָמיר זאָגן — ער איז נענ־טער, ענלעכער צו דער אויסשפּראך, וואָס איז אמאָל געווען אָנגענו־מענער. אָבער לויט דעם פּרינציפּ וואָלט מען געקענט זאָגן, אז עס זיינען איצט אויף דער וועלט נישטאָ בכלל קיין „ריכטיקע" שפּראַ־כן, ווייל אלע שפּראכן האָבן זיך פאר דער צייט געענדערט, פאַר־ביטן. דאָך פאלט קיינעם נישט איין צו פסקענען, אז די אויסשפּראך, וואָס ווערט באַנוצט דורך 94 פּראָצענט פון פאָלק איז א פאַלשע בלויז

דערפאַר ווייל פאַרצייטן האָט מען אַנדערש גערעדט. בכן. געפעלן איז די ספרדישע הברה דערפאַר טאַקע, וו יי ל זי איז ווייניק באַנוצט דורך יידן ווייל איר קלאַנג איז פרעמד און פאַרמאָגט נישט קיין היימישע אסציאציעס. אָט דערפאַר בלויז איז זי שענער, געשמאַקער דעם יידישן אויער. די גאַנצע טעאָריע פון "ריכטיקע" און „פאַלשע" דיאַלעקטן איז צוגעטראַכט סעקונדער, עס איז נישט קיין סיבה, נאָר א תולדה פון דער שלעכטער באַציונג צו אַלץ וואָס איז „צופיל יידיש". ווער ווייסט, וואָס פאַר א מערכה העברעיש וואָלט געהאַט ביי יידישע נאַציאָנאַליסטן, ווען זיי קענען נישט געפינען קיין פאָרמען וואָס אירע קלאַנגען זיינען ווייט און פרעמד און אַנדערש פון די „אָפּגעניצטע" יידישע לשון קודשדיקע קלאַנגען? און ווען איר קוקט זיך צו ווי אַזאַ ייד מאַטערט זיך אַרויסצוריידן דעם „ע" ענלעך צו דעם ווי ער גייט אַרויס ערגעץ פון גאָרגל ביי דעם פרענקישן יידן, דערמאָלט דערמאָנט איר זיך נישט ווילנדיק דעם יידן אין רוסלאַנד, וואָס פלעגט זיך מאַטערן דורכצוזייען דעם דורך די ציינער דעם רוסישן זש דווקא מעשה מאָסקוויטער. און די ענלעכקייט איז דאָ נישט בלויז אַן אויסווייניקסטע, אַן ענלעכקייט פון סיטואַציעס, עס איז מערעו' אַן ענלעכקייט פון גייסטיקע צושטאַנדן, א דערשיינונג וואָס שטאַמט פון די זעלביקע סטימולן.

און נאָך איין קלייניקייט. עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט, אז די גאַנגבאַרע שפּראַך שטימט נישט מיט אַלע גראַמאַטיקאַלישע כללים. אין אַזוינע פאַלן קומט דער שפּראַך־פאָרשער און זאָגט: דאָס אָדער יענץ וואָרט איז אַן אויסנאַם, א יוצא מהכלל און זיין „ריכטיקע" פאָרמע איז אַזאַ. ס'הייסט, די גראַמאַטיק מוז פאָלגן דער לעבעדיקער שפּראַך. מען וואָלט דאָך אָנגעקוקט ווי א משוגענעם א מענטשן, וואָס וואָלט למשל געזאָגט, אַז דאָס גאַנץ רוסיש פאָלק געברויכט דאָס וואָרט „יאַבלאָקי" פאַלש" און מען מוז זאָגן יאַבלאָקאַ על משקל „אָבלאַקאַ", אַאַז"וו. און איצט פאַרגלייכט: אַ גאַנץ פאָלק זאָגט „טליתים". זאָגט מען אייך — עס איז פאַלש, מען דאַרף זאָגן „טליות" על משקל „חביות". איז די עצם פראַגע טליתים, טליות, טליתות גייט דאָ,

פאַרשטייט זיך, אונדז לגמרי ניש טאָן. אינטערעסאַנט איז די ערנסט־קייט מיט וועלכער יידן שטעלן העכער דעם גראַמאַטיקאַלישן פּרינ־ציפּ פון דער פאָלקס־טראַדיציע. עס דוכט זיך אָפּט, אז פון לכתחילה אָן איז אין מאָדערנעם יידן איינגעפלאַנצט די נטיה, דער פאַרלאַנג צו זוכן גרייזן אין פאָלקס מויל און ער איז זייער צופרידן ווען ער געפינט דעם סמך אָנצונעמען, אז דאָס אָנגענומענע אין פאָלק איז אַ גרייז. עס איז אים גרינג און אָנגענעם צו געפינען די גרייזן, פעסט־צושטעלן זיי, ווייל זיי באַרעכטיקן אים אין נעגאַציע וואָס איז ביי אים פאַראַן נאָך פון פריער. פונקט ווי עס איז פּסיכאָלאָגיש אומ־מעגלעך פאַר דעם רוסישן אינטעליגענט צו קומען און זאָגן: דאָס גאַנצע פאָלק רעדט פאַלש, אזוי פאַרקערט גרינג און אפילו פּסיכיש נויטיק איז עס פאַרן יידישן אינטעליגענט, האַלב און פערטל אינ־טעליגענט. זיין איינשטעלונג איז פונקט דער היפּוך פון דעם אמאָ־ליקן „מנהג ישראל דין הוא״.

פון שפּראַך־געביט וועלן מיר איבערגיין צו אנדערע זייטן פון לעבן און שטייגער, וואָס זיינען אין תוך אריין נישט קיין ערגערע אינדיקאַטאָרן פאַר דער אינעווייניקסטער באַציונג פון יידן צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון שטייגער לעבן, וואָס איז פאָלקיש און פאָלקס־טימלעך. פאַרקערט: שפּראַך איז דאָך איצט ביי אונדז אַ זאַך פון פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכער אָריענטאַציע. באַוווסטזיניק דעקלאַרירט זיך דאָך יעטווידער ייד צו דער אָדער יענער ריכטונג. און דאָס פאַר־טונקלט אָפּט די אמתע באַציונג: עס קענען דעקלאַרירטע „יידישיס־טן״ פאַרמאָגן די אַלע נעגאַציע־באַציונגען, וואָס זיינען אויבן אָנגע־וויזן. עס זיינען פאַראַן אויך פאַרקערט פּאָליטישע קעגנער פון יידיש, וואָס זיינען אליין, פּערזענלעך אַ סך געזינטער, פרייער פון אָט די שפּלות־קאָמפּלעקסן. די פּאָליטישע אָריענטאַציע שטאַמט פון פאַר־שיידענע מקורים און פאַלט לגמרי נישט צונויף מיט דער פּסיכישער איינשטעלונג. דעריבער זיינען די שפּראַך־געביטן מער פאַרפּלאָנ־טערט. אנדערע געביטן פון פאָלקס סטיל אין לעבן און שטייגער פאַר־

מאָגן נישט דעם פּלאָנטער און דעריבער זיינען דאָרטן די אינעווייניקסטע באַציונגען קלאָרער, דייטלעכער.

יעטווידער פאָלק האָט זיך זיין שטייגער אין עסן און אין מאכלים. די רוסישע „שצי דא קאשא" און די „בליני" זיינען נישט ווייניקער נאַציאָנאַל רוסיש ווי נעקראַסאָווס א ליד, בכל אופן נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש. דאָס זעלביקע ביי אַלע פעלקער. ביי יידן איז עס נישט בלויז טשאָלנט מיט קוגל. עס איז די „פוסטע און געפילטע פיש, די טייגעכצן און איינגעמאַכצן, לאָקשן און קרעפּלעך, טייגלעך און פארפל, דער וואָכעדיקער קרופּניק און דער יום-טובדיקער ראָסל, די לאַטקעס און בלינצעס, די רעטעך מיט שמאַלץ און די חלות און קיכלעך, אאז"וו. ווי אזוי באַציט זיך דער מאָדערנער ייד, דער דעקלאַרירטער נאַציאָנאַליסט ווי דער נישט דעקלארירטער צו דעם אַלעם? — אין בעסטן פאַל מיט א גוטמוטיקן ביטולשמייכל: אָט דאָרטן די קליינשטעטלדיקע נארישקייט. איך רייד שוין גיט פון דעם וואָס פון אָט די קלייניקייטן שטעלט זיך צונויף די מיליע, דער לעבן-שטייגער און אָן זיי בלייבט די גאַנצע „פאָלקסטימלעכקייט" א בלויזע אבסטראַקציע. א אידעע, וואָס האָט נישט קיין אויסדרוק אין וואָכעדיקן טאָג-טעגלעכן לעבן... נישט איין לייענער פון דעם אָפּזאַץ וועט געווים שמייכלען: אין וואָס א מענטש זוכט נאַציאָנאַלן אינהאַלט אין געפילטע פיש און אין א קישקע און קוגל... אָבער אָט דאָס לאָבן טאַקע איז א רעזולטאַט פון אונדזער אַלעמענס אָפּגעריסנקייט, פון אונדזער וועלן אָפּרייסן זיך, פון דעם שלעכטן פילן זיך אין דער אַלטער לעבנס-ראַם. נאָך מער: טיף ערגעץ אין הארצן, אזוי צו זאָגן, וועט יעטווידער אינטעליגענטער ייד זייער גערן עסן יידישע מאכלים, אָבער ביי זיך אין שטוב, אָנערקענען ה"ד, בפרהסיא מיטן פולן מויל, אריינברענגען דאָס אין אייגענעם מיליע — דאָס האָט נאָך ביי אונדז קיין שום נאַציאָנאַלער ייד נישט געטאָן, דאַכט זיך. אין זינען פון קולטור-שטייגער, פון שאַפן א לעבנס-סטיל איז אפשר אָט דער טייל פון שטוביקן לעבן נישט ווייניקער וויכטיק ווי די שפּראַך אין שטוב. בכל אופן פעלט עס זייער

שטאַרק אין דער דערציִונג פון די קינדער, וואָס וואַקסן אין שטוב. די יידישע היימען זיינען אָן א שטייגער, אָן א סטיל, אָן א פעסטן לעבנס־רעגולאַמין און די השפּעה, וואָס די עלעמענטן גיבן זיינען לגמרי נישט קיין קליינע. און ווידער אַמאָל איז עס א תּולדה פון אונדזער גייסטיקער אָפּגעריסנקייט, פון אונדזער ווידערגעפיל צום קולטור־קאָמפּלעקס, וואָס מיר שטאַמען פון אים.

און לאָמיר נעמען אַנדערע עלעמענטן פון שטוביקן שטייגער און אויפפיר. נעמען מיר אַזא מנהג ווי שלח מנות. וועלכער מאָדערנער ייד האַלט עס פון דעם מנהג? „איך ווייס? עפּעס א פאַרעלטערטער מנהג, וואָס, משטיינס געזאָגט, קען ער מיר געבן? איבעריקס איז ער אפשר גאָרנישט איינגאַנצן כשר לויטן שולחן ערוך פון וועלט־לעכקייט". אָבער דער זעלביקער שטרענג וועלטלעכער מאָדערנער ייד מוז דאָך ערגעץ ווו און ערגעץ ווי יום טובן די סילוועסטער נאַכט. „עס איז א בירגערלעכער יום טוב". אין תּל אביב, ווי איר ווייסט קיין גוי אויף א רפואה נישט געפינען, ווו איר קענט אָפּוויינען יאָרן און נישט הערן קיין קלויסטער גלאָקן, דאָ האָט מען געמוזט פאַרבאָטן די עפנטלעכע סילוועסטער־אָוונטן. און נישט איין „נאַציאָנאַלער" ייד האָט זיך יענעם אָוונט געפילט ביטער, ווייל ער קען נישט פאַר־וויילן דעם „בירגערלעכן" יום טוב לויט אַלע דינים און פּישטשעווקעס. פון יידישע „בירגערלעכע" יום טובים איז אים נישט אין פאַרגלייך גרינגער זיך צו באַפרייען. ער האָט זיי גאָר פאַרגעסן. און מען פאַר־געסט, כידוע, דאָס וואָס מען וויל פאַרגעסן. דאָס זעלביקע איז מיט א סך אַנדערע מנהגים, ווי חנוכה־געלט, לאַטקעס, אאַז"וו און עס איז נישט נאָר א קולטורער שאָדן, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אומגעפורעמקייט פון די מאָדערנע יידישע קולטורן; ניין, עס איז א פּסיכישע געבראָכנקייט. דאָס וואָס דער מאָדערנער ייד האָט נישט געקענט מאָדערניזירן דעם לעבנס שטייגער, נישט געקענט אויסבויען פון דעם א נייעם שטייגער. דאָס שטערט אים דעם מאָדערנעם יידן צו פילן זיך גאַנץ. א מענטש אָן א שטייגער איז א גייסטיקער וואַג־לער. דער מאָדערנער ייד איז אין ערגעץ נישט היימיש און דער עיקר

— ביי זיך אליין. זיין לעבן באַשטייט פון שטיקלעך, פון ברעקלעך איבערגענומענע פון אומעטום. אָבער אַלץ צוזאַמען זיינען עס בלויז פראַגמענטן אָן אַ גאַנצקייט, אָן אַ תיקון. און דאָס שטאַרקט נאָך מער אין אים זיין געפּאַלנקייט, זיין נישטזיכערקייט און דאָס אויס־פּעלן פון אייגענעם מענטשלעכן שטאַלץ.

נעמען מיר ווידער נאָך אַ „קלייניקייט": די יידישע זשעסטיקור־לאַציע. קיין פּאַרטייען האָבן זיך איבער איר נישט געשלאָגן. קיינער האָט זי נישט אַריינגענומען אין קולטור־אינווענטאַר, אין בעסטן פאַל האָט מען פון דעם גוטמוטיקע וויצן געמאַכט, — דער ייד רעדט מיט די הענט. דער מאָדערנער ייד וואָלט גערן זיך געלאָזט בינדן די הענט, אַבי זיי זאָלן אים נישט אַרויסשפּרינגען ווען ער וועט זיך פאַררייידן און נישט אויפדעקן די „מיאוסע טבע". פאַרקערט וועט דעם זעל־ביקן יידן שטאַרק געפעלן ווערן ווי אַן איטאַליענער זשעסטיקולירט, אַבי נישט מעשה ייד.

אויך דער מאָדערנער יידישער לערער, איבערהויפּט דער פּאַ־טענטירטער נאַציאָנאַליסט, וועט קיינמאָל נישט וואָגן אויסצולער־נען זיינע תלמידים איידישן פאָלקס־טאַנץ למשל, אַ „רעדעלע", אַ „שערעלע" וכדומה.

— וואָס האָט אָט דאָס אַלטוואַרג געמיינזאַם מיט אונדז מאָדער־נע מענטשן?

אָבער די זעלביקע מאָדערנע לערער ווילן גערן איינלערנען מיט די קינדער ערגעץ אַ קראַקאָוויאַק, אַ פּאָלקע, אַ קאָזאַטשאָק, אַ נאָר־וועגישן טאַנץ — אַלץ, נאָר נישט יידיש. אויף דעם וועט אים פּשוט אויספעלן מוט.

דאַרף מען פאַר די קינדער מעשהלעך, — זיינען גוט שוועדישע, רוסישע, דייטשע פאָלקס־מעשהלעך. אָבער נישט קיין יידישע. — „ער איז דאָך נישט קיין מלמד, וואָס דערציילט די קינדער „באָבע מעשיות"... איבעריקס, וואָס קען מען האָבן צום פּשוטן לערער, ווען אחד העם אליין פאַרגינט זיך צו זאָגן, אַז די יידישע פאָלקס־

שאפונג איז גאָרנישט נישט ווערט (על פרשת דרכים כרך ד') עס
הייסט — דער ציקל הומאָר כעלם, הערשעלע, די נאָך נישט פאר־
שריבענע אָפּערע „ר' לוי יצחק בערדיטשעווער", — דאָס אלץ איז
גאָרנישט מיט גאָרנישט... נישט אומזיסט כאראקטעריזירט יחזקאל
קויפמאן פון חיפה גרויסע שיכטן פון יידישע נאציאָנאליסטן ווי —
שונאי ישראל ("אהבה מתוך שנאה", מאזנים.) דער גאנצער יידי־
שער נאציאָנאליזם (כ'מיין נישט דעם פּאָליטיש־אגרעסיוון, דעם שאָ־
וויניסטישן, נאָר דעם נאָרמאל־מענטשלעכן) איז א משונהדיקער:
נאָרמאל דארף זיין אז דער נאציאָנאלער באוווסטזיין איז דער צוויי־
טער נאָכן אינדיווידועלן "איך"־באוווסטזיין אויפן באזיס פון אָר־
גאנישער צוגעבונדנקייט צום פאָלקסטימלעכן לעבעדיקן קיבוץ און
זיין שטייגער. ביי יידן איז דער נאציאָנאליזם אן אנטרינונג, אן אנט־
לויפן פון פאָלקס קולטור. אויב די פּראָגראם פון אסימילאציע איז
באשטאנען פון צוויי טיילן: א) נעגאציע צו אלץ וואָס יידיש איז,
ב) פארהערלעכונג און באגייסטערונג פאר פרעמדס, האָט דער יידי־
שער נאציאָנאליזם דעם ערשטן טייל איבערגענומען אינגאנצן. בלויז
אין צווייטן טייל האָט ער דאָס פרעמדע (גיי צו פרעמדע, אז חתנס
צד בריקעט זיך) פארביטן מיט אן אייגענעם פסעוודאָקלאסיציזם.
בכן איז דער נאציאָנאליזם אין קולטור באוועגונג ביי אונדז זייער
אָפט דער דירעקטער יורש פון דער באנקראָטירטער אסימילאציע.
ביידע שטאמען זיי פון שפלות־געפיל צום אייגענעם קיבוץ, צו די
אלע קולטור־עלעמענטן פון קולטור און שטייגער וואָס ציען זייערע
וואָרצלען פון אָט דעם קיבוץ. און עס איז דאָ אין תוך אריין נישט
קיין גרויסער אונטערשייד צווישן די וואָס דעקלארירן זיך פּראָגרא־
מאטיש פאר דער „נאציאָנאלער" קולטור, אָדער פאר דער „קולטור
פון די מאסן". ווייל א נאָרמאלער מענטש זוכט נישט קיין תירוצים,
קיין בארעכטיקונגען פאר דעם וואָס ער איז און פאר זיינס. אין דעם
אויסדרוק „קולטור פון די מאסן" ליגט א נישט ארויסגעזאָגטע
חניפה: „און איך באוויליג צו טאָן א טובה די מאסן, איך אליין

אָבער, — נו, ווי קענט איר פון מיר פאַרלאַנגען איך זאָל זיך דער־גידעריקן ביז צו זיי?״.

און אזוי אַנאַליזירנדיק אַלע דעטאַלן פון מענטשלעכן טאָג טעג־לעכן אויפפיר און האלטן זיך פון היינטיקן יידן, געפינען מיר אויף יעטווידער טריט און שריט ממש אויסדריקן פון דעם שפּלות־געפיל. אזוי שעמט זיך אַ דינסט אין שטאָט מיט אירע היימישע זיטן, מיט אירע פאַרמאַזאַלעטע הענט און נישט עלעגאַנטע פיס; אזוי שעמט זיך אַ ישיבה־בחור פאר א פוסטן גימנאַזיסטל, אזוי שעמען זיך פאַלש דערצויגענע מיידלעך מיט זייער יונגן ביוסט און נאָך מער פרויען מיט זייער שוואַנגערשאפט. אָט אזוי שעמען זיך מאָדערנע יידן מיט דער וואָכעדיקער יידישקייט, ווייל עס איז וואָכעדיק און יידישלעך. און אָט דער שפלות־קאָמפּלעקס מאַכט דעם מאָדערנעם יידן אומ־פעיק איבערצואַרבעטן אָן א שיעור עלעמענטן פון קולטור און שטייגער, זיי צו פארוועדטן און איבערפאָרמירן אין נייעם פעסטן לעבנס־שטייגער. און אָט דאָס איז שייך לגמרי נישט בלויז צו די שבתדיקע לאָקשן און קוגל. ניין, די זעלביקע אומפּראָדוקטיווקייט הערשט אויך אויף אַלע געביטן פון גייסטיקער קולטור. לאָמיר אָנהייבן פון דעם פאַקט, וואָס יידן זיינען א סך מער פּראָפּאָרציאָנעל פארטראָטן צווישן די ווירטואָזן איידער צווישן די אָריגינעלע קאָמפּאָזיטאָרן, צווישן די פּאָפּולאַריזאַטאָרן איידער צווישן די וויסנשאפטס מענער, צווישן די מפרשים און אויסטייטשער איידער צווישן די שעפער און דענקער, צווישן די קאָמיוואָיאַזשאָרן און פארשפּרייטער — הענדלער איידער — די פּראָדוצירער און שעפער. יידן פּראָפּאַגאַנדיסטן, דורכפירער, נאָכפאָלגער זיינען פּראָפּאָרציאָנעל מערער איידער פירער און זעלב־שטענדיקע טעאָרעטיקער. אין ארץ ישראל ווו עס עקסיסטירט א סך יאָרן א פרייער שולוועזן אָן צוואַנג און דרוק, אָן קאָנקורענץ פון פרעמדע קולטורן און אָן אינספּעקטאָרישע שטיוול, וועט איר גע־פינען נאָכפאָלגער פון אַלערליי פעדאַגאָגישע שיטות אין דער וועלט אָבער קיין איין אָריגינעלן ארצישראלדיקן פעדאַגאָגישן דענקער און טעאָרעטיקער און אפשר — ווייל אין ארץ ישראל ווירקט נישט אזוי

שטאַרק דער מוסטער פון נישט ייִדישן שרייבער, אפשר דערפאַר האָט זיך דאָ נאָך נישט געשאַפן אויך דער ייִדישער אָריגינעלער ראָמאַן. עס פעלט דער אייגענער שעפערישער שווונג. דאָס האָט דער שפלות געפיל פאַרפּעגטעט דעם אייגענעם „איך" ביים ייִדן, אים אָראָפּגע־שטויסן און אַראָפּגעשטופּט ערגעץ אין יענע ווינקעלעך פון אונדזער אומבאַוווּסטזיין, פון וואַנען ער הערט אויף צו שאַפן, אָנצופירן מיטן מענטשן און מיט זיין טעטיקייט. א סך גרינגער איז אַזאַ מענטשן אָנצונעמען א אידעע, א געדאַנק וואָס איז שיין אַרויסגעזאָגט, באַ־שטעטיקט, באַרעכטיקט, וואָס האָט „ביי לייטן" א הכשר. זיינע אייגענע איבערלעבונגען, זיין נשמה, זיין „איך" — מיט זיי איז ער נישט זיכער צי זיינען זיי געגנוג מאָדערן, ער באַמיט זיך אין זיי נישט צו גריבלען, נישט אויסדריקן זיי ווייל זיי זיינען קנאַפּוועַר־טיק, ער האָט מורא זיי אַרויפצושעפּן פון די טיפע נשמה־ברונימער אויפן אויבערפלאַך, ווייל... ער האָט מורא פאַר זיי. און געגליכן זאָל עס זיין אָט צו וואָס:

— אַזוי פיל פּרויען־שרייבערינס. דער מאָמענט פון ליבע, פון עראָטיק וועט איר טרעפן אין די ווערק פון פרויען. אים האָבן שוין מענער שרייבער בירגער־רעכט געגעבן. אָבער אָט דער גראַנדיאָזער קאָמפּלעקס גייסטיקע און מאָראַלישע איבערלעבונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן פּעריאָד פון שוואַנגערשאַפט — דאָס האָב איך דאַכט זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט ביי פרויען־שרייבערינס. דאָס האָט נישט דעם נייטיקן פאַר זיי הכשר פון די מאַנצבילן.

אָט פאַרוואָס עס וואַלגערן זיך ביי אונדז גרויסע אוצרות קול־טור און טראַדיציע און נישט דער טעאַטער נישט די קונסט האָבן עס נאָך נישט אויסגענוצט.

— און שאַגאַל? — יאָ, געוויס! ווייל ער האָט געקראָגן די ערשטע „סמיכה" ביי גויים. אז די גויים האַלטן פון אים, נו, טאָ קאָמיר זיך גרויס האַלטן מיט אים... און ווער ווייסט צי דאַרף נישט שלום אש פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג ביי ייִדן דער אנערקענונג וואָס ער האָט באַקומען ביי די גויים, ביי קאָמיסאַריזשעווסקע אין טעאַ־

טער? איך דערמאָן זיך די גדולה פון יידישע (בפירוש יידיש נאַציאָ־נאַלע) אינטעליגענטן, ווען דער רוסישער פּיפּיקער און אפשר פּעי־קער פעליעטאָניסט אמפיטעאטראָוו האָט אָנגעשריבן אַ גוטן פעליע־טאָן וועגן שלום עליכמען. דער האָן האָט מבינות געזאָגט אויפן נאַכ־טיגאַל... אָבער ער איז דאָך נישט קיין ייד.

נאָך ביאַליקס טויט האָט עפּעס עמיצער מיט אַ קראַנקהאַפטער אומבאַפרידיקטקייט אין לעבן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל. אַז ביאַליק איז „לויטן אייראָפּעישן מאָסשטאַב" גאָרנישט. אונדז געפעלט ער ווייל ער איז דער „מגיד". און שלום עליכם אויך דאָסזעלבע — דער בדחן. און מענטשן האָבן געקריצט מיט די ציין פאַר כעס און אויפ־רעגונג. בלויז צוליבן כבוד פון מת האָט מען דעם מענטשן נישט געמאַבט כעפרא דארעא. און אין תוך אַריין ווו איז די באַליי־דיקונג? פאַרבייט דאָס וואָרט „מגיד" „מטיף" מיטן וואָרט „טריי־בון" — און די גאַנצע ביטערקייט גייט אַוועק. „בדחן" איז שלעכט, ווייל עס האָט אַ יידישלעכן טעם. „פאָלקס הומאָריסט" באַליידיקט אונדז נישט. און דער ייד וואָס האָט געוואָלט אַ שטאָך טאָן דעם טויטן ביאַליקן, האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אים ווי אויך שלום עליכמען באַשאָנקען מיטן העכסטן טיטול וואָס עס קען געבן: גאונים פון פאָלקסקונסט.

און אויך די יידישע ליטעראַטור האָבן אונדזערע קלאַסיקער (אויך אַנדערע: אליקום צונזער, אמ"ד, לינעצקי און נאָך) מיט האַ־מערס אונדז אַריינגעשלאָגן אין די מוחות. איז אָבער די לאַגע פון אַנדערע קונסט־ און דענקונגס־געביטן כמעט נאָך ניי אינגאַנצן.

און אפשר? אפשר איז אונדזער סאָציאַל־פּאָליטישער מצב אַזוי ביטער אויך דערפאַר, ווייל אונדזערע פּאָליטישע טוער און דענקער האָבן תמיד צו ווייניק גענומען אין אַכט דעם אייגענעם „איך". עס וואָלט אונדז דאָ צו ווייט פאַרפירט אַ גרונטיקער אַנאַליז פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און זייער טעטיקייט. מיר וועלן זיך באַנוגענען בלויז מיט דער פעסטשטעלונג, אַז עס האָט זיך נישט געשאַפן קיין יידישע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל איר טעאָריע ניט

בויען אויף פעסטגעשטעלטע דורך עמיצן נישט קיין יידן פּרינציפּן, וואָס זאָל זיך נישט זען ווי אַ יידישע אויפלאַגע פון אַן עקסיסטירנ־דיקע ביי נישט יידן באַוועגונג, אָדער וואָס זאָל זיך בויען נישט לויט אַנאַלאָגיע. אָפּט דאַכט זיך, אַז פּונקט פאַרקערט: די יידישע ווירק־לעכקייט האָט געדאַרפט ברענגען צו טעאָריעס, וואָס די נישט־יידן וועלן נאָך צו זיי קומען ווען זיי וועלן זיין אַזוי צעשפּרייט. אין דער געשיכטע פון אַלע יידישע באַוועגונגען קענען מיר געפינען אַן אַ שיעור מאָמענטן פון נאָכטאָן, נאָכדענקען, איבערזעצן און איבער־פלאַנצן, צופּאַסן און צופּוצן געדאַנקען צו דער יידישער ווירקלעכ־קייט, — נישט פאַרקערט. אפשר וואָלט זיך געשאַפן אַזאַ זעלבשטענ־דיקע טעאָריע, וואָס זאָל שטאַמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט גופא און פּאַסן זיך צו איר. און וואָלט אַזאַ טעאָריע געקענט צוציען צו זיך יידן, כאָטש ז' איז אַ יידישע טעאָריע, — אפשר וואָלטן מיר היינט געווען שטאַרקער, פעסטער זיכער.

אַזוי אַרום האָט דער שפלות געפיל אונדז אָנגעמאַכט צרות אָן אַ שיעור, איינגעהאַמעוועט אונדזער שעפערישקייט אויף אַלע געבי־טן פון לעבן. און נאָך איין כאַראַקטער שטריך מוז דאָ אָנגעצייכנסט ווערן: אַזאַ איינער, וואָס איז קראַנק אויף דעם שפלות קאָמפּלעקס, אַזאַ איינער, ה"ד, וואָס אַנטלויפט פון אייגענעם „איך" צו פאַרשיי־דענע מוסטערן, אַזאַ איינער איז זייער רירעוודיק, גייסטיק פלינק אויפ־צוכאַפּן פרעמדס, צוצופּאַסן זיך צו אַלערליי קולטורן און סביבות. ער איז ווי אַ פּלאַסטישער טייג וואָס קנעט זיך אַליין, ריכטיקער — ער ווערט געקנאָטן דורך דער סביבה אָן אַ שום אינעווייניקסטן ווי־דערשטאַנד.

אַ מענטש וואָס איז איינגעוואַקסן אָרגאַניש אין אַ לעבעדיקער קולטור, איז אַ קאָנקרעטער פילדורותדיקער געפורעמטקייט, — אַזאַ אי־נער פאַרמאָגט קולטור־אינערץ, ער איז פאַרהאַרטעוועט, קריס־טאַליזירט, אין יעטווידער קער און ריר ליגט אַ שטעמפּל פון צייט און אָרט פון דורות און סביבה; אַזאַ איינער איז נישט בייגזאַם. אַזאַ איינער פאַרמאָגט זיין אייגענעם אינעווייניקסטן אינטעלעקטו־

על-מאָראַלישן פּרצוף, עס איז אַן אויסגעפורעמטע געשטאַלט. אַזאַ מענטש קען זיך נישט בייטן, צופּאַסן זיך, אַריינגיסן זיך אין אַ יעט־ווידער אונטערגעשטעלטן פורעם. אָפט זעט עס אויס ווי אַ טעמפּקייט און אומפּעיקייט, ווי אַ גייסטיקע פאַרגליווערטקייט, אָבער אָט די אויסגעפורעמטע פאַרגליווערטקייט, אָט דאָס איז קולטור, דאָס איז אייגענער פּרצוף, דאָס איז פאַרקערפּערטע ענערגיע, ווי יעטווידער פעסטע שטאָף. פאַרקערט, אַ מענטש אָן אַזאַ פעסטער קולטורעלער אויסגעפורעמטקייט אַזאַ איינער איז ווי אַ פאָרמלאָזער, פּרצופלאָ־זער גאַז, וואָס דיפונירט גרינג אין יעטווידער סביבה אַריין, דרינגט אַריין אין יעטווידער שפּאַרונקעלע, אין אַלע פאָרן און נעמט באַלד די פאַראַנענע פאָרמעס, כדי זיי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו פאַרלאָזן, פאַרבייטן אויף אַנדערע. אַזאַ מענטש ווערט פלינק און פּיפּיק דאָ אַן אַמעריקאַנער, דאָ אַ פראַנצויז, און אַז איר ווילט — אַ טערק, אַ כינעזער, אַ וואָס איר ווילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַזאַ ייד איז פּעיק, קלוג, ער אָריענטירט זיך שנעל און פלינק אין אַלע סי־טואַציעס און סביבות. וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען דאָס אַלץ וואָלט — אמת געווען. די אַלע אויף גיך איבערגענומענע קולטורן, זיינען בלויז אויבנאויפיקע, אָנגעוואָרפענע אויף דער גיך ווי פייגנבלעטער צוצודעקן די נאַקעטקייט. סאיז אימיטאַציע פון קולטור. ריכטיקער — עס איז אַ לאַגער פון געפּאַקטע סחורות, אָבער די פּאַקונגען זיי־נען ליידיקע, קיין אינהאַלט איז נישטאָ. עס איז נישט אַסימילאַציע, עס איז פּסיידאָאַסימילאַציע. אַסימילירן זיך, אַריינלעבן זיך אין אַ נייער קולטור, פאַראייגענען זי קען אַ מענטש, וואָס האָט קולטור. דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע איז אַ דויערנדיקער, אויב נישט דור־רות, איז בכל אופן לאַנגע יאָרן. די צופּאַסונג אָבער איז אַ ריין אויסווייניקסטער פּראָצעס. קולטור קלעפּט זיך נישט צו קולטורלאָ־זיקייט, און אַ מענטש אָן אַן אייגענער קולטור קען זיך נישט אַסי־מילירן. אַזאַ צופּאַסונג צו קולטור איז אין תוך אַריין פאַלש און צביעותדיק. מען מאַכט זיך פאַר אַ רוס פאַר אַ פּאָליאַק, פאַר אַן ענגלענדער און אַפילו פאַר אַ נאַציאָנאַלן יידן אין ארץ ישראל. אין

תוך אַריין איז מען נישט דאָס, נישט יענץ. אַסימילאַציע קען זיין שעד־פעריש, פּסיידאָאַסימילאַציע — קיינמאָל נישט. און אַט דאָ ליגט אַ גרויסער טייל פון דער קולטור־טראַגעדיע פון היינטיקן יידנטום אויף דער גאָרער וועלט און אויך — אין ארץ ישראל!

———

פון וואַנען קומט צו אונדז דער שפּלות־קאָמפּלעקס? פון ווען אָן האָט ער זיך איינגענעסט צו אונדז אין נשמה מיט אַלע זיינע מאָדיפיקאַציעס?

— פון גלות? — ניין און ניין, נישט ריכטיק. די אמתע גלות־יידן, די יידן אין געטאָ האָבן מיט דער גאַנצער האַרציקער אויפריכטיקייט געזונגען:

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר
און
אוי, ווי, אַ קלאָג צו זיי,
אַ בלינדן, אַ גאָט האָבן זיי״.

זיי פלעגן זינגען „מה יפית״ און דאָך בלייבן שטאָלצע מענטשן אינעווייניק, אין זייער נשמה (מענדל זלאַטשעווער אין „קידוש השם״). דעם שפּלות געפיל טרעפן מיר דווקא צום ערשטן מאָל אין די צייטן ווען דער „גלות״ האָט כלומרשט אָפּגעשוואַכט זיין דרוק. דאָס איז געווען די צייט פון עמאַנסיפּאַציע און השכלה. אין אַ פריערדיקער אַרבעט *) האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער געפאַלנקייט פון די עמאַנסיפּירטע פון ערשטן דור אָן, פון זייערע שטאַמפאַטערס אָן. גלייך צום אָנהייב נאָך האָט דער פאַריזער סנהדרין שוין אַרויסגעוויזן זיין קנעכטישן פּרצוף. די גאַנצע השכלה איז

———

*) „כעס אין דער יידישער קולטור געשיכטע״ געקליבענע שריפטן, באַנד 3)

אייגנטלעך געווען אַ מין אַקציע אַריינצודרינגען אין „געזעלשאַפט" אַריין, אַ מין באַמיען זיך געפעלן צו ווערן. און יעטווידער פאַרלאַנג געפעלן צו ווערן, צי עס איז פון אַ מיידל, צי פון אַ קיבוץ — אַלץ איינס ברענגט צו אַ היפּערטראָפירטער נאָכמאַכונג און נאָכטאָן דעם געגאַרטן מוסטער, נאָכטאָן אים, כּסדר טראַכטן פון אים, אָננעמען פאַר גוט און פיין אַלץ וואָס ער טוט, פאַרהערלעכן אַלץ וואָס איז זיינס, אַלע זיינע מעשׂים.

די משׂכּילים האָט זיך תּמיד געדאַכט, אַז מען האַלט אין איין קוקן אויף זיי מיט שפּאָט, אַז מען לאַכט פון זיי, און דעריבער האָבן זיי אָנשטאָט צו קעמפן פאַר עמאַנסיפּאַציע, גלייכבאַרעכטיקונג באמת, אַוועקגעגעבן זייערע גאַנצע ענערגיע אויף זוכן די „יידישע חסרו־נות" און זיי צו באַקעמפן. און פאַר אַזוינע חסרונות איז פאַררעכנט געוואָרן אַלץ, וואָס שיידט אָפּ דעם יידן פון הערשנדיקן פאָלק. די משׂכּילים האָבן ווי שטערבלעך פאַרליבטע נישט געפילט די אמתע באַציונג, די שׂינאה פון געליבטן, פון געגאַרטן מוסטער. זיי האָבן נישט מיטגעפילט דעם פּיין און ליידן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג. אין יאָר פון דער ערשטער רעקרוטשינע האָט ריב"ל געשריבן וועגן ניקאָליי דעם ערשטן ווי וועגן דעם ערשטן מלך חסד (זיין הקד־מה צו דער תעודה בישׂראל"), ווען מאָנטיפיאָרי לויפט אַזש פון לאָנדאָן גרינגער מאַכן די יידישע ליידן, באַגעגענען אים די ווילנער משׂכּילים מיט אַ מעמאָראַנדום: „ארבעה אבות נזיקין". די גרעס־טע צרות זיינען — די יידישע אָפּגעשטאַנענקייט. אין די לידער פון אַן אדם הכּהן למשל וואָס נעמט זיך פאַר די „קריוודעס" פון דער וועלט איז נישטאָ קיין וואָרט וועגן די יידישע צרות („החמלה"). „דאָס פאָלק האָט געשריבן איין געשיכטע, שרייבט פּ. מאַרעק אין זיין „צוויי דערציונגען", אַ געשיכטע פון גזירות און צרות, און די משׂכּילים האָבן געזונגען דיפיראַמבן די „מלכי חסד" און הינטיש געקושט די רוט, וואָס האָט געפּאַשעוועט דאָס לייב פון פאָלק. „דאָס איז דאָך אַלץ צום גוטן, „אויסצובעסערן" און אויסצומענטשלען די יידן. מען האָט יידן אינעווייניק געהאַסט, פיינט געהאַט און דערי־

בער האָט מעז נישט באַמערקט זייערע ליידן, די בלוטיקע וווּנדן זייע־רע. יידישקייט, די עצם עקסיסטענץ פון אַ יידישן אָפּגעזונדערטן קיבוץ האָט די משכילים געשטערט זיך צו צעשמעלצן, אַריינצודרינ־גען אין „געזעלשאַפט". פון דאַנען די אַלע זאָרג „אויסצומענטשלען" די יידן. פון דאַנען שטאַמט די שינאה צו יידיש, פון דאַנען קומט די רעפאָרמאַציע, דערמיט איז דורכגעדרונגען די גאַנצע קולטור טרעגעריי פון דער השכלה.

די חברה „מפיצי השכלה" איז לכתחילה געווען אויסגערעכנט בלויז אויף רוסיפיקאַציע (זע י. טשעריקאָווער "געשיכטע פון דער חברה מפיצי השכלה", 1913 אין רוסיש). אויף וויפל די משכילים האָבן נישט געקענט אויסראָטן יידישקייט נישט דורך „בילדונג דער הימלס־טאָכטער", נישט דורך די אינקוויזיציע־מיטלען פון די „מל־כי חסד" (טיף אין הארצן האָבן די משכילים באַרעכטיקט אַלע גזי־רות פון ניקאָליי און דאַנקבאַר געווען פאַר זיי), — אויף אַזוי פיל איז פאַר זיי דער איינציקער אויסלייז געווען — שמד. געגאַנגען איז עס לויט דער פאָרמולע: ערשטער דור — משכילים, צווייטער דור — משומדים, דריטער דור — אַקטיווע אַנטיסעמיטן. אָפט זיינען אַלע דריי גילגולים דורכגעמאַכט געוואָרן אין איין דור. ביי אייניקע איז דער שמד געווען מאָראַליש אומאָנגענעם: היינעס קרייז מיט זייער פייערלעכער שבועה צו בלייבן יידן. באַגראַוו שרייבט צו לעוואַנדען (זע רוסיש יידישע ענציקלאָפּעדיע), אַז זייענדיק אַ קאָסמאָפּאָליט אין ברייטסטן זינען (?), וואָלט ער לאַנג אַריבער אין לאַגער פון די שטאַרקע, מער נישט די לאַגע פון זיינע שטאַם־ברידער דערלאָזט אים נישט. כידוע, האָבן זיי זיך אַלע כמעט אויסגעלייזט פון דער שווע־רער סיטואַציע דורך שמד. אַזוי אַרום איז די השכלה געווען נישט אַ באַוועגונג צו באַפרייען יידן, נאָר זיך צו באַפרייען פון יידישקייט. אויב עס זיינען נאָך פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע אָפּ־שאַצונג פאַר דער השכלה, איז עס אַ סימן, אַז די אָפּשאַצער גופא זיינען נאָך נישט אויסגעהיילט. אויב עס איז מעגלעך אַ רעצידיוו פון דער השכלה באַוועגונג אין אַן אַנדער, פּראָלעטאַרישער אויפ־

לאגע, איז עס אַ סימן, אַז ביי ענלעכע באַדינגונגען פון עמאַנסיפּאַציע, איז נאָך דער גייסטיקער מהות פון יידישן אינטעליגענט נישט ווייט אַוועק פון זיין פּראָטאָטיפּ. אָבער דאָס געהערט שוין נישט אהער.

מיר וועלן דאָ בעסער פּרוון פּסיכאָלאָגיש אנאליזירן איין השכּלה דאָקומענט, אויף צו באַגרינדן דעם גרונט געדאַנק. מיר נעמען דאָס באַקאַנטע ליד „שטיי אויף מיין פאָלק" פון מיכל גאָרדאָן. א שרייבער, וואָס האָט זיך נישט געמיאוסט צו שרייבן יידיש, בכן שוין מער פאָלקסטימלעך און דאָך. —

„טו אָן דיינע קליידער ווי אַלע זיך קליידן,
„וואָס דאַרפסטו די קליידער פון עלטער זיידן?
„גיי אויפן גאַס נישט ארוים אין לאַנגן כאַלאַט,
„זאָלן מענטשן נישט ווייזן: אָט גייט דער אַזיאַט."

פאַר דעם שפּלן מענטשן איז שווער נישט אריבערצוטראָגן יעטווידער קוק, אים דוכט זיך אַז אַלע האלטן אין איין קוקן אויף אים, אַז נאָר מען טראַכט פון אים, מען האָט אים אין זינען, מען לאַכט פון אים. פון דאַנען קומט דער פאַרלאַנג זיך צו באַהאַלטן, וואָס וויניקער צו זיין קענטיק, אויסטיילן זיך צווישן אַנדערע. צו דעם קומט נאָך צו די שטרבונג פון שפּלן נאָכצוטאָן, נאָכמאַכן דעם מוסטער, דעם אידעאַל. עס איז פאַר אונדז איצט צום לאַכן די חשיבות, וואָס די משכּילים האָבן געלייגט אויף די בגדים. ביז צו מסירות, צו אַנאָנימע בקשות צו דער צאַרישער מאַכט (די ווילנער משכּילים: רש"י פין, מתתיהו שטראַשון אאנד'. מען זעט נישט די גליקן פון די פּידזשאַקעס. כ'לעבן, מיין זיידע, וואָס האָט א גאַנץ לעבן געפאַסט דעם טאָג, ווען מען האָט אים אין ווילנע אויף דייטשער נאָס אין ניקאָליים צייטן אָפּגעשאָרן אַ פּאה (די צייטן פון דער גזרה אויף יידישע בגדים(, איז געווען מער שטאָלצער מענטש פון אָט די געבילדעטע משכּילים. און געווים איז א יונגער וואַרשעווער חסיד,

וואָס גייט ארוים שבת אין זיין חסידישער היטעלע און קליידונג אויף מאַרשאַלקאָווסקע מער מענטשלעך שטאָלץ פאַר הונדערטער וואַר־שעווער שמענדריקס, וואָס עס פאַלן זיי די דמים טאָמער דערקענט מען זיי, אז אין זייער אויסשפּראַך איז דאָ א שטיקעלע פּגם. אגב, דער מוסטער פאַרן שפּלן מענטשן קען אָפּט זיין אבסאָלוט פיל ני־דעריקער פאַרן שפּלן. די קינאה פון שפּלן מאַכט דעם אָביעקט פון קינאה פאַר א מוסטער. אזוי נעמען זיך אָפּט מיידלעך צו רויכערן, צו שיכרות נישט ווייל זיי האָבן פון דעם הנאה, נאָר בלויז כדי נישט אָפּצושטיין פון חברה בחורים.

ווייטער לייענען מיר אין ליד:

„דו רייד נישט א לשון, וואָס קיינער פאַרשטייט,
„דיין לשון איז פרעמד, פאַרמישט, פאַרדרייט.
„דאָס לשון המדינה איז קלאָר און ריין
„דו רייד אים און שרייב אים זאָל יעדער פאַרשטיין.”

עס איז נישט שווער פאַר יעטווידער לייענער היינט פאַרצושטעלן זיך די איבערלעבונגען פון א מענטשן, וואָס שרייבט אזוינע ווער־טער. און ווייטער:

„דו ביסט טאַקע נישט קיין גרויסער בעל תאווה,
„ביסט אָבער מיין ברודער א גרויסער בעל גאווה.
„דו מיינסט, אז דו אַליין ביסט ביי גאָט נאָר געאַכט,
„אָט די ווילדע גאווה האָסטו פון אזיע געבראַכט.”

דער שפּלער משכיל האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן די נאַטירלעכע, מענטשלעכע אייגנווערדע, וואָס פשוטע יידן האָבן פאַר־מאָגט. ביי אים אין די אויגן איז דאָס נישט האַלטן זיך געפאַלן שוין א „ווילדע גאווה”. און נאָך דערצו דער „אַזיאַטישער יחוס” אונדזע־רער. באמת שווער צו לעבן...

און ווייטער:

„ווען איך בין מיט דיר צוזאמען אין שול,
„איך זע דו מאכסט זיך משוגע און דול,
„זיץ איך גאנץ רויק און ווער נישט אין כעס, —
„איך בין שוין געוויינט מיט דיין משוגעת.
„אָבער דאָרט אויף דער באן, מיט דיר אין וואגאָן,
„צווישן פיל פרעמדע, וואָס קוקן דיך אָן,
„דו דאוונסט און קרימסט זיך, מיאקעסט ווי א קאץ,
„איך זע — פרעמדע לאכן און קריג שיר די פלאץ.

נישט די עצם איינגשאפט רירט אָן דעם משכיל, ער „בלייבט רויק". די עיקר צרה איז די חרפה פאר „פרעמדע", וואָס זיי האלטן אין איין לאכן, ווי אים דוכט זיך. דער שפּלער וועט קיינמאָל נישט טראכטן: זיי לאכן, זיינען זיי גראָבע מענטשן. ניין, ער קוקט זיי אין פנים אריין און ווארט אויף זייער משפט, ווי א קנעכט אויף דעם שמייכל פון באַלעבאָס. דאָ איז אויך די צביעות אין פאלשקייט פון דעם שפּלן: קיין אייגענעם קריטעריום פאר גוטס און שלעכטס פארמאָגט ער נישט, וואָס מיאוס און שיין, ריכטיק און פאלש. אינעווייניק אין זיך איז ער גלייכגילטיק צו דעם אלעם. דער עיקר — וואָס זאָגן די פרעמדע. אָט אויף דעם אויספּעלן פון אן אייגענעם וועג האָב איך שוין אָנגעוויזן פריער. דאָ האָבן מיר א בולטע אילוסטראציע צו דעם.

און ווייטער:

„דיין „אתה בחרתנו" טוט דיר אָן גרויסע רעות
„דאָס מאכט דיך ביי מענטשן נמאס און מאוס.

מילא, אז קיין אנדערע מקורים פאר יידישע צרות, אחוץ דעם אתה בחרתנו זיינען נישטאָ, דאָס ווייסן מיר איצט זייער גוט. עס איז אָבער כאראקטעריסטיש דער פחד פארן „אתה בחרתנו", וואָס ער היום ציטערט דער מאָדערנער ייד פאר אים. וואָס איז אזוינס אָט דער

געפיל, וואָס די משכילים האָבן אים א נאָמען געגעבן „אתה בחרתנו?
עס איז א געוויסער עגאָצענטריזם, א קוקן אויף דער וועלט דורך
ברילן פון אייגענעם איך, אכטן זיך און נישט לויפן יעטווידער רגע
זען וואָס טוט דער פרעמדער, ווי דענקט ער אין געגעבענעם מאָמענט,
וואָס זאָגט ער, ווי זאָגט ער אאַז"וו. איז ווער איז קראַנק: דער אתה
בחרתנו־מענטש אָדער זיין אנטיפּאָד? דער אתה בחרתנו באַשטייט
נאָך אין נעגירן פרעמדס, אין א געוויסער באַשטימטער אימוניטעט
קעגן נאָכטאָן. יעטווידער נאָרמאַלער נישט שפּלער מענטש פאַרמאָגט
דאָך אָט אזא געפיל. יעטווידער געזונטער מענטש האָט ליבער זיין
מאַמען, זיין קינד, מעגן זיי אָביעקטיוו נישט זיין די בעסטע. אָבער
פאַר קראַנקע שפּלע מענטשן, וואָס זייער גאַנצע נאַטור איז בלויז נאָכ־
מאַכן, פאַר זיי איז אתה בחרתנו געווען דאָס שרעקלעכסטע.

און אָט אזוי האָט געקענט שרייבן א מענטש וואָס דאַרף צוגע־
רעכנט ווערן צו די „הטוב שבמשכילים", דען ער האָט דאָך אויך גע־
ווסט צו שרייבן וועגן דער השכלה גופא:

„מען הויבט באַלד אָן די מאָדע נאָכצומאַכן
„פון יידישקייט שפּעטן, פון יידן אָפּלאַכן,
„וואָס גוט, וואָס שלעכט — דאָס דאַרף מען נישט טראַכטן,
„עס איז דאָך א מאָדע — דעם יידן פאַראַכטן.
מיכל גאָרדאָן, וואַרשע 1887 דרוק א. לאַפּין.

עס איז געשטאָרבן די השכלה, די הימלסטאָכטער. אָבער דער
שפּלות־קאָמפּלעקס נישט. ער טרייבט צו אַנדערע קאָנצעפּציעס, צו אַנ־
דערע אידעאָלאָגיעס. די נעגאַטיווע פּראָגראַם פון דער השכלה איז
לגמרי נישט פאַרענדערט געוואָרן אין גאַנצן און אין גרויסן. ער, דער
שפלות־געפיל איז אָפּטמאָל פאַרמאַסקירט דורך א נאַציאָנאַלער פּראָ־
זעלאָגיע. יעטווידער קראַנקהאַפטער קאָמפּלעקס האָט זיי טבע צו־
ערשט צו זיין אָפן און שפּעטער, ווען דער טרעגער פון קאָמפּלעקס
הייבט אָן צו פאַרשטיין זיין קראַנקהאַפטן כאַראַקטער, בכן אין דער

צווייטער סטאַדיע, לאָמיר דאָס רופן, דעמאָלט באַהאַלט זיך דער קאָמ־פּלעקס אונטער דער היפּוכדיקער פּראַזעאָלאָגיע, וואָס איז מערנישט ווי אַ פאַרלאַנג צו פאַרמאַסקירן דעם קאָמפּלעקס. אַזוי שרייט אַ קינד אַ פּחדן תּמיר, אַז ער האָט קיין מורא נישט פאַר אַ הונט; אַזוי פירן זיך מאַנכע פרויען אָנגערירטע מיט דעם ספּעציפישן קינאה־געפיל צום צווייטן געשלעכט. זיי האַלטן אין שרייען, אַז מאַנצבילן זיינען אַזוינע און אַזוינע און זיי זיינען נישט ווערט וואָס די ערד טראַגט זיי. אַזוי שרייען צו אָפט זייער פיל יידן וועגן זייער נאַציאָנאַ־ליזם און אולטראַנאַציאָנאַליזם.

ווען מען שטודירט דורך די אַרגומענטאַציע פאַר העברעישע ביל־דונג אין „מפיצי השכלה" פון אחד העם, זשאַבאָטינסקי *), זעט מען באַשיינפּערלעך אַז דער מחבר פון „עבדות בתוך חירות" אַליין איז לגמרי נישט געווען פריי פון אָט דעם קאָמפּלעקס. און — שווער צו געפינען אויך אין אַנדערע לאַגערן מענטשן פּערזאָנען פרייע פון די שפלות־מיקראָבן. עס איז די לאַגע אַזוי אַז די השכלה איז געשטאָרבן נישט מיט איר נאַטירלעכן טויט; דער אַנטיסעמיטיזם האָט זי פּשוט דערשטיקט, ריכטיקער — אַטראַפירט; אָבער ביי באַדינגונגען פון עמאַנציפּאַציע, לאָמיר זאָגן, דעמאָלט קומט זי צוריק מיט אַלע אירע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. עס איז לגמרי, נישט שווער צו געפינען אַ טיפע אינערלעכע אַנאַלאָגיע צווישן דער בורזשואזער השכלה אין צייטן פון ליבעראַלער עמאַנסיפּאַציע און צווישן דער פּראָלעטאַרי־שער „השכלה" איצט אין רוסלאַנד.

עס איז שווער צו געבן רעצעפּטן, שווער צו געפינען אַזוינע צו יידישע צרות. אָבער איינס מוז געזאָגט ווערן: די ראָלע פון דער יידי־שער ליטעראַטור און פון דער יידישער וויסנשאַפט קען דאַ זיין אַ גרויסע. ניט פון זיי און ניט דורך זיי וועלן יידן געראַטעוועט ווערן, נישט פון יי וועטש קומען משיח, אָבער אַ היילנדיקע השפּעה האָבן זיי אַ גרויסע און די השפּעה קען און דאַרף וואַקסן.

אינהאַלט פון פינפטן באַנד

זייט

ערשטער אָפּטייל: ליטעראַטור, ספר, בוך

תורה און וויסנשאַפט 7

ליטעראַטור און ספרים

תורה און לעבן ביי יידן 21

דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור 25

קולטור אין זיך אָדער פאַר זיך 35

די אידעע און אידעאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור 43

אַלע טאָג אָדער בלויז יום טוב 59

גענוג מיט יאָרצייט־יידישקייט 69

ניין, קיין תנך מאַכט מען נישט 81

איבער אַלע וועגן פון דיין וואָגלען 89

דער לעצטער טור 95

די טראַגעדיע זשיטלאָווסקי 101

אונדזער אומברודער פון נצרת 111

אַ דור וואָס בלאָנדזשעט 121

צו שפעט, אַ בריוו צו יוליאַן טובים 135

וועגן „יידן און פעלקער פסיכאָלאָגיע" פון פראָפעסאָר שניאורסאָן 147

וועגן „פסיכאָלאָגיע און דערציונג" פון ל. לעהרער 167

צווייטער אָפּטייל: פאָלק און ווילן צו פאָלקישקייט

יידיש לעבן און יידישע קולטור 191

ווו נעמט מען אַ יידישע אינטעליגענץ? 201

זיין אָדער נישט זיין 213

שבת ווי אַן אינסטיטוציע פון יידישן קיום 235

וואָרצלען 240
היים און געטאָ 248
פרייהייט אין קנעכטשאַפט 254
קנעכטישע יידן אין פרייע לענדער 257
דער גורל פון יידן אין יידישקייט 261
אַ ביסל טערמינאָלאָגיע 267
ווען אַ פאָלק פאַרלירט זיין זכרון 275
באָנטשע שוויג אין אַמעריקע 280
שיפלות־געפיל ביי יידן 288